סאָוועטיש

5 1964

היימלאַנד

אינהאַלט

זייַט

יִצחאַק מעראַס. אייביקער שאַך (ראָמאַן). צייכענונגען פון ד. ליָאָן 3

150־טער געבורטסטאָג פון מ. יו. לערמאָנטאָוו

מ. יו. לערמאָנטאָוו. פּאָטערלאַנד. — „כ׳גיי אַרויס אַן איינזאַמער צום וועג הײַנט...“ — צוויי ריזן. — א יִדישע מעלאָדיע (לידער) 79

כאַיִם מאַלטינסקי. מיט קינדערשער סימכע... (לידער) 81

הערשל פּאָליאַנקער. דער בעקער פון קאָלאָמייע (סאָף פון ערשטן בוך). צייכענונגען פון ה. אינגער 84

הירש אָשעראָוויטש. ספּאַרטאַק (פראַגמענטן פון א פּאָעמע) 109

בלימע יאַקיר. די פּאַנאַסיקערן (דערציילונג) 118

ריווע באַליאַסנע. גאָלדענער בלעטערפאַל (לידער) 126

יוסעף קערלער. זאָגט יאָסעלע באַדכן... (לידער) 129

יעשוע לאַצמאַן. אין ווילנע באַנאַכט. — סירענעס (לידער) 131

טריבונע פון לעבן

אַרן ווערגעליס. צוואַנציק טעג אין אַמעריקע (סאָף) 132

ליטעראַטור און קונסט

נאָכעם אויסלענדער. דער פרײַנט מײַנער, דער דיכטער אויפן פערד. (צום 75־טן געבורטסטאָג פון אָשער שוואַרצמאַן) 142

דאָוויד בעלקין. לערמאָנטאָוו און זײַן דראַמע „די שפּאַניער“ 149

מוישע נאָטאָוויטש. יִצחאָק־יויעל לינעצקי — מענדעלעס מיטקעמפער 152

נאָטע לוריע. צוזאַמען מיט גאָרקין 157

אַן ענטפער בערטראַן ראַסעל 159

כראָניק. אונדזער רעפּליק 117, 151, 160

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר

סאָוועטיש היימלאַנד

צווייכאדאָשימדיקער
ליטעראַריש-קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער-פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר

פערטער יאָרגאַנג

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

סענטיאַבער • אָקטיאַבער

1964

הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע: ה. אַשעראַוויטש, אי. באַרוכאָוויטש, א. גאַנטאַר, מ. טײַף, נאַטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

יִצחק מעראס

אייביקער שאל



ראָמאַן

קאַפּיטל איינס

דער אָנהייב

1

ווען אלע פיגורן זײַנען שוין געשטאַנען אף זייערע ערטער, האָט שאַגער אף א ווײַלע פאַרזשמורעט די אויגן, דערנאָך האָט ער גענומען צוויי פענדלעך — א ווײַס און א שווארצס, פאַרפּרעסט זיי שטײַף אין די דלאָניעס און עטלעכע מאָל א טרייסל געטאָן די פויסטן.

— וועמעס גאנג וועט זײַן דער ערשטער? מײַנער צי דײַנער? — האָט ער געפרעגט.

שאַגערס אויערן האָבן זיך באוועגט. די בלייכע הויט אונטער די שיטערע האָר האָט געציטערט.

ער איז געווען אופגערעגט.

„ווען איך וואָלט געווען אן אינדיאַנער, — האָט געטראַכט איזיע, קוקנדיק אף שאַגערס האָר, וואָס האָבן זיך באוועגט, — וואָלט איך מיט גרויס כיישעק אראָפּגעשונדן אָט דעם ציטערנדיקן סקאַלפּ“.

— ווייסט ניט? — האָט געפרעגט שאַגער.

ער האָט שוין געהאלטן אויסגעשטרעקט די הענט.

— אויב דו ווייסט ניט, וועל איך דיר זאָגן. אַלץ אף דער וועלט איז א לאָטעריי. שאַך איז א לאָטעריי, דײַן לעבן איז א לאָטעריי.

„ער איז אפן פערד, נאָר ער איז אומרויִק“, — האָט געטראַכט איזיע.

— ווייסט וואָס? דו קאָנסט אויסקלײַבן. איך וועל דיר געבן די שווארצע. אין א לאָטעריי פאַרלירט מען מערסטנטייל.

— די לינקע האנט, — האָט געענטפערט איזיע.

— ווי דו ווילסט.

שאַגער האָט צעעפנט דעם לינקן פויסט. אף דער דלאָניע איז געלעגן א ווײַס פענדל.

— א יִדיש מאזל, — האָט שאַגער א בייזן שמייכל געטאָן, — איך בין ניט שולדיק, האָסט אליין אויסגעקליבן.

„שוין זשע וועל איך איבער דעם שטארבן? — האָט איזיע א טראַכט געטאָן. — איך וויל ניט שטארבן. ס'איז דען פאראן אף דער וועלט כאָטש איין מענטש, וואָס זאָל וועלן שטארבן?“

אָבער די ווײַסע פיגורן זײַנען געווען זײַנע.

ער האָט איבערגעדרייט די שאַך־ברעט, געוואָרפן אף איר א בליק און געמאַכט דעם ערשטן גאנג.

2

איר ווייסט, וויאַזוי עס שײַנט די פרילינגדיקע זון? איר ווייסט מינאַסטאַם ניט, ווי זי שײַנט. און פונוואַנען זאָלט איר וויסן, אז איר האָט ניט געזען בוזיס שמייכל.

די פרילינגדיקע זון שײַנט אזוי, ווי עס שמייכלט בוזי, און איר שמייכל איז אזוי העל, ווי די זון אין פרילינג.

און איך ווייס. איך האָב זי דערזען נעכטן, ווען דער טאָג האָט געהאַלטן באַם פֿאַרגיין. מיר האָט באַנק געטאָן, וואָס איך האָב זי באַגעגנט ערשט איצט צום ערשטן מאָל. זי וווינט אין סאַמע עק פֿון פֿינצטערן געסל, אין דער אַנדערער זײַט געטאָ.

איך בין געווען אַ נאַר די גאַנצע צײַט. איך האָב ניט געוווּסט, אַז אױף יענעם עק פֿון דער געטאָ וווינט בוזי.

זי איז געגאַנגען מיט אירע כּאַוועדטעס.

אַ דערשטוינטער, האָב איך זי אָנגעקוקט. דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט און שוין ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון איר די אויגן. זי האָט זיך צעלאַכט, אַ הייב געטאָן אירע לײַכטע אַקסלען, זי פֿאַרשטייט קלוימערשט ניט, פֿאַרוואָס איך האָב איר פֿאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט זיך צעלאַכט און איז אַוועק ווײַטער.

דערנאָך האָט זי זיך אומגעקוקט, און איך האָב דערזען, ווי זי שמייכלט.

איצט ווייס איך, ווי עס שײַנט די פֿרילינג־זון. זי שײַנט אַזוי, ווי בוזיס שמייכל, און בוזיס שמייכל איז די פֿרילינג־זון.

נעכטן האָב איך נאָך ניט געוווּסט איר נאָמען. נאָר איך האָב זי דערזען און דערמאָנט זיך אין שאָלעם־אַלייכעמס „שיר־השירים".

איך האָב זיך דערמאָנט „שיר־השירים", דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב געלייענט קינדווײַז, און איר, דער אומבאַקאַנטער, האָב איך אַ נאָמען געגעבן בוזי.

מיר האָט זיך געוואָלט, אַז איך זאָל זײַן שימעק און זי בוזי.

מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אַרום זאָלן ניט זײַן קיין שמאָלע געסלעך, וואָס זײַנען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער געטאָ־וואַנט.

מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אַרום זאָלן ניט זײַן אַזויפֿיל מענטשן מיט געלע לאַטעס.

מיר האָט זיך געוואָלט, מיר זאָלן זײַן קליינינקע, און נאָר זאַלבעצווייט, שימעק און בוזי, אַז מיר זאָלן זיצן אויף אַ ברייטער לאָנקע, מיר זאָלן זיצן אויף ווייכן גרינעם גראָז און איך זאָל קענען דערציילן...

„...בוזי איז אַ נאָמען, פֿאַרצויגן פֿון עסטער־ליבע: ליבוזי, בוזי. זי איז עלטער פֿון מיר מיט אַ יאָר, און עפּשער מיט צוויי, און ביידע אינײנעם זײַנען מיר ניט אַלט קיין צוואַנציק יאָר. הײַנט זעצט אײַך אַוועק, זײַט מוחל, און רעכנט אויס, וויפֿל בין איך אַלט און וויפֿל זי? נאָר דאָס, מײַן איך, איז נישט וויכטיק. איך וועל אײַך בעסער דערציילן איר בּיִאָגראַפֿיע אײַנקורצן.

מײַן עלטערער ברודער בעני איז געזעסן אין אַ דאָרף, געהאַלטן אַ מיל, געקאָנט שיסן פֿון אַ ביקס, פֿאָרן רײַטנדיק און שווימען ווי אַ מאַזיק. איינמאָל זומער האָט ער זיך געבאָדן אין טײַך און איז דערטרונקען געוואָרן. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן דער פּאָסעק: „אַלע גוטע שווימער ווערן דערטרונקען". נאָך אים איז געבליבן אַ מיל, צוויי פֿערדלעך, אַ יונגע אַלמאָנע מיט איין קינד. די מיל האָט מען אָפּגעלאָזט, די פֿערדלעך האָט מען פֿאַרקויפֿט, די יונגע אַלמאָנע האָט כּאַסענע געהאַט און איז אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ ווײַט, און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי".

איר ווייסט, ווו איך בין אַצינד?

איך בין אַצינד אין דעם אַנדערן עק געטאָ, אין אַ שמאָל געסל, דאָרט, ווו עס וווינט בוזי.

איך זיץ אויף אַ גלאַטער שטיינערנער שוועל, פֿון שטיין טראָגט אַ קעלט, וואָס נעמט דורך דעם גאַנצן גוף, אָבער איך הייב זיך ניט אויף. מינאַסטאַמע איז די קעלט פֿאַרבליבן פֿון ווינטער און דער פֿרילינג האָט ניט באַוויזן זי פֿאַרטרײַבן. אָבער איך זיץ. ווען די מאַמע וואָלט געלעבט, וואָלט זי פֿאַריכט דאָס טיכל אָפּן קאָפּ און וואָלט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— איזיע, — וואָלט זי אויסגעשריגן, — איזיע, ביסט שוין קיין אײַנהאָרע אַ כאָסנבאָכער און דו זיצסט אויף דער קאַלטער שוועל, ווי אַ קינד, ווועסט נאָך כאָלילע זיך פֿאַרקילן, די שאָ זאָל ניט זײַן!

איך זיץ. מיר איז וואַרעם.

מיר זײַנען ערשט געקומען פֿון דער אַרבעט. איך האָב זיך אַרומגעוואַשן, געכאַפּט מײַן בעסט בלוי העמדל, זיך איבערגעטאָן און געקומען צו לויפֿן אַהער, צו דער שטיינערנער שוועל.

איך וואַרט אויף איר, איך וואַרט, ביז ס'וועט זיך באַווײַזן בוזי.

...זי איז ניטאָ, זי גייט ניט ארויס. עפּשער איז בוזי ביכלאַל גאָר ניטאָ? עפּשער איז „שיר־האשירים“, דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב געלייענט קינדווײַז, מער ניט ווי אן אויסטראַכטעניש?

עס עפנט זיך א טיר, עס הערן זיך טריט, און עס סקריפּען די אלטע הילצערנע טרעפּ, דאָס איז זי, אנדערש קאָן גאָר ניט זײַן.

יאָ, דאָס איז בוזי.

איך שפּרינג אויף, קוק אף איר און ווייס ניט וואָס צו זאָגן. אלע ווערטער האָבן זיך איבערגעמישט, זיך פאַרפּלאָנ־טערט, און איך קאָן ניט געפינען קיין איין וואָרט. אירע אויגן, גרויסע, בלויע אויגן, קוקן אף מיר שווײַגנדיק און פאַרוווּנדערט.

איך דאַרף זאָגן כאָטש איין וואָרט.

און איך זאָג עס.

— בוזי!.. — זאָג איך, און ס'ווילט זיך מיר לאַכן פון זיך אליין.

זי לאַכט.

עס בלישטשען אירע ווײַסע, פּערלדיקע ציינדלעך. עס פלאַמען אירע ליפּן, ווי צוויי רויטע סטענגעלעך, און אירע באַקן בליִען, ווי מאָן.

— ווער ביסטו עס, באָכער? — פרעגט זי.

און זי לאַכט ווידער.

— איך בין איזיע, — ענטפער איך. — איך בין יִצחאָק ליפּמאַן. אָבער דו רוף מיך בעסער איזיע.

מער לאַכט זי ניט, זי הערט.

— קום, בוזי, — זאָג איך, — וועל איך דיר דערציילן, ווער איך בין.

— פאַרוואָס רופסטו מיך בוזי?

— קום, וועל איך דיר אלץ דערציילן.

יִצחאָק מעראַס.

געבוירן אין 1934 אין קעלמע (ליטע). פאַרענדיקט דעם קאָוונער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. אַרבעט אלס אינזשעניר אף א טעלעוויזאָר־זאַוואָד. וווינט אין ווילנע

זי גייט מיט מיר.

איך וואָלט געוואָלט, מיר זאָלן אוועקגיין ווײַט־ווײַט. איך וואָלט געוואָלט, מיר זאָלן קומען אף א ברייטער לאָנקע, מיר זאָלן זיך אוועקזעצן איינער אנטקעגן אנדערן אין ווייכן גראָז. איך וואָלט איר דערציילט וועגן אלץ, וואָס זי וויל נאָר. אָבער בא אונדז איז ניטאָ קיין לאָנקע און ארויסגיין קאָן מען ניט. בא די טויערן שטייט א וואַך.

נו, מײלע. מיר קאָנען זיצן אין הויף. דאָרט זײַנען ניטאָ קיין מענטשן, דאָרטן ליגט א לאַנגע בערוועגע און עפּעס א הילצערן קעסטל. ווו מיר זאָלן ניט זיצן, וועלן מיר סײַווי מיינען, אז מיר זיצן אף א ברייטער שמעקנדיקער לאָנקע.

— עמעס, בוזי?

זי שווײַגט.

מיר גייען ארײַן אין הויף און זעצן זיך אוועק, איך אף דער בערוועגע, זי אפן קעסטל. זי מאָסטעט זיך אײַן, כאַפּט ארום מיט די הענט די קני און שפּאַרט אָן אף זיי דעם קין. איך שמייכל. איך האָב טאַקע געוואָלט, אז זי זאָל זיך אזוי אוועקזעצן, מיט אונטערגעצויגענע קני, דאָס ברייטע קלייד פאַרדעקט איר די פיס, די קאַשטאַנעווע האָר זײַנען צעשאָטן איבער די אַקסל. אזוי וואָלט איך געקאָנט זיצן לאַנג און קוקן אף בוזין. ריידן ווילט זיך ניט. וואָס איז דאָס ריידן, אז מע קאָן אזוי זיצן און קוקן איינער אפן אנדערן.

אָבער זי, זי וויל וויסן, ווער איך בין.

— ווער ביסטו, איזיע? — פרעגט זי, און אין אירע גרויסע בלויע אויגן באַווײַזן זיך צוויי שמייכלענדיקע שיידימלעך.

— איך בין איזיע, — זאָג איך, — איזיע ליפּמאַן. איך בין געבוירן דאָ, אין דער־אָ שטאָט. מײַן פאָטער איז א שנײַדער, און אף זײַנע פינגער זײַנען פאַראַן אזויפיל נאָדלשטעך, וויפל זאַמד אפן ברעג יאַם.

פאַרשטייט זיך, אז איך וואָלט געקאָנט זאָגן, אז מײַן ברודער איז קימאַט א פילאָסאָף, אז

ער האָט זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט, עמעס, ער האָט אים ניט באַוויזן צו ענדיקן איבער דער מילכאָמע.

פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט וויַיטער געקאָנט דערציילן, אַז אינע ליפּמאַן, וואָס זינגט אַזוי שיין, איז מיַין שוועסטער, אַז איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט זי באַוויזן אויספאָרן קימאַט די גאַנצע וועלט.

איך וואָלט געקאָנט דערציילן נאָך און נאָך.

נאָר בעסער וועל איך איר קיין זאַך ניט דערציילן. זי וועט מיינען, אַז איך באַרים זיך מיט מיַינע ברידער און שוועסטער, אַז איך פאַרטיַיס די נאָז. זי וועט נאָך אין קאַס ווערן, זיך אופהייבן, אַוועקגיין און לאָזן מיך אַליין. און איך וועל ווידער מיינען, אַז אַף דער וועלט איז ניטאָ קיין שום בוזי און אַז „שיר־האַשירים", דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב געלייענט קינדוויַיז, איז אַן אויס־טראַכטעניש.

— אינע ליפּמאַן איז דיַין שוועסטער? — פרעגט בוזי.

— אַ שוועסטער...

— יענע באַרימטע זינגערן?

— יאָ, — זאָג איך, — אָבער דאָס איז דאָך ניט וויכטיק, עמעס? זי איז זי, מיַין שוועסטער. און איך בין איך, איזיע.

זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און איך בין צופרידן. זי שאָקלט מיטן קאָפּ גיך־גיך, און אירע האָר וויגן זיך, ווי כוואַליעס פון יאַם, ווי ריַיפע זאַנגען אין פעלד.

זיַיט ניט אין קאַס אַף מיר. כ'האָב געזאָגט אַ ליגן.

ס'האָט זיך באַקומען ניט ווילנדיק.

איך האָב געזאָגט, אַז זי איז עלטער פון מיר אַף אַ יאָר אָדער צוויי און אַז ביידע צוזאַמען איז אונדז קוים צוואַנציק.

דאָס איז ניט עמעס. איך האָב נאָר געוואָלט, אַז ס'זאָל זיַין אַזוי, ווי אין „שיר־האַשירים".

אין דער עמעסן זיַינען מיר עלטער. און עלטער איז ניט בוזי, נאָר איך. איר איז זעכצן יאָר, מיר — זיבעצן מיט אַ האַלבן. איצט איז לײַכט צו באַרעכענען, וויפל איז אונדז ביידן. מיר זיַינען ביידע אַלט שוין דריַי און דריַיסיק מיט אַ האַלב יאָר. אַ סאַך, עמעס?

מיר רעכענען ביידע.

איך פאַרבייג איין פינגער, אַ צווייטן און דערנאָך אַלע פינגער פון דער רעכטער האַנט, נאָכדעם — אַלע פינגער פון דער לינקער, עס קלעקן אָבער ניט קיין פינגער. דאַן נעם איך פאַר־זיכטיק בוזיס האַנט און בייג איַין אירע פינגער. אָבער עס פעלט נאָך אַלץ, וויַיל יאָרן זיַינען זייער אַ סאַך.

מיר לאַכן, וואָס יאָרן זיַינען אַ סאַך און פינגער ווייניק.

דאַן זאָגט זי:

— ווען עס וואָלטן אַפילע געקלעקט פינגער, וואָלטן מיר סיַיוויסיַי ניט געקאָנט איבערציילן. איין פינגער איז איין יאָר. אָבער ווו וואָלטן מיר גענומען אַ האַלבן?

איך לאַך ניט. איך שוויַיג.

יאָ, מיר וואָלטן געקאָנט צונויפציילן אונדזערע יאָרן. איך האָב אַ האַלבן פינגער, נאָר זי, בוזי, האָט עס ניט באַמערקט.

דאָס איז געווען שוין לאַנג, מיט אַ יאָר צוריק. לעבן דעם טויער פון געטאָ איז געלעגן אַ גרויסע אײַזערנע פּליטע. שאָגער האָט מיר באַפוילן זי אופשטעלן. איך האָב אונטערגעהויבן איין זיַיט און געוואָלט אַרונטערוקן ביידע הענט, נאָר שאָגער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן און אַרופ־געשפּרונגען אַף דער פּליטע. איך האָב ניט באַוויזן אַרויסצוכאַפּן די לינקע האַנט, און דער גרויסער פינגער איז ווי אָפּגעקניפּט געוואָרן.

מיר וואָלטן צונויפגעציילט אונדזערע יאָרן, נאָר איך וויל ניט. איך וועל האַלטן די לינקע האַנט צוזאַמענגעדריקט אין אַ פויסט, און בוזי וועט ניט וויסן, אַז איך קאָן אָפּציילן אַ האַלב יאָר.

איך לאַך ווידער. דערנאָך פרעג איך:

— וויאַזוי רופט מען דיך, בוזי?

— מיַין נאָמען איז עסטער.

זי כאַפּט ווידער אַרום מיט די הענט די קני און שפּאַרט אָן אַף זיי דעם קין.

— איך בין געבוירן געוואָרן דאָ, אין אָט דער שטאָט. איך האָב ניט קיין ברידער און קיין שוועסטער. איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער, נאָר ער איז שוין ניטאָ. מיַין טאַטע איז אַ

דאָקטער, און מײַן מאמע — א קראנקן־שוועסטער. זיי ארבעטן זייער א סאך, טאָג און נאכט. זיי ארבעטן אין שפיטאָל פון דער געטאָ, און ס'איז זיי זייער שווער. דו ווייסט דאָך, אז יידן טאָרן ניט שלאָף זײַן מיט קיין אַנשטעקנדיקע קרענק. דער פאָטער און די מוטער און אלע, וואָס ארבעטן דאָרט, היילן די קראנקע און פארשרײַבן פאלשע דיאַגנאָזן.

זי דערציילט, אָבער מײַנע געדאנקען זײַנען ערגעץ ווײַט.

— וויאַזוי רופט מען דיך? — פרעג איך ווידער.

— עסטער.

איך האָב זיך פארוואונדערט.

— און ליבע אויך?

— ניין. נאָר עסטער.

— ניין! — שרײַ איך אויס. — ניין! דו הייסט עסטער־ליבע.

אין אירע אויגן האָבן זיך ווידער באוויזן די צוויי פריילעכע שיידימלעך.

— דו ווילסט, אז איך זאָל זײַן בוזי? — פרעגט זי און פארזשמורעט די אויגן.

— איך וויל, דו זאָלסט זײַן עסטער־ליבע, ליבוזי, בוזי... און איך זאָל דיר שטענדיק דערציילן די זעלבע מײַסע פון „שיר־האשירים“.

— נאָר דעמלט וועסטו דארפן זײַן שימעק?

— איך וועל זײַן שימעק... ווילסט הערן?

...איך, שימעק, האָב געהאט אן עלטערן ברודער, בעני. ער האָט גוט געשאָסן פון א ביקס און געשווומען ווי א מאזיק. איינמאָל זומער האָט ער זיך געבאָדן אין טײַך און איז דערטרונקען געוואָרן. אף אים איז געזאָגט געוואָרן דער פאָסעק: „אלע גוטע שווימער ווערן דערטרונקען“. נאָך אים איז געבליבן א מיל, צוויי פערדלעך, א יונגע אלמאָנע מיט איין קינד. די מיל האָט מען אָפּגעלאָזט, די פערדלעך האָט מען פארקויפט, די אלמאָנע האָט כאסענע געהאט און איז ארויס־געפאָרן ערגעץ ווײַט, דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז. דאָס איז געווען בוזי... דו הערסט, בוזי?

דאָ דערהערן מיר א פרעמד קאָל.

— פונוואנען קומט אהער א נײַער שאָלעם־אליינכעם?

אנטקעגן מיר שטייט א יונגער באָכער מיט גלאַט־פארקעמטע האָר און מיט א געלן מאָגן־דאָוויד אף דער ברוסט. שטייט און קוקט מיר ארײַן אין די אויגן קלוג, ווי א זאָקן.

— פונוואנען קומט אהער א נײַער שאָלעם־אליינכעם? — פרעגט ער.

איך הייב זיך אוף, גיי צו נעענטער צו אים און זאָג:

— איך בין איזיע, איציק ליפמאן. איך בין ניט שאָלעם־אליינכעם. זעסט דאָך, אז בא מיר זײַנען קורצע האָר און קיין ברילן טראָג איך ניט. און דו ווער ביסט?

— איך בין יאנעק.

אזוי האָט ער געענטפערט און א שמייכל געטאָן.

— דאָס איז א פארצויגענער נאָמען? — פרעג איך.

— כאַ! — ענטפערט ער.

— מינאסטאם הייסטו יאנקל און דערפאר יאנעק?

— כאַ־כאַ־כאַ!

— וויאַזוי זשע הייסטו?

— יאנעק, — ענטפערט ער.

— עס קאָן ניט זײַן.

— און וואָס עס באטײַט „פסיא קרעוו“, ווייסטו? אָט דאָס בין איך, — לאכט ער, — איך בין א פאָליאק, און מײַן נאָמען איז יאנעק.

און טאקע, זײַנע האָר זײַנען העלע. די נאָז א קורצע און א גלײַכע, און די אויגן בלויע. ער רעדט יידיש ניט אינגאנצן אזוי ווי מיר. ס'קאָן טאקע זײַן, אז ער איז א פאָליאק... אָבער פארוואָס איז ער אין געטאָ?

ביידע לאכן זיי. זיי זײַנען צופרידן, נאָר איך פארשטיי גאָרניט.

אין הויף באווײַזט זיך מײַן פאָטער. ער איז פארדײַגעט.

— אָט ווו דו ביסט גאָר, — זאָגט ער, — איך בין אויסגעוווען די גאנצע געטאָ. העלף מיר געפינען אינען. ווו האָט זי געקאָנט אהינקומען? קום, איזיע, קום.

מײַנע נײַע כאווירים לאכן מער ניט, זיי קוקן מיר נאָך. איך מאך זיי מיט דער האנט און גיי מיטן פאָטער זוכן די שוועסטער.

ווו האָט זי טאקע געקאָנט אהינקומען?

פינפטער גאנג

1

שאַגער האָט פאַמעלעך, גראַציעז, מיט צוויי פינגער אופגעהויבן דעם לויפער, ווי ער וואָלט געטראָגן א דימענט, און געמאַכט א גאנג.

„איך האָב שלעכט אָנגעהויבן די פארטיע, — האָט געקלערט איזיע. — הײַנט איז מיר שווער. ווער איז דערין שולדיק? איך אַליין אָדער אַן אַנדערער?"

— איך האָב ליב א לאַנגזאַמע אַטאַקע, — האָט געזאָגט שאַגער, — א בליצקריג גאַלינגט, פאַרשטייט זיך, ניט שטענדיק.

„איך קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס ער וויל, — האָט געטראַכט איזיע, — ער באַרויִקט מיך צי זיך? שאַגער וואָלט געקענט שפּילן נאָך בעסער, ווען ער זאָל די גאַנצע צײַט ניט האָבן אין זינען, אַז ער מוז געווינען. וואָס האָט ער פריִער געזאָגט? לאָטעריי..."

שאַך איז א לאָטעריי, די וועלט איז א לאָטעריי, און דאָס לעבן — א לאָטעריי.

פאַרוואָס זיך איך אָנטקעגן אים?

ריזיקע און לאָטעריי...

דאָס איז דען איינס און דאָס זעלבע?

2

— און איך האָב געבוירן א טאָכטער און איר א נאָמען געגעבן אינע, — האָט געזאָגט אווראָם ליפּמאַן.

3

באַם גרויסן טויער שטייען שטענדיק צוויי וואַכלײַט. איינער א דײַטשישער סאָלדאַט, דער אַנדערער — א געטאָ־פּאָליציסט.

הײַנט אויך אַזוי. אָבער הײַנט דאַרף זײַן אַנדערש. באַם טויער דאַרף שטיין ניט קיין דײַטש, נאָר א טשעך. איך וויל זייער פאַרגעדענקען, ווי ער הייסט, נאָר איך קאָן ניט. זײַן

נאָמען און פאַמיליע קלינגען, ווי פּוילישע, אָדער עפּשער קלינגען פּוילישע, ווי זײַנע. סאָפּקאָל־סאָף איז עס ניט וויכטיק, איך וועל זיך נאָכאַמאָל דערוויסן און פאַרגעדענקען. וויכטיק איז דאָס, וואָס נעכטן איז דער טשעך מאַסקים געוואָרן מיך אַרויסלאָזן אַף אַ שאָ אין שטאָט אַרײַן און האָט זיך לאַכלוטן ניט אינטערעסירט, וווהין און צוליב וואָס איך דאַרף גיין.

פאַרוואָס בין איך אומרויִק? עס ציטערן בא מיר די הענט, און דאָס קאָל וועט געוויס אויך ציטערן.

שטענדיק איז בא מיר אַזוי. אומזיסט און אומנישט שרעק איך זיך, ביז איך געוווין זיך צו. אַף דער בינע שרעק איך זיך, צווישן מענטשן שרעק איך זיך, און איצט אויך אַזוי.

דער טשעך האָט נעכטן, בײַס איך האָב גערעדט מיט אים, מיט דערעכערעץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ווײַזט אויס, אונדזער פּאָליציסט האָט אים געזאָגט, אַז איך בין אינע ליפּמאַן. עפּשער איז ער פון פּראַג, אָט דער באַכער, און עפּשער האָט ער מיך געהערט זינגען. אין פּראַג בין איך געווען צוויי מאָל. די אַפֿישעס זײַנען געווען גרויסע, מיט ריזיקע בוכשטאַבן, און עפּעס איז געווען צופיל בוכשטאַבן. זיי האָבן געשריבן אַף די אַפֿישעס: Inna Lipmann. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס, זיי געפעלט אַזוי. זיי האָבן מיר שטאַרק אַפּלאָדירט, געשרײַען ביס, און איך האָב גע־זונגען אָן אַ שיר — נאָך און נאָך. צום סאָף האָב איך געזונגען די אַריע פון „אונדינאַ“. זיי האָבן זייער ליב זייער דוואָרזשאַקן, ווײַל מע קאָן אים בעעמעס טאַקע ליב האָבן.

איך שטיי צוגעטוליעט צו אַ ווינקל פון אַ מויער און וואַרט, אַז די וואַכלײַט זאָלן זיך בײַטן. זיי זײַנען מיר אַלע דערווידער, ווי זיי וואָלטן גאָר ניט זײַן קיין מענטשן, נאָר עפּעס מיִעסע ברוים אין גרינע מונדירן. איך האָב שטענדיק מוירע, כ׳זאָל זיך ניט ווילנדיק ניט אָנרירן אָן זיי.

יאָ, דאָס איז ער, עס איז געקומען דער טשעך.

ער איז אויך אָנגעטאָן אין אַ גרינעם מונדיר, אָבער עפּעס זעט ער אויס אַנדערש, ווי יענע. איך קוק אַף אים, אַף זײַן פּאָנעם און באַמערק גאָר ניט זײַנע גרינע קליידער, אַפילו די ביקס. גאָט מײַנער, שוין זשע איז אַלץ געוווּנדט אין מענטשן און ס׳איז גאָר ניט וויכטיק, אין וואָס פאַרא קליידער ער איז אָנגעטאָן? פּונקט ווי אַף דער בינע. וואָס פאַרא קליידער איך זאָל ניט אָנטאָן, בין איך — שטענדיק איך, אינע ליפּמאַן.

פונדעסטוועגן איז גוט, וואָס אַף אונדזער ערד לעבן און גייען אַרום ניט נאָר קיין דײַטשן, וואָס אַף דער דאָזיקער ערד זײַנען פאַראַן אַ סאַך, אַ סאַך מענטשן.

ווען איך וואָלט געקאָנט זיי אַלע צונויפזאַמלען אין איין גרויסן זאַל, אַלע ביז איינעם זאָלן אַהין אַרײַן... וואָלט איך אַרויף אַף דער בינע, איך וואָלט ניט געזאָגט, ווער איך בין. מע דאַרף ניט קיין אַפֿישעס, קיין ריזיקע בוכשטאַבן, עלעהיי עפּעס אַן אומבאַקאַנטע, עפּעס אַ פרוי, אַ מענטש פּונקט ווי אַלע, וויל זינגען פאַר זיי. איך וואָלט געזונגען פאַר זיי מײַנע בעסטע לידער. זיי וואָלטן געזעסן שטיל און געהערט. איך וויל ניט, זיי זאָלן אַפּלאָדירן, שרײַען בראַוואָ. זאָלן זיי זיצן שטיל און הערן. איך וואָלט פאַר זיי געזונגען אַזוי, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזונגען און ווי איך וועל קיינמאָל מער אין ערגעץ ניט זינגען. איך וואָלט געזונגען פאַר זיי אַזוי, ווי איך זינג דאָ, אין געטאָ.

דער טשעך האָט מיך באַמערקט און מאַכט צו מיר מיט דער האַנט.

איך גיי צו.

ער קוקט זיך אום.

— איר קאָנט גיין, מאַדאַם ליפּמאַן, אויב עס ווילט זיך אײַך. איך וואָלט אײַך געראַטן, איר זאָלט אין ערגעץ ניט גיין. בלײַבט בעסער דאָ, און אויב איר דאַרפט עפּעס אין שטאָט, זאָגט מיר, וועל איך אַלץ טאָן.

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין.

— איז טוט, ווי איר פאַרשטייט, נאָר זײַט פאָרזיכטיק. ווען איר וועט גיין צוריק, קוקט זיך גוט אַרום. אָוונט־צײַט האָט שאַגער ליב נישטערן באַם טויער.

— גוט, גוט, האָט קיין מוירע ניט, — ענטפער איך, — ס׳איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן.

כ׳האָב אַ שמייכל געטאָן און זיך געלאָזט גיך מיט דער גאַס.

איינע אַליין בין איך אין גאַס דאָס ערשטע מאָל. מײַן געלע לאַטע איז צוגענייט צום זשאַ־קעט, און דעם זשאַקעט האַלט איך אַף דער האַנט מיט דעם אונטערשלאַק אַרויף.

עס זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען אַ פרוי און אַ מאַנצבל. איך קען זיי נישט, נאָר זיי האָבן זיך אומגעקוקט אַף מיר צוויי מאָל, און אַפילו אַ דריט מאָל. עס זײַנען פאַרבײַגעלאָפן קינדער. זיי האָבן אויך געקוקט אַף מיר. שוין זשע בין איך נאָך ענלעך אַף מײַנע בילדער פון די אַפֿישעס, וועלכע זײַנען שוין לאַנג ניט געהאַנגען אַף די גאַסן?

איך ווייס, אז איך בין ניט קיין גוטער מענטש. מיר ווילט זיך, מע זאָל מיך דערקענען. יאָ, טיף אין הארצן וויל איך עס. אזויפיל מענטשן האָבן דאָך אמאָל מיך געהערט זינגען. אָבער איך האָב קיין רעכט ניט. מע טאָר מיך ניט דערקענען. די אַקטריסע לעבט נאָך אלץ אין מײַן הארצן...

פריִער איז אינע ליפּמאַן געווען בארימט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אז זי געהערט נאָר זיך אליין. ס'איז אָבער געווען ניט אזוי, און איצט אוואדע ניט.

איך בין אַרײַן אין עפּעס א טויער, ארויסגענומען פון קעשענע א שפּיגעלע, גרים און א טיכל. איצטער וועט מיך קיינער ניט דערקענען. איך מעג גיין דרייסט, אופהייבן העכער דעם קאָפּ, און זאָל זיך מיר א ווײַלע דוכטן, אז איך בין פרײַ און אז ארום עקזיסטירט ניט דאָס, וואָס עק־זיסטירט אין דער ווירקלעכקײַט.

ניין, איך קען ניט.

מאַדנע, איך קען זיך עס ניט פאַרשטעלן. איך קען, ווײַזט אויס, שפּילן נאָר אף דער בינע. די צײַט האָט ארופגעלייגט אף מיר איר שטעמפּל, זייער א הארבן שטעמפּל, און קיין שום גרים וועט דאָ ניט העלפן. בעסער איז זײַן ניט צו דרייסט. מיר שטייט פאַר א סאַך צו טאָן.

פיר כאַדאָשים נאָכאַנאַנד, קומענדיק פון דער ארבעט, האָבן מיר אין די נעכט, געהיים, קיינער זאָל ניט וויסן, ניט זען און ניט הערן, רעפּעטירט „אאידא".

און ענדלעך וועט הײַנט באַנאַכט פאָרקומען די גענעראַל־רעפּעטיציע.

גאָט מײַנער! איך האָב אזויפיל מאָל געזונגען „אאידא". אָבער דאָס וועט זײַן דאָס ערשטע געזאַנג אין מײַן לעבן. מיר זײַנען אלע אויסגעמאַטערט. אָבער מיר האָבן געארבעט אזוי, ווי קיין מענטש קאָן גאָר ניט ארבעטן. אלץ איז בא אונדז, ווי אין אַן עכטן טעאַטער, אפילע דובליאָרן זײַנען פאראַן. ניין, די דובליאָרן זײַנען טאַקע דער איקער. אין א טעאַטער האָט א דובליאָר נאָר דער פּרעמיער. בא אונדז האָבן אלע דובליאָרן: אפילע די סטאַטיסטן און כאָריסטן. יעדער איינער האָט זײַן דובליאָר, אפילע די אָרקעסטראַנטן. דאָס האָט די צײַט ארופגעלייגט איר הארבן שטעמפּל, און קיין אנדער ברייִרע איז ניטאָ.

מײַן דובליאָר איז מירע. מירקע. זי איז אלט 19 יאָר. זי וועט זײַן א גוטע זינגערן. איך וויל, זי זאָל זינגען א סאַך בעסער פון מיר, א סאַך, א סאַך בעסער, און אז אין פּראַג אָדער אין ווין, אין פּאַריזש צי אין מילאַן זאָל מען צו איר נאָמען און פאַמיליע צוגעבן א סאַך ניט קיין נייטיקע בוכשטאַבן. איך וועל שוין זײַן אַן אלטיטשקע, א גרויע, מיר וועט זײַן קאַלט, איך וועל ארופוואַרפן אף די אַקסלען א וואָלן שאַלעכל, זיצן אין פּאַרטער, אין דער ערשטער ריי, און וועל הערן מירקעס שטים.

ס'איז גוט, וואָס איך בין הײַנט ארויס פון געטאָ און וועל אליין אלץ דערציילן מאַריִען. זי וועט זײַן צופרידן. איך ווייס.

די זינגערן מאַריִא בלאַזשעווסקא...

פריִער פלעגט מען מיר זאָגן, אז מאַריִא בלאַזשעווסקא איז קימאַט אינע ליפּמאַן, און איר פלעגט מען זאָגן, אז בלאַזשעווסקא און ליפּמאַן איז איינס און דאָס זעלבע. מיר פלעגן ביידע זיצן בא א טאַס קאַפּע בא מיר אָדער בא איר אין שטוב און פלעגן ביידע לאַכן דערפון, וואָס מע זאָגט. מיר האָבן געוווּסט א סאַך מער, ווי אנדערע, און דערפאַר האָבן מיר געלאַכט.

איר איז איצטער אויך ניט גרינג, אָבער גרינגער ווי אונדז.

איר האָט מען איבערגעגעבן, זי זאָל הײַנט וואַרטן אף מיר. געוויס וואַרט זי שוין. מיר האָבן זיך שוין לאַנג ניט געזען — א האלב לעבן! זי האָט געבעטן, איך זאָל ניט גיין אין שטאָט. זי ווייסט נאָך ניט, וואָס איך קלײַב זיך בא איר בעטן. זי שטעלט זיך עס אפילע ניט פאָר, דער־פאַר דאַרף איך אליין גיין, קיינער קאָן עס ניט טאָן פאַר מיר.

הײַנט איז די גענעראַל־רעפּעטיציע. ענדלעך... נאָר הײַנט, אז ס'וועט אנשווייגן ווערן דער לעצטער אַקאָרד, דאַרף איך ארויסגיין אף דער בינע, אופהייבן די פּאַרטיטור איבערן קאָפּ און אויסשרײַען:

— אָט איז דאָס, וואָס איר האָט געוואָלט! אָט איז די אָפּערע „זשידאָווקאַ"!

וואַרטן טאָר מען מער קיין איין טאָג ניט. די פּאַרטיטור דאַרף מען האָבן הײַנט.

מיר האָבן זי געזוכט אומעטום, נאָר ניט געפונען.

די פּאַרטיטור האָט נאָר מאַריִא. דאָס גיי איך איצטער צו מאַריִא בלאַזשעווסקא בעטן „זשידאָווקאַ".

די פּאַרטיטור האָט איר געשאָנקען אַראָן צווינגער. ער איז געווען א גוטער יאָט און א גוטער כאַווער. מאַריִא האָט עס, ווײַזט אויס, געוווּסט בעסער ווי אנדערע. זי האָט באַשטעלט א ספּעציִעל שאַכטעלע, אַן אויסגעבעטעס מיט רויטן סאַמעט, און דאָס קליינע שליסעלע שטענדיק געטראָגן מיט זיך. דאָס איז געווען אַן אלטע אַנטיקוואַר־אויסגאַבע מיט קאָרעקטיוון און אַן

אוטאָגראַף פון האַלעווי אַליין. אַראָן האָט דעמלט פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און געקויפט פאַר מאַריִען „זשידאָווקאַ". איצטער איז צוויינגער שוין ניטאָ, און דאָרט, אף דעם שאַר־בלאַט, זיַינען פאַרבליבן צוויי שורעס, געשריבן מיט זיַין האַנט.

איך קלער, וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל זיַין אף מאַריִעס אָרט און זי וואָלט געקומען צו מיר בעטן דאָס שאַכטל, וואָס איז אויסגעבעטעט מיט רויטן סאַמעט. וואָס וואָלט דעמלט געווען?

ניין, איך קאָן עס זיך ניט אויסמאָלן, איך קאָן שפּילן נאָר אף דער בינע... די צײַט. אין אַלץ איז שולדיק די צײַט. אַ מענטש קאָן אַ סאַך אופטאָן, זייער אַ סאַך, נאָר איינס קאָן ער ניט — אַ קער טאָן די צײַט, איבערדרייען דעם ווײַזער אף צוריק.

צי האָב איך רעכט גיין צו מאַריִען?

אָט איז די פאַראַד־טיר. איך עפן זי אויף. אָט איז די שוועל. איך טרעט זי אַריבער. איך הייב זיך אויף אפן דריטן שטאָק, שטעל זיך אָפּ און טו אַ דריי דאָס גלעקל. איך הער גיכע, אומרויִקע טריט, עס עפנט זיך די טיר, אַנטקעגן מיר שטייט מאַריִא בלאַזשעווסקאַ. גאָט מײַנער, ווי אופגע־רעגט זי איז, זי קאָן קיין וואָרט ניט אויסריידן, נאָר די אויגן פינקלען. בייס זי העלפט מיר אַריבערטרעטן איר נידעריקע שוועל, דערפיל איך, אַז זי איז גליקלעך.

איר ווילט וויסן, וואָס איז געווען ווײַטער. איך פאַרשטיי. אָבער איר דאַרפט אויך פאַרשטיין, וואָס קומט פאָר, ווען עס טרעפן זיך צוויי בעסטע כאַווערטעס, וועלכע האָבן זיך ניט געזען אַ האַלב לעבן, ווען עס באַגעגענען זיך מאַריִא בלאַזשעווסקאַ, וואָס איז קימאַט אינע ליפּמאַן, און אינע ליפּמאַן, וואָס איז מאַריִא בלאַזשעווסקאַ. אַ האַלב לעבן האָבן זיי ניט געהערט איינע דער אַנדערערס שטים. ניט קיין זינגענדיקע און ניט פּראָסט־פּאַשעט ריידנדיקע פּוילישע ווערטער: גוט־מאָרגן, קום, געזונט, איך, דו.

מיר האָבן קיין סאַך ניט גערעדט. און עפּשער האָט זיך מיר נאָר אַזוי אויסגעדוכט, ווײַל דער טשעך האָט מיר געגעבן איין שאָ צײַט און איך האָב שוין געדאַרפט גיין אַהיים. מע האָט געדאַרפט זיך אײַלן און זיַין געהיט. פאַר אַ סאַך זאַכן האָט מען זיך געדאַרפט היטן, אָבער דער איקער איז, וואָס ייִדן טאָרן ניט גיין אָן מאָגן־דאָווידס, ביפּראַט אַליין, און נאָך זעקס אין אָוונט. און אין געטאָ איז דאָך היַינט באַנאַכט די גענעראַל־פּראָבע פון אונדזער ערשטער אָפּערע.

דעמלט האָב איך געזאָגט, צוליב וואָס איך בין געקומען.

מאַריִא האָט אַ קוק געטאָן אף מיר און איז טייקעף אַרויסגעלאָפן אין אַנדערן צימער. זי האָט געבראַכט די פּאַרטיטור. פּאַרזיכטיק זי אַ דריי געטאָן אין די הענט. מיר האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז אירע פינגער האָבן עטוואָס געציטערט. און עפּשער האָט זיך מיר נאָר אויסגעדוכט.

— איך וואָלט ניט געקומען, ווען...

— רייד ניט, אינע. דו ווייסט דאָך, מיר פאַרשטייען זיך שטענדיק אָן ווערטער.

— ווייסט, מאַריִע...

— רייד ניט, אינע. איך וועל זיך נאָך צעוויינען. וואָס וועט דעמלט זיַין? גיב בעסער אַ טראַכט, וואָס וואָלט איצט געזאָגט אַראָן.

— מיר וועלן זי אַזוי אָפּהיטן...

— איך ווייס.

מיר האָבן זיך געזעגנט.

מאַריִא האָט געזוכט, וואָס מיר מיטגעבן, און האָט סאָפּקאָלסאָף געפונען — אַ זעקעלע אַר־בעס. איך האָב ניט געוואָלט נעמען, מע האָט אָבער ניט געקאָנט.

ווען איך האָב שוין געהאַלטן באַם אַוועקגיין, האָט מאַריִא מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געזאָגט:

— ווייסט, וואָס איך וואָלט געוואָלט? איך וואָלט געוואָלט צונויפזאַמלען אָן אויִלעם אין אַ גרויסן זאַל, אין אַזאַ, אַז אַלע זאָלן אַהין אַרײַן. איך וואָלט זיך אופגעהויבן אף דער בינע און וואָלט פאַר זיי געזונגען אָן אַ שיר, אַלע מײַנע בעסטע לידער...

איך האָב געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און מיט ברייט צעעפנטע אויגן.

— און נאָך וואָלט איך געוואָלט... ווייסט, וואָס איך וואָלט געוואָלט? אַז מיר זאָלן זיַין אַלטיטשקע און זאָלן זיצן אין פּאַרטער, אין דער ערשטער ריי, אײַנגעוויקלט אין שאַלעכלעך, און הערן, ווי עס זינגט דײַן מירקע, די וועלט־באַרימטע זינגערין.

איצטער האָב איך געזאָגט:

— רייד ניט, מאַריִע.

איך האָב מער ניט געקאָנט הערן און בין אַוועקגעגאַנגען.

איצטער האָט ווירקלעך קיינער ניט געקוקט אף מיר, קיינער האָט זיך ניט אויסגעדרייט, ניט נאָכגעקוקט. איך בין געווען דרייסט, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז מע דאַרף זיַין פּאָרזיכטיק. אָט איז דאָס שמאָלע געסל. דער טויער פון געטאָ איז שוין ניט ווײַט, באַם טויער שטייט

דער טשעך, איך וועל, הייסט עס, באַווייַזן, מע דאַרף זיך נאָר צוויַילן. נאָך גיכער... סאָף וועג בלייַבט שטענדיק די צייַט שטיין, ציט זיך פֿאַנאַנדער. איך לויף, און דער טויער איז שוין גאַר נאָענט.

פּלוצעם שטעל איך זיך אָפּ און נעם גיין פּאַמעלעך. דערפֿאַר אײַלט איצט די צייַט. מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן, ווי אויף דער בינע.

באַם טויער, לעבן טשעך, שטייט שאַגער.

כ'האָב געמיינט, אַז הייַנט וועט ער דאָ ניט זייַן, אָבער ער איז דאָ, ער שמייכלט, ער רופֿט מיך מיט אַ פֿינגער און ווארט. ער איז געוויס גליקלעך, דער שאַגער. ער האָט שוין פֿון לאַנג געוואָלט מיך פּאַקן בײַ עפּעס אַזוינס, וואָס איז פֿאַרבאָטן און פֿאַר אויוועלכער זייַן אויף דעם באַצאָלט מען מיט דער פּרייַז פֿון לעבן. און איך האָב ערשט איצט באַמערקט, אַז מייַן זשאַקעט מיט ז'ער געלער לאַטע ליגט בײַ מיר אויף דער האַנט. עפּשער האָט עס שאַגער נאָך ניט באַמערקט, איך וואָלט נאָך געקאָנט אָנטאָן דעם זשאַקעט, און דעמאָלט וואָלט מען מיך געשמיסן בלויז פֿאַר דעם אַרבעס, עפּשער מער ניט ווי געשמיסן... אָבער אין זשאַקעט איז אײַנגעוויקלט די פּאַרטיטור. ער וועט געוויס באַמערקן דעם אויטאָגראַף פֿון האַלעווי און די צוויי שורעלעך פֿון אַראָנען, און דעמאָלט וועט שוין קיינער ניט אַרופֿגיין אויף דער בינע און ניט אויסשרייַען:

— אָט איז דאָס, וואָס איר האָט געוואָלט! אָט איז „זשידאָווקאַ"!

שאַגער מעג שמייכלען. איצט איז געקומען זייַן שאָ. דאָ ניט לאַנג, ווען ער אַליין האָט מיך אונטערזוכט, בייס איך האָב זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— איך עקזיסטירט ניט פֿאַר מיר, מייַן טייַערע. מיר איז אַלציינס, צי איר לעבט צי ניט. מיך אינטערעסירט בלויז אײַער שטים. אַז אָך און ווי וועט זייַן צו איר, אויב זי וועט אַרייַנפֿאַלן אין מייַנע הענט. איך האָף, אַז דאָס וועט אַמאָל געשען, און דאַן וועט אײַך זייַן זייער אומאַנגענעם, מייַן טייַערע. איך וועל, פֿאַרשטייט זיך, זייער באַדויערן, אָבער... ניכטס צו מאַכען...

פֿאַרוואָס בין איך אַזוי אופֿגערעגט?

איצט טאָר מען ווירקלעך ניט זייַן אופֿגערעגט. איך בין ניט אויף דער בינע און ניט צווישן קיין מענטשן. איצטער דאַרף מען זיך סטאַרען, עס זאָלן ניט ציטערן די הענט, אַנדערש וועט אויך ציטערן דאָס קאָל.

איך האָב געלאָזט ליגן דאָס זשאַקעטל אויף דער האַנט און מיט דער אַנדערער גענומען טרייסלען דאָס זעקעלע מיט אַרבעס. אַלציינס האָב איך זיך הייַנט שטאַרק פֿאַרזינדיקט. איך בין אָן דער געלער לאַטע, דעריבער האָט שוין דער אַרבעס קיין באַדייַטונג ניט. איך בין פֿאַרגרי־מירט, און אונדז איז דאָך פֿאַרבאָטן זיך צו פֿאַרבן.

איך גיי ווייַטער מיט אַ פֿעסטן טראָט, מיט אַן אופֿגעהויבענעם קאָפּ. איצט מעג איך שוין אוואַדע זייַן דרייסט, איך האָב זיך דערוואָרבערט דאָס רעכט. איך טרייסל דאָס זעקעלע, די אַרבעס קלינגען, ווי טויזנט קאַסטאַניעטלעך, און מיר איז פֿריילעך.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן.

— איר זייַט צופֿרידן? — האָב איך געפֿרעגט בײַ שאַגערן.

ער שמייכלט אויך.

איך האָב אופֿגעהויבן דאָס טאָרבעלע אין דער הייך, קימאַט ביז צו זייַן פּאָנעם, און טויזנ־טער קאַסטאַניעטלעך האָבן זיך איבערגעשאָטן מיט אַ שיסערייַ.

ער האָט אַרויסגעריסן דאָס זעקעלע און עס אַוועקגעשלייַדערט אָן אַ זייַט.

— דער זשאַקעט איז ניט מייַנער, — האָב איך אים געזאָגט, — דערלויבט מיר אָפּגעבן דעם זשאַקעט, און דאַן בין איך אין אײַער רעשוס, הער קאָמענדאַנט.

— גיב אָפּ, אָבער גיכער, — האָט געענטפֿערט שאַגער.

איך בין פֿלינק אַרייַן אין געטאָ און מיט דער גאַנצער פֿלייצע דערפֿילט שאַגערס בייזן בליק. עמעצער איז פֿאַרבייַגעגאַנגען, איך האָב ניט געוווּסט ווער, נאָר עפּעס אַ באַקאַנטער. איך האָב אים אַרייַנגערוקט דעם זשאַקעט און געזאָגט:

— גיט עס אָפּ מירקע סעגאַל. איר קענט מירקע סעגאַל?

— יאָ, יאָ, איך קען זי.

— גיט עס איר אָפּ טייקעף, גוט? דאָס איז מירקעס זשאַקעט, איך האָב אים געהאַט געליִען.

איצט בין איך געוואָרן פֿרייַ.

איך האָב געזען, ווי באַם טשעך באַוועגן זיך די קינבאַקן און ווי ער קריצט מיט די ציין, גלייַך ער וואָלט געהריזשעט אייַזן. מער פֿעלט ניט, אַז ער זאָל זיך אַרייַנמישן. זאָל ער בעסער שטיין באַם טויער פֿון געטאָ, איידער אָן אַנדערער, זאָל ער טאָן דאָס, וואָס מענטשן בעטן אים, און זאָל ער ניט זען דאָס, וואָס מע דאַרף ניט זען. זייַן לעבן הייבט זיך ערשט אָן, און עס זייַנען אים נאָך באַשערט אַ סאַך גוטע און ביטערע שאָען, אַזוי ווי אַלעמען, אַזוי ווי יעדן מענטשן.

איך האָב א בייזן קוק געטאָן אף אים. ער האָט פאַרשטאַנען. מיר איז א ביסל א שאָד געוואָרן, וואָס איך האָב אים ניט געקאָנט פרעגן, וויאַזוי ער הייסט, וויאַזוי איז זײַן פאַמיליע, זי איז אַזוי ענלעך אף א פּוילישער און א פּוילישע...

איך וואָלט אײַך געקאָנט נאָך א סאַך דערציילן. א שטיקל צײַט איז נאָך פאַרבליבן. נאָר כ׳וועל מער ניט דערציילן. אַזעלכע געשיכטעס ענדיקן זיך שטענדיק אף איינעם און דעם זעלבן אויפן און זײַנען ניט אינטערעסאַנט. דער איקער איז — דו זאָלסט האָבן א דובליאַר. איך בין זייער צופרידן, וואָס מײַן דובליאַר איז מירקע, מירע סעגאַל. זי וועט זײַן א גרויסע זינגערן, מײַן מירקע...

קאַפּיטל דרײַ

אכטער גאַנג

1

„אויב איך וועל פאַרשפּילן, וועט אַלעמען זײַן שלעכט, אָבער איך וועל בלײַבן לעבן... אויב איך וועל געווינען, וועט עס קיין אַנדערע ניט שאַטן, אָבער איך וועל מוזן שטאַרבן. אויב עס וועט זײַן רעמי, וועלן אַלע זײַן צופרידן“.

— הער, — שלאָגט איבער שאַגער מײַנע געדאַנקען, — דו פאַרשטייסט כאָטש, אַז דו דאַרפסט מיר זײַן דאַנקבאַר. דו וואָלסט קיינמאָל אין לעבן ניט געהאַט די געלעגנהײַט צו שפּילן פאַר אַזאַ אַאודיטאָריע.

די גאַנצע געטאָ האָט אונדז אַרומגערינגלט אין א גרויסן קרײַז.

אַזוי האָט באַפוילן שאַגער.

א גרויסער אוילעם האָט פאַרפלייצט דעם פּלאַץ, מע איז געשטאַנען שטיל, קוים־קוים זיך געוויגט. הונדערטער אויגן האָבן נאָכגעשפּירט נאָך די שפּילער.

איזיע האָט א רוק געטאָן א פענדל.

שאַגער האָט גיך געענטפערט. ער האָט, ווײַזט אויס, ניט געוואָלט פאַרלירן קיין צײַט.

„וועגן וואָס טראַכט ער איצט? — האָט געפרעגט בא זיך איזיע. — וועגן דעם, אַז ער וועט געווינען, אָדער וועגן עפּעס אַנדערש? ער איז צופרידן, וואָס אַרום שטייט אַזאַ אוילעם: ער מוז געווינען. און איך פיל מיטן גאַנצן גוף די דאָזיקע אויגן, הונדערטער אויגן, זיי שטעכן מיך. די מענטשן ווייסן, פאַר וואָס איך שפּיל און אף וואָס איך שפּיל. זיי ווילן רעמי. רעמי... און איך?

איך האָב מוירע זיך אומצוקוקן. די מענטשן שטערן מיר. זיי האָבן פאַרפלייצט דעם פּלאַץ... אַזוי ווי דעמלט די בריק, ווען זיי האָבן זיך געשלעפּט צו דער געטאָ...

איך וויל ניט, אַז אַרום זאָלן שטיין מענטשן...“

2

עס איז שוין אַריבער א גאַנצער כוידעש, זינט איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען עסטערקען. מיסטאָמע האָב איך זי פריִער אויך געזען. מיר איז נאָר ניט אײַנגעפאַלן, אַז דאָס איז זי. אַז אָט דאָס מיידל איז עסטער־ליבע, ליבוזי, בוזי.

עס איז שוין אַריבער א גאַנצער כוידעש, זינט איך האָב זי דערזען און איר געגעבן א נאָמען. א כוידעש — דאָס איז ניט קיין סאַך, עמעס? ס׳איז אים שווער אויסצוציילן. צײַט — דאָס זײַנען יאָרן, צענדליקער יאָרן, הונדערטער יאָרן. ווען מע זאָל מיך אַפילע צעשנײַדן אף פּיץ־פּיצלעך, וואָלט מיר אַלציינס שווער געווען אויסצוציילן די צײַט אף די פינגער, אַזוי ווי מיר האָבן דעמלט געציילט אונדזערע יאָרן.

אַזוי דאַכט זיך נאָר.

אין דער עמעסן איז עס אָבער אַנדערש.

א כוידעש איז א סאַך צײַט. ווען מע זאָל מיך צעשנײַדן אף פּיץ־פּיצלעך, וואָלטן זיי סײַווי־סײַ ניט געקלעקט אף איבערצוציילן אָט דעם כוידעש. איך וואָלט געציילט טעג, שאָען, מינוטן, סעקונדעס.

איך רייד וועגן צײַט.

איך ווייס, איך וואָלט געקאָנט דערציילן וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן לעבן אין געטאָ — וועגן א שווער לעבן. איך וואָלט געקאָנט דערציילן וועגן אונדזער אַרבעט. וועגן דעם, וואָס מיר עסן, וואָס מיר טראַכטן.

איך וויל ניט.

יעדערער טוט דאָס, וואָס מע באַפֿוילט אים. ווען עס'איז באַשערט, גייט אַרבעטן אין לאַגער. איך אַרבעט דאָרט אויך. ווער עס פֿאַרבלײַבט אין געטאָ, אַרבעט אויך.

איך בין אַזאַ, ווי אַלע אַנדערע.

און פֿונדעסטוועגן קאָן מיר קיינער ניט פֿאַרווערן זיך דערמאָנען די ווערטער פֿון „שיר־השירים" און קלערן וועגן מײַן בוזין, וועגן עסטערקען.

יעדן אָוונט, אויב ס'איז ניטאָ קיין דרינגענדיקע אַרבעט, וואַש איך זיך אַרום און טו אָן דאָס העל־בלויע העמדל. איך אײַל זיך צו דער גרויסער, גלאַטער שטיינערנער שוועל, איך וואַרט. דערנאָך גייען מיר ביידע אַוועק אין הויף, ווו עס ליגט אַ לאַנגע בערוונע און אַ הילצערן קעסטל. איך זעץ זיך אַנידער אַף דער בערוונע, עסטערקע מאָסטעט זיך אײַן אַף דעם קעסטל. זי ציט אונטער די פֿיס, כאַפּט אַרום מיט די הענט אירע קני, לייגט אַף זיי אַוועק דעם קין, און איך בין צופֿרידן, איך בין גליקלעך, וואָס מיר זיצן צוזאַמען און וואָס זי זיצט אַזוי און ניט אַנדערש.

איך פֿאַרמאַך די אויגן.

איך פֿאַרגעס אָן אַלץ.

איך וואָלט זייער וועלן, מיר זאָלן אַוועקגיין אַף אַ ברייטער, בלײַענדיקער לאָנקע. זיך אַוועקזעצן אַף דעם ווייכן גראָז, און אַרום זאָל קיינער ניט זײַן.

מע קאָן ניט.

די געטאָ איז אַרומגעצוימט.

פֿאַראַן טויערן.

באַם טויער שטייט אַ וואַך.

מע קאָן ניט.

— איזיע, — פֿרעגט עסטער, — שטענדיק וועט זײַן אַזוי?

זי ווייסט אַליין, נאָר פֿונדעסטוועגן פֿרעגט זי, זי וויל, איך זאָל איר זאָגן.

— ניין, — ענטפֿער איך, — קיין מענטשן קאָן מען ניט פֿאַרשפּאַרן. יעדע נאַכט, ווען עס ווערט שטיל, דוכט זיך מיר, אַז איך הער דאָס קנאַלן פֿון האַרמאַטן. דאָס זײַנען אונדזערע.

עסטער שווײַגט.

— אינגיכן? — פֿרעגט זי.

איך ווייס ניט, נאָר איך זאָג אַזוי, ווי עס ווילט זיך מיר, עס זאָל זײַן:

— אינגיכן.

איך כאַזער איבער די ווערטער, וואָס איך האָב הײַנט געלייענט אין אַ בלעטל. איך האָב זיי אויסגעלערנט אַף אויסווייניק.

„...נעכטן זײַנען נאָך געלונגענע אָפּעראַציעס פֿון אונדזער מיליטער ליקווידירט געוואָרן די יול־אָנגריפֿן פֿון די דײַטשן אין די ראַיאָנען פֿון אָריאָל און צאַפּנדיקער פֿון בעלגאָראָד אין דער ריכטונג פֿון קורסק... אַזויאַרום מעג מען האַלטן, אַז דער פּלאַן פֿון דעם דײַטשישן זומער־אָנגריף איז דורכגעפֿאַלן... אייביקער רום די העלדן, וואָס זײַנען געפֿאַלן אין שלאַכט פֿאַר דער פֿרײַהײַט און ערע פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד!".

אַזוי ריידן מיר שטענדיק.

נאָר יאַנעק איז ניט צופֿרידן.

איך פֿיל, אַז ער וויל מיט מיר ריידן אויג־אַף־אויג.

ער וויל, אָבער ער געפֿינט ניט קיין געלעגנהײַט. איך ווייס ניט, צי איך וויל עס. נאָר אויב ס'איז נייטיק, קאָן מען זיך דורכריידן.

הײַנט האָט ער געוואַרט אַף מיר.

מיר גייען איצט זאַלבעצווייט, אָבער יאַנעק שווײַגט. יעדער קלערט וועגן זײַנס.

— דו ביסט עס דער ליפּמאַן, וואָס שפּילט אין שאָך?

— יאָ.

— מיט שאָגערן?

— מיט שאָגערן.

— אַזוי האָב איך טאַקע געקלערט, — זאָגט יאַנעק. — פֿאַרוואָס שפּילסטו מיט אים?

— ער האָט באַפֿוילן.

— נאָר דערפֿאַר?

— ניין. איך צווינג אים זיך אונטערצוגעבן.

— ער האָט קיין איין מאָל ניט געוווּנען?
— ניין.
— און רעמי אויך ניט געמאַכט?
— ניין.
— איך ווייס, אַז דו ביסט אַ ווילער יאַט, איזיע.
— איך?
— דו. נאָר פונדעסטוועגן מוזן מיר זיך דורכריידן.
— וועגן שאָך האָב איך ניט ליב צו ריידן. איך קען זיך פאַרשליסן און שפּילן מיט זיך אַליין, — זאָג איך יאַנעקן, — איך קען אויך צווינגען שאַגערן זיך אונטערגעבן, כאָטש מיט יעדן טאָג איז עס מיר שווערער. פריִער איז עס געווען לײַכט. אָבער איצט האָב איך יעדעס מאָל מוירע צו פאַרשפּילן. אָבער סײַווי האָב איך פײַנט צו ריידן וועגן שאָך.
יאַנעק קוקט מיר אין די אויגן.
— ניין, ניט וועגן קיין שאָך. נאָר דורכריידן זיך דאַרפן מיר.
— איז וועגן וואָס ווילן מיר ריידן, יאַנעק?
— וועגן מיר.
ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.
— ניט איינגאַנצן וועגן מיר. וועגן מיר נאָר אַ ביסל.
איך ווייס ניט, צי איך וויל עס, אָבער איך זאָג:
— רייד, יאַנעק.
— פאַרשטייסט... — זאָגט ער.
און אָפּשטעלנדיק זיך, טוט ער אַ זעץ מיטן פוס אַ שטיינדל. דאָס שטיינדל איז אַ קײַלעכ־דיקס, אַן אָפּגעשליפנס. מיר וואָלטן זיך גרינג געקאָנט פאַרשטעלן, אַז דאָס איז אַ פּילקע אַף צו שפּילן אין פוטבאָל. איך וואָלט געשטאַנען אין טויער, און יאַנעק וואָלט זיך געסטאַרעט אַרײַנ־האַקן מיר׳אַ גאָל. אָדער פאַרקערט, ער וואָלט געשטאַנען אין טויער און געוואַרט...
— פאַרשטייסט... — זאָגט ווידער יאַנעק, און איך ווייס שוין, וועגן וואָס עס וועט גיין אַ רייד. עפּשער וועט ער דערציילן וועגן זיך.
עפּשער וועט ער דערציילן, ווער ער איז.
עפּשער וועט ער דערציילן וועגן אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע איך האָב גאָר קיין אָנונג ניט.
און פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז ער וועט ריידן וועגן עסטערן.
דערפאַר טאַקע ווייס איך ניט, צי איך וויל עס, און זאָג צו אים:
— וואָס זשע שווײַגסטו?
— פאַרשטייסט... — זאָגט ער.
שוין דאָס דריטע מאָל כאַזערט ער איבער דאָס זעלבע וואָרט.

— איך ברודער, — זאָגט יאַנעק, — האָט געהייסן מייער, נאָר גערופן האָבן מיר אים אַלע מייקע, ער איז געווען מײַן בעסטער כאַווער. מיר זײַנען געווען אין איין עלטער און זײַנען אויס־געוואַקסן אין איין הויף. ער האָט גערעדט פּויליש, ווי אַ פּאַליאַק, און איך יידיש ניט ערגער פון אים. זעסט דאָך אַליין, עמעס? מיר זײַנען געווען די בעסטע כאַווײרים. וואָס זאָל איך דיר ברײַען, דאַרפסט אַליין פאַרשטיין.
— ברײַ ניט, — זאָג איך, — אַזעלכע זאַכן דאַרף יעדער איינער פאַרשטיין.
— איך האָב טאַקע אַזוי געקלערט, — זאָגט ער.
און ווערט אַנשוויגן.
— דו געדענקסט יענעם טאָג, ווען מע האָט אַלעמען געבראַכט צו טרײַבן אין געטאָ? — פרעגט יאַנעק.
ער פרעגט און בלײַבט אַנשוויגן און פרעגט ווידער מיט די אויגן.
איך געדענק יענעם טאָג. איך וואָלט געוואָלט אַלץ פאַרגעסן, נאָר כ׳געדענק. יענער טאָג שטייט מיר פאַר די אויגן, ווי די האַלב־כאָרעווע בריק. די בריק — דאָס איז יענער טאָג. פאַר די אויגן שטייען נאָך ביז איצט די אַרויסגעריסענע ביקעס, וואָס שפּיגלען זיך אין וואַסער. די בריק איז צעשעדיקט און פול מיט שפּאַנענדיקע מענטשן. אונטן, באַם סאַמע וואַסער, הענגט מיטן קאָפּ אַראָפּ אַ דײַטש, און אויבן, אָנגעלענט אַף אַן אײַזערנעם באַלקן, זיצט אַ מענטש, פּונקט ווי אַ לעבעדיקער.
איך געדענק גוט יענעם טאָג. עס שטייט מיר פאַר די אויגן די כאָרעווע בריק, וואָס שפּיגלט זיך אין וואַסער.
— איך געדענק די בריק, יענעם טאָג, — זאָג איך יאַנעקן, — און דו?

— פאַר מײַנע אויגן שטייט דאָס שמאָלע געסל, וואָס איז פאַרפּלייצט געווען מיט מענטשן, פונקט ווי די בריק מיט וואַסער ביז די פאַרענטשעס.

— יאַנעק, דעמלט זײַנען שוין געווען געלע לאַטעס?

— געווען. ווי קאָן מען עס פאַרגעסן?

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ.

— יענעם טאָג, — זאָגט יאַנעק.

ער רעדט, דאַכט זיך, רויִק, אָבער די באַקן פאַלן בא אים אײַן. דער שטערן ווערט בלאַס, און די ציין קריצן. און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז יאַנעק בײַסט איבער יעדעס וואָרט און דערפאַר איז אים שווער צו ריידן.

קיין עלטערן האָט ער שוין ניט געהאַט, אַזוי דערציילט יאַנעק. זיי זײַנען אין נײַן־און־דרײַ־סיקסטן אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צוגאַסט און שוין ניט געקאָנט קומען צוריק. ער האָט געוווינט באַם פעטער, נאָר גאַנצע טעג פאַרבראַכט מיט מייקען און עסטערקען.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז ס׳וועט זײַן אַ געטאָ. און אַלע זײַנען געווען גרייט.

— דו ווייסט, אַז עס איז פאַרבאָטן צו ריידן מיט יידן? מע וועט דיך כאַפּן און אוועקפירן קיין דײַטשלאַנד.

אַזוי האָט יאַנעקן געזאָגט דער פעטער. יאַנעק האָט געפונען אַ געלע שמאַטע און צוגעניייט צו זײַנע קליידער געלע לאַטעס. דאָס איז געווען יענעם טאָג, אינדערפרי.

— יענער טאָג... — האָט געזאָגט יאַנעק, — איך האָב אַלץ ניט געגלייבט, אַז ס׳וועט זײַן אַ געטאָ און מע וועט מיך צעשיידן מיט מייקען און עסטערקען.

„יענער טאָג...“

אַזוי האָט געזאָגט יאַנעק. ער רעדט, דאַכט זיך, רויִק, אָבער דער שטערן איז בלאַס און די ציין קריצן.

יענעם טאָג איז אין הויף אַרײַן אַ דײַטש. דאָרט אין הויף האָט ער דערזען עסטערקען. ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן, ער האָט געשמייכלט און גערופן זי מיט אַ פינגער. זי האָט זיך גערוקט אָף צוריק, אָף צוריק און געוואָלט אַנטלויפן. דאַן האָט דער דײַטש אָנגעהויבן שרײַען, און זי איז געבליבן שטיין.

— קאָם היר, קאָם היר, קלײַנע יודין, — האָט געזאָגט דער דײַטש. ער האָט זי געכאַפּט פאַר אַ האַנט און גענומען זי שלעפּן צו דער האָלץ־קאַמער.

עסטערקע האָט אָנגעהויבן שרײַען.

יאַנעק האָט זיך אַרומגעקוקט, נאָר קיין שום זאַך איז ניט געווען אונטער דער האַנט. דעמלט איז ער אַרײַנגעלאָפן אין קיך און געכאַפּט די האַק. אָבער מייקע איז שוין אַוועק צו דער האָלץ־קאַמער, ער איז אַוועק אַהין מיט ליידיקע הענט, מיט צונויפגעבײַלטע פויסטן. ער האָט געוואָלט דערשטיקן דעם דײַטש, ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן.

ווען יאַנעק איז אַרויסגעלאָפן מיט דער האַק, האָט ער דערהערט דרײַ שאָסן. דער דײַטש האָט אַרויסגעשלײַדערט פון דער האָלץ־קאַמער מייקעס טויטן קערפּער.

יאַנעק איז געווען פאַרזיכטיקער.

ער איז אַרומגעגאַנגען די קאַמער אַרום און אַרום.

ער איז געגאַנגען פאַרזיכטיק, אָף די שפּיץ פינגער, און דער דײַטש האָט אים ניט באַמערקט.

דער דײַטש האָט בא דער סאַמע טיר, גלײַך בא דער שוועל אומגעוואַלגערט עסטערקען. מיט איין האַנט האָט ער איר פאַרשטאָפּט דאָס מויל און מיט דער אַנדערער געריסן פון איר דאָס קלייד. ער איז געזעסן אַן אײַנגעבויגענער אָף עסטערקעס פיס.

דער דײַטש האָט זיך אײַנגעבויגן זייער געלונגען. יאַנעק האָט מיטן גאַנצן קויעך אַ זעץ געטאָן מיט דער האַק איבער זײַן שאַרבן.

איך שווײַג.

וואָס קאָן איך זאָגן?

איך וואָלט וועלן אַ געשריי געטאָן: עסטערל, בוזי! אָבער איצטער טאָר מען ניט, איצטער דאַרף מען שווײַגן.

— יענעם טאָג... — האָט יאַנעק געזאָגט.

...מיר גייען וויַטער. יאַנעק און איך. ניטאָ קיין קיַלעכדיק שטיינדל. איז וואָס? ס'איז ניט קיין פּילקע, און מיר זיַינען ניט קיין פוטבאָליסטן. ניט איך, ניט יאַנעק שטייען ניט אין טויער. איך רייַס זיך ניט אריַין אין זיַין טויער, און ער ניט אין מיַינעם. ניטאָ קיין טויערן.

— יענעם טאָג ביסטו מיט אַלעמען געקומען אין געטאָ? — פרעג איך יאַנעקן.

— יאָ, — זאָגט ער, — איך בין געקומען. איך האָב ניט געקאָנט איבערלאָזן עסטערן אַליין, אוועקוואַרפן איר פאָטער און איר מוטער. און איך האָב ניט געקאָנט איבערלאָזן מייקען. מיר האָבן אים איַינגעוויקלט אין אַ ליַילעך, און איך האָב אים אוועקגעטראָגן אין געטאָ. איך האָב ניט געקאָנט אים איבערלאָזן. איך האָב געוואָלט, ער זאָל זיַין דאָרט, וווּ אַלע זיַינען. איך האָב געוואָלט, ער זאָל שטענדיק זיַין מיט אונדז, מייקע. פאַרשטייסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען יענעם טאָג?

זיַין שטערן איז נאָך בלאַס און די באַקן איַינגעפאַלן.

איך וויל ניט, אַז זיַין שטערן זאָל זיַין בלאַס און די ציין זאָלן קריצן.

איך וויל עס זאָגן יאַנעקן, נאָר איך געפין ניט קיין ווערטער.

— דו ביסט אַ גרויסער מענטש, יאַנעק, — זאָג איך אים סאָפּקאָלסאָף.

ער האָט אַפילו קיין שמייכל ניט געטאָן.

דעמאָלט האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז יאַנעק האָט גאָר ניט געדאַרפט זיַין אין געטאָ. ער וואָלט געקאָנט זיַין אַף דער פריַי. אַרומגיין איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט, אַפילו אַף די טראָטואַרן, ער וואָלט געקאָנט אַרויסגיין הינטער דער שטאָט, אין וואַלד. ער וואָלט געקאָנט גיין אין די פעלדער, זיצן אַף די לאָנקעס, אַף דעם ווייכן גראָז, רייַסן בלומען און נאָכדעם זיך אוועקלייגן אַפן רוקן און קוקן אין הימל. דער הימל וואָלט געווען בלוי, בלוי, צוגעפּוצט מיט וויַיסע וואָלקן־שיפעלעך, און אַרום וואָלט געשמעקט מיט גרינס, מיט בלומען.

איך באַמערק אַליין ניט, ווי איך ריר אָן יאַנעקס מאָגן־דאָוויד אַף דער ברוסט. אַלע עקן זיַינען גוט צוגעפּעסטיקט, פּונקט לויט דער אינסטרוקציע. און דער שטאָף איז אַ פּאַשעטער, אַ געלער. פון אַזאַ שטאָף קאָן מען מיסטאָמע מאַכן אַ טיכל אָדער אופּנייען אַ העמדל צי נאָך עפּעס וואָס.

יאַנעק קוקט אַף מיר מיט זיַינע טיפע אויגן. ער קוקט קלוג, ווי אַ זאַקן.

— דו ביסט אַ מאָדנער יאַט.

אַזוי זאָגט יאַנעק.

— דו ביסט אַ גרויסער שאַכמאַטיסט.

דאָס זאָגט ווידער יאַנעק אין אַ מינוט אַרום.

— אָבער אַ סאַך זאַכן ווייסטו נאָך ניט, — זאָגט ער און שמייכלט.

איך הער און לאָז ניט אַראָפּ די אויגן פון יאַנעקס פּאָנעם.

— דו מיינסט אַוואַדע, אַז נאָר די געטאָ איז אַ געטאָ, — זאָגט מיר יאַנעק, — ס'איז ניט אַזוי, איזיע. דאָרט, פון יענער זיַיט צוים, איז אויך אַ געטאָ. דער כילעק איז נאָר אין דעם, וואָס אונדזער געטאָ איז אַרומגעצוימט און יענע איז אָן אַ צוים.

איך האָב ווידער געוואָלט זאָגן:

— זו ביסט אַ גרויסער מענטש, יאַנעק.

נאָר איך שוויַיג.

מיר שוויַיגן ביידע.

מיר גייען און גייען.

איך ווייס אַליין ניט וווּהין.

דער ערשטער הייבט אָן ריידן יאַנעק.

— מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן, איזיע.

איצטער פאַרשטיי איך שוין גאָרניט.

— מיר האָבן דאָך שוין גערעדט, — זאָג איך, — וואָס זשע ווילסטו נאָך זאָגן?

— איך האָב נאָך גאָרניט געזאָגט, איזיע. פאַרשטייסט...

ווידער „פאַרשטייסט". דאָס וויפלטע מאָל פאַר היַינטיקן אָוונט?

— פאַרשטייסט, — זאָגט יאַנעק און לאָזט אַראָפּ די אויגן, — איך וויל דיר זאָגן... כ'וויל דיך בעטן... דו וועסט ניט באַוועלן עסטערן? מייקע איז ניטאָ, און איך בין איצטער איר ברודער.

איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. איך האָב פאַרלאָרן דאָס לאָשן.

— איך בין גרייט דאָס לעבן אָפּצוגעבן פאַר איר, — זאָגט יאַנעק, — דו באַוואוּל זי ניט, איזיע. זי איז אַ זויבער מיידל.

וואָס רעדט ער? וואָס רעדט ער, דער דאָזיקער יאַנעק? איך וואָלט אים געקאָנט זאָגן, אַז איך בין דאָך שימעק און עסטער איז בוזי. מיר ביידע זײַנען שימעק און בוזי. איז ווי קאָן שימעק באַוואָלען בוזין?

איך וואָלט עס אים געקאָנט זאָגן, נאָר איך זאָג עפּעס אַנדערש.

— איך וואָלט זיך געקאָנט באַליידיקן, יאַנעק, — זאָג איך אים, — איך וואָלט אפילו געקאָנט דיך אָנעריקן, ווען דו ביסט ניט איר ברודער, יאַנעק. ווי קאָנסטו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן? שעמסט זיך גאָר ניט, יאַנעק?

ער לאָזט נאָך נידעריקער אַראָפּ די אויגן און בייגט אָן דעם קאָפּ.

יאַנעק שמייכלט, פּונקט ווי אַ קינד.

נאָכדעם הייבט יאַנעק אויף דעם קאָפּ. ער קוקט ניט אויף מיר, גאָר איך זע, ווי עס באַוועגן זיך זײַנע ווינעס און זײַנע אויגן פאַרזשמורען זיך, ווי ער וואָלט אין עפּעס שולדיק זײַן און בעט מעכילע.

— פאַרשטייט זיך, — זאָגט יאַנעק, — איך האָב פון לאַנג געוווּסט, אַז דו ביסט אַ גוטער כאַווער און אַז דו וועסט קיינמאָל קיין שלעכטס ניט טאָן. אָבער איך האָב פּאַרט געדאַרפט זיך דורכריידן מיט דיר, עמעס, איזיע? מיר האָבן דאָך געדאַרפט זיך דורכריידן, האַ?

— דורכריידן זיך האָט מען באַדאַרפט, — באַשטעטיק איך.

— פאַרשטייסט...

אַזוי זאָגט יאַנעק.

איך האָב שוין פאַרלאָרן דעם כעזשבן, צום וויפלטן מאָל ער האָט פאַר דעם אָוונט איבער־געכאַזערט דאָס דאָזיקע וואָרט.

— גוט, — זאָג איך יאַנעקן, — איצטער דאַרף איך לויפן. איך אײַל זיך.

— אײַל זיך צו, — זאָגט ער.

— איך דאַרף טאַקע זיך צעוויַילן.

— אײַל זיך צו, אײַל זיך צו.

— מאָרגן וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען.

— גוט, מאָרגן. אײַל זיך, אײַל זיך צו. זי וואַרט שוין לאַנג אויף דיר און קאָן זיך ניט דער־וואַרטן. איך ווייס... אײַל זיך צו, אײַל זיך צו.

יאַנעק קוקט אויף מיר קלוג מיט זײַנע טיפע, בלויע אויגן. זײַן פּאָנעם איז טרויעריק? ניין, עס קאָן ניט זײַן. עס דאַכט זיך מיר נאָר אויס. ער ווייסט דאָך, אַז איך וועל קיינמאָל ניט טאָן קיין שלעכטס זײַן שוועסטער.

— בוזי...

אַזוי זאָג איך צו זיך אַליין און לויף.

איך אײַל, איך אײַל זיך זייער.

איך דאַרף אין דער עמעסן זיך זייער אײַלן.

קאַפּיטל פיר

צוועלפטער גאַנג

1

„איך דאַרף דערפירן צו רעמי“, — קלערט איזיע.

שאַגער האָט צוגערוקט נעענטער דאָס בענקל, עס זאָל זײַן באַקוועמער צו זיצן. זיך אָנגע־שפּאַרט מיט די עלנבויגנס אַפן טישל און צוזאַמענגעפלאָכטן די פינגער.

ס'איז געווען ניט זײַן גאַנג.

— הער נאָר, — האָט ער געזאָגט, פאַרזשמורענדיק אַן אויג, פּונקט ווי אין אָנהייב פון דער פּאַרטיע, — דו ערגערסט זיך גאָרניט?

איזיע האָט ניט געענטפערט.

— איך קאָן זיך גאָר ניט פאַרשטעלן, אַז אַ מענטש זאָל ניט מוירע האָבן, ווען ער קאָן פאַרשפּילן זיך אַליין.

איזיע האָט געשוויגן.

— דו צווינגסט מיך שפּילן זייער פּאַרזיכטיק. שטעל זיך פאָר, וואָס וועט געשען, אויב איך וועל צופעליק עפּעס פאַרזען אָדער דו וועסט ניט ווילנדיק מיר געבן א מאַט. דו פאַרשטייסט, וואָס וועט דעמלט זײַן.

„ער לאָזט מיך ניט טראַכטן, נאָר איך זע... אויב איך וועל אָפּגעבן א פּענדל און וועל אַרויס־גיין מיטן פערד אין יענעם ווינקל, וועט דאָס פערד שטיין פעסט, ווי א מויער, קיינער וועט עס פון דאָרט ניט קענען רירן. איך שפּיל דערווײַל ניט שלעכט... איך מוז דערפירן צו רעמי...“

שאַגער האָט פּלוצעם געזאָגט שטיל, קימאַט שעפּטשענדיק:

— וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געזעסן אף דײַן אָרט און דו אף מײַן שטול... איך בין זיך מוידע, כ׳וואָלט זיך זייער געערגערט. אָ, גאָט מײַנער! א גליק, וואָס דאָס קאָן ניט זײַן, עמעס?

„דאָס קאָן ווירקלעך ניט זײַן, נאָר איך דאַרף איצט טראַכטן ניט וועגן דעם. איך מוז אין אַלץ פאַרגעסן. פאַרוואָס זאָל איך ניט קענען פאַרגעסן די גאַנצע וועלט? שוין זשע דערפאַר, וואָס שאַגער זיצט אף זײַן שטול און טראַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז זײַנע? איז דען די וועלט טאַקע זײַנע? צי קאָן ער מאַכן מיט איר, מיט דער גאַנצער וועלט, אַלץ, וואָס אים גלוסט זיך?“

2

— און איך האָב געבוירן א טאָכטער און איר א נאָמען געגעבן ראָכל, — האָט געזאָגט אווראָם ליפּמאַן.

3

דאָס פענצטער איז געווען אָפן. א לײַכט ווינטל האָט זיך אַדורכגעגליטשט דורך דעם מאַרלענעם פאָרהענגל און איז אַרײַן אין צימער. די פּילפינגערדיקע האַנט פון ווינט האָט דער־גרייכט צו די בעטלעך. איינער אַזאַ קילער פינגער האָט אָנגערירט ראָכלס הייסן שטערן.

ס׳איז גוט, וואָס אין א שטיקנדיקן זומער־טאָג דרינגט אַרײַן א לײַכט ווינטל אין דער פּאַ־לאַטע, טרײַבט פאַנאַנדער דעם אײַנגעשטאַנענעם עטער־געדוך און איז מעכײַע א פּרוי, וועלכע האָט מיט פינף טעג צוריק געבוירן א זון.

דאָס קינד האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיקן. עס האָט אויסגעזויגן איין ברוסט, א גרויסע, א פולע, נאָר עס איז דעם געווען קאַרג. ראָכל האָט אַרויסגענומען די אַנדערע ברוסט און אַרײַנגע־שטופּט אים אין מויל דעם אָנגעקוואָלענעם וואָרצל, א פאַרברוינטן, א זאַפּטיקן, ווי א רײַפע פרוכט. דאָס קינד האָט אים פאַרפרעסט מיט זײַנע ליפּן און פאַרמאַכט די גרויע, שמאָלע אויגן. עס האָט געזויגן אײַלנדיק, בײַסנדיק ביז ווייטעק, פּונקט ווי עס וואָלט געקנײַפּט מיט א קליין טעמפּ צוויינגעלע, נאָר ראָכל האָט ניט געקרעכצט, אפילו קיין ציטער ניט געטאָן.

זײַן פּענעמל איז געווען צעקנייטשט, ווי בא א זאָקן, דאָס נעזל א שמאָלס, די האָר און די ברעמען ווײַסע. אף דער ראָזלעכער הויט האָבן זיי אויסגעזען ווי גרויע.

ראָכל האָט פאַרזשמורעט די אויגן. זי האָט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין פאַרבײַ א כוידעש צי צווײ, מע זאָל קאָנען באַפרײַען דעם זונס הענטעלעך, זיי זאָלן אַליין זוכן דער מוטערס ברוסט, זי אָנטאַפּן און צודריקן מיט די קליינע, ראָזלעכע פינגערלעך.

„ניט וויכטיק, וואָס מענטשן פּלאַפּלען, זיי ווייסן גאָרניט, — האָט געטראַכט ראָכל, — זאָלן זיי פּלאַפּלען!“

זי האָט זיך אײַנגעבויגן, צוגערירט די ליפּן צום קינדס שמאָלן, געקנייטשטן שטערן. באַם שלייף האָט זי באַמערקט א בלוי אָדערל, וואָס האָט גיך, גיך פּולסירט, געציטערט, ווי עס וואָלט זיך ערגעץ געאײַלט.

„מײַן לײַב און מײַן בלוט, — האָט ראָכל געטראַכט, — עס וועט קומען די צײַט, די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, און אויב מיר וועלן בלײַבן לעבן, וועל איך אויסהאָדעווען מײַן זון. א זון! מײַן זון וועלן זיי ניט טשעפּען. קיינער וועט ניט טשעפּען. זיי האָבן אַליין דערלויבט אים צו האָבן, זיי וועלן ניט טשעפּען“.

— דאַוויד, דאַוויד! — האָט ראָכל, פאַרמאַכנדיק די אויגן, געשעפּטשעט. — דו האָסט געוואָלט א זון, איאָ?

— יאָ, ראָכל, איך האָב געוואָלט א זון.

— דו האָסט געוואָלט, אַז אף דער וועלט זאָל בלײַבן א מענטש, וואָס זאָל טראָגן דײַן נאָמען?

— ניין, ראָכל.

— דו האָסט געוואָלט א זון, ווײַל דײַנע עלטערן האָבן געהאַט א זון, ווײַל די עלטערנס עלטערן האָבן געהאַט א זון און זייערע עלטערנס עלטערן האָבן אויך געהאַט?

— ניין, ראָכל.

— איך ווייס, דאָוויד, א טאָכטער איז נעענטער צו דער מוטער און א זון — צום פאָטער. דו האָסט געוואָלט, אז אונדזער קינד זאָל זײַן נעענטער צו דיר.

— —

— דאָוויד, פאַרוואָס האָסטו געוואָלט האָבן א זון? דערפאַר, ווײַל מע האָט אונדזער מוישעלען אוועקגעפירט קיין פּאָנאַר?

— פאַרוואָס זשע ענטפערסטו ניט, דאָוויד?

— איך האָב געוואָלט, אז פון אונדזערביידנס ליבע זאָל געבוירן ווערן א זון. מיר האָבן זייער ליב געהאַט איינער דעם אנדערן, ראָכל, דערפאַר האָט געדאַרפט געבוירן ווערן א זון. דו פאַרשטייסט דען ניט?

— איך פאַרשטיי. איך קלער אויך דאָס אייגענע, דאָוויד. נאָר פאַרוואָס קאָנסטו ניט קומען און נעמען אף דײַנע הענט דײַן קליינעם זון?

— —

— דו ביסט ניט אין כּעס, דאָוויד, וואָס ער איז א ווײַסינקער, וואָס זײַן נאָז איז אזא שמאָלע און ניט ענלעך ניט אף מײַנער, ניט אף דײַנער? און די אויגן זײַנען בא אים גרוי. דײַנע אויגן זײַנען ברוינע, מײַנע — שוואַרצע, און בא אים גרויע. פאַרוואָס גרויע, דאָוויד?

— —

דאָס פענצטער איז געווען אָפן. נאָך איין קילער פינגער פונעם ווינט איז אַרײַן און א צערטל געטאָן ראָכלס פּײַכטן, הייסן שטערן. דאָס לעבעדיקע רויטע קנײַלכל, א פעסט אײַנגעשנורעוועטס אין ווינדעלעך, האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן ווייטעקדיק געצופּט די ברוסט מיט א קליין טעמפּ צוועגעלע.

ראָכל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אפן צוקאָפּנס. זי האָט געוואָלט וויינען, נאָר די אויגן זײַנען געווען טרוקן, ניטאָ קיין טרערן. ס'איז שווער צו וויינען אָן טרערן. ביפּראַט נאָך א פרוי, וואָס האָט מיט פינף טעג צוריק געהאַט א קינד.

זי האָט צוגעדריקט צו דער ברוסט דאָס אײַנגעוויקלטע קינד און געשעפּטשעט צו דעם שטיל, פונקט ווי דאָס לײַכטע פילפינגערדיקע ווינטל האָט געשעפּטשעט צו די מאַרלענע פאָרהענגלעך.

„מײַן לײַב, מײַן בלוט... מײַן לײַב, מײַן בלוט".

די דאָזיקע פאַלאַטע אינעם געטאָ־שפּיטאָל איז געווען זייער א קליינע. צוויי טריט די ברייט, צוויי טריט די לענג. בעטן זײַנען דאָ געשטאַנען בלויז צוויי. אף דעם אנדערן בעט איז געלעגן ליזע, אַן אכצניאָריק מיידל. זי האָט שטיל געקרעכצט. זי האָט שווער געהאַט דאָס קינד. זי איז ביזן געבורט געווען קראַנק און איז נאָך איצט קראַנק.

ביידע האָט מען זיי אוועקגעלייגט אין דער פאַלאַטע מיט א וואָך צוריק. פריִער האָבן זיי זיך ניט געקענט. ראָכל האָט געוווינט אין געטאָ, און ליזע איז געווען פון לאַגער, וועלכן מע האָט גערופן „פעלץ". ליזע האָט געבוירן נעכטן, און זי האָט נאָך ניט געזען דאָס קינד. זי איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט, האָט אינגאַנצן ניט גערעדט, זי האָט נאָר שטיל געקרעכצט. פריִער האָט זי אויך ניט גערעדט, געשלאָפן אָדער זיך געמאַכט שלאָפנדיק. זי האָט בלויז געזאָגט, אז מע רופט זי ליזע, אז זי איז פונעם לאַגער, וואָס מע רופט אים „פעלץ", און אז דאָרט לעבן די ייִדן פונקט ווי דאָ, אין געטאָ.

ראָכל האָט דעמלט געפרעגט:

— פון אײַער לאַגער האָט מען אויך געפירט קינדער אף צו שטעלן זיי פּאָקן?

ליזע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דעמלט האָט מען ארויסגעפירט מײַן מוישעלען. פונוואַנען האָב איך געקאָנט וויסן?

— יאָ, דעמלט האָט נאָך קיינער ניט געוווּסט.

ס'איז צוגעפאָרן א גרויסער אוטאָבוס, א געלער מיט א ווײַטן פּאַס, מיט ליכטיקע פענצטער. אין געטאָ איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזא אוטאָבוס. געוויינלעך פלעגט קומען א שוואַרצער, א פאַרמאַכטער, אָן פענצטער.

פון אוטאָבוס איז ארויסגעשפּרונגען שאָגער.

— הערט, מוטערס, הערט! — האָט ער אויסגעשריגן, — אין שטאָט איז אַן עפּידעמיע. ברענגט אהער אײַערע קינדער, מירן זיי אוועקפירן אין א מיליטערישן שפּיטאָל, און דאָרט וועט

מען זיי שטעלן פּאָקן. איר אַרבעט גוט, און איך וויל ניט, אַז אײַערע קינדער זאָלן שטאַרבן. פרויען, ברענגט אײַערע קינדער!

דער אויטאָבוס איז געווען אַ שיינער, אַ געלער מיט אַ רויטן פּאַס, לאַכלוטן ניט ענלעך אַף דעם שוואַרצן אָנפּענצטערדיקן לאַסט־אויטאָמאָביל.

ווען דאָוויד איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער שוין ניט געטראָפן זײַן זון.

ליזע האָט שווײַגנדיק געהערט. נאָר די אויגן האָבן באַ איר געברענט.

— זעסט, — האָט דעמלט געזאָגט ראָכל, — איצטער וועל איך ווידער האָבן אַ קינד. אויב ס'וועט זײַן אַ זון, וועל איך אים ווידער אַ נאָמען געבן מוישעלע.

— מוישעלע, — האָט איצט געשעפּטשעט ראָכל, צודריקנדיק די ליפּן צום קינדס געקנייטשטן שטערן.

נאָכדעם האָט זי זיך אויסגעדרייט צו ליזען, אַ קוק געטאָן אַף אירע איבערגעטריקנטע ליפּן און געזאָגט:

— ווייסט זיך איבערמוטשען. איך האָב שוין דאָס צווייטע מאָל. מיר איז גרינגער. און באַ דיר איז ער דער ערשטער. דאָס ערשטע מאָל איז שטענדיק שווערער.

ליזע האָט שטיל געקרעכצט.

— דו דאַרפסט זײַן גליקלעך, — האָט געזאָגט ראָכל, — אין געטאָ איז דאָך פאַרבאָטן צו האָבן קינדער. אַלע קינדער, וואָס ווערן געבוירן אין געטאָ, דאַרף מען טייטן, ווייסט דאָך. און אונדז האָט מען דערלויבט. פאַרשטייסט? מער ניט, ווי צען פרויען פון דער גאַנצער שטאָט. אַזוי האָבן זיי דעמלט געזאָגט. דו דאַרפסט זײַן גליקלעך. ווייסט אַ ביסל צולײַדן, און דערנאָך וועט זײַן גוט. זיי וועלן ניט טשעפּען אונדזערע קינדער, ווײַל זיי האָבן אונדז דערלויבט זיי צו האָבן. דער פּראַנט דערנעענטערט זיך, ווילן זיי זײַן גוט צו אונדז.

— איך וויל ניט קיין קינד, — האָט זיך אָנגערופן ליזע, — איך וויל, עס זאָל זײַן אַ טויטס.

זי האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן, אירע ליפּן האָבן זיך צעצויגן:

— זעסט, ווי לאַנג זיי ברענגען עס ניט. עס איז געוויס געשטאָרבן. איך וועל קושן די ערד, אויב דאָס קינד איז ניט קיין לעבעדיקס.

— שווײַג! — האָט ראָכל זיך דערשראָקן. — דו פאַרשעלטסט דײַן אייגן קינד. איצטער איז דאָך דיר לײַכטער. דו קאָנסט דען פאַרגלײַכן דײַנע איצטיקע ווייטעקן מיט די ווייטעקן, וואָס דו ביסט אויסגעשטאַנען בייסן געבורט? דאַרפסט זיך שעצן גליקלעך, און דו... דיך וועט גאָט ניט דערהערן.

איר מוישעלע האָט אָפּגעלאָזן די ברוסט און איז אַנשלאָפן געוואָרן.

מאַנאַטאַן האָט געקלאַפּט דאָס קייטעלע אין דער ראַם פון פענצטער. דאָס מאַרלענע פאַרהענגל האָט זיך געבלאָזן, ווי אַ זעגל, און דער הימל איז געווען בלוי, ווי דער יאַם אין פּאַלאַנגע. מע האָט בלויז געדאַרפט זיך אויפהייבן און זיך לאָזן לויפן מיטן זאַמדיקן ברעג, האַלטנדיק מוישעלען פעסט פאַר דער האַנט. דערנאָך בלײַבן שטיין באַם סאַמע וואַסער און זוכן, זוכן אין דעם אַרויסגעוואָרפענעם שליים די קליינע גאָלדענע אייגעלעך פון בורשטין.

— דאָוויד, — האָט שטיל געשעפּטשעט ראָכל, — מיר האָבן ווידער אַ זון. ער ליגט באַ מײַן ברוסט, און זײַן אָטעם איז אַזוי לײַכט, ווי שוואַנען־פּוך. דו זעסט?

— —

ער וועט לעבן לאַנג, און אַ סאַך בעסער, ווי מיר. און ליזעס קינד וועט לעבן. זי איז נאָך יונג און ווייסט אַליין ניט, וואָס זי רעדט. אַ מענטש, וואָס קומט אַף דער וועלט דורך אַזוי פיל לײַדן, מוז לעבן.

— —

— דו רעדסט מיט מיר ניט, דאָוויד. איך ווייס, מע האָט דיך אויך אוועקגעפירט קיין פּאָנאַר. אָבער איך האָב ניט געזען, ווי מע האָט דיך דערשאָסן. דערפאַר לעבסטו אין מײַנע אויגן. דו ווילסט לעבן?

„יאָ, כ'וויל".

— דיר האָט שטאַרק וויי געטאָן?

„ניין. איך לעב דאָך".

— יאָ, דו ביסט נאָר זייער ווײַט פון מיר. דערפאַר האָט גאָט אָדער דער גורל אונדז געשאָנקען אַ זון און מע האָט דערלויבט, איך זאָל אים האָבן. מיט אַ וואָך צוריק האָט מען דיך אוועקגעפירט. איך האָט ניט געוווּסט וועגן דעם. שאַגער אַליין האָט דעמלט געהייסן מיך אָפּפירן

אין שפּיטאָל. דאָרט זײַנען געווען עפּעס פּראָפעסאָרן פון בערלין. זיי האָבן מיך באַטראַכט, צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן זיי מיך אונטערזוכט, אָבער דאָס איז ניט וויכטיק. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז איך וועל ווערן אַ מוטער און שאַגער האָט מיר דערלויבט צו האָבן אַ קינד אין געטאָ. דו ביסט צופרידן? נאָר צען פרויען פון דער גאַנצער שטאָט האָבן זיי עס דערלויבט.

— —

— איך בין ארומגעגאַנגען אין געטאָ מיט אַ גרויסן בויך שוין אין די הויכע כאַדאָשים און האָב געוווּסט, אַז כ'וועל האָבן אַ זון. איך האָב זיך ניט באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן. איך האָב זיך געגרויסט מיט מײַן גורל און אײַנצײַטיק מוירע געהאַט פאַר דעם. און דאָס, וואָס מענטשן האָבן געפּלוידערט, איז ניט וויכטיק. זיי זײַנען מעקאַנע געווען. איך פאַרשטיי עס, איך וואָלט אַליין מעקאַנע געווען. עמעס?

מאַנאַטאַן האָט געקלאַפּט דאָס קייטעלע אין דער ראַם פונעם פענצטער, דער ווינט האָט אָנגעבלאָזן דאָס פאַרהענגל, ווי אַ זעגל, און דער הימל איז געווען בלוי, בלוי, ווי דער יאַם אין פּאַלאַנגע.

ליזע האָט שוין ניט געקרעכצט. זי האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער לינקער זײַט און מיט ברענענדיקע אויגן געקוקט אויף ראָכלען און אויף איר זון. זי האָט שטיל געזאָגט:

— מײַנער וועט זײַן אַ טויטער, איך ווייס.

— זינדיק ניט. היט זיך פאַר גאָט און פאַר לײַט. עס טוט דיר שוין גאָרניט ניט ווי, דו קרעכצסט שוין ניט, אַזוי ריידן איז אַ גרויסע זינד.

עס האָט זיך געעפנט די טיר. ס'איז אַרײַן די שוועסטער, טראַגנדיק עפּעס אַ קליינס, אַן אײַנגעוויקלטס, אַ שווײַגנדיקס. זי האָט זיך דערנענטערט צו ליזעס געלעגער. זי האָט געשוויגן. זיי אַלע, דרײַ פרויען, האָבן געשוויגן. בלויז דאָס קייטעלע האָט געקלאַפּט אין דער ראַם פונעם פענצטער און ס'האָט זיך אָנגעבלאָזן, דאָס פאַרהענגל. דאָס פּילפּינגערדיקע ווינטל האָט ארומגעשוועבט איבער דער פּאַלאַטע, אָפּגעפרישט די שטערנס, ארומגעוויקלט די העלדזער, אָפּגעקילט די ברוסט.

ליזע האָט לאַנגזאַם זיך אונטערגעהויבן. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די הענט, האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויפן צוקאָפּנס.

זי איז אין דער עמעסן זייער יונג, ליזע. נאָך גאָר אַ קינד. דאָס פּנעמל אַ קליינס, די באַקן בלאַסע, אײַנגעפאַלענע, די טונקעלע האָר צעשאָטן — אַ גרויסע ראַם צו אַ מיניאַטור־בילדל. מער ניט די ליפּן — פאַרסאַרפּעטע, געשוואָלענע, און די אויגן גרויסע, ברענענדיקע, ווי צוויי לאַמטערנס. מיט הויכע פאַרוווּנדערטע ברעמען — שנירעלעך איבער די אויגן.

זי איז אין דער עמעסן נאָך גאָר אַ יונגע, נאָך גאָר אַ קינד. מער ניט פון דעם צעשפּיליעטן העמד קוקט ארויס די ברוסט, אַ רײַפע, אַן אָנגעקוואָלענע מיט מילך, מיט צוויי פאַרברוינטע וואַרצלען, ווי רײַפע פּיירעס.

ליזע האָט אויסגעשטרעקט די הענט און גענומען דאָס פאַרוויקלטע קנײַלכל פון דער שוועסטערס הענט. זי האָט אינגאַנצן געציטערט: אַ לעבעדיקס צי אַ טויטס?

— אַ יינגל, — האָט געזאָגט די שוועסטער און איז ארויסגעגאַנגען.

ווי שוואַנען־פּוך האָט מווישעלעס אָטעם געקיצלט ראָכלס ברוסט, און ראָכל האָט געזאָגט, קוקנדיק אויף ליזען מיט איר קינד:

— זעסט, אַ לעבעדיקס. ס'איז דײַן לײַב און דײַן בלוט.

ליזע האָט געציטערט.

— אָ, גאָט! — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן.

פון די ווינדעלעך האָט מיט צוויי גרויע, ניט זעענדיקע אויגן געקוקט אַ צעקנייטשט פּנעמל, ווי בא אַ זאָקן, מיט ווײַסע ברעמען, ווײַסע וויִעס און ווײַסע האָר, וואָס האָבן אויף דער רויטער הויט אויסגעזען, ווי גרויע.

ליזע האָט צוגעכאַפּט די הענט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבריט. זי האָט אפגיך פאַרשפּיליעט דאָס העמד.

— זע, — האָט זי געזאָגט צו ראָכלען, מוירע האָבנדיק זיך צוצורירן צום לעבעדיקן קנײַלכל, — זע, ער איז אַ לעבעדיקער!

ראָכל האָט געקוקט אין אַ זײַט.

„ניט וויכטיק, ניט וויכטיק, וואָס מענטשן פּלאַפּלען...״

נאָר דאָך האָט זי געפרעגט:

— דײַן מאַן איז געווען אַ העלער, עמעס, אַ בלאָנדער, איאָ?

ליזע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין, זי האָט אַזוי לאַנג געשאָקלט, גלײַך זי וואָלט ניט קאָנען זיך אָפּשטעלן, און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— איך האָב ניט קיין מאַן. איך ווייס נאָך ניט, וואָס אַזוינס איז אַ מאַנצבל, איך האָב נאָר איין מאָל זיך געקושט. אָבער דערפון האָט מען דאָך ניט קיין קינדער.

„ניט וויכטיק... ניט וויכטיק!.. ניין!"

דאָס בלוט האָט אַ פּלייץ געטאָן צו די שלייפן און אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי אַן אָפּענער לאָדן אונטערן ווינט. ראָכל האָט אַראָפּגעשלונגען די סלינע און געזאָגט:

— ליזע... דו רעדסט פון היץ, ליזע.

ליזע האָט אַלץ געשאָקלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין.

— דו מיינסט טאַקע, אַז דאָס, וואָס מע האָט געזאָגט, איז אַן עמעס, ליזע!

ליזע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דערנאָך איז געגומען אַראָפּלאָזן נידעריקער און נידעריקער.

— יאָ, אַן אײַנשפּריצונג, אַלץ איז קינסטלעך, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב נאָך דעמלט געוווּסט, מיט נײַן כאָדאָשים צוריק. איצטער וועלן זיי ווידער מאַכן אויספאָרשונגען, ווידער עקספּערימענטן — איבער אונדז און איבער זיי — די נײַגעבוירענע. איך פאַרשטיי דײַטש, איך האָב דעמלט פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן גערעדט. איבער די דאָזיקע קינדער — ניט קינדער וועלן זיי מאַכן עקספּערימענטן, און עפּשער זיי אַרײַנזעצן אין אַ סלוי מיט ספּירט, ווי פאַרזעענישן.

אין אָנגעבלאָזנס איז דאָס מאַרלענע פאַרהענגל געבליבן הענגען איבערן פענצטער. אַזוי ווערט פאַרגליווערט אַ זעגל, ווען דער לעצטער הויך פון ווינט גייט אויס און בלײַבט אָנשוויגן. דערנאָך פאַלט אײַן דאָס זעגל, פלאַטערט אַ ביסל און בלײַבט הענגען טויט. ס'איז פאַרגליווערט געוואָרן דער הימל, אָט דער בלויער יאַם. ער האָט גענומען זיך דערוווײַטערן און דערוויײַטערן, אַזוי האָט ער געקאָנט אינגאַנצן פאַרשווינדן, נאָר דאָס קייטעלע האָט אַלץ געקלאַפּט און געקלאַפּט אין דער ראַם פון פענצטער און טיף אין ברוסט, עפּשער אין האַרצן.

ראָכל האָט געקוקט אַף איר קינד און אַף ליזעס קינד — ניט איר קינד און ניט ליזעס. זיי זײַנען טאַקע געווען ווי אַ צווילינג. ביידע ווײַסהאַריקע, מיט די זעלבע אויסדרוקלאָזע גרויע אויגן, מיט שמאָלע שפּיציקע נעזלעך און מיט רויטע קנייטשן, ווי הינדעלעך פון אַן אינקובאַטאָר. אַלע זײַנען זיי ווײַסע.

— פרעמדע זוימען און פרעמדע פרוכטן, — האָט ראָכל געזאָגט, — אַ פרעמדע זוים און אַ פרעמדע פרוכט — כאַ, כאַ, כאַ! זיי האָבן אונדז דערלויבט צו האָבן קינדער!

אַלץ האָט זיך געדרייט פאַר ראָכלס אויגן. די שויבן האָבן אָנגעהויבן ציטערן און זיך אויס־געבויגן, געוואָרן ענלעך אַף בלויע סלויען. און דאָרט האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט דאָס קינד — ניט קינד, מוישעלע — ניט מוישעלע.

זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט, אַרומגענומען דעם האַלדז פון אָט דעם לעבעדיקן קנײַלכל. זי האָט אָבער ניט געקאָנט צונויפדריקן די פינגער, איר איז געווען שרעקלעך, זי האָט מוירע געהאַט, עס זאָל ניט עפענען די אויגן.

דעמלט האָט ראָכל אַוועקגעלייגט דאָס קינד לעבן זיך, אַרופגעלייגט אַף דעם די קישן און זיך צוגעדריקט צו איר מיט דער רײַפער אָנגעקוואָלענער ברוסט, מיט די האַרטע וואָרצלען, וואָס זײַנען געווען פאַרברוינט, ווי רײַפע פיירעס.

— אַ פרעמדע זוים און אַ פרעמדע פרוכט, ליזע. כאַ, כאַ, כאַ! דו הערסט, ליזע?

— איך הער, — האָט געענטפערט דאָס מיידל, דאָס אַכצניאַריקע, וואָס האָט נאָר איין מאָל אין לעבן זיך געקושט.

און דערנאָך...

דערנאָך האָט ראָכל געשעפּטשעט שטיל, פּונקט ווי דאָס פּילפינגערדיקע ווינטל מיטן פאָרהענגל, פּונקט ווי ווייכער פוך, ווי שוואַנען־פוך.

— דאָוויד, דו הערסט?

„איך הער, ראָכל".

— דו האָסט ניט געוואָלט קיין זון. עמעס, דאָוויד?

„כ'האָב ניט געוואָלט, ראָכל".

— אַזעלכן האָסטו ניט געוואָלט, איך ווייס.

„יאָ, ניט געוואָלט".

— וואַרט צו... וואַרט. דאָוויד... און עפּשער איז עס פאָרט אונדזער זון? טאָמער איז ער אונדזערער, דאָוויד? דו שווײַגסט... גוט, שווײַג. זעסט, איך האָב זיך נאָך שטאַרקער אָנגעלייגט אַף דער קישן. דו זעסט?

„יאָ, איך זע".

— איך ווייס, דו ביסט צופרידן.
„איך בין צופרידן“.
— וועסט נאָך אמאָל קומען צו מיר, זאָג?..
— דאָוויד, קום, דאָוויד... קום!

דער ווינט האָט ריטמיש געקלאַפּט מיטן קייטעלע אין דער ראַם פונעם פענצטער.

קאַפּיטל פינף

דרייַצעטער גאַנג

1

שאַגער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער גיט אים אָפּ דאָס פענדל. ער האָט געוווּסט, אַז איזיע איז אופגערעגט, און ער האָט מיט כיישעק עס אַראָפּגעשאַרט פון דער שאָך־ברעט, זיך דערפילט נאָך זיכערער און געוואָרט, אַז דער קעגנער זאָל זיך אונטערגעבן.

היינט איז געווען זיין טאָג.

היינט האָט ער מיט איין קלאַפּ געדאַרפט דערגרייכן צוויי זאַכן: געווינען די פאַרטיע און ניט פאַרשפּילן דעם קעגנער.

היינט שטייט אין א ראָד א שטומער אוילעם, וואָס דאַרף דערפילן זיין, שאַגערס, ניצאָכן.

אַזאַ פאַרטיע, ווי היינט, איז נאָך ניט געווען.

— דו ווייסט, פאַרוואָס עס קאָן ניט זיין, אַז דו זאָלסט זיצן אויף מיין שטול און איך אויף דיין אָרט?

איזיע האָט ניט געענטפערט.

— אויב דו ווייסט ניט, וועל איך דיר דערקלערן. די שאָך־פיגורן זיינען הילצערנע, טויטע, אָבער זיי זיינען ענלעך אויף מענטשן. א קיניג קאָן זיין מער ניט ווי איינער. דער אַנדערער דאַרף זיך אונטערגעבן. מיר, אַריִער, זיינען די קיניגן, וואָס זיגן. מיר איז א גרויסער שאָד, וואָס דו ביסט דער, וואָס מוז זיך אונטערגעבן.

איזיע האָט געשוויגן.

— האָסט פאַרשטאַנען? דאָס איז אַן עלעמענטאַרער עמעס, און דערפאַר זיצן מיר יעדערער אויף זיין אָרט. דו — אויף דער טאַבורעטקע, און איך אויף מיין שטול. אַנדערש קאָן עס ניט זיין.

„איך הער ניט, וואָס ער רעדט, און וועל ווייטער זיך ניט צוהערן. זאָל ער ריידן, וואָס ער וויל. ער ווייסט, אַז קיינער וועט אים ניט דערווידערן.

ער איז דער קיניג...

זיין וואָרט איז דאָס וואָרט פון א קיניג.

מיין זאַך — איז שאָך.

ס'איז ניט גוט, וואָס איך האָב ניט דאָס רעכט צו געווינען אָדער פאַרשפּילן. און רעמי... צי וועט זיין רעמי? אָך, ווי עס ווילט זיך מיר איצט אופהייבן, פאַנאַנדערשלייַדערן די פיגורן און אַנטלויפן פונדאַנען אויף א גרויסער בליִענדיקער לאָנקע“.

2

באַ אונדז אין געטאָ זיינען ניטאָ קיין בלומען.
בלומען זיינען פאַרבאָטן.
ברענגען זיי טאָר מען אויך ניט.
פאַרבאָטן.
פאַרוואָס טאָרן ניט זיין קיין בלומען?

איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן דעם און קאָן דאָס בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין. ווען איך זאָל אַפילע זיין דער גרעסטער מענוול, וואָלט איך אויך געלאָזט, אַז מענטשן זאָלן אויסכאַוועון בלומען. זוימען וואָלט מען שוין געפונען. מע וואָלט אויסגעזוכט וואָרצלען. עס שפּילט א ראָל אופאַקערן די ערד לעבן די פענצטער? מע וואָלט אַרויסגעוואָרפן די שטיינער פון די הויפן, און אונטער יעדן פענצטער וואָלטן אופגעהויבן זייערע שווערע קעפ פּילפאַרביקע פּיאָנען, עס

וואָלטן זיך אויסגעצויגן שלאַנקע ליליעס, און אַרום וואָלט געשמעקט מיט די שאַרפע רייכעס פון נאַסטורציע. עס וואָלטן געווען אַ סאַך, אַ סאַך קווייטן אין געטאָ.

ווען איך זאָל אַפילע זײַן דער גרעסטער מענוויל און איך וואָלט פאַרבאָטן אויסכאָוועןן בלומען, וואָלט איך פונדעסטוועגן ניט געשטערט קיינעם זיי צו ברענגען פון די פעלדער און לאָנקעס, ווען די מענטשן קערן זיך אום אין געטאָ פון דער אַרבעט. די קאַלאָנעס גייען זיך איבער דער שטאָט, מידע, נאָר מע זעט ניט קיין אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די קאַלאָנעס זײַנען איינע בלומען, אַ סאַך בוקעטן, און מע קאָן מיינען, אַז קיין מענטשן זײַנען גאָר ניטאָ. דאָס זײַנען בלומען אַרויס שפּאַצירן. זיי דאַרפן זיך אין ערגעץ ניט אײַלן, זיי קאָנען גיין פּאַמעלעך. ס'איז ערשט פינף אַזייגער אין אָוונט, און ביז זעקס וועלן זיי זיכער באַווײַזן צו קומען אין געטאָ.

וואָס איז שײַעך צו געווער, איז אַלץ קלאָר. וועגן דעם פאַרשפּאַרט מען צו ריידן.

איך פאַרשטיי אַפילע, פאַרוואָס עס איז פאַרבאָטן אַרײַנצוטראָגן אין געטאָ שפּײַז. שאָגער וויל, מיר זאָלן הונגערן.

כ'פאַרשטיי, פאַרוואָס מע לאָזט ניט אַרײַן קיין קליידער. זיי ווילן, מיר זאָלן גיין אין שמאַטעס, עס זאָל אונדז זײַן קאַלט.

נאָר פאַרוואָס האָט שאָגער פאַרבאָטן בלומען?

דאָס קאָן איך ניט פאַרשטיין.

אַ בלום. אַ דין שטענגל, בונטע בלעטעלעך און אַ מעכײַעדיק גערוך.

ווער קאָן פאַרבאָטן בלומען?

ווען מיר זיצן מיט עסטערן אין אונדזער הויף, איך אויף דער בערווענע, זי אויפן הילצערנעם קעסטל, ווען מיר זײַנען אַליין און קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און שווײַגן, בייגט זיך עסטער אײַן און זוכט צווישן די שטיינער גרעזעלעך, וואָס שפּאַרן אַרויס צווישן די שפּאַלטן. זי געפינט אַ גרעזעלע און, שעפּטשענדיק עפּעס, רײַסט זי עס אויף קליינע שטיקעלעך. גרעזעלעך

זײַנען פאַראַן זייער ווייניק, דערפאַר אײַלט זיך עסטער ניט. מיט די שאַרפע נעגעלעך רײַסט זי אָפּ א שטיקעלע, האַלט עס א ווײַלע אויף דער דלאָניע, און דערנאָך לאָזט זי עס פאַלן. עס פליט, ווי א קליין פייגעלע.

איך ווייס, וואָס עסטער דאַרף.

עסטער דאַרף א ראָמאַשקע. עסטער וויל האַלטן אין די הענט דאָס פּאַשעטע פעלד־בלימל, פליקן פון דעם די בלעטעלעך און דערבײַ עפּעס שעפּטשען, אַז איך זאָל ניט הערן.

זי אַרבעט דאָ, גופא אין געטאָ. זי העלפט אירע עלטערן, זי איז א סאַניטאַרקע. עסטער איז שוין לאַנג ניט געווען אין פעלד. און מיסטאָם שוין פאַרגעסן, ווי א בלום זעט אויס. נאָר סײַווי ווילט זיך איר א ראָמאַשקע. איך ווייס עס. זי איז הײַנט אליין ווײַס, ווי א ראָמאַשקע.

— קוק ניט אויף מיר, — זאָגט עסטער, — איך בין איצט זייער בלאַס, עמעס? הײַנט האָט דער טאַטע אָפּערירט א ייִנגל, האָט מען געדאַרפט האָבן בלוט. אַלע גיבן בלוט, ס'איז דאָך א פּאַשעטע זאַך, אָבער הײַנט האָט מען באַדאַרפט האָבן מײַן גרופּע, האָט דער טאַטע מיך גערופן. ער האָט געזאָגט, אַז מיטאַמאָל טאָר מען ניט נעמען אַזויפיל בלוט, נאָר איך בין געזונט און מיר וועט עס ניט שאַטן. מיטן יאַטל האָט געהאַלטן שמאָל, נאָר איצט וועט עס געוויס בלײַבן לעבן.

זי קוקט אויף מיר, נאָר איך שווײַג, זאָג גאָרנישט ניט.

— דו ביסט ניט בייז אויף מיר, וואָס איך בין אַזוי בלאַס? ניין?

— וואָס רעדסטו? ווי קאָן מען זײַן אין כּעס, דו האָסט דאָך געגעבן א יאַטל דײַן בלוט? אַזוי ענטפער איך, און טראַכטן טראַכט איך וועגן עפּעס אַנדערש.

איך פאַרמאַך די אויגן. מיר דוכט זיך, אַז מיר זײַנען ווײַט, זייער ווײַט. מיר שפּאַנען אין הויכן גראָז און קומען אַרויס אויף א גערױמער, גרויסער לאָנקע. עסטער זיצט אָנגעשפּאַרט די הענט אויף דער ערד, און איך לויף אַרום איבערן גאַנצן פעלד און קלײַב צונויף בלומען. א וועלט מיט בלומען, אָן א שיר. ווײַסע און געלע, ראָזע און בלויע; אייניקע שמעקן צאַרט, די אַנדערע שאָקלען זייערע גלעקעלעך. איך האָב שוין צונויפגענומען א גרויסן בונט מיט בלומען, נאָר מיר איז נאָך אַלץ ווייניק.

— שימעק! — אַזוי רופט מיך בוזי.

— איך גיי! — שרײַ איך.

— גענוג, שימעק!

— נאָך א פּאָר. נאָך איינס, און ס'וועט קלעקן.

— גענוג... זאָלן זיי וואַקסן... אַזעלכע שיינע...

— גוט, גענוג.

דאַן הער איך:

— איזיע!

איך עפן די אויגן און זע אונדזער הויף, אָן אויסגעברוקירטן מיט שטיינער. איך זיץ אויף דער בערוונע, און עסטער אויפן הילצערנעם קעסטל.

מיר קערן זיך אום פון דער אַרבעט. אָט זעט מען שוין דעם טויער פון געטאָ, און דאָס האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. אָט טוט עס א קלאַפּ, אָט שטעלט עס זיך אָפּ און עס קלאַפּט ווידער.

אונטערן רעקל האָב איך פאַרבאַהאַלטן א בוקעט בלומען.

איך האָב געבעטן דעם קאָנוואָיר, האָט ער מיר דערלויבט צוגיין צו דער לאָנקע, און די לאָנקע איז געווען פאַרשאָטן מיט ראָמאַשקעס, ווי א גרינער טישטעך מיט ווײַסע פלעקן און געלע שפּרענקעלעך. איך האָב געריסן די קווייטן צוזאַמען מיט גראָז. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך וועל צונויפקלײַבן און אַוועקטראָגן מיט זיך די גאַנצע לאָנקע. דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אַוועקטראָגן די לאָנקע קאָן מען ניט, און איך האָב אויסגעשאָטן די בלומען. ס'איז מיר געווען א שאָד זיי אַוועקצוּוואַרפן, אָבער איך האָב געקאָנט מיטנעמען א קליינעם בוקעט. דערפאַר האָט ער אָבער געדאַרפט זײַן א שיינער, פון די סאַמע אויסגעקליבענע בלומען.

איצטער קערן מיר זיך אום פון דער אַרבעט. דער טויער פון געטאָ איז שוין נאָענט, און דאָס האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן: אָט טוט עס א קלאַפּ, אָט שטעלט עס זיך אָפּ און עס קלאַפּט ווידער.

די מענטשן זײַנען אין כּעס געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען מײַנע בלומען. איך ווייס, אַז סטאַם אַזוי וואָלטן זיי אין כּעס ניט געוואָרן. אָבער הײַנט זײַנען זיי געערגערט. הײַנט האָט מען געדאַרפט אַרײַנטראָגן אין געטאָ א דײַטשישן אויטאָמאַט, וועלכן ס'איז געלונגען צוצוגאַנווענען

אין איינעם פון די סקלאַדן, וווּ מיר אַרבעטן. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען צעשרויפּט דעם אווטאָמאַט אף באַזונדערע טיילן און זיי אויסבאַהאַלטן. וואָס מע האָט געקאָנט, האָט מען אַרויס־געשרויפּט, אייניקע זאַכן צעבראָכן. נישקאָשע, אין געטאָ וועלן די שלאָסערס אַלץ פאַריכטן. הײַנט האָט מען אַלצדינג פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די מענטשן, און מע טראָגט עס אין געטאָ אַרײַן.

איך ווייס, פאַרוואָס זיי זײַנען אין קאַס. טאָמער פאַל איך דורך מיט מײַנע בלומען, וועלן די דײַטשן מאַכן א שטרענגע אונטערזוכונג, און דאַן קאָן מען זיך אָנשטויסן אף א טייל פונעם אווטאָמאַט.

איך האָב זייער געבעטן, מע זאָל זיך ניט בייזערן. אַנדערש קאָן איך ניט. און זיי זײַנען אָנשווייגן געוואָרן, מיר מער גאָרניט געזאָגט, נאָר געהייסן מיר גיין אין סאַמע עק פון דער קאָלאָנע.

מיר זײַנען שוין באַם טויער.

דאָס האַרץ קלאַפּט ניט רעגלמעסיק.

באַם טויער שטייט שאָגער.

מיר ווערט קאַלט.

מיר ווײַזט זיך אויס, אַז זײַנע אויגן, שאַרפע ווי נאָדלען, דרינגען אַדורך מײַן רעקל און זאַפּן זיך אײַן אין די ראָמאַשקעס. איך האַלט ניט אויס און דריק צו די האַנט צו דער ברוסט, פאַרשטעל די בלומען.

אַלע זײַנען שוין אין געטאָ. און שאָגער קוקט אף מיר און ווינקט צו מיר מיט אַן אויג.

— נו, הער קאַפּאַבלאַנקאַ?

אַזוי פרעגט שאָגער און נעמט מיך באַזוכן. ער צעשפּיליעט מיר דאָס רעקל, שלעפּט אַרויס פון פּאַסעק דאָס העמד, און אף דער ערד נעמען פאַלן בלומען.

— אַ־אַ־אַ, — וווּנדערט זיך שאָגער, — אַזויפיל? וואָס דאַרפסטו אַזויפיל?

איך שווײַג.

— דאָס ערשטע מאָל וועט קלעקן פינף, — זאָגט שאָגער צום שמײַסער, צו יאַשקע פּעלערן.

די בלומען שלײַדערט שאָגער אַרויס מיטן פוס אף יענער זײַט טויער.

און צו מיר זאָגט ער אַזוי:

— פאַרשטייסט דאָך אַליין... דו ביסט מײַן פּאַרטנִיאָר, און אַזוי ווײַטער... אָבער א געזעץ איז א געזעץ. ניכטס צו מאַכן. איך האָב קיין רעכט ניט. — ער ווײַזט דעם וואַכמאַן אָן אף מיר.

— און איר באַזוכט אים יעדן טאָג? מע דאַרף, מע דאַרף. א געזעץ איז א געזעץ. מיר זײַנען מאַכטלאָז פאַרן געזעץ.

יאַשקע פּעלער איז דער שמײַסער.

ער איז א הויכער, מיט א רויטן דרײַאַרנדיקן קאַרק און מיט קליינע פאַרלאָפענע אייגע־לעך, וואָס זײַנען פאַרשוואָמען מיט פעטס. שאָגער קאָרמעט אים, ווי צו דער שכיטע, און די הענט זײַנען באַם שמײַסער גראָבע, ווי בערווענעס.

יאַשקע פּעלער רוקט אונטער די באַנק, איך לייג זיך און זאָג אים אַליין:

— גיכער!

יאַשקע פאַרשטייט ניט, ער קוקט אף מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פון א שטשור.

— גיכער! — זאָג איך אים.

פונוואַנען זאָל ער וויסן, דער דאָזיקער שמײַסער, וואָס איך האָב אין זינען, ער ווייסט, אַז מע דאַרף שמײַסן אַנדערע, קעדיי מע זאָל אים ניט שמײַסן. פונוואַנען קאָן ער וויסן?

און איך אײַל זיך זייער. איך האָב מוירע, אַז עסטער זאָל ניט דערזען. זי קאָן דאָך פאַרבײַ־גיין און באַמערקן. יאַנעק קאָן עס זען און איר זאָגן; אירע עלטערן קאָנען צופעליק זײַן ניט ווײַט פון דעם טויער, וווּ דער שמײַסער ציילט מיר אַרײַן פינף שמיץ.

פינף שמיץ.

— גיכער, — אײַל איך אונטער דעם שמײַסער.

ער אַרבעט געוויסנהאַפט.

ער איז צו זאַט און מיינט, אַז א קאַנטשיק איז דאָס סאַמע ערגסטע אף דער וועלט.

דאָס איז ניט עמעס!

וואָס איז אַזוינס א קאַנטשיק? לעדערנע פּאַסיקלעך, צונויפגעפּלאָכטענע אַרום א שטאָלן שטענגל.

נו, איז וואָס? ס'איז ניט דאָס סאַמע ערגסטע.

לעדער און שטאָל.

...מיר קערן זיך אום פון דער ארבעט.
דאָס הארץ קלאַפּט און קלאַפּט.
אייערנעכטן האָט מען בא מיר צוגענומען א בוקעט, נעכטן ווידער. שוין זשע הײַנט אויך?
הײַנט גיי איך אין דער ערשטער ריי פון דער קאָלאָנע. מע וויל א פּרווו טאָן, עפּשער וועט מיר אזויארום געלינגען זיך דורכצושלאָגן. מע שטופּט זיך אזוי, אז עס טרישטשעט אזש דער טויער. די מענטשן ווילן מיך אזויארום ארײַנשטופּן אין געטאָ. זיי ווילן, איך זאָל דורכגיין מיט מײַן בוקעט.

די וואך מאכט גוואלדן. שאַגער אויך. ער איז ווידער באם טויער. אין דער קאָלאָנע וועדט שטילער, מע שטופּט זיך שוין אזוי ניט. הײַנט טראָגט מען צעשרויפּטע צווײַ דײַטשישע אויטאָ־מאָטן, און ווער ווייסט, וואָס דערפון וועט ארויסקומען.

— געוויס, — ווענדעט זיך שאַגער צו מיר, — ביסטו איצט קליגער געוואָרן.

ער רעדט אזוי און טאַפּט מיך ארום ביזן הויל״ן ביין.

— פּופּצן! — טוט ער א געשריי און ווארפט ארויס די בלומען הינטערן טויער.
נאָר ער לאָזט מיך נאָך ניט אָפּ.

— פארשטייסט, — זאָגט ער אומצופרידן, — איך האָב הײַנט געוואָלט שפּילן מיט דיר א פּאָר פּארטיעס, און דו האָסט קאליע געמאכט דעם גאנצן געשעפט. ניט גוט. זיצן וועסטו איצט ניט קאָנען, און שטייענדיק, וואָס איז דאָס פאר א שפּיל?

— היי, דו, — שרײַט שאַגער צו יאָשקע דעם שמײַסער, און זײַן קאָל קלינגט טרויעריק, — האק אין די פּיס און אין דער פּלייצע, ער זאָל קאָנען זיצן. א העלפט אין די פּיס און א העלפט אין דער פּלייצע. וואָס? עס טיילט זיך ניט? נו, מילע, זאָל זײַן פּערצן, ניט קיין פּופּצן.
— ניט גוט, זייער ניט גוט, — זאָגט מיר שאַגער, — פאר קאפּאבלאנקען פּאסט עס ניט, פארשטייסט? אָבער דאָס געזעץ... אלע זײַנען מיר קנעכט פונעם געזעץ.

איך ליג אף דער באנק. הײַנט איז עס אף לאנג. פּערצן.
— גיכער, גיכער, — בעט איך דעם שמײַסער.
ער פארקאטשעט די ארבל.
די קאָלאָנע גייט דורך בעשאָלעם.

עפּשער איז טאקע בעסער, וואָס מע האָט מיך געפּאקט? שאַגער איז פארנומען מיט מיר, האָט מען שוין די איבעריקע ניט אזוי שטרענג באזוכט. עפּשער איז טאקע בעסער אזוי?.. ביז איצט האָט מען דאָך מיר ניט פארטרויט דורכצוטראָגן אפילו איין פּאטראָן...
...נײַן, צען, עלף...

גיכער! גיכער!
די גאנצע קאָלאָנע איז שוין אין געטאָ, אָבער די מענטשן גייען זיך ניט פאנאנדער. מע וואַרט עפּעס.

...דרײַצן, פּערצן... אלץ.
אז מע זאָל זיך א סטארע טאָן, איז גאָר ניט אזוי שווער זיך אופצוהייבן.
שאַגער איז שוין ניטאָ, די וואך איז פון יענער זײַט טויער, יאָשקע גייט אויך אוועק. ער האָט א קנאפּע דײַגע — אָפּגעטאָן זײַן ארבעט און פאָטער ביז מאָרגן.

אָבער די קאָלאָנע, וואָס האָט זיך צעזייט, צעשפּרייט, וואַרט.
איך גיי, און מע גייט נאָך מיר. איך שטעל זיך אָפּ, שטעלט מען זיך אויך אָפּ. נאָר אָט זײַנען מיר הינטער א הויכן מויער און דאָ רינגלט מען מיך ארום פון אלע זײַטן, א סאך מאנצבלען, און יעדערער שלעפּט עפּעס ארויס פון בוזעם, פון אונטער דעם צעשפּיליעטן העמד. מע טוט עס פארזיכטיק, ווי מע וואָלט געהאט צו טאָן מיט שמעטערלינגען, וועלכע מע טאָר ניט צעשעדיקן די פליגעלעך.

עס שווינדלט מיר אין די אויגן. איך זע א לאָנקע — א גרינער טישטעך מיט ווײַסע פלעקן און געלע שפּרענקעלעך.

— נעם, — זאָגן זיי, — נעם גיכער. מיינסט, מיר האָבן צײַט צו שטיין מיט דיר?
זיי גיבן מיר די בלומען, און איך מאך פון זיי א בוקעט. יעדערער גיט ניט מער ווי איין קוויטל, נאָר די בלומען זײַנען אזעלכע שיינע, גרויסע און אפילו ניט קיין צעקנייטשטע. דער בוקעט ווערט גרויס. איך וואָלט אזא קיינמאָל אליין ניט צונויפגעקליבן. קיינמאָל ניט.

איך קוק מיך ארום, אָבער קיינער איז שוין ניטאָ.
איך שטיי אליין מיט א גרויסן בוקעט בלומען.

...איך קום אהיים. שטעל אַרײַן די קווייטן אין וואסער, ניט געײַלט וואַש איך זיך אָרום, טו אָן מײַן גוט בלוי העמדל און לאָז זיך ווידער אהין, אין אנדערן עק געטאָ, צו דער שטיינערנער שוועל.

עסטערס פאָנעם איז נאָך בלאס און עס גיסט זיך צונויף מיט דער ווײַסקייט פון די ראַמאשקעס.

מיר גייען אין אונדזער הויף.

זיצן קען איך, זעץ איך זיך אוועק אף דער בערווענע, און עסטער מאָסטעט זיך אײַן אַף איר הילצערן קעסטל. זי צעלייגט דעם בוקעט. אליין זיצט זי אין דער מיט, און אָרום איר — בלומען.

— דאָס איז ניט מײַן אופטו, — זאָג איך, — נאָר אלעמענס, יעדערער, וואָס אַרבעט מיט מיר, האָט געבראַכט איין ראַמאשקע, און זעסט, וויפל בלומען?

זי שווײַגט און שאָקלט מיטן קאָפּ. אַז זי שאָקלט מיטן קאָפּ, כוואַליען זיך אירע ברוינע האָר, ווי די וואסער אין טײַך, ווי דאָס קאָרן אין פעלד.

עסטער קלײַבט אויס די גרעסטע ראַמאשקע, האלט זי אין דער האנט און קוקט אף מיר.

פאַרוואָס קוקט זי אזוי לאנג און רירט ניט אָן די בלעטלעך פון דער ראַמאשקע?

— מיר זײַנען שוין גרויסע? — פרעגט עסטער.

— פאַרשטייט זיך, — זאָג איך.

— מיר זײַנען שוין קימאט דערוואקסענע, עמעס?

— פאַרשטייט זיך.

—ביידע צוזאמען זײַנען מיר שוין אלט דרײַ און דרײַסיק מיט א האלב יאָר...

— א סאך יאָרן, פאַרשטייט זיך. און מיר קאָנען זיי אפילע צונויפציילן, — גיב איך צו און פאַרמאַך דערבײַ די לינקע האנט.

— דיר געפעלט מינאסטאם ניט, וואָס איך בין אזא בלאסע.

איך ווער ניט אין קאַס און ענטפער עסטערן אזוי:

— איך וועל פאַרמאַכן די אויגן, און דו טו, וואָס עס ווילט זיך דיר.

איך מאַך קלוימערשט צו די אויגן, נאָר אין דער עמעסן קוק איך דורך די ווי‍ִעס.

איך זע, ווי עסטערקע בייגט זיך אײַן איבער דעם בלימל, וואָס זי האלט אין דער האנט, דערנאָך נעמט זי פאַרזיכטיק צופּן די בלעטלעך.

זי פליקט די בלעטלעך און שעפּטשעט עפּעס. איך הער ניט, וואָס זי שעפּטשעט, נאָר איך ווייס סײַווי, און זי פאַרשטייט מיסטאמע, אַז איך ווייס.

— יאָ — ניין, יאָ — ניין...

איך וואָלט געדאַרפט מוירע האָבן, אַז עס זאָל ניט אויספאַלן אַף „ניין".

זי, עסטער, האָט געוויס טאַקע מוירע. עס זײַנען שוין געבליבן ווייניק בלעטלעך, און זי פליקט זיי אלץ לאנגזאַמער און לאנגזאַמער.

זי — עפשער... פונוואַנען קאָן איך עס וויסן.

אָבער איך האָב ניט קיין מוירע.

זי קאָן נעמען ניט נאָר דאָס גרעסטע, זי קאָן נעמען אלע בלומען, וואָס פאַר א בלום זי וויל, און אלע וועלן זאָגן דאָס זעלבע.

יאָ, יאָ, יאָ, יאָ.

די בלומען קאָנען אנדערש ניט זאָגן.

די בלומען ווייסן.

— איזיע, — רופט מען מיך שטיל.

ס'איז דער טאַטע.

מײַן טאַטע, אווראָם ליפּמאַן.

סטאַם אזוי וואָלט ער מיר ניט שטערן. אַז ער רופט — דאַרף מען.

— איך גיי, — זאָג איך.

מיט קויעך רײַס איך זיך אָפּ פון מײַן בערווענע און גיי. מײַן גוף גייט פאָרויס, און מײַנע אויגן בלײַבן צוגעשמידט צום אָרט, ווו איך בין געזעסן. איך זע עסטערן. זי איז בלאַס, איר קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. אָבער ס'איז ניט וויכטיק. זי זיצט אין דער מיט, און אָרום איר — בלומען.

ווער האָט עס געזאָגט, אַז בלומען זײַנען פאַרבאָטן?

ווער קאָן עס פאַרבאָטן בלומען?

קאַפּיטל זעקס

פאַר דעם זיבעצעטן גאַנג

1

איצט איז זײַן שטים געווען שאַרף און די אויגן שטעכיק, ווי נאָדלען. עס האָט געדאַכט, אַז זיי קאָנען אַדורכדרינגען דורך די קליידער, דורך דער ברוסט, אַרײַנדרינגען אין סאַמע האַרצן אַרײַן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט געדאַרפט נעמען דאָס פּענדל.

— דו האָסט אַ מיידל?

איזיע האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט די האַנט, קעדיי מאַכן אַ גאַנג, נאָר די האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זי געמוזט צוריקציִען.

— איך האָב דערלאָזט אַ טאָעס, — האָט שאָגער פאַרגעזעצט, — ניין, כ׳מיין ניט דאָס פּענדל.

איזיע האָט געשוויגן.

— אויב דו ווייסט ניט, וועל איך דיר זאָגן, מײַנע טנאָים זײַנען געווען ניט געענוג דער־טראַכט. איך האָב געדאַרפט צוגעבן... אָט וואָס איך האָב באַדאַרפט צוגעבן: וואָס פאַר אַ גורל עס וועט דיר אויספאַלן, אַזאַ וועט אויך זײַן דער גורל פון דײַן מיידל. עמעס?

איזיע האָט ווידער אַ ציטער געטאָן. ס׳איז פאַרשוווּנדן דאָס שאָך־טישל, די ערד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע פיס, און פאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ כאַלעל, אַ שוואַרצער, אַ ניט דורכדרינגלעכער, אַן אומפאַרשטענדלעכער.

„דו האָסט אַ מיידל?“

— דײַן גאַנג, — האָט אַ מורמל געטאָן שאָגער.

„דו האָסט אַ מיידל? דו האָסט אַ מיידל?“

— דײַן גאַנג, — האָט איבערגעכאַזערט שאָגער.

איזיע האָט אויסגעצויגן די האַנט און זיך צוגערירט צו אַ פיגור. ער האָט דערפילט די געטאָקטע הילצערנע ליניעס, די געוווינטע גוט באַקאַנטע. אָבער דאָס מאָל זײַנען עס געווען ניט די ליניעס, ס׳איז געווען אַן אַנדער פיגור, ניט די, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט מאַכן אַ גאַנג.

נאָך ניט קוקנדיק אויף דער שאָך־ברעט, האָט ער זי געזען אויסערגעוויינלעך בוילעט. ס׳איז טאַקע געווען אַן אַנדער פיגור, אַן אַרומגערינגלטע פון אַלע זײַטן, מע האָט בעשום־אויפן זי ניט געטאָרט רירן פון אָרט.

2

— און איך האָב געבוירן אַ טאָכטער און איר אַ נאָמען געגעבן באַסיע, — האָט געזאָגט אווראָם ליפּמאַן.

3

אָוונט־צײַט, ווען אַלע קומען פון דער אַרבעט, טוט זיך באַסיע איבער און לאָזט זיך גיין איבער די גאַסן. זי טראָגט אַ העל־רויט בלוזקעלע מיט אַן אָפענעם האַלדז און אַ טונקל קליידל, אַ קורצס און אַ שמאָלס. זי טוט זיך אָן און גייט איבער די גאַסן פון געטאָ. פרויען קוקן אויף איר מיט קאַס, מיט פאַרוווּרף אָדער מיט קינע. אייניקע האָבן געשפּאַסט פון איר, אַנדערע האָבן זי באַוווּנדערט. ניט אַלע מענטשן קלערן אַלציינס, און קיינמאָל וועלן זיי אַלציינס ניט קלערן. באַסיע האָט געלעבט אַזוי, ווי איר האָט זיך געוואָלט, און ווער האָט געקאָנט זאָגן, צי איז דאָס ריכטיק צי ניט?

די פרויען פון געטאָ האָבן ניט געטאָרט פאַרבן די ליפּן, נאָר זי, באַסיע, האָט עס ניט באַדאַרפט. אירע ליפּן זײַנען געווען פון זיך רויט, ווי בלוט.

באַסיע איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

זי איז געגאַנגען פּאַוואָליע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. און געטראָגן מיט שטאָלץ איר מיידלשע ברוסט. זי פלעגט צונויפלייגן די הענט אויף דער פּלייצע, דערפון פלעגט דאָס אָפענע קאָפּטל זיך נאָך מער עפענען און אַנטבלויזן אַ ווײַסע, דאַכט זיך, פון קיינעם נאָך ניט באַרירטע, הויט. פאַרשטייט זיך, אין דער עמעסן איז עס געווען גאָר ניט אַזוי, נאָר באַסיעס געטאָקטע פיס

האָבן לײַכט געמאָסטן דעם וועג און דאָס געלע שטערנדל אף דער ברוסט האָט אויסגעזען ווי א צירונג.

אף דער גאנצער וועלט, אומעטום, ווו נאָר איר ווילט, אומעטום, ווו עס לעבן פרויען און מענער, קומען פאָר פארשיידענע זאכן. אלץ קומט פאָר. אז דער ביין־האשמאָשעס פלעגט זיך פארוואנדלען אין נאכט, האָט מען שוין באסיען אין די גאסן ניט געזען. זי פלעגט אהיים קומען שפעט אין דער נאכט. עפשער האָט מען זי באגלייט, זי איז געווען גליקלעך דערפון, וואָס עס איז אדורך נאָך איין פולבלוטיקער טאָג. און אף מאָרגן, ווען אלע פלעגן קומען פון דער ארבעט, פלעגט זי ווידער ארויס אף דער גאס, מיט איר רויטן בלוזקעלע, מיט אן אנטבלויזטן האלדז. זי האָט געשמייכלט מיט א קוים מערקבאר שמייכעלע.

אין די זעלבע אָוונטן פלעגט ארויסגיין פון דער שכיינעסדיקער שטוב רוווע, א שווארץ־האָריקער זיבעצניאָריקער באָכער. ער פלעגט גיין פאמעלעך — טראָט בא טראָט, צווישן אים און באסיען איז געווען צוואנציק שפאַן, ניט מער און ניט ווייניקער.

באסיע האָט געוווסט, אז רוווע גייט איר נאָך. פון אָנהייב האָט עס איר אויסגעזען מאָדנע, און זי האָט זיך א ביסל געשעמט, שפעטער האָט זי זיך צוגעוווינט.

ער איז געווען א יונגער, צו א יונגער יאט, און ס'איז ניט איר אייסעק, וואָס עס געפעלט אים איר נאָכצוגיין. דער מעהאלעך איז געווען שטענדיק דער זעלבער, צוואנציק שפאַן, ניט מער און ניט ווייניקער, און רוווע האָט ניט געשטערט באסיען. זי האָט געלעבט איר אייגן לעבן, ווי עס געפעלט איר. זי האָט געוואָלט, אז יעדער טאָג זאָל זײַן אן עכטער טאָג, ווײַל דאָס גאנצע לעבן, זאָל זײַן אפילע ניט מער ווי די פערציק ווײַבערשע יאָר, האָט מען געדארפט דורכלעבן פאר איין יאָר און עפשער פאר א האלב יאָר און עפשער פאר נאָך ווייניקער. און אז זי פלעגט זיך אמאָל אומקוקן, קעדיי צו זען רוווס פּאָנעם, האָט זי זײַן פּאָנעם ניט געזען, נאָר א צעפּאטלטן קאָפּ און ברייטע געדיכטע ברעמען איבערן גאנצן שטערן, אָן א שום דורכשײַן צווישן זיי. ס'האָט זי ניט געארט, וואָס רוווע גייט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט פארזונקענע אויגן. שפעטער, ווען דער ביין־האשמאָשעס פלעגט פארוואנדלט ווערן אין נאכט און באסיע פלעגט אוועקגיין ווײַטער, און שוין ניט אליין, פלעגט רוווע פארלאַנגזאַמען די טריט, אָפּשטיין און פארפאלן ווערן.

באסיע האָט געהאט גרינע אויגן און א ריַע פון א קאַץ.

ווען זי פלעגט שפעט זיך אומקערן אהיים, פלעגט זי זען, אז עמעצער שטייט באם ווינקל פון איר שטוב, נאָר צי איז עס געווען רוווע, האָט זי ניט געוווסט.

רוווע פלעגט פארפאלן ווערן אויך דאַן, ווען צו באסיען פלעגט קומען אין געטאָ דער פעלדפעבל האנס ראָזינג, ווען ער פלעגט זי ארײַנשלעפּן אין טויער און הייס נעמען מיט איר טײַנען, מישנדיק דײַטשישע, ליטווישע און יידישע ווערטער.

רוווע פלעגט אנטרינען, אָבער באסיע האָט געוווסט, אז ער איז דאָ ערגעץ נאָענט, אז ער הערט אלץ און ווארט; אז ס'איז גענוג נאָר א רוף טאָן, ווי ער וועט טייקעף אויסוואקסן.

די לעצטע צײַט פלעגט האנס זיך באווײַזן אלץ אָפטער און אלץ אײַנגעגעסענער זײַנען געוואָרן זײַנע פאָדערונגען. ער האָט פארגעסן, אז איצטער זײַנען אנדערע צײַטן, אז די געטאָ איז ניט די גימנאזיע, ווו זיי ביידע האָבן געלערנט, און אז האנס איז ניט קיין גימנאזיסט, נאָר א פעלדפעבל, וואָס דינט אין איינער אָן אָפּטיילונג פון אלפרעד ראָזענבערגס שטאַב.

אָט זײַנען זיי אויך היַינט ביידע ארויס שפּאַצירן איבער די גאסן, באסיע און רוווע. זיי זײַנען שוין געגאנגען איבער דער פערטער גאס, דער מעהאלעך צווישן זיי — צוואנציק טריט, ניט מער און ניט ווייניקער. דער ביין־האשמאָשעס איז געוואָרן געדיכטער, און עס האָט זיך אָנגערוקט די דורכזיכטיקע פינצטערניש פון דער זומער־נאכט.

באסיע האָט פארגיכערט די טריט, מע האָט אף איר געווארט, און עס איז שוין צײַט געווען.

— ווארט צו, — האָט זי דערהערט רוווס שטים. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט זייער זעלטן געהערט פון אים א ווארט, דערפאר האָט זי זיך איצט פארוווּנדערט.

— באסיע, — האָט ער געזאָגט, — אָט גייט האנס. עפשער ווילסטו זיך באהאלטן? ער זוכט דיך, דו ווייסט דאָך.

— האנס? — האָט זי איבערגעפרעגט. — איך וויל זיך ניט באהאלטן. מיר איז שטענדיק אָנגענעם זיך באגעגענען מיט אים. האָסט עס דען ניט באמערקט?

— גוט. ווי דו ווילסט, — האָט געענטפערט רוווע.

ער איז גלײַך נעלעם געוואָרן.

זי האָט זיך אומגעקוקט, נאָר ער איז שוין פארשוווּנדן. עס האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז זי האָט גערעדט מיט א מענטשן, וואָס איז דאָ גאָר ניט געווען.

זי האָט דערזען די ברוינע אוניפאָרם און דעם רויטן באנד אפן ארבל פון דעם פעלדפעבל האנס ראָזינג.

ער איז צוגעלאָפֿן, זי אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ האַנט און אַרײַנגעשלעפּט אין טויער. ער האָט שווער געאָטעמט און דערבײַ ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿון אירע רונדע באַקן.

— דו ביסט ווידער אױף דער גאַס, — האָט ער געזאָגט, סקריפּענדיק מיט די ציין.

— איך בין ווידער אױף דער גאַס, — האָט זי געענטפֿערט.

— יעדן טאָג... אַזוי...

ער האָט געפֿרעגט, געפֿרעגט נאַרישקייטן, כאָטש ער האָט געוווּסט, וואָס זי וועט ענטפֿערן.

— יעדן טאָג.

— איך האָב דיך געבעטן, איך האָב דיך אַזויפֿיל מאָל געבעטן, — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זײַן רויטער קאַרק, אַ באַוואַקסענער מיט ווייכע הערעלעך, האָט זיך אויסגעבויגן, ווי בײַ אַן אָקס, וואָס גרייט זיך אַ שפּרונג צו טאָן.

ער האָט גענומען איר לינקע האַנט.

ערשט איצט האָט זי דערפֿילט, אַז איר רעכטע האַנט איז די גאַנצע צײַט אין זײַן האַנט. און האָט צוגענומען ביידע הענט.

— לאָז אָפּ, — האָט זי שטיל געזאָגט, אַז רוווע זאָל ניט דערהערן.

— גוט, דאָס איז אַלץ בלאָטע, — האָט ער געזאָגט, — איך בין געקומען ניט צוליב דעם. איך וואַרף דיר קיין זאַך ניט פֿאָר און וועל קיינמאָל גאָרנישט ניט פֿאָרוואַרפֿן. דו דאַרפֿסט פֿאַרשטיין, אַז מיר איז שווער. דו טוסט אַזוי... יעדן טאָג. און איך האָב ניט קיין רעכט אַפֿילו אָנרירן דײַן האַנט.

באַסיע האָט געשמייכלט מיט איר געוויינלעכן לויטערן שפּאָטישן שמייכל און געקוקט אים, האַנסן, גלײַך אין די אויגן אַרײַן. זי האָט זייער ליב געהאַט אַזוי צו קוקן אין זײַנע ברייט־צעעפֿנטע אויגן, אין וועלכע עס האָבן געפֿינקלט פּײַכטע פֿײַערלעך.

— קוק ניט אַזוי אױף מיר, — האָט מיט קאַס געזאָגט האַנס, — ווען דו קוקסט אַזוי אױף מיר, קאָן איך דיך דערהאַרגענען. דו הער בעסער אויס, וואָס איך וויל דיר זאָגן.

— גוט, איך הער און וועל אױף דיר ניט קוקן.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געקוקט אונטער די פֿיס אױף די שטיינער פֿון ברוק, ניט קיין גלײַכע, הויקערדיקע, אָפּגעריבענע.

„זיי ליגן שוין לאַנג אַזוי איינער לעבן צווייטן, האַרטע, ווי שטיינער. און וועלן נאָך לאַנג, לאַנג אַזוי ליגן, צענדליקער יאָרן. און עפּשער הונדערטער. מע טרעט אױף זיי, פֿערד קלאַפּן אױף זיי מיט זייערע טלאָען. זייער לעבן דויערט, ווי די צײַט, ווי דאָס לעבן אַליין. און זיי ליגן אַזוי, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, רירן זיך ניט פֿון אָרט, האַרטע, ווי שטיינער. און נאָר דער מענטש דער שטיינהעקער, דער מענטש מיט זײַנע אײַזערנע מוסקולן און מיט זײַן גרויסן האַמער קאָן זיי צעהאַקן, צעשפּאַלטן, אָבער ניט צעמאָלן, נאָר צעשפּאַלטן זיי. און אָט די האַלבע געשפּאָלטענע שטיינער וועלן ווידער ליגן, איינער צוגעטוליעט צום אַנדערן, און וועלן לאַנג לעבן, לאַנג, ווי דאָס לעבן אַליין, און וועלן זײַן האַרט, האַרט, ווי שטיינער“.

באַסיע האָט געטראַכט וועגן שטיינער. פֿאַרוואָס עפּעס וועגן שטיינער? דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען געלעגן אונטער אירע פֿיס? ווײַל זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד? זי האָט אַליין ניט געוווּסט, פֿאַרוואָס זי טראַכט וועגן שטיינער.

האַנס האָט גערעדט, געמאַכט מיט די הענט. ער האָט לאַנג גערעדט. נאָר באַסיע האָט געהערט בלויז באַזונדערע ווערטער און ס'איז איר געווען אַלציינס, וואָס ער רעדט און וואָס זי וועט אים ענטפֿערן. זי האָט געקאָנט ענטפֿערן אױף איינער און דער זעלבער פֿראַגע אי יאָ, אי ניין.

זי האָט געהערט באַזונדערע ווערטער:

— מײַן פֿאָטער איז דאָך... ער איז מאַסקים, ער איז ניט קעגן... מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט מיט דער באַלעבאָסטע... זי וועט דיך באַהאַלטן אין קליינעם צימערל... עס האָט צוויי אַרויסגאַנגען... קיין הונט וועט דיך ניט געפֿינען... איך וועל קומען יעדן אָוונט... ס'וועט שפּילן די ראַדיאָ... וואָס נאָר דו ווילסט וועלן... דײַנע געלע לאַטעס וועל איך פֿאַרברענען, דו ווילסט פֿאַרגעסן, אַז זיי זײַנען ווען־עס־איז געווען... מײַן פֿאָטער האָט זיך צונויפֿגערעדט... דײַנע דאָקומענטן וועלן זײַן ריינע, מיט עמעסע שטעמפּלען... אין אַ כוידעש אַרום וועט מען מיך שיקן קיין איטאַליע... מירן לעבן אין רוים, דערנאָך אין ווענעציע... אין איטאַליע וועסטו זיך ניט דאַרפֿן באַהאַלטן... דו וועסט אַלץ פֿאַרגעסן... פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו ניט?

— גוט, — האָט געזאָגט באַסיע, — יאָ...

— דו וועסט זײַן אַן איטאַליענערן... דײַן פּאַס וועט זײַן אַן איטאַליענישער... מירן אויסקלײַבן פֿאַר דיר דעם שענסטן איטאַליענישן נאָמען... אין רוים וועסטו זיך ניט דאַרפֿן באַהאַלטן, און מיר וועלן כאַסענע האָבן...

— יאָ, — האָט געזאָגט באַסיע.

ער האָט גענומען ביידע אירע הענט און האָט זיי שטאַרק געדריקט מיט זײַנע הייסע פינ־גער, זי האָט עס אָבער ניט געפילט, ווײַל זי האָט געטראַכט וועגן שטיינער.

— איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט ניט דערווידערן, — האָט געזאָגט האַנס, — איך האָב ניט געצווייפלט. הײַנט דאַרף מען נאָך ברענגען אין אָרדענונג דײַן צימער. אָבער מאָרגן וועל איך קומען אַהער און דיך אַרויספירן פון געטאָ. דו הערסט?

— איך הער.

— מאָרגן זאָלסטו דאָ וואַרטן אויף מיר, צען אַזייגער אין אָוונט, אָט דאָ, באַם טויער. דו הערסט?

— איך הער.

— באַסיע...

איצטער האָט זי דערפילט, אַז אירע הענט ליגן אין זײַנע הענט, און האָט זיי צוגענומען. זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטאָן מיט איר שטענדיקן שפּאָטישן שמייכל און אַ קוק געטאָן אים גלײַך אין די אויגן. זי האָט ליב געהאַט אַזוי צו שמייכלען און קוקן אין זײַנע ברייט צעעפנטע אויגן, אין וועלכע עס האָבן געפינטלט פײַכטע פײַערלעך.

זי האָט מיט אַ שאַרפן בליק אינגאַנצן אים דורכגענומען, דעם גאַנצן האַנס ראָזינג. זײַן ברוינע אוניפאָרם איז געווען זויבער, פאַרפרעסט יעדעס פעלדעלע באַזונדער ביז די שטיוול, די הויכע גלאַנציקע שטיוול, וואָס סקריפּען אונטער באַ יעדן טראַט, ביז דעם אויסגעבויגענעם היטל, וואָס זיצט אויף אַן אָרט, קיין מילימעטער העכער, קיין מילימעטער נידעריקער. די ברוינע אוני־פאָרם איז געלעגן אויף האַנס קערפּער אַזוי, ווי ער וואָלט אין איר אויסגעוואַקסן, דער פעלדפעבל פון ראָזענבערגס שטאַב. גיט אים אַ טריבונע. ער האָט איצט געדאַרפט נאָר אַ טריבונע, קעדיי דער דאָזיקער פעלדפעבל פון ראָזענבערגס שטאַב זאָל קאָנען אַרופגיין אויף איר, סקריפּענדיק איבער די טרעפּ מיט די נײַע שטיוול, זיך אויסדרייען צום פובליקום, אויסשטרעקן די רעכטע האַנט מיטן רויטן באַנד און אויסשרײַען:

„מײַנע דאַמען און הערן! פאָלקסגענאָסן! איר ווייסט, ווער עס זײַנען אַזוינס די יודן? די יודן זײַנען אונדזערע גרעסטע פײַנט! מײַנע דאַמען און הערן! פאָלקסגענאָסן!..“

זי האָט נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטאָן און אַרײַנגעקוקט מיט איר לויטערן בליק אין זײַנע אויגן.

— באַסיע, — האָט ער געבעטן, — קוק ניט אַזוי אויף מיר, אַז דו קוקסט אַזוי אויף מיר...

— איך פריי זיך, האַנס, — האָט זי געזאָגט, — ווייסט, האַנס, איך בין צופרידן און פריי זיך זייער.

— פאַרשטייט זיך.

— וואַרט צו, האַנס, — האָט זי געזאָגט, — דו ווייסט, פאַרוואָס איך פריי זיך? איך פריי זיך און בין זייער צופרידן, וואָס ניט דו ביסט געווען דער ערשטער מאַנצבאַל, וועלכן איך האָב דערקענט. כאָטש עס האָט געקאָנט זײַן אַזוי, עמעס? און דו וועסט קיינמאָל ניט קאָנען זײַן דער מאַנצבאַל, וועמען איך וואָלט געקאָנט פילן. פאַרשטייסט, האַנס?

דער קאַרק פון דעם פעלדפעבל האַנס ראָזינג האָט זיך אָנגעגאָסן, און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן באַסיען איבער דעם פּאָנעם.

— הור! — האָט ער אויסגעשרִיען. — יִדישע קורווע! דו... דו... דו וואַגסט נאָך... — און האָט איר אַראָפּגעלאָזט נאָך אַ פּאַטש, מיט דער אַנדערער האַנט.

— טשעפּע זיך אָפּ, אַוועק פונדאַנען! — האָט באַסיע שטאָלץ אופגעהויבן דעם קאָפּ.

זי האָט דערפילט, אַז דאָ שטייט נאָך עמעצער, אַ דריטער.

— דו הור... ווייסט דאָך אַליין, אַז דו ביסט אַ הור... — האָט האַנס ראָזינג געשיפּעט, פאַרמעסטנדיק זיך נאָכאַמאָל אַ פּאַטש טאָן באַסיען אין פּאָנעם.

— טשעפּע זיך אָפּ! פאַרנעם זיך פונדאַנען! — איז רווע אויסגעוואַקסן לעבן פעלדפעבל. — האָסט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט, אָדער ניט?

— ווער ביסטו עס? זי שלאָפט מיט דיר? אָט די שיינהײַט מיט די גרינע אויגן? איאָ?

רווע האָט זיך אײַנגעבויגן, אויסגעשטרעקט די פויסטן און גענומען זיך דערנעענטערן צו האַנסן. ער האָט זיך געררוקט פאָרויס און גערעדט שטיל, דײַטלעך, אַז האַנס זאָל אים פאַרשטיין:

— טראָג זיך אָפּ פונדאַנען, האַנס ראָזינג, און כאַפּ זיך ניט צו דער קאָבורע, האַנס ראָזינג. אויב ניט, וועל איך אַ פײַף טאָן, וועלן מײַנע כאַווײרים מאַכן פון דיר אַ לעמעשקע.

האַנס האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון דער קאָבורע און איז הינטערוויײַלעכס אַרויס פונעם טויער. אַפן טראָטואַר האָט ער זיך געלאָזט לויפן. ער איז אַזוי געלאָפן ביז צו דעם גרויסן טויער פון געטאָ און נאָכדעם עפּשער גענומען שפּאַנען.

רוווע האָט אויך געוואָלט אוועקגיין. זיי זײַנען געווען צו נאָענט איינער פון צווייטן. דער מעהאלעך איז דאָך באוווסט — צוואנציק שפאן, ניט מער און ניט ווייניקער.

— וואַרט צו, — האָט געזאָגט באסיע און אים געגומען פאַר א האַנט.

זײַן האַנט איז נאָך געווען צונויפגעבײַלט אין א פויסט, און באסיע האָט זיך פארוווּנדערט, וואָס ער, אזא יונגער, נאָך גאָר א יונגער באָכער, ניט מער פון זיבעצן יאָר, האָט אזא גרויסן, הארטן פויסט.

— דו ארבעטסט מיט אלעמען, יאָ?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט, — איך ארבעט מיט אלעמען.

— וואָס טוסטו? — האָט זי געפרעגט. — ביסט א באַלמעלאָכע?

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — איך שפאַלט שטיינער.

איצטער האָט זי פארשטאַנען, פארוואָס איז זײַן פּאַנעם גרוי, — אין דער הויט האָט זיך אײַנגעזאַפּט דער שטויב פון די שטיינער. זי האָט א גלעט געטאָן זײַן גרויסן, פארגרעבטן, הארטן פויסט און א קוק געטאָן אונטער די פיס, אהין, ווו עס זײַנען געלעגן שטיינער, צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, א שטיין צו א שטיין. זי האָט זיך דערמאָנט, אז ערשט ניט לאַנג האָט זי געטראַכט וועגן שטיינער און וועגן הענט, וואָס שפאַלטן די דאָזיקע שטיינער. עס איז איר געווען מאָדנע, וואָס ער, רוווע, אזא יונגער, שפאַלט זיי און וואָס די דאָזיקע שטיינער, אפילו צעשפּאָל־טענע, וועלן ליגן הונדערטער יאָרן, און אים, וועלכער שפאַלט די שטיינער, קאָן מען מאָרגן צונעמען, אָדער אפילו הײַנט, פארבינדן אים די הענט אפּן רוקן, ארײַנוואַרפן אין א שוואַרצן לאַסט־אויטאָמאָביל און אוועקפירן קיין פּאַנאַר. אוועקפירן אָט די זיבעצן יאָר זײַנע, וואָס האָבן נאָך ניט געוווּסט פון קיין פרוי און ניט געפילט דעם ציטער פון באַרירן זי.

— רוווע, — האָט זי געזאָגט, — קום. דו ווילסט גיין מיט מיר?

ער האָט געקוקט אָף איר פארוווּנדערט, און זײַנע געדיכטע צונויפגעוואַקסענע ברעמען האָבן זיך אופגעהויבן העכער אפּן שטערן.

— איך גיי דאָך שטענדיק מיט דיר, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, — האָט א שמייכל געטאָן באסיע, — איך וויל הײַנט מער אין ערגעץ ניט גיין. איך וועל ניט גיין אהין, ווו איך האָב געדאַרפט. פארשטייסט?

ער האָט געשוויגן.

זי האָט געפירט רוווען פאַר דער האַנט. זי איז געגאַנגען פאָרויס, ער — א ביסל אהינטער. ער האָט ניט געזען דעם וועג, ניט געוווּסט, וווהין ער גייט. ער האָט געקוקט אָף איר, און אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָס ערשטע מאָל זעט ער אזוי נאָענט באסיעס פיס, וואָס פּרוזשינעווען בא יעדן טראָט אירן. איר לאַנגן און וואַרעמען האלדז, אירע גרינע, מאָדנע שטראַלנדיקע אויגן און אירע רויטע, שטאַרק רויטע ליפּן. זי האָט אָפּט זיך אויסגעקערעוועט צו אים, און ער האָט געטראַכט, אז עס וואָלט גוט געווען צו קויפן פאַר איר עפּעס א טײַערע, פינקלענדיקע, שימע־רירנדיקע מאַטאַנע און איר אָנטאָן אָף דער ברוסט אָנשטאָט דער פארהאַסטער געלער לאַטע.

— קום גיכער, — האָט געזאָגט באסיע, — עס קאָן נאָך עמעצער אונדז דערזען.

— לאָז מען זען, — האָט ער געענטפערט, — וואָס האָסטו מוירע?

— איך האָב ניט קיין מוירע, — האָט באסיע א שמייכל געטאָן, — וואָס האָב איך מוירע צו האָבן. עפּשער ווילסטו ניט גיין מיט מיר, איך בין שוין אַן אלטע און דו ביסט נאָך אזוי יונג.

— דו ביסט אלט צוואַנציק יאָר.

— ניין, ניין, מיר איז שוין דרײַסיק און עפּשער גאַנצע פינף און דרײַסיק. דו האָסט ניט געוווּסט, אז איך בין שוין אזא אלטע?

— סײַווי ביסטו אלט צוואַנציק. ניט וויכטיק. סײַווי צוואַנציק.

זי האָט ווידער געשמייכלט און א בליק געטאָן מיט אירע קעצישע אויגן.

— איך געפעל דיר? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, זייער, — האָט געענטפערט רוווע.

— ס'איז שוין ניט ווײַט, — האָט געזאָגט באסיע, — דיר איז באַקענט די שטוב?

— ניין.

— דאָרט פון אונטן איז פאַראַן א ווינקעלע. אהין קומט קיינער ניט. נאָר איך זיץ דאָרט אמאָל. ווען עס ווילט זיך מיר זײַן אליין, קום איך אהער.

זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט מיט פינף אויסגעקרימטע טרעפּלעך, א שטופּ געטאָן א סקריפּענדיקע טיר.

— פאַל ניט, — האָט געזאָגט באסיע, — און לאָז ניט ארויס מײַן האַנט.

רוווע האָט געשוויגן.

— אָט דאָרט אין ווינקל, לעבן פענצטער, זעסט? דאָרט שטייט א באַנק. מײַן באַנק. קום אַהער. זעץ זיך.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט איינער לעבן אַנדערן און געשוויגן.

— דיר געפעלט אַזוי צו זיצן?

— זייער.

— איך זאָג דיר דאָך, אַהער קומט קיינער ניט.

— איך ווייס, — האָט ער געזאָגט, — דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט?

— פאַרשטייסט? — האָט זי געפרעגט. — טאָ פאַרוואָס זיצסטו אַזוי?

— איך ווייס ניט.

— דו האָסט מיך ליב, רוווע?

— יאָ, כ'האָב דיך ליב.

— ריר זיך אָן אין מיר. פאַרוואָס רירסטו מיך ניט אָן?

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, און ער האָט ניט געשיקט אַרומגענומען אירע אַקסלען. ער האָט דערפילט איר וואַרעמען האַלדז און מוירע געהאַט זיך א ריר צו טאָן. ער האָט פאַרזיכטיק אָנגערירט דאָס געלע מאָגן־דאָווידל, און ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט עס אַראָפּרײַסן, קעדיי אַף דעם אָרט צושפּיליען זײַן מאַטאַנע, וואָס ער האָט ניט.

זי האָט זיך אַליין אויסגעדרייט צו אים, פּעסט אַרומגענומען זײַן האַלדז און א קוש געטאָן אים אין די ליפּן. ער האָט דערפילט די זיסקײַט פון אירע ליפּן און געקוקט איר אין די גרינע אויגן, גרינע, ווי בא א קאַץ.

נעם מיך אַרום שטאַרקער, — האָט זי געזאָגט.

— איך וויל ניט, — האָט ער געענטפערט און צוגענומען די האַנט.

— דו האָסט מיך ניט ליב?

— כ'האָב דיך ליב...

— איז פאַרוואָס...

— דאָס דאַרף מען ניט! — האָט ער געענטפערט.

— מע דאַרף ניט?!

— ניין, מע דאַרף ניט.

— אָבער מער קאָן איך דיר קיין זאַך ניט געבן. מער האָב איך ניט.

— ניט וויכטיק. סײַווי דאַרף מען ניט.

דעמלט האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט די הענט איר קאָפּ, אים אָנגעבויגן ביז צו די קני און אָנגעהויבן וויינען.

ער האָט זיך צוגערוקט צו איר, אַרומגענומען אירע ציטערנדיקע אַקסלען, געגלעט איר די האָר.

ער האָט געשוויגן און נאָר פון צײַט צו צײַט איבערגעכאַזערט איינע און די זעלבע פראַזע:

— וויין ניט, באַסיע. מע דאַרף ניט וויינען. מע דאַרף קיינמאָל ניט וויינען.

קאַפּיטל זיבן

זיבעצעטער גאַנג

1

— גיכער, גיכער, — האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט שאַגער. נאָר איזיע האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן.

די האַנט האָט זיך אַליין צוריקגעצויגן פון דער פיגור, וואָס מע האָט זי ניט געטאָרט אָנרירן. איזיע האָט זי געררוקט פאָרויס, נאָר די האַנט האָט זיך אַליין צוריקגעצויגן.

שאַגער האָט א שמייכל געטאָן:

— האָסט אָנגערירט, איז גיי.

„יאָ", — האָט א טראַכט געטאָן איזיע און האָט אָפּגעגעבן די פיגור, וואָס מ'האָט ניט געטאָרט טשעפּען.

„אויב איך וועל מאַכן נאָך אַזא טאָעס, וועל איך אין דער עמעסן זיך מוזן אונטערגעבן. איך וועל לעבן בלײַבן אַדאַנק א טאָעס... קאָמיש".

שאָגער איז געווען צופֿרידן, ער האָט געשמייכלט.

— דו ערגערסט זיך? — האָט ער געפֿרעגט, — דאַרפֿסט זיך ניט ערגערן, אַלץ גייט הײַנט ווי עס דאַרף צו זײַן, דו ביסט אַליין שולדיק, וואָס דו האָסט מיך אויסגעלערנט אַזוי גוט שפּילן אין שאָך. עס מוז דאָך קומען דער טאָג, ווען איך וועל געווינען. דער דאָזיקער טאָג איז הײַנט. ניכטס צו מאַכן.

„איך וויל די גאַנצע צײַט מאַכן רעמי... איך האָב צו פֿרי אָנגעהויבן קלערן וועגן רעמי. צוערשט דאַרף מען זיך סטאַרען געווינען, דערנאָך ערשט טראַכטן וועגן רעמי. הײַנט מוז איך אויך זיך סטאַרען געווינען, און דאַן... איך דאַרף אין אַלץ פֿאַרגעסן... ניטאָ קיין וועלט, ניטאָ קיין מענטשן, עס זײַנען דאָ נאָר שאָך־פֿיגורן, שאָגער, און איך מוז זיך סטאַרען געווינען...“

2

מיר גייען ווידער פֿון דער אַרבעט. דער וועג איז אַ ווײַטער, און עס איז שווער צו גיין. אין דער פֿרי איז גאָר אַן אַנדער זאַך. דער וועג איז דער זעלבער, נאָר גיין איז אַ סאַך לײַכטער.

די, וואָס זײַנען אין דער ערשטער ריי, סטאַרען זיך גיין לאַנגזאַמער. אָפֿט גיט זיך זיי עס אײַן, נאָר ניט שטענדיק. די וואַכלײַט אײַלן זיך אַהיים און ווילן, מיר זאָלן זיך אויך אײַלן. זיי ווייסן ניט, אַז אין דער פֿרי איז אַ סאַך לײַכטער, ווי אין אָוונט.

ווען מע גייט אין אָוונט פֿון דער אַרבעט, דאַרף מען קלערן, די גאַנצע צײַט קלערן. ניט וועגן דער אַרבעט, ניט וועגן עסן, ניט וועגן די ברידער און שוועסטער, נאָר וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן וואָס דו ווילסט, דאַן פֿאַרגעסטו אין דעם וועג, אין דער מידקײַט און אין אַלע איבעריקע שלעק אַף דער וועלט.

איך קלער וועגן עסטערן און יאַנעקן.

הײַנט שטערט מיר דער רויטער. ער האָט אַן אַנדער נאָמען, נאָר אַלע רופֿן אים דער רויטער. ער איז טאַקע אין דער עמעסן אַ רויטער. די האָר ווי פֿײַער, דאָס פּאָנעם ווי אַ פּאָן, און די סטאַרטשענדיקע אויערן לויכטן זיך דורך. ער איז הויך, ווי אַ סלופּ, מיט אַ צוויי קעפּ העכער פֿון מיר. ער גייט פֿאַר מיר, אַלע ווײַלע דרייט ער זיך אויס און באַקוקט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. מיר גייען ווײַטער. אין אַ ווײַלע אַרום דרייט ער זיך ווידער אויס און קוקט.

דער רויטער רעדט זייער זעלטן מיט מיר. זעלטן ווען טוט ער אַ שפּאַס מיט מיר. ער איז טאַקע אין דער עמעסן זייער אַ קאָמישער. אַז ער עפֿנט דאָס מויל, בלאָזט אָן די ליפּן, לייגט צו די הענט צו די סטאַרטשענדיקע אויערן און הייבט אָן בילן, קאָן מען אויסגיין פֿון געלעכטער. אַ הונט, נו, אַן עמעסער הונט. אַ רויטער קלאָון, און פֿאַרטיק.

נאָר איך קאָן ניט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ער ראַטשעט די אויגן אַף מיר.

— לאָז צורו, רויטער, — זאָג איך אים קלאַנגלאָז, בלויז מיט די ליפּן.

ער פֿאַרשטייט, מאַכט אַ הינטישע מינע און קערט זיך אָפּ.

— זײַ ניט אין קאַס, — זאָגט יאַנעק.

דאָס איז געווען נעכטן.

— זײַ ניט אין קאַס, — זאָגט יאַנעק, — וואָס איך שטער דיר און עסטערקען. איך ווייס, איר ווילט אַליין זיצן אין הויף, און איך קום, זעץ זיך אַף דער בערווענע און שטער אײַך.

— וואָס טראַכסטו אויס, — זאָג איך יאַנעקן, — צוליב וואָס דאַרפֿסטו דאָס?

— איך טראַכט ניט אויס. נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַגראָבן מייקען אין געטאָ, קאָן איך זיך קיין אָרט ניט געפֿינען. דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך גוטע יאַטן, דו ביסט אויך מײַן כאַווער. אָבער, זײַ מיר מויכל, אַפֿילע דו קאָנסט אויך ניט פֿאַרבײַטן מייקען. די גאַנצע צײַט פֿעלט ער מיר. עסטערקע דערמאָנט מיר שטענדיק מייקען, זיי זײַנען געווען זייער ענלעך. דער כילעק איז נאָר, וואָס זי איז אַ מיידל און ער אַ באָכער. עסטערקען זע איך ניט דעם גאַנצן טאָג, דערפֿאַר קום איך, זעץ זיך אַף דער בערווענע און קוק אַף איר.

— דו שטערסט אונדז ניט, אַדראַבע...

— איך ווייס, וואָס איך רייד. איך וויל נאָר, איר זאָלט ניט זײַן באַרויגעז. ווײַל איך וועל סײַווי קומען.

ער פֿאַרשטייט ניט, צי ער וויל ניט פֿאַרשטיין, אַז אונדז איז נאָך בעסער, ווען ער זיצט דאָ. מיר שעמען זיך ניט און קאָנען ריידן, וועגן וואָס מיר ווילן. מיר וואַרטן, אַז יאַנעק זאָל אויך אַרײַנשטעלן אַ וואָרט.

איך ווייס ניט, וויאזוי זאָל איך עס דערקלערן יאַנעקן.

אויב ער האָט זיך עס אַרײַנגענומען אין קאָפּ, וועט קיין שום דערקלערונג ניט העלפן.

— ווען מייקע וואָלט געלעבט, — זאָגט יאַנעק, — וואָלט ער עפּעס צוגעטראַכט. מיר וואָלטן ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, ניט געקוקט איינער אויף אַנדערן. מיר וואָלטן שוין געוווּסט, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

מיך שטעכן די דאָזיקע ווערטער.

— זײַ ניט אין כּעס, — זאָגט יאַנעק, — דו ביסט אַ גוטער יאַט און אַ גוטער כאַווער, אָבער מייקע פעלט מיר פּאָרט.

איך וואָלט זייער געוואָלט, עס זאָל קומען אַזאַ צײַט, ווען יאַנעק וועט מיך אַרומנעמען און אַ שעפּטשע טאָן אין אויער:

— ביסט פּונקט ווי מייקע...

וואָס דאַרף מען טאָן, אַז עס זאָל אַזוי טאַקע זײַן?

הײַנט אין אָוונט וועל איך אים דערציילן וועגן מײַן כאַווער כאַיִם. איך וועל זאָגן, אַז איך וואָלט אויך געקאָנט טאָן דאָס, וואָס כאַיִם האָט געטאָן. ס'וועט, פאַרשטייט זיך, זײַן אַ ליגן. נאָר יאַנעק וועט עפּשער גלייבן און דאַן... איך וויל ניט זאָגן קיין ליגן, אָבער יאַנעקן איז זייער שווער, ער קאָן ניט אויסקומען אָן מייקען.

הײַנט אין אָוונט וועל איך אים אומבאַדינגט דערציילן וועגן כאַיִמען.

כאַיִם איז עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. ער איז אַ געזעצטער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַן אָדלער־נאָז. ער שטייט מיר שטענדיק, ווי אַ לעבעדיקער, פאַר די אויגן.

כאַיִם האָט ניט ליב קיין רויִק לעבן. אומעטום מוז ער זײַן דער ערשטער: אויב געלאַכט, איז העכער פון אַלעמען, אויב זיך געשלאָגן, איז ביז בלוט. ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ, אַז מע דאַרף אופרײַסן די געסטאַפּאָ. מע האָט אים געזאָגט, אַז עס וועט געמאַכט ווערן. אָבער מע דאַרף דאָס באַטראַכטן, זיך גוט צוגרייטן און טאָן עס ניט אַליין. געפינען דעם פּאַסיקן מאָ־מענט. נאָר כאַיִם האָט געלאַכט.

— וואַרטן, — האָט ער געזאָגט, — אַ שיינעם דאַנק אײַך. איך האָב שוין גענוג געוואַרט. אַ גאַנץ לעבן וואַרט איך נאָר. מיר איז שוין נימעס געוואָרן דאָס וואַרטן.

איינמאָל, ווען מיר האָבן געאַרבעט אין די געווער־סקלאַדן הינטער דער שטאָט, איז אָנגע־קומען אַ נײַער עשעלאָן מיט געווער. כאַיִם האָט זיך צוגעגאַנוועט צום לעצטן וואַגאָן, אָפּגעביסן די פּלאָמבע און איז אַרײַן אינווייניק. אַרויסגעקומען איז ער פון דאָרטן אַן אָנגעשוואָלענער — אונטערן אָנטאָן האָט ער באַהאַלטן פּעקלעך מיט טאָל. אים האָט זיך געדוכט, אַז קיינער האָט אים ניט באַמערקט, און ער האָט שוין געוואָלט אופהענגען די פּלאָמבע אויף פריִערדיקן אָרט.

נאָר מע האָט אים באַמערקט. די דײַטשן האָבן אים אָנגעהויבן אַרומרינגלען. צו שפּעט האָט ער זיי דערזען, די דײַטשן, און זיך געלאָזט לויפן צום פעלד. ער איז געשפּרונגען איבער רעלסן, איבער בערגלעך און אַרויס אין הוילן פעלד.

דעמלט האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן שיסן און געטראָפן אין אים.

ער איז ניט געווען טויט, כאַיִם.

זיי האָבן אים גענומען אַ לעבעדיקן און אָפּגעפירט אין טורמע־שפּיטאָל. שאַגער פלעגט יעדן טאָג קומען צו כאַיִמען. די בעסטע דאָקטוירים האָבן זיך באַמיט, ער זאָל געזונט ווערן, און ער איז טאַקע געזונט געוואָרן. שאַגער האָט געגלעט זײַנע פײַכטע האָר און געבעטן נאָר איין זאַך:

— זאָג, כאַיִם, וועמען האָסטו געטראָגן דעם טאָל?

כאַיִם האָט געשוויגן און געשוויגן.

שאַגער איז געווען געדולדיק, ער איז געקומען צו אים יעדן טאָג.

— זאָג, כאַיִם, וועמען דו האָסט עס געטראָגן, און דו וועסט גיין צוריק אין געטאָ.

איינמאָל האָט כאַיִם ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט:

— פאַר אײַך האָב איך געטראָגן. שוין זשע זײַט איר אַזוי נאַריש און פאַרשטייט עס ניט? ווען איך זאָל זיך אומקערן צוריק אין געטאָ, וואָלט איך ווידער געטראָגן און ווידער פאַר אײַך. אונדזערע דערנענטערן זיך, שאַגער... איך וואָלט אײַך אַלעמען אופגעריסן, קעדיי אונדזערע זאָלן קומען נאָך גיכער. מיר וועלן צעברעכן די צוימען פון דער געטאָ, און דיך וועלן מיר אופ־הענגען אויפן טויער, אויפן העכסטן סלופּ.

דאָס אַלץ האָט אונדז דערציילט די קראַנקן־שוועסטער, אַ ליטווישע, נעכטן איז זי געווען אין שפּיטאָל פון דער געטאָ.

יאָ, הײַנט אין אָוונט וועל איך אומבאַדינגט דערציילן יאַנעקן וועגן כאַזימען. איך וועל זאָגן א ליגן, אַז איך וואָלט אויך געקאָנט אַזוינס טאָן. יאַנעק מוז מיר גלייבן, ווײַל אים איז זייער שווער, וואָס ער קאָן ביז איצט ניט געפינען זײַן כאַווער.

איך וויל, אַז יאַנעק זאָל געפינען זײַן כאַווער.

דער רויטער שטערט מיר ווידער. אַלע ווײַלע דרייט ער זיך אויס און באַקוקט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. וואָס וויל ער, דער רויטער, קאָן איך ניט פאַרשטיין. ער רעדט מיט מיר זייער זעלטן, ער טוט נאָר אַמאָל א שפּאַס. פון זינט מיר האָבן געבראַכט אין געטאָ די בלומען, טשעפּעט ער זיך צו מיר. וואָס וויל ער?

איך קלער וועגן עסטערן.

ווי נאָר איך וועל קומען אַהיים, וועל איך זיך אַרומוואַשן, אָנטאָן דאָס גוטע בלויע העמדל און אַוועקלויפן צו דער גרויסער שטיינערנער שוועל. אַז מע זיצט אויף דער דאָזיקער שוועל, הערט מען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין שטוב, דעם מינדסטן שאָרך: זאָל א קלאַפּ טאָן א טיר, א סקריפּע טאָן א הילצערן טרעפּל, א טראָט טאָן א פוס.

מירן גיין צו אונדז אין הויף.

אינעם גרויסן קעסטל, וואָס שטייט דאָרט אין הויף, האָבן מיר אָנגעשאָטן ערד און זי באַגאָסן מיט וואַסער. עסטער האָט גענומען א זשמעניע ראָמאַשקעס און זיי אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד, און ס'איז אויסגעוואַקסן אין קעסטל א שיינע בלומען-בייט, בלומען מיט ווײַסע קעפּלעך און געלע שפּרענקעלעך. שוין זשע מיינט עסטער, אַז אַפּגעריסענע ראָמאַשקעס קאָנען זיך אָנעמען אויף דער ערד... איך האָב איר גאָרניט געזאָגט, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז מאָרגן, ווען מיר וועלן קומען, וועלן אַלע בלומען זײַן פאַרוועלקט.

איך האָב ניט געקאָנט דערוויידערן עסטערקען. זי האָט דאָך געוואָלט אויסהאָדעווען א בייט. אפילו דעמלט, ווען די ראָמאַשקעס וועלן פאַרוועלקט ווערן, קאָן מען נאָך אַלציינס פּליקן פון זיי די בלעטלעך. יאָ — ניין, יאָ — ניין, יאָ.

אַלע בלומען דאַרפן זאָגן איינס און דאָס זעלבע וואָרט.

אַנדערש קאָן עס ניט זײַן.

דער רויטער קוקט אויף מיר.

איצט שטערט עס מיר ניט. מיר זײַנען שוין אין געטאָ, נאָרוואָס זײַנען מיר דורך דעם טויער. אָט לויף איך צו אַהיים זיך אַרומוואַשן, אָנטאָן דאָס בלויע העמדל און וועל אַוועק צו דער שטיינערנער שוועל.

— איזיע, — טוט מיך שטיל א רוף דער רויטער און נעמט מיך אָן פעסט פאַר א האַנט. — קום, — זאָגט ער.

ער רעדט געהיימניספול, און איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס פאַרא אַסאַקים דער רויטער קאָן האָבן מיט מיר. ער איז אויף א סאַך עלטער, און מיר זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין נאָענטע פרײַנט.

מיר שטעלן זיך אויף הינטער יענעם מויער, וווּ מע האָט מיר דעמלט געגעבן די בלומען, — יעדער איינער א בלום. דער רויטער שפּאַרט זיך אָן אין דער וואַנט, ציט אויס זײַן לאַנגע האַנט און דרייט מיט די פינגער א קנעפּל פון מײַן רעקל.

איך וואַרט.

— איך האָב גערעדט מיט דײַן טאַטן. און איצטער וויל איך ריידן מיט דיר.

אַזוי הייבט אָן דער רויטער, און ווײַל ער איז אַזוי ערנסט, הייב איך שוין אָן צו פאַרשטיין, וואָס ער וועט זאָגן ווײַטער.

— ווייסט, אַז אין געטאָ איז פאַראַן פאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציעס?

— איך ווייס.

— ביסט א קאָמיוגיסט?

איך קוועטש מיט די אַקסלען.

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי, — כאַפּט זיך דער רויטער, — איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביסט נאָך געווען צו יונג.

— נו, יאָ, יונג.

— דו ווייסט, איזיע, וואָס די פאַרטיזאַנער דאַרפן?

— כ'ווייס ניט... מיסטאַם געווער.

— געווער אויך, נאָר פריִער פאַר אַלץ קעמפער.

דאָס האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן, די שפּיץ פינגער נעמען זיך אָפּ. איך האָב שוין לאַנג

געוואַרט, אַז מע זאָל מיט מיר פאַרפירן אַזאַ געשפּרעך, איך האָב אָבער ניט געוווּסט, אַז ריידן וועט מיט מיר דער רויטער.

— הער, רויטער, — זאָג איך, איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, — דו מיינסט טאַקע, אַז איך פאַרשטיי ניט אַזאַ פּאַשעטע זאַך? פאַרשטייט זיך, אַז די אָרגאַניזאַציע דאַרף מענטשן.

איך ווער אַנשוויגן און וואַרט, וואָס וועט זיַין ווײַטער.

דער רויטער שמייכלט.

ער איז זייער אַ קאָמישער, דער רויטער. ווען ער שמייכלט אַזוי, דאַרף מען אים נאָר צוקלעפּן אַ פּאָר וואָנצעס, וועט ער זיַין פּונקט ווי אַ קאָטער. אָט וועט ער עפּענען דעם פּיסק און אָנהייבן מיאַוקען...

— אַזוי, איך האָב טאַקע געטראַכט, אַז דו פאַרשטייסט אַלצדינג, — זאָגט דער רויטער און גיט צו, — מיר זיַינען אַלע אײַנגעטיילט אין דרײַלינגען. איך מיין, אַז איר וועט אויך צונויפ־שטעלן אַ דרײַלינג.

— יאָ... יאָ!.. מיר זיַינען טאַקע פּונקט דרײַ. יאַנעק, עסטער און איך.

— זעסט, ווי גוט עס איז, — פרייט זיך דער רויטער, — איינער פון אײַך וועט זיַין דער עלטסטער, דער קאָמאַנדיר, אַזוי צו זאָגן. טו אַ קלער. ווער וועט זיַין אײַער קאָמאַנדיר?

איך האָב געקלערט. געוויס האָב איך געקלערט זייער לאַנג, ווײַל דער רויטער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט מיט אַן אײַנגעבויגענעם פוס, האָט באַוויזן איבערצובײַטן דעם פוס איין מאָל און נאָכדעם נאָכאַמאָל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צופיל טראַכטן טאָר מען ניט, דעריבער האָב איך געזאָגט:

— יאַנעק וועט זיַין דער קאָמאַנדיר, גוט?

— גוט.

— דו קענסט יאַנעקן?

— כ׳קען אים גוט.

דער רויטער האָט מיך באַגלייט ביז צו דער שטוב.

— דו ווייסט, וווּ איך וווין? — פרעגט ער.

— כ׳ווייס.

— אָפּדערנאָכט קומט אַלע דרײַ. מירן זיך אָנהייבן לערנען.

דער רויטער איז אַוועק.

איך לויף צו מיַין טיר. הײַנט דאַרף מען זיך אוואַדע אײַלן. איך וועל זיך נאָר אַרומוואַשן, אָנטאָן מיַין גוט העמדל און אַוועקלויפן צו דער שטיינערנער שוועל. איך וועל נעמען עסטערן פאַר דער האַנט, מירן רופן יאַנעקן. איך וועל זיי דערציילן, און זיי וועלן אַזש ציטערן פאַר פרייד. אָ, ווי זיי וועלן ציטערן!

יאַנעקן וועל איך שוין ניט דערציילן וועגן כאַיִמען.

צוליב וואָס דערציילן? ער איז דאָך סײַווי ניט איך.

איך קען ניט זאָגן קיין ליגן, און יאַנעק וועט ניט גלייבן.

איך וואָלט דען געקאָנט טאָן אַזוי, ווי כאַיִם?

כ׳ווייס ניט...

כ׳וועל ניט דערציילן. צוליב וואָס?

מיר זיַינען איצטער אַ דרײַלינג!

אַ דרײַלינג!

— איזיע, איזיע! — דערהער איך אַ קאָל. איך האָב לאַכלוטן זיך ניט געריכט איצט עס דאָ דערהערן.

— עסטער? בוזי? פּונוואַנען קומסטו אַהער?

מיר זיַינען אין קאָרידאָר, אַף די טרעפּ.

ס׳איז דאָ פינצטערלעך, נאָר איך זע, אַז אירע אויגן זיַינען רויט.

זי פאַלט צו צו מיר, לייגט צו דעם קאָפּ צו מיַין ברוסט. אירע האָר קיצלען מיר די באַקן, און איך האָב מוירע זיך אַ ריר צו טאָן.

עסטער וויינט און זאָגט שטיל:

— איזיע, יאַנעק איז ניטאָ. הײַנט האָט מען אַוועקגעפירט אַ סאַך מענטשן, און יאַנעקן האָט מען אויך צוגענומען.

איך ווער פאַרגליווערט. און די קאַלטע פינצטערע טרעפּ שפּרינגען מיר אין די אויגן.

איך טרייסל עסטערקען פאר די אקסלען.

ביז בלוט פארבײַס איך די ליפּן.

ניין!

ס'קאָן ניט זײַן!

יאנעקן האָט מען ניט אוועקגעפירט.

מע האָט געקאָנט מיך אוועקפירן, מע האָט געקאָנט אוועקפירן עסטערקען, אָבער ניט יאַ־נעקן. יאנעקן קאָן מען ניט אוועקפירן, ווײַל ער איז יאנעק. ער האָט געזוכט מייקען. ער האָט געזאָגט, אז די שטאָט איז אויך א געטאָ, נאָר ניט קיין ארומגעצוימטע. ער...

— אוועקגעפירט... ניטאָ יאנעק... איך שטיי שוין דאָ לאנג אוןווארט אף דיר.

— וויין ניט, עסטער, מע האָט ניט געקאָנט אוועקפירן יאנעקן.

אזוי זאָג איך איר, כאָטש איך הייב שוין אָן צו פארשטיין, אז איך רייד נארישקײַטן; אז יאנעקן האָט מעןווירקלעך אוועקגעפירט און איך האָב ניט מיט וואָס צו טרייסטן ניט בלויז, ניט זיך.

— מירן געפינען יאנעקן, אָט וועסטו זען.

אזוי זאָג איך איר, און אין א ווײַלע ארום — איר און זיך:

— עמעס? מירן אים זוכן?

מירן זוכן. עס קאָן דען אנדערש זײַן? יאנעק האָט זיך אָנגעגרייט א געלע לאטע... ער האָט געקאָנט בלײַבן פון יענער זײַט, נאָר ער איז געקומען אהער זוכן זײַן כאַווער. מיר טאָרן ניט זיצן און ווארטן... מיר מוזן זוכן יאנעקן.

— מירן ביידע גיין, איאָ, איזיע?

— יאָ. ביידע.

— מירן אויסגיין הונדערטער קילאָמעטער.

— מירן אויסגיין.

— און אים געפינען. עמעס, איזיע?

— מירן אים געפינען. מיר מוזן געפינען.

— איזיע... און טאָמער... טאָמער האָט מען אים אוועקגעפירט קיין פּאָנאר?

— ניין... יאנעקן קאָן מען ניט אוועקפירן קיין פּאָנאר, ער וועט אנטלויפן. מענטשן וועלן אים העלפן, מע וועט ניט דערלאָזן, מע זאָל יאנעקן אוועקפירן קיין פּאָנאר. ס'איז דאָך יאנעק!

— פארוואָס זײַט איר נאָר אינצווייען?

אזוי פרעגט דער רויטער. ער האָט אף אונדז געוווארט, און איצט פרעגט ער.

מיר שווײַגן.

— וווּ איז דער דריטער? — פרעגט דער רויטער.

— מיר זײַנען אינדרײַען. עס דאכט זיך דיר בלויז, אז מיר זײַנען צוויי, — זאָג איך אים.

דער רויטער פארזשמורעט די אויגן. זײַנע ווײַס זײַנען העלע, און דערפאר דאכט זיך שטענדיק, אז ער קוקט פארוווּנדערט.

— איך זע ניט יאנעקן.

עסטער האלט ניט אויס.

— מע האָט אים הײַנט אוועקגעפירט, — זאָגט זי און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ.

— ניט גוט, וואָס מע האָט אים אוועקגעפירט, — לאָזט דער רויטער אויך אראָפּ דעם קאָפּ, — אָבער א דרײַלינג איז א דרײַלינג. מע דארף נאָך א מענטשן, און איר וועט מוזן א זוך טאָן.

— ניין, — טײַנע איך צום רויטן, — מיר זײַנען דרײַ. דיר דאכט זיך מער ניט, אז מיר זײַנען צוויי. יאנעק איז מיט אונדז.

— סיַווי דארף מען א דריטן, — שטייט ער אף זײַנס. — א דרײַלינג איז א דרײַלינג.

— ניין, — שרײַען מיר אויס צוזאמען — איך מיט עסטערן, — מיר זײַנען דרײַ!

— איך האָב געזאָגט, אז יאנעק איז אונדזער קאָמאנדיר, און אזוי בלײַבט עס.

איך האָב געשטאָכן דעם רויטן מיט בייזע אויגן. ווען כ'וואָלט געקאָנט, וואָלט איך איצטער צוגעלייגט די הענט צו די אויערן, פארקרימט דאָס מויל, אָנגעבלאָזן די ליפּן און געבילט, ווי א הונט. אזוי ווי עס טוט דער רויטער. אָבער ניט אף קאַטאָוועס, נאָר אף צולאָכעס, אז דער רויטער זאָל איין קאס ווערן.

דער רויטער שטייט און טראכט א ווײַלע.

— גוט, — זאָגט ער, — מיר האָט זיך נאָר אויסגעדוכט, אז איר זײַט בלויז צוויי.

...ער פירט אונדז אין קעלער, אין דער טיף. מיר קריכן דורך שפּאַרונעס און צענעריקטע ווענט, ביז מיר קומען ניט סאָפּקאָלסאָף אין א קליין צימערל. דאָ שטייט א נידעריק טישל, אף דער וואַנט הענגט א שול־טאַוול.

דער רויטער נעמט ארויס פון א קעסטל צוויי אויטאָמאַטן. איינער אן אונדזעריקער, דער אנדערער א דײַטשישער.

— מירן אָנהייבן... — זאָגט ער לאַנגזאַם, — איר אַלע: יאַנעק, עסטער און איזיע, — זאָגט דער רויטער, — זײַט א קאַמפּס־דרײַלינג.

און מיר האָט זיך טאַקע אויסגעדאַכט, אז מיר זײַנען אינדרײַען, אז יאַנעק איז מיט אונדז.

— אונדזער אופגאַבע איז, ווען עס וועט קומען די צײַט, באַשיצן די געטאָ און ארויספירן וואָס מער מענטשן אין וואַלד. ביז דעמלט האָט יעדער דרײַלינג זײַן פּאָסטן אין געטאָ. הערט און פאַרגעדענקט: אז איר וועט דערהערן דעם סיגנאַל „אָנהייב", דאַרפט איר טייקעף פאַרנעמען אײַער פּאָסטן. ווו ער איז, וועל איך אײַך שפּעטער זאָגן. „אָנהייב"... פאַרגעדענקט.

מיר הערן, און מיר ווילן, פאַרשטייט זיך, פאַרגעדענקען.

עסטער רירט אָן מײַן האַנט, נאָר זי לאָזט ניט אראָפּ די אויגן פון דעם רויטן.

— איר זײַט איצט א קאַמפּס־דרײַלינג.

אזוי כאַזערט איבער דער רויטער. ער וויל, מיר זאָלן פאַרגעדענקען, ווער מיר זײַנען.

דער רויטער רופט אונדז אַלעמען אָן בא די נעמען, און מיר דאַכט זיך אין דער עמעסן, אז מיר זײַנען אַלע דאָ: יאַנעק, עסטער און איך.

קאַפּיטל אכט

נאָך דעם זיבעצעטן גאַנג

1

— איצט קאָן מען אָפּרוען, — האָט געזאָגט שאַגער, — מיר מאַכן אן איבעררײַס.

דער ניט גלײַכער קאַמף בא דער שאָך־ברעט איז אף א צײַט איבערגעריסן געוואָרן.

איזיע איז געבליבן זיצן אף זײַן אָרט, און שאַגער האָט זיך אופגעהויבן, פאַרלייגט די הענט אף הינטן און גענומען ארומגיין הין און צוריק, קוקנדיק זיך אף די פיס.

ער האָט געשפּאַנט מיט גרויסע, פעסטע סאָלדאַטישע טריט.

מענטשן, א סאַך מענטשן, וואָס האָבן געהאַט ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן דאָס שאָך־טישל און די שפּילער, האָבן זיך צוריקגעצויגן, דער קרײַז איז געוואָרן ברייטער און איז ענלעך געוואָרן אף אן ארענע פון צירק און אף דער דאָזיקער ארענע — א בייזער קישעפמאַכער. דו ביסט געצוווּנגען צו קוקן אף אים, נאָר קיינמאָל ווייסטו ניט און קאָנסט ניט טרעפן, אין וועלכער ריכטונג עס וועט א בליק טאָן זײַן שוואַרץ שטעקעלע. עפּשער וועט פון דאָרטן ארויספלײַען א קאַרקענדיקע קראָ, און עפּשער וועט בלײַבן הענגען אין דער לופטן א מענטשעלע און וועט ניט קאָנען דערלאַנגען מיט די פיס די ערד. צי עפּשער וועט פון זײַן אָפענעם פּיסק, פון די באַוועג־לעכע אויערן, פון די נאָזלעכער זיך ארויסרײַסן א פײַער — אן עמעסער פלאַם.

„צי מעג איך זיך אויך אָפּרוען? — האָט געפרעגט בא זיך איזיע, — אין עפּעס וואָס זיך דערמאָנען? א קלער טאָן וועגן עפּעס אנדערש? מיסטאַמע ניט. איך וועל זיך שפּעטער אָפּרוען. די פאַרטיע וועט זיך דאָך אַמאָל ענדיקן. עס וועט צופאַלן די נאַכט, דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף... איך דאַרף אין אַלץ פאַרגעסן. ניטאָ קיין וועלט, ניטאָ קיין מענטשן. ס'איז פאַראַן נאָר א שאָך־ברעט מיט פיגורן. איך מוז געווינען, קעדיי קענען מאַכן רעמי"...

שאַגער איז ארומגעגאַנגען מיט צו גרויסע, פעסטע סאָלדאַטישע טריט.

— ס'וועט גענוג זײַן? — האָט ער געפרעגט.

איזיע האָט געשוויגן.

— מירן אָנהייבן?

איזיע האָט געקוקט אף שאַגערן, וואָס האָט זיך דערנעענטערט, און האָט געטראַכט:

„זײַנע שיך זײַנען באַשלאָגן מיט אײַזן. זיי קלאַפּן אזוי אין די שטיינער פון ברוק, אז ווען עס וואָלט געווען נאַכט, וואָלטן געוויס זיך געזען פונקען. מע וואָלט זיי געדאַרפט פאַרלעשן... ער איז א קונצנמאַכער מיט א קישעף־שטעקעלע, און איך וואָלט וועלן זײַן אן אינדיִאַנער און אראָפּנעמען פון אים דעם סקאַלפּ.

ער קאָן ניט געווינען. ער טאָר ניט געווינען".

2

— און איך האָב געבוירן א זון און אים א נאָמען געגעבן קאסריאל, — האָט געזאָגט אווראָם ליפּמאַן.

3

א נאכט ווי אלע נעכט. ס'איז פינצטער. איך ווייס, ווינטער זײַנען די נעכט פינצטערע. ריכטיקער, ניט ווינטער, נאָר הארבסט, ווען אלץ איז ארום שווארץ. שווארצע דעכער, שווארצע ערד, א שווארצער הימל, אן אײַנגעטונקענער אין טינט. אינטערעסאנט, ווי פילט זיך דאן א מענטש, בא וועלכן די נעשאָמע איז אויך א שווארצע, ווי די נאכט.

איך ווייס, דוכט זיך, ווי עס פילט זיך דעמלט א מענטש מיט א שווארצער נעשאָמע. ער קאָן אדורכגיין די גאנצע וועלט מיט אָפענע אויגן, ער וועט זיך צונויפגיסן מיט די טונקעלע פארבן פון דער וועלט און קיין זאך וועט אים ניט ארן, ווײַל ער וועט ניט זען זיך און וועט ניט זען די וועלט. ניטאָ קיין אונטערשייד אין קאָליר. אלץ איז איין פארב. דערפאר טיילט זיך קיין זאך ניט אויס: ניט די נעשאָמע, ניט דער הימל, ניט די שווארצע דעכער... א פארגעניגן!..

און איצט איז א זומערדיקע נאכט. די פינצטערקײַט לײַכט זיך דורך, ווי בלוי גלאָז. נאָר אויב דו ווילסט, עס זאָל ווערן פינצטער, קאָנסטו פארזשמורען די אויגן. א וווּנדערלעכער אינסטרומענט זײַנען די אויגן — מע קאָן זיי פארמאכן, מע קאָן זיי עפענען. א קאַלאָסאלער דיאפּאזאָן — פון פּיאַנאָ־פּיאַניסימאָ ביז פאָרטע־פאָרטיסימאָ. אזא דיאפּאזאָן איז דען ווייניק?

עס לײַכט די לעוואָנע. און שטערן זײַנען אויך דאָ. די לעוואָנע דרייט זיך פון איין זײַט אף דער צווייטער, מאָסטעט זיך אײַן באקוועמער, איר איז גוט — איין זײַט ווערט מאָגערער, ווערט די צווייטע פולער. דריי זיך געזונטערהייט און טו אפילע ניט קיין קנייטש דײַן ברייטע אזיאַטישע נאָז.

שלעכט איז נאָר, וואָס די שטערן שטעכן די אויגן ווי נאָדלען. זיי ווילן ניט זײַן אלע אלציינס: רויטע און גרינע, בלויע און גאָלדענע און עפּעס אזעלכע, וואָס דו ווייסט ביכלאל ניט, פון וואָס פאר א קאָליר זיי זײַנען.

נאָר מע קאָן פון זיי אויך פּאָטער ווערן. מע דארף נאָר צומאכן די אויגן, וועט אלץ פארשווינדן. ניטאָ קיין שטערן, ניטאָ קיין לעוואָנע.

מיט מיר איז שווער צו אמפּערן זיך, כאָטש דעם אוניווערסיטעט האָב איך ניט באוויזן צו ענדיקן. מיט זיך אליין איז מיר שווער צו דיסקוטירן, טראַם־טאַראַ־ראַם!

אָט האָב איך פארמאכט די אויגן, און אלץ איז אנטרונען. איצט קאָן איך זאָגן: ס'איז ניטאָ קיין אָביעקטיווע וועלט, אלצדינג איז אילוזיע. ווי איך וויל, אזוי זע איך. ווער האָט עס געזאָגט, אז די נאכט איז א פינצטערע, אז די לעוואָנע שײַנט? איך זאָג אײַך, אז די נאכט איז ווײַס, ווי פּאַפּיר, און די לעוואָנע עקזיסטירט ביכלאל ניט — ס'איז א באנאלער, נישטיקער פלעק. און אויב די שווארצע נאכט איז ווײַס און די לעוואָנע איז ניט קיין לעוואָנע, נאָר פראָסט א געלע בלינצע, הייסט עס, אז איך בין ניט קיין בעהיימע, וואָס רופט זיך מענטש, נאָר א בעהיימע, וועלכע רופט זיך אויבערמענטש.

הייסט עס, אז איך, קאסריאל ליפּמאַן, בין אן אויבערמענטש?

אין געטאָ איז שטיל. אלע שלאָפן, מע רוט זיך אָפּ, קרעכצנדיק אָדער שרײַענדיק פון שלאָף. די מענטשן ווייסן, אז מאָרגן, ווי נאָר עס וועט נעמען שאַריען, וועט מען זיך ווידער שלעפּן מיטן שטויביקן וועג צום ארבעט־לאַגער; קיינער ווייסט ניט, וואָס פאר א טאָג מאָרגן וועט זײַן — עפּשער וועט מען באַמבאַרדירן די געטאָ, עפּשער וועט מען אלעמען אוועקפירן קיין פּאָנאַר. עפּשער קרעכצן זיי, עפּשער שרײַען זיי, עפּשער ליגן זיי ארומגענומען, ווײַל זיי ווילן, אז זייער קיִעם זאָל פארגעזעצט ווערן. איך הער ניט און זע ניט. זיי זײַנען גרויער שטויב, און איך בין אן אויבערמענטש און קאָן טאָן אלץ, וואָס איך וויל.

איך גיי זיך פּאַמעלעך איבער די שטילע, שלאָפנדיקע גאסן פון געטאָ. איך לאָז זיך צו א שמאָלער פּאַרטקע, וואָס איז ארײַנגערוקט צווישן צוויי שטיינערנע מויערן. איך וועל אָנקלאַפּן פינף מאָל און דערנאָך א זעקסטן. א וועכטער וועט מיר עפענען און וועט מיך אוועקפירן צו שאָגערן. שאָגער וואַרט שוין אף מיר מיט אומגעדולד. ווי א גלײַכער א גלײַכן, וועט ער מיר הייסן אויסטאָן דאָס רעקל מיט דער געלער לאַטע, ער וועט מיך אײַנלאַדן צו דעם נידעריקן רונדן טישל. ער וועט מיך כאַוועריש א קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע און זאָגן:

— זעץ דיך, קאסריאל, בײַס צו. דערנאָך וועלן מיר א שמועס טאָן, קיינער אײַלט אונדז ניט.

אף דעם טישל וועט שטיין פראַנצויזישער קאָניאַק, טשעכישער ביר, רוסישער בראַנפֿן. אין צווייטן צימער וועט וואַרטן די פּוילישע שיינהייט מיט אַן אויסגעברענטן נומער אַפֿן היפּט, זי זאָל ניט קאָנען אַנטלויפֿן. דאָס מיידל איז פֿון דעם מויער מיט דעם שילד: „נור פֿיר דויטשע אָפֿיצירע".

שאַגער וועט צופֿרידן אַ רייַב טאָן די הענט, און זייַנע אויגן, גרויע מיט אַן אַ שיר ראַדיאַלע קנייטשעלעך, וועלן אַ בלישטשע טאָן, ווי שלעכט געמאַכטע, פֿאַלשע בריליאַנטן.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ גיי איך פּאַמעלעך איבער די שלאָפֿנדיקע גאַסן פֿון דער געטאָ צו דער שמאָלער פֿאַרטקע. איך, דער אויבערמענטש, וויַיל די שוואַרצע נאַכט איז ווייַס און די לעוואָנע איז אַ בלינצע. איך, דער אויבערמענטש, גיי צום טויער פֿון געטאָ, ווו איך דאַרף אַנ־קלאַפּן, מע זאָל מיר עפֿענען און אַרויסלאָזן פֿון געטאָ.

מיט מיר איז שווער זיך צו אַמפּערן, כאָטש כ'האָב ניט באַוויזן צו ענדיקן דעם אוניווער־סיטעט, טראַם־טאַראַ־ראַם!

איך האָב געלייענט ניט נאָר ניצשען, איך האָב געלייענט שאָפּענהויערן און שפּינאָזען, פּרודן און קריסטוסעס אַפּאָסטאָלן. איך האָב געלייענט די הייליקע שריפֿטן און קאַרל מאַרקסן. קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט: מיר האָבן ניט וואָס צו פֿאַרלירן אויסער אונדזערע קייטן! וואָס עמעס, איז עמעס. ווער עס האָט גאָרניט, האָט ניט וואָס צו פֿאַרלירן. איך וואָלט אים געקאָנט דערגאַנצן, אָט דעם שפּינאָזעדיקן קאַרל מאַרקס. נאָר אַף מייַן אייגענעם אויפֿן. ער האָט נאָר גערעדט וועגן עפּעס אַ שפּאַן, וואָס איז וויכטיקער פֿון אַלץ. און מייַנע כאַוויירים, מייַנע ברידער און שוועסטער, קלייַבן זיך מאַכן אָט דעם דאָזיקן שפּאַן, זיי גרייטן זיך צו אַן אופֿשטאַנד, זיי קלייַבן זיך אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. זיי זייַנען גרייט אַף אַלץ. יעדן טאָג, ווען מע קערט זיך אום פֿון דער אַרבעט, טראָגט מען אַרייַן אין געטאָ געווער און קוילן. אַפֿילע שאָגער אַליין קאָן זיי ניט פּאַקן, קאָן ניט געפֿינען די באַהעלטענישן. אָט אין דעם זין וויל איך דערגאַנצן קאַרל מאַרקסן. איך גיי צו שאָגערן, ער וואַרט אַף מיר מיט אומגעדולד. איך ווייס, ווער עס טראָגט אַרייַן אין געטאָ געווער און ווו מע באַהאַלט עס.

די שוואַרצע נאַכט איז ווייַס, ווי דער טאָג. אין אַזאַ ווייַסער נאַכט וועט שאָגער אויסגראָבן דאָס געווער פֿון אַלע באַהעלטענישן, און דערנאָך וועט ער צושטעלן צום וועגנטל די אַלע, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אָן דעם דאָזיקן שפּינאָזעדיקן קאַרל מאַרקס. מיר איז עס אַלציינס, איך וועל גאָרניט זען און ניט הערן. הייסט עס, אַז ס'וועט גאָרניט ניט פּאַרקומען. איך וועל זיצן באַם רונדן, נידעריקן טישל, טרינקען רוסישן בראַנפֿן, כליעפּטשען פֿראַנצויזישן קאָניאַק, שווענקען דעם האַלדז מיט טשעכישן ביר און זיך לאָזן ווילגיין מיט דער פּוילישער שיינהייט מיטן אויס־געברענטן צייכן אַף דער היפּט.

שאָגער איז ניט קיין טיפּעש. כאַ! ער האָט געוווסט, וועמען אויסצוקלייַבן. ער לייענט מייַנע געדאַנקען, ווי אַן אָפֿענעם בוך. ווען ער וואָלט אויסגעקליבן מייַן פֿאָטער אָדער עמעצן פֿון מייַנע שוועסטער צי אַפֿילע מייַן ייִנגערן ברודער איזיע, וואָלט ער באַקומען אַ פֿייַג אונטער דער נאָז. ווען ער וואָלט אַפֿילע, ווי אַ קאַצעוו, געשניטן פֿון זיי פּאַסן, וואָלט ער סייַווי קיין וואָרט פֿון זיי ניט געהערט.

שאָגער איז אַ קלוגער מענטש, ער האָט אויסגעקליבן מיך.

און אָט גיי איך דורך די שטילע, שלאָפֿנדיקע געטאָ־געסלעך. די זעלבע געסלעך, דורך וועלכע איך בין געגאַנגען פּונקט מיט אַ וואָך צוריק. דאָס רונדע טישל איז שוין דעמלט געווען געדעקט.

שאָגער איז געווען זייער פֿרייַנטלעך.

— זעץ זיך, קאַסריִעל, בייַס צו, — האָט ער געזאָגט מייַסע כאַוער.

— איך בין זאַט, אַ דאַנק, — האָב איך געענטפֿערט.

— זעץ זיך, קאַסריִעל, טרינק אויס.

— אַ דאַנק, איך בין ניט דורשטיק.

— מאַך זיך ניט נאַריש, קאַסריִעל, גיי צו נעענטער. לייג אַוועק די האַנט אַפֿן טיש. אַזוי, מיט דער דלאָניע אַף אַראָפּ. איצט טו אַ קוק אַף מיר.

ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון דער קאָבורע אַ קליינעם שוואַרצן ברויונינג.

— שרעק זיך ניט, איך וועל ניט שיסן, — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אָנגענומען דעם ברויונינג פֿאַר דער רער, אים אופֿגעהויבן אין דער הייך און אַ זעץ געטאָן מיט דעם טעמפּן הענטל אין מייַן קליינעם פֿינגער, אינעם סאַמע נאָגל. דערנאָך האָט ער ווידער אַ הייב געטאָן דעם ברויונינג און אַ זעץ געגעבן אין דעם צווייטן פֿינגער, דערנאָך אין דריטן. ער האָט געצילט נאָר אין די נעגל און האָט אַזוי קונציק אָפּגעטאָן זייַן אַרבעט, אַז ער האָט ניט פֿאַרטשעפּעט קיין ברעקל הויט פֿון די פֿינגער.

— זעץ זיך, קאסריַעל, בײַס צו. וואָס טראכסטו נאָך, — האָט ער געזאָגט גוטמוטיק.
און איך האָב זיך אוועקגעזעצט און גענומען עסן.
איך האָב לאנג געגעסן.
שאַגער איז געזעסן אנטקעגן און מיטפּילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.
— זעסט, איך האָב געוווּסט, אז דו ביסט הונגעריק.
ווען איך האָב אָפּגעווישט די ליפּן, האָט ער שטיל געזאָגט:
— איצט טרינק. מירן אָנהייבן פון שנאפּס, גוט? כ׳האָב ליב רוסישן שנאפּס.
— א דאנק. איך וויל ניט.
שאַגער איז אין קאס געוואָרן:
— וואָס איז מיט דיר! אנו, דערלאנג די האנט.
איך האָב אויסגעשטרעקט די צווייטע האנט און זי אוועקגעלייגט אפן טיש מיט דער דלאָניע אראָפּ.
ער האָט זיך פארוווּנדערט.
— קאסריַעל! — האָט ער אויסגעשריגן. — דו ווילסט קאליע מאכן די צווייטע האנט אויך?
איך וועל עס ניט דערלאָזן. דערלאנג יענע, די זעלבע. יענער איז שוין אלצײנס.
איך האָב אויסגעשטרעקט די אנדערע האנט, די פריַערדיקע, און זי אוועקגעלייגט אפן טיש מיט דער דלאָניע אראָפּ. שאַגער האָט א פּאָך געטאָן מיטן ברוינינג און א זעץ געטאָן. ער האָט געטראָפן אין טיש. אָבער שאַגער איז ניט אין קאס געוואָרן, וואָס איך האָב צוגעכאפּט די האנט מיט די בלויע נעגל. איך האָב שוין געהאלטן אין דער האנט א בעכער מיט רוסישן שנאפּס, איך האָב געוואָלט טרינקען.
— זעסט, קאסריַעל, איך האָב געוווּסט, אז דו ווילסט טרינקען, — האָט ער געזאָגט.
נאָכדעם האָב איך געכליעפּטשעט קאָניאק און געשווענקט דעם האלדז מיט פּילזענער ביר.
— יאדזע! — האָט א רוף געטאָן שאַגער. — יאדזע!
פון דעם שכײנעסדיקן צימער איז אריַין יאדזע, א פּוילישע שיינהײַט מיט א געקרײַזלטן קאָפּ האָר.
— זעסט? — האָט געפרעגט שאַגער. — דאָס איז יאדזע. א ווויל מיידל, עמעס, יאדזע?
זי האָט א שמייכל געטאָן, אנטבלויזנדיק קליינע פּערלדיקע ציין.
— און איצטער גיי ארויס, יאדזע.
זי איז ארויסגעגאנגען.
— דאָס וועלן מיר איבערלאָזן אפן קומענדיקן מאָל, גוט, קאסריַעל?
— גוט, — האָב איך געענטפערט.
— נו, גוט, איז אָפּגערעדט! — האָט געזאָגט שאַגער. — אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר ווײַזן פאָטאָגראפיעס. ווילסט? דאָרטן וועסטו זען הענט מיט אָפּגעהאקטע פינגער, דו וועסט זען...
— מע דארף ניט קיין פאָטאָגראפיעס, — האָב איך געזאָגט און אויסגעטרונקען דרײַ קעלישעקלעך שנאפּס איינס נאָך דעם אנדערן.
— איך האָב געוווּסט, אז מיר וועלן זיך צונויפריידן, — האָט שאַגער זיך דערפרייט.
און מיר האָבן זיך צונויפגערעדט. מיר האָבן אָפּגעמאכט צו טרעפן זיך אין א וואָך ארום. איצטער גיי איך צו אים. איך גיי לאנגזאַם, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבער די שטילע, שלאָפנדיקע גאסן פון געטאָ. איך וועל צוגיין צו דער קליינער פאַרטקע צווישן די צוויי מויערן, איך וועל אָנקלאפּן פינף מאָל, דערנאָך א זעקסט מאָל, מע וועט מיר עפענען, און דער וואכמאַן וועט מיך אוועקפירן צו שאַגערן.
שאַגער וואַרט שוין. וואַרט מיט אומגעדולד. אפן רונדן טישל שטייט רוסישער בראנפן, פראנצויזישער קאָניאק און טשעכישער ביר, און אין שכײנישן צימער — דאָס פּוילישע מיידל, די שיינהײַט יאדזע מיט דעם אויסגעבערענטן צייכן אף דער היפט. א ווויל מיידל.
איך ווייס אלץ. איך ווייס, ווער עס ברענגט געוווער און ווו מע באהאלט עס. פאַר דער וואָך צײַט האָב איך זיך אלץ דערוווּסט. איך האָב אויך פריַער א סאך געוווּסט. שאַגער האָט מיר געגעבן צופיל צײַט. כאַ! א טיפּעש! צוליב וואָס האָט ער מיר געגעבן אזויפיל צײַט? ער האָט נאָך דעמלט ניט געדארפט מיך האַדעווען, ניט פּאַיען. ער האָט געקאָנט נאָך דעמלט מיר אָפּהאקן א פּאָר פינגער, און איך וואָלט אלץ דערציילט. א טיפּעש! ער מיינט, אז אויב ער ווייסט גאָרנישט, ווייסן אנדערע אויך ניט. מ׳וואָלט אפילו קיין צוויי פינגער ניט באדארפט. עס וואָלט געוויס געקלעקט איינער...
דעמלט, דאָס ערשטע מאָל, איז ער געווען א פערד, דער כיטרער שאַגער, דערפאַר איז ער איצט רויק. ער וואַרט, עמעס, מיט אומגעדולד, דערפאַר אָבער ווייסט ער אף געוויס, אז איך וועל קומען, אז איך וועל אָנקלאפּן פינף מאָל, דערנאָך א זעקסט מאָל, און איך וועל ארײַנקומען.

א קלוגער מענטש, שאָגער.

אָט גיי איך טאַקע.

איך גיי שוין לאַנג, און מיר איז פֿון לאַנג דערעסן די גלעזלעך צו די גלעזלע בלינצע און די מיליארדן שטערן, וואָס שטעכן ווי נאָדלען און גיסן זיך איבער מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן.

איך בין שוין מיד, און מע וואָלט זיך באַדאַרפֿט אָפּרוען.

איך מוז אומבאַדינגט זיך אָפּרוען.

דאָ, הינטער יענעם הויז, איז אײַנגעפֿאַלן א וואַנט, ס׳איז פֿאַרוואַקסן מיט קראָפּעווע. אין דער דאָזיקער וואַנט איז פֿאַראַן א שפּאַרונע, פֿאַרדעקט מיט פֿאַרשיידענעם געמויזעכץ. דאָ איז מײַן שטיל ווינקל. קיינער ווייסט ניט פֿון דעם. מע קאָן דאָרט זיצן א טאָג, מע קאָן דאָרט זיצן א נאַכט, קלערן וועגן זיך אַליין, וועגן דער רעלאַטיוויקײַט פֿון ווערטן און וועגן אַלע שפּינאָזעס אויף דער וועלט.

די שפּאַרונע אין דער וואַנט, וואָס איז פֿאַרוואַקסן מיט קראָפּעווע, פֿירט אין א קעלער — דאָרט איז דאָס בעסטע אָרט אויף אָפּרוען זיך, קיינער האָט עס נאָך ניט אַנטדעקט. דאָרט קאָן מען טראַכטן וועגן אַלץ, וועגן בעהיימעס, וואָס מע רופֿט מיטן נאָמען מענטשן, און וועגן מענטשן, וואָס מע האַלט פֿאַר בעהיימעס.

איך דאַרף אומבאַדינגט זיך אָפּרוען. און צו יענער פֿאַרטקע מעג מען איצט סײַווי ניט גיין. דאָרט שטייט ערגעץ אַנגעלענט אויף א וואַנט מײַן טאַטע, אַווראָם ליפּמאַן, ער שטייט און וואַרט אויפֿן זון. ער שטייט און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג, די אַלטע אויערן זײַנע לאָזן ניט דורך קיין מינדסטן שאָרך. ער שטייט אומבאַוועגלעך, ווי א סטאַטוע, און וואַרט אויף זײַן זון, קאַסריעלן.

וואָס וועט ער זאָגן זײַן זון? וואָס קאָן אַווראָם ליפּמאַן זאָגן זײַן זון, אויב דער זון זײַנער איז אַן איבערמענטש און האָט מוירע, מע זאָל אים ניט אָפּהאַקן די פֿינגער?

דער פֿאָטער ווייסט, וווּהין איך גיי, און ווייסט, צוליב וואָס איך גיי.

ניט לאַנג צוריק איז צווישן אונדז פֿאָרגעקומען א קליינער שמועס, וועלכן מע קאָן איבערגעבן מיט עטלעכע ווערטער.

ס׳איז געווען אַזוי...

אָבער פֿריִער דאַרף איך זיך אָפּרוען. איך דאַרף זיך צוזעצן און פֿאַררייכערן. דאָרט, אין קעלער, האָב איך א סיגאַרעטל, ס׳איז פֿאַראַן א ליכט, שוועבעלעך, ס׳איז דאָרט אויך פֿאַראַן אַן איבערגעקערטער קלאָץ.

איך גיי אַרײַן אין מײַן קעלער, צינד אָן די ליכט, זעץ זיך אַוועק און פֿאַררייכער. יאָ, אָט איצט רו איך, און מיר איז גוט. ניטאָ קיין לעוואָנע, ניטאָ קיין שטערן. עס הוידעט זיך דער פֿלאַם פֿון דעם ליכטל — א קליין פֿלעמעלע, און אויף ביידע ווענט דראַפּעט זיך מײַן שאָטן — א ריזיקער, א שאָטן פֿון אַן עמעסן איבערמענטש.

איך וועל אויסרייכערן מײַן סיגאַרעטל און גיין ווײַטער.

— טאַטע, — האָב איך געזאָגט צו מײַן פֿאָטער אַווראָם ליפּמאַן, — זאָג דאָרט דײַנע יאַטן, זיי זאָלן באַהאַלטן דאָס געווער אין אַן אַנדער אָרט. און זאָלן זיך באַהאַלטן אַלע, וואָס האָבן געבראַכט געווער. אין זעקס טעג אַרום וועל איך גיין צו שאָגערן. ער וועט נעמען מיר אָפּהאַקן די פֿינגער, וועל איך אים אַלץ דערציילן.

— קאַסריעל, — האָט זיך אָנגערופֿן דער טאַטע, — קינד מײַנס, דו פֿאַרשטייסט, וואָס דו זאָגסט מיר?

— איך פֿאַרשטיי, וואָס איך זאָג. אויב דו ווילסט, קאָן איך איבערכאַזערן.

— דו ווייסט דאָך, אַז דאָס געווער געפֿינט זיך אין די בעסטע באַהעלטענישן און געפֿינען אַנדערע, וואָס זאָלן זײַן אַזוי זיכער, קאָן מען ניט. און מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן דאָס געווער, זײַנען אַזויפֿיל, אַז מע קאָן זיי אין ערגעץ ניט באַהאַלטן.

— איך ווייס, אָבער אַז מע וועט מיך נעמען פּײַניקן, וועל איך אַלץ דערציילן. טו, ווי דו פֿאַרשטייסט, טאַטע.

— איך האָב געטראָגן געווער, און דײַן ברודער, און דײַנע שוועסטער האָבן געטראָגן.

— איך ווייס, אָבער איך וועל אַלץ זאָגן, טאַטע.

— איך בין אַווראָם ליפּמאַן! — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט.

— גוט. איך קאָן איבערכאַזערן. איך וועל אַלץ זאָגן, אַווראָם ליפּמאַן. איך קאָן גאָרניט ניט מאַכן.

— הער, קאַסריעל, — האָט געזאָגט אַווראָם ליפּמאַן, — דו קאָנסט יאָ מאַכן. איך האָב דיך געבוירן, איך קאָן דיך אויך טייטן. אָבער איך בין שוין צו אַלט, און דו דאַרפֿסט מיר העלפֿן. האָסט פֿאַרשטאַנען?

איך האָב א שמייכל געטאָן. ס׳איז דאָך נאָר צום געלעכטער!

— אוואדע פאַרשטיי איך, אוורהאָם ליפּמאַן, — האָב איך געענטפערט. אַט דאָס איז דאָס גאַנצע געשפּרעך.

נו, איז עס ניט קיין געלעכטער? איך לאַך נאָך איצט. אוורהאָם ליפּמאַן, דער אַרעמער שנײַדער פון קאַלוואַריער גאַס, דער מעטופּל מיט קינדער, בײַ וועלכן די פינגער האָבן אַזויפיל נאָדל-שטעך, וויפל זעמדעלעך עס האָט דער יאַם-ברעג, דער שנײַדער, וועלכער פלעגט יעדן שאַבעס גיין פּאַוואַליע אין שול אַרײַן מיטן טאַלעס אונטער דער לינקער האַנט, דער דאָזיקער אוורהאָם ליפּמאַן מאַכט מיט איין שמיר צונישט אַלע ניצשעס און שפּינאָזעס, און ער זאָגט דאָס לעצטע וואָרט.

געגנוג צו רוען. כ'האָב זיך שוין אָפּגערוט. פון סיגאַרעטל איז פאַרבליבן אַ פּיצל, און עס בריט די פינגער, די ליפּן. מע דאַרף זיך אופהייבן און גיין. נאָר ניט פאַרגעסן פאַרלעשן די ליכט. מע דאַרף גיין. שאָגער וואַרט שוין לאַנג. ער ווייסט דאָך, אַז איך וועל קומען. ער האָט מיסטאָמע נאָך פאַרנאַכט צוגעגרייט דאָס רונדע טישל: רוסישן בראַנפן, פראַנצויזישן קאָניאַק, טשעכישן ביר און די שיינע יאַדזע. ער איז אַ קלוגער, שאָגער. ער האָט געוווּסט, אַז מע דאַרף אויסקלײַבן מיך און ניט דעם פאָטער, דעם ברודער אָדער די שוועסטער.

באַלד, באַלד, אָט וועל איך גיין. די פּאַרטקע איז ניט ווײַט פונדאַנען. איך וועל אָפּשטויסן דעם טאַטן אָן אַ זײַט. כ'וועל אָנקלאַפּן פינף מאָל אין טיר און דערנאָך אַ זעקסט מאָל. דער וועכטער וועט מיר עפענען, מיך אוועקפירן צו שאָגערן, און ער וועט מיר ווײַזן, ווי זעט אויס די וועלט, ווו די שוואַרצע נאַכט איז ווײַס ווי דער טאָג.

שאָגער איז קלוג, אָבער ער האָט מיר געגעבן צופיל צײַט. אַ וואָך, גאַנצע זיבן טעג. פאַר זיבן טעג האָט גאָט באַשאַפן אַ גאַנצע וועלט און קאַסריִעל האָט געפונען אַ קעלער, אין וועלכן קיינער קוקט ניט אַרײַן. ער האָט אַרײַנגעשרויפט אַ קרוק אין דער סטעליע און צונויפגעפלאָכטן פון דינע שטריקלעך אַ גראָבן שטריק. דער שטריק איז פעסט צוגעבונדן, דער שלייף הענגט ניט הויך. דעם קלאָץ האָב איך אויך שוין צוגערוקט, דער שלייף איז פּונקט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, און דער שטריק וועט ניט מוליען דעם האַלדז, ער איז געמאַכט מיט די אייגענע הענט.

דער סיגאַרעט איז שוין דערייכערט.

די ליכט...

איך פאַרלעש די ליכט.

זײַ געזונט, אוורהאָם ליפּמאַן, מײַן אַלטער פאָטער.

זײַט געזונט, מענטשן, וועלכע מע האַלט איצט פאַר בעהיימעס.

איך האָב זיך שוין אָפּגערוט, פאַרלאָשן די ליכט, שוין צײַט. עס וואַרט אַף מיר אַ שיין לעבן, די גאַנצע וועלט — רוסישער בראַנפן, פראַנצויזישער קאָניאַק, טשעכישער ביר און די שיינע יאַד...

קאַפּיטל נײַן

אַכט-און-צוואַנציקסטער גאַנג

1

די ווײַסע האָבן שוין פון לאַנג געשפּילט, אָפּגעגעבן אַ פיגור פאַר אַ פּענדל. שאָגער האָט געשוויגן.

ער האָט זיך געסטאַרעט אָפּצושלאָגן די אַטאַקע פון די ווײַסע און דורכגעריסן זיך אַפן אַנדערן פלאַנג.

די ווײַסע איז שווער געוווען זיך צו פאַרטיידיקן, נאָר זיי האָבן אַלציינס אָנגעגרײַפט. דער קרײַז איז ווידער ענגער געוואָרן, די מענטשן האָבן זיך צוגערוקט נעענטער. זייערע אויגן שטערן איצט ניט.

„איך האָב איצט קיין מורע ניט אַ קוק טאָן אַף די מענטשן. זיי שטערן מיר ניט. פאַרוואָס שטערן זיי מיר איצט ניט?

ס'איז גוט, וואָס איך בין ניט איינער אַליין, וואָס אַרום שטייען אַזויפיל מענטשן.

ס'איז גוט, ווען אַרום זײַנען פאַראַן מענטשן!"

2

מיר שטייען אַנטקעגן מײַן פאָטער. עסטער און איך. מיר בעטן זיך שוין בײַ אים פון לאַנג, נאָר ער גיט זיך ניט אונטער.

— איך קאָן אײַך ניט אָפּלאָזן, — זאָגט ער.
— דו קאָנסט.
אזוי זאָג איך.
— איר זײַט נאָך קינדער. איר וועט אומקומען אומזיסט און אומנישט.
— דו ווילסט ניט...
— קינד מײַנס, ווי קאָן איך עס וועלן?
עסטער שווײַגט. זי האָט ניט די האָזע צו אמפּערן זיך מיט אווראָם ליפּמאַנען.
— דו ווייסט דאָך, אז מיר האָבן געבילדעט א נײַעם דרײַלינג, ווייסט דאָך?
— איך ווייס.
— פאַר א דרײַלינג זײַנען מיר ניט קיין קינדער, האַ?
— פאַר א דרײַלינג ניט.
— זעסט... — זאָג איך, — דער דריטער איז דאָך ניטאָ.
— עס פאַרדריסט מיך זייער, וואָס ער איז ניטאָ.

אזוי זאָגט דער טאטע. איך ווייס, אז אים טוט ווי דאָס האַרץ, און ניט נאָר פאַר יאנעקן. נאָר ער וויל סײַווי אונדז ניט אָפּלאָזן. ווער ווייסט, צי איז דאָרט געלונגען די מענטשן צו ראַטעווען יאנעקן, ווער ווייסט... און אויב אפילע ער לעבט, איז ניט באַוווּסט, ווו ער איז איצט. ס'וועט זײַן שווער צו געפינען יאנעקן.

— יאָ, — זאָגט דער טאטע. און אין א ווײַלע אַרום: — מע האָט זיי אוועקגעפירט קיין פּאָנאַר.

— הייסט עס, אז יאנעק לעבט, — ענטפער איך, — טו א טראַכט, טאטע, שוין זשע וועלן די מענטשן דערלאָזן אוועקפירן יאנעקן קיין פּאָנאַר? ער וועט אנטלויפן, די מענטשן וועלן אים אַרויסוואַרפן פון דער מאַשין... אפילע א פאַרוווּנדעטן, אפילע א טויטן. די מענטשן וועלן ניט דערלאָזן, מע זאָל אים אוועקפירן קיין פּאָנאַר. דו פאַרשטייסט דאָך אליין, אים קאָן מען ניט אזוי פּראָסט אוועקפירן, ער איז דאָך יאנעק.

דער טאטע שווײַגט. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. ער פאַרשטייט, נאָר ער שווײַגט נאָך אַלץ.
— דו ווייסט דאָך, — טײַנע איך, — דו פאַרשטייסט דאָך, אז מיר מוזן זוכן יאנעקן.
— גוט...

אזוי זאָגט דער טאטע, און פאַרטראַכטערהייט גלעט ער עסטערקעס קאָפּ. זײַנע אויגן זײַנען טיפע, נאָר פאַרוועלקטע, און אַרום זיי — אָן א שיר קנייטשן. איך ווייס שוין אליין ניט, צי איז ער אַלט, מײַן פאָטער, צי ניט. נאָר קנייטשן אַרום די אויגן האָט ער א סאַך.

איך האָב געוווּסט, אז נאָר דער פאָטער קאָן אונדז העלפן. ער ווייסט אַלע דראָכים, ווי מע קאָן זיך אַרויסגאַנווענען פון דער געטאָ, אז קיינער זאָל ניט באַמערקן. ווו זיך צו באַהאַלטן, אז קיינער זאָל דיך ניט געפינען. ער קען די געטאָ ווי זײַנע אייגענע צעשטאָכענע פינגער. און ס'איז מיר אַמאָל אפילע שרעקלעך, וואָס א מענטש קאָן אזויפיל וויסן. ווײַזט אויס, אז מע ווייסט אזויפיל נאָר דעמלט, ווען אַרום די אויגן זײַנען אויסגעשטעפּט קנייטשן.

— גוט, — כאַזערט איבער דער טאטע, — איין טאָג קאָנסטו ניט גיין צו דער אַרבעט. איך וועל זאָגן, אז דו ביסט קראַנק. אָבער מיר ריידן זיך צונויף — נאָר איין טאָג.

— אונדז וועט קלעקן, — זאָג איך צום טאטן, — אפילע א האַלבער טאָג וועט אונדז קלעקן. וועסט זען.

דער פאָטער שמייכלט טרויעריק.
— צי וועל איך נאָך דאָס האָבן גליק אײַך זען אַלעמען ווידעראַמאָל? ווי טראַכט איר?

ער קוקט פריִער אַף עסטערן, דערנאָך אַף מיר, אַף איר און אַף מיר. איך ווייס, וועגן וואָס ער קלערט, און איך לאָז אַראָפּ די אויגן. נאָר צוליב וואָס דאַרף מען עס, טאטע? צו וואָס, אווראָם ליפּמאַן...

— מאָרגן אינדערפרי, — זאָגט דער טאטע, — וועט קומען אין געטאָ א פאַרמאַכטע מיליטערישע מאַשין נעמען טרוקן האָלץ. דער שאָפער וועט אײַך אַרויספירן הינטער דער שטאָט, און דאָרט זוכט. צוריק וועט איר מוזן זיך אומקערן אליין. פאַרגעסט ניט אַראָפּצונעמען די מאָגן־דאָווידס. און נאָדל־פאָדעם פאַרגעסט ניט. נאָר זײַט פאָרזיכטיק. עס זאָל כאָלילע...

דער טאטע דערקלערט אונדז, וואָס מיר האָבן צו טאָן, ווו זוכן און ווען אומקערן זיך צוריק. מיר ווייסן, ווו צו זוכן. איך פאַרשטיי נאָר איין זאַך ניט.
— די מאַשין איז ווירקלעך א מיליטערישע? — פרעג איך.
— א מיליטערישע.
— און דער שאָפער?

— א סאַלדאַט.
— א דײַטש?
— א דײַטש. נו, איז וואָס?
— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס זאָל ער אונדז פירן...
— כאַ! — לאַכט דער טאַטע. — א דײַטש טאָר ניט פירן?
— נ־נ־ניין.
— דו פאַרשטייסט, — זאָגט דער טאַטע, — ער איז טאַקע א דײַטש, נאָר א ביסל אַן אַנ־דערער. איצטער ביסטו צופרידן?
— הממ... צופרידן.

ס׳איז געקומען דער אינדערפרי.
עס איז געקומען א פאַרמאַכטע מיליטערישע מאַשין.
מע לאָדט זי אָן מיט האָלץ, און מע לאָזט דאָרט פאַר אונדז א פּוסט ווינקעלע. מיר קריכן אַהין אַרײַן. דער דײַטש פאַרשפּאַרט די טיר. ער רעדט ניט. ער איז בייז און אָנגעבלאָזן.
אין דער מאַשין איז פינצטער, שטיל. דער מאָטאָר אַרבעט נאָך ניט. מיר הערן אונדזער אייגענעם אָטעם. דאָס האָלץ שמעקט מיט פּעך און דריקט אַף אונדז. און פון דער ווײַטנס, פון יענער זײַט מאַשין, דערטראָגט זיך זעלטן עמעצנס א קאָל.
דער מאָטאָר נעמט ברומען, די מאַשין הייבט אָן ציטערן.
מיר פאָרן.
מיר פילן דעם הויקערדיקן שטיינערנעם ברוק. דאָס האָלץ, וואָס דריקט אַף אונדז פון אַלע זײַטן. מיר באַמערקן ניט, אַז מיר זיצן צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, אַקסל צו אַקסל, באַק צו באַק.
וועגן וואָס טראַכט איצט עסטער?
איך טראַכט וועגן דעם, אַז עס איז א פּאַכעד צו פאָרן אין אַזא פינצטערניש, צו זיצן אין א פאַרמאַכטער מיליטער־מאַשין, בייס דער שאָפער איז א דײַטשישער סאָלדאַט און דאָס האָלץ שפּאַרט פון אַלע זײַטן, פּאַלט אָפּן קאָפּ און דו פילסט דעם הויקערדיקן שטיינערנעם ברוק, און דערצו נאָך איז די טיר פאַרשלאָסן פון דרויסן. מיר פאָרן און שווײַגן. גיכער פון אַלץ שווײַגן מיר דערפאַר, ווײַל יאַנעק איז ניטאָ, ווײַל מע דאַרף אים זוכן. ווען ניט ער, וואָלט איך קיינמאָל ניט אַרײַנגעקראָכן אין קיין פינצטערער, פאַרמאַכטער מאַשין, ווען מע מוז נאָך דערצו הערן מיט די אייגענע אויערן, ווי ס׳פאַרקלאַפּט זיך פון יענער זײַט די טיר.
— עסטער, וועגן וואָס טראַכסטו?
— איך פריי זיך... מיר פאָרן שוין, און יאַנעק טראַכט אַפילע ניט, אַז מיר פאָרן שוין.
מיטאַמאָל ווערט מיר טרויעריק.
פאַרוואָס טראַכט עסטער וועגן יאַנעקן?
פאַרוואָס האָב איך צום אַלעמערשטן א טראַכט געטאָן וועגן דער פינצטערניש און דערנאָך ערשט וועגן אים?
יאַנעק איז געווען גערעכט, ווען ער האָט מיר געזאָגט:
— זײַ ניט אין קאַס, איזיע... וועסט ניט זײַן באַרויִקט? זײַ ניט אין קאַס, נאָר איך קאָן בעשום־אויפן ניט געפינען מייקען. דו ביסט א גוטער כאַווער, אָבער מייקע איז פאָרט ניטאָ.

די מאַשין שטעלט זיך אָפּ.
עס קלימפּערט דער אײַזערנער פאַרוקער.
— קריכט אַרויס, — זאָגט דער דײַטש.
מיר קריכן אַרויס. דער סאָלדאַט וואַרט. ער וואָלט געקאָנט צוקלאַפּן די טיר, זיך זעצן אין דער קאַבינע און פאָרן ווײַטער.
וואָס שטייט ער דאָ? וואָס וואַרט ער?
— מיר זײַנען איצטער הינטער דער שטאָט, — זאָגט דער דײַטש. — אין שטאָט איז יאַנעק ניטאָ. אויב איר וועט אים געפינען, איז נאָר דאָ. איר זעט דעם וואַלד, דאָרט, אין דער ווײַט? ווײַטער זאָלט איר בעשום־אויפן ניט גיין. דאָרט איז יאַנעק אויך ניטאָ. דאָרט הייבט זיך אָן פאָנאַר.
— גוט, — ענטפער איך, — מירן אַהין ניט גיין. יאַנעק איז דאָרט ניטאָ, ער מוז זײַן דאָ, ערגעץ ניט ווײַט.
דער סאָלדאַט גייט נאָך אַלץ ניט אוועק.
— ווען איר וועט זיך אומקערן צוריק, — זאָגט ער, — זאָלט איר גיין מיט דעם זעלבן וועג און דערנאָך גלײַך מיט דער גאַס. באַם קאָסטיאָל זאָלט איר זיך נעמען אַף רעכטס, דערנאָך מיט

דער פּערטער גאָס אַף לינקס. כאַפּט זיך אַרײַן אין א טויער און וואַרט. דאָרט גייען פאַרבײַ די קאָלאָנעס, ווען זיי קערן זיך אום פון דער אַרבעט; די געטאָ איז פון דאָרט שוין גאָר נאָענט.

— איך ווייס.

דער דײַטש שאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז צופרידן.

ער שטייט נאָך אַלץ, פאַרקלאַפּט ניט דאָס טירל, זעצט זיך ניט אין דער קאַבינע און פאָרט ניט אַוועק.

מיר איז עפּעס ניט באַקוועם צו ריידן מיט אים. מיט מיר רעדט נאָר איין דײַטש — שאַגער, ווען מיר שפּילן אין שאָך. עס איז מיר שווער זיך אויסצומאָלן, אַז אַנטקעגן מיר שטייט א דײַטש און ער רעדט גאָר אַנדערש.

ער איז שוין ניט יונג, דער דאָזיקער סאָלדאַט. די הענט — גרויסע, די פינגער — ניט קיין בייגעוודיקע. ער איז ניט ראַזירט, אַף די באַקן, אַפן קין, אונטער דער נאָז שלאָגט זיך דורך א שיטער געל בערדל. די אויגן — גרויע, מידע און אָרום זיי א סאַך קנייטשעלעך, מער ניט די קנייטשן זײַנען ניט אַזעלכע טיפע, ווי בא מײַן טאַטן. ער איז, פאַרשטייט זיך, יינגער פון מײַן אוורהם ליפּמאַנען.

דער דײַטש קוקט נאָך לאַנג אַף עסטערקען, און איך — אַף זײַן שווערער האַנט אינעם גרינעם אָפּגעבליאַקעוועטן אַרבל, וואָס ליגט אַף מײַן אַקסל.

— זי איז א מיידל, און דו ביסט א מאַנצבאַל, — שמייכלט דער שאָפער, — און דו דאַרפסט פריִער פאַר אַלץ געדענקען, אַז פאַרזיכטיקײַט איז ניט קיין שאַנד.

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט אַף ליטוויש, אַרויסריידנדיק זיי מאָדנע, מיט אַן אַקצענט. ס'איז מיר געוואָרן פריילעך, און איך האָב א שמייכל געטאָן.

דאַן האָט ער צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק, זיך געזעצט אין דער קאַבינע און פאַר־קערעוועט צו דער שטאָט.

ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין, געעפנט דאָס טירל און הויך אַף א קאָל, קעדיי איבערצו־שרײַען דעם מאָטאָר, געזאָגט:

— איך וואָלט געקומען צו אײַך אין אָוונט, נאָר איך קאָן ניט, איך קאָן ווירקלעך ניט.

איך מיט עסטערקען פאָכען צו אים מיט די הענט, מיר פאַרשטייען אַליין ניט, פאַרוואָס מיר ווינטשן א גוטע רײַזע א דײַטשישן סאָלדאַט.

א מענטש זעט מען דאָ זעלטן. אין דער מיט ציט זיך א וועג, און פון ביידע זײַטן — הײַז־לעך, גערטענער, לאָנקעס.

עסטער גייט פון איין זײַט וועג, איך פון דער אַנדערער. מיר זײַנען זיכער, אַז יאַנעק ליגט אין א קיווועט אָדער ערגעץ ניט ווײַט פון וועג. אָפּגעגאַנגען א שטיקל וועג, גייען מיר זיך פאַנאַנ־דער, זי אין איין זײַט, איך אין דער אַנדערער. מיר גייען איבער לאָנקעס, גערטענער, נישטערן אין די קאַרטאָפל־פעלדער. מיר דוכט זיך, אַז זי האָט ניט אַלץ אַרומגעקוקט, און איר דוכט זיך דאָס אייגענע וועגן מיר. מיר בײַטן זיך מיט די ערטער און זוכן ווידער. זי אַף מײַן העלפט, איך — אַף אירער.

— איזיע, — פרעגט עסטער, — ביסט צופרידן, וואָס מיר זײַנען אַרויס אים זוכן, איאָ?

— אוודע, אַנדערש האָבן מיר ניט געקאָנט.

— דו פאַרשטייסט, וואָס עס וועט זײַן, — פרעגט עסטער, — אַז מירן אַזוי גיין און פּלוצעם באַגעגענען יאַנעקן? א שרעק, ניט עמעס?

— גאָר ניט קיין שרעק. וואָס רעדסטו?

— א שרעק... דו פאַרשטייסט, וואָס עס וועט דעמלט זײַן? אוי, אַבי גיכער!

אונטערוועגס גייען מיר אַרײַן אין יעדער שטוב, פרעגן בא די מענטשן, וואָס אַרבעטן אין פעלד. אַז מע דאַרף ריידן פויליש, רעדט עסטער, ליטוויש — רייד איך. נאָר אַמיינסטן ריידן מיר ביידע, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, און מענטשן קוקן אַף אונדז פאַרוווּנדערט און מיט מיטגעפיל.

מיר קלאַפּן ניט דרייסט אין די טירן.

מערסטנטייל עפענען פרויען.

— איר האָט נעכטן ניט געזען צוויי מאַשינעס מיט מענטשן?

— די דאָזיקע מאַשינעס זײַנען אָן א צאָל, קינדערלעך, אָן א צאָל.

— דאָרט איז געווען א יאַט... אַזאַ העלער, א בלאָנדער.

— ווי האָב איך אים געקאָנט זען, קינדער מײַנע?

— א יונגער יאט, ער הייסט יאנעק.
— ס'זײַנען געפֿאָרן מאַשינעס, און יענע צוויי זײַנען מיסטאָם אויך דורכגעפֿאָרן. נאָר דעם יאנעקן האָב איך ניט געזען.
— עפּשער ניט אין די מאַשינעס? עפּשער איז ער דאָ דורכגעגאַנגען?
— ניין, ניט דורכגעגאַנגען, ניט געזען.
מיר ווילן גיין ווײַטער.
נאָר מע לייגט אונדז פֿאַר עסן. איך ווייס ניט, פֿאַרוואָס מע לייגט אונדז פֿאַר אין יעדער כאַטע עסן. די פֿרויען גייען אײַלנדיק אוועק, טראָגן ארויס ברויט, אײַנגעוויקלט אין א האַנטעך, לויפֿן אין קאַמער און ברענגען מילך אין א ליימענעם קריגל.
אין יעדער שטוב לייגט מען אונדז פֿאַר עסן.
מיר זײַנען שוין זאַט, מיר האָבן שוין דרײַ מאָל געגעסן. נאָר די פֿרוי ווייסט דאָס ניט, לויפֿט זי אוועק, ברענגט ברויט, טראָגט ארויס מילך און וויל, מיר זאָלן זיך אוועקזעצן צום טיש, זיך אָפּרוען און פֿאַרבײַסן.

מיר דאַרפֿן נאָך גיין און גיין.
נאָכמיטאָג איבערגעביסן, שפּאַנען מיר ווײַטער.
א פֿרוי אין א ווײַס טיכל באַגלייט אונדז.
די זון האָט זיך אריבערגעפּעקלט אַף דער אַנדערער זײַט. מיר מוזן זיך אײַלן, אָבער אײַלן ווילט זיך ניט. ביז צום וואַלד זײַנען נאָך געבליבן צוויי הויפֿן: דאָ, נעענטער, א גרויסע שטוב מיט א בלעכענעם דאַך און דאָרט, לעבן וואַלד, א קליין שטיבל. דעמלט וועלן מיר שוין מוזן זיך אומקערן. ווײַטער גיין טאָר מען ניט. דאָרט איז יאנעק ניטאָ.
עסטערקע קוקט אַף דער זון, קוקט זיך ארום.
— זע, — זאָגט זי, — זע, בלומען...
אין דער עמעסן, אונטערן פֿענצטער וואַקסן בלומען, די שטענגלעך זײַנען הויכע, די בלומען גרויסע, די בלעטער גרינע.
— בלומען? יאָ, — זאָגט די פֿרוי, — דאָס זײַנען מײַנע רויטע פּיאָנען. איך קעכל זיי, בליִען זיי זיך שטאַרק פֿאַנאַנדער יעדעס יאָר, אפילו דאָס יאָר אויך.
עסטער קוקט מאָדנע אַף די רויטע פּיאָנען, ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל געזען קווייטן.
די פֿרוי נעמט זיך אײַלן.
זי אײַלט זיך, פּונקט ווי פֿריִער, ווען זי האָט אונדז געבראַכט ברויט אין א האַנטעך און מילך אין קריגל. זי האַלט שוין אין דער האַנט א קליין מעסערל און גייט צו צו די בלומען. זי זוכט און זוכט, ביז זי געפֿינט ניט דעם שענסטן פּיאָן, דעם סאַמע שענסטן — מיט ברייטע בלע־טער, א טונקל־רויטן.
— מע דאַרף ניט! — שרײַט אויס עסטער. — זאָל ער בליִען, מע דאַרף ניט!
— מע דאַרף ניט, — זאָג איך אויך, — מיר גייען ווײַט, ער וועט סײַווי פֿאַרוועלקט ווערן.
די פֿרוי הערט אונדז ניט. זי שנײַדט אָפּ אָט דעם שענסטן פּיאָן און גיט אים עסטערקען.
עסטער נעמט די בלום, טוליעט צו צו איר די באַק, דערנאָך גלעט זי מיט דער בלום אויך מײַן באַק, און דאַן גיט עסטער זי אָפּ צוריק דער פֿרוי.
— שטעלט זי ארײַן אין וואַסער, — בעט זי, — אין עפּעס א טעפּעלע אָדער אין א גלאָז. מיר גייען ווײַט, און די בלום וועט ווירקלעך פֿאַרוועלקט ווערן. מירן נאָך ארײַנגיין אין יענעם הויז און אין דעם הײַזל באַם וואַלד און דערנאָך צוריק.
די פֿרוי נעמט די בלום, שווײַגט און קוקט אַף אונדז מיט עטוואָס פֿאַרזשמורעטע אויגן.
— אהין גייט בעסער ניט... גייט ניט אין דעם הויז מיטן בלעכענעם דאַך. גייט בעסער גלײַך צו דעם הײַזל באַם וואַלד.
מיר פֿאַרשטייען.
— א דאַנק, א דאַנק, — זאָגט עסטער צו דער פֿרוי.
די פֿרוי שאָקלט מיטן קאָפּ.
מיר גייען ווײַטער.

— צוויי מאַשינעס? מיט מענטשן? — פֿרעגט מען אונדז איבער.
מיר שאָקלען מיט די קעפּ. מיר זײַנען איצט אין דער לעצטער הײַזקע לעבן וואַלד.
— געוועזן, געוועזן, — זאָגט די אַלטיטשקע. — כ'האָב געזען.
— און א בלאָנדער יאט?

— א בלאָנדער? געווען, געווען.

מיר וואַרטן. וואַרטן.

— אָט דאָ, ניט ווײַט פונדאַנען איז עס געווען, — דערציילט די אַלטיטשקע, — א בלאָנדער יאַט איז ארויסגעשפּרונגען פון דער מאַשין און נאָך אים נאָך איינער, א טונקעלער מאַנצבל. די מאַשינעס זײַנען געפאָרן גיך, זייער גיך. די צוויי מענטשן זײַנען אראָפּגעשפּרונגען אַפן וועג, און די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן שיסן נאָך זיי אוןביידע דערהארגעט. די מאַשינעס האָבן זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט, אהערצו איז צוגעקומען א סאָלדאַט, ער האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן אין קיזוווּעט און איז אוועק. יאָ, אַזוי איז עס געווען... וואָס איז ער, דער בלאָנדער, א ברודער אײַערער, צי וואָס? צוערשט האָבן מיר מוירע געהאַט צוגיין צו זיי, נאָר באַנאַכט זײַנען מענטשן אַחעק אַהין, אָבער זיי האָבן שוין קיינעם ניט געפונען. מיסטאַמע האָט מען זיי ערגעץ אוועקגעפירט. יאָ, אַזוי איז עס, קינדער...

וואָס קאָנען מיר טאָן? וואָס קאָנען מיר נאָך פרעגן?

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, — רופט אונדז די אַלטיטשקע, — זעצט זיך צו צום טיש, רוט אײַך אָפּ, בײַסט צו. מיט וואָס גאָט האָט אונדז געבענטשט, וועט א פאַרבײַגייער זיך אויך שטאַרקן דאָס האַרץ. קומט אַרײַן, קומט אַרײַן.

די אַלטיטשקע אײַלט זיך, פאַריכט דאָס טיכל. איר קין טרייסלט זיך די גאַנצע צײַט, מיסטאָם פון אַלטקײַט.

— קומט אַרײַן, קינדערלעך, קומט אַרײַן...

מיר קאָנען ניט אַרײַנגיין. מיר קאָנען זיך ניט זעצן צום טיש, זיך אָפּרוען, עסן שוואַרץ ברויט און טרינקען ווײַסע מילך.

מיר מוזן זיך אומקערן אַהיים.

ס'איז די סאַמע צײַט זיך אומצוקערן אין געטאָ.

ווײַטער איז דער וואַלד. גיין אַהין טאָר מען ניט. אונדזער וועג האָט זיך געענדיקט. און ס'איז ניטאָ וואָס צו גיין. איצטער ווייסן מיר אַלץ.

ס'איז סאַמע די צײַט זיך אומצוקערן. סאַמע צײַט.

מיר שפּאַנען מיטן שטויביקן וועג צו דער שטאָט. דער וועג איז א לאַנגער, א ווײַטער.

וועגן וואָס טראַכט איצט עסטער?

איך ווייס ניט.

איך ווייס אַפילו ניט, וועגן וואָס איך אַליין טראַכט.

עס הייבט זיך אָן די גאַס, אויך א לאַנגע און אַן אומעטיקע. אונדז יאָגט אָן א כעוורע: דרײַ באָכערים און צוויי מיידלעך. זיי טראָגן אַלע קוישלעך, זעקלעך, קערבלעך, זיי קערן זיך, ווײַזט אויס, אום פון דאָרף מיט פּראָדוקטן. זיי אײַלן זיך, יאָגן אונדז איבער, נאָר איין מיידל דרייט זיך אַלע ווײַלע אויס צו אונדז, דערנאָך זאָגט זי עפּעס צו אירע כאַווירים. זיי שטעלן זיך אָפּ און וואַרטן אַף אונדז.

— איר זײַט פון דאָרף? — פרעגט דאָס מיידל.

— ניין, ניט פון דאָרף.

— פונוואַנען גייט איר?

— מיר האָבן געזוכט אונדזער כאַווער יאַנעקן.

מער פרעגט זי אונדז ניט, ווײַל זי זעט דאָך, אַז מיר זײַנען זאַלבעצווייט און יאַנעקן האָבן מיר ניט געפונען.

— מע האָט אים נעכטן אוועקגעפירט, — זאָגט עסטער.

איך פאַרשטיי, אַז איר איז שווער צו שווײַגן, זי זאָגט עס, ווײַל זי דאַרף אַרויסזאָגן אין דער הייך עטלעכע ווערטער, קעדיי הערן איר אייגן קאָל.

— קומט מיט אונדז. צוזאַמען איז פריילעכער, — זאָגט דאָס מיידל.

— ניין, מיר דאַרפן גיין זייער ווײַט, — זאָג איך.

און דערקלער, אַז דאָרט דאַרפן מיר זיך פאַרדרייען אַף רעכטס, שפּעטער אַף לינקס און דערנאָך ווידער גיין גלײַך.

— אָ, — זאָגט דאָס מיידל, — מיר גייען דאָך אויך אַהין, ביז צום סאַמע שמאָלן געסל.

זי קוקט אַף אירע כאַווירים, און יענע שטימען שווײַגנדיק צו: יאָ, ביז צו יענעם געסל.

מיר זײַנען אין דער מיט פון דער קאָמפּאַניע און גייען אַלע צוזאַמען. ס'איז טאַקע בעסער, ווען אַרום קלינגען מענטשישע שטימען.

...אַט איז דער טויער.

דאָ דאַרפֿן מיר וואַרטן.

די קאָמפּאַניע האָט אונדז באַגלייט ביז צום טויער און איז אוועק צוריק. ווער ווייסט, צי זיי האָבן גאָר געדאַרפֿט גיין אַהער.

מיר באַהאַלטן זיך הינטער איין העלפֿט טויער, דאָרט וועט אונדז קיינער ניט באַמערקן, מיר נעמען אַרויס אונדזערע נאָדל־פֿאָדעם און נייען צו די געלע לאַטעס צו אונדזערע קליידער.

באַלד וועלן פֿאַרבײַגיין די קאָלאָנעס, מיר וועלן זיך אַרײַנשאַרן צווישן די רייען און זיך אומקערן אַהיים.

די צײַט ציט זיך זייער פּאַמעלעך, אָבער ס'וואָלט ניט געווען אַזוי שווער צו וואַרטן, ווען מיר דערהערן ניט עמעצן קרעכצן. עמעצער קרעכצט ערגעץ, און אונדז דאַכט זיך, אַז דאָס איז יאַנעק!

קאַפּיטל צען

נײַן־און־דרײַסיקסטער גאַנג

1

שאַגער האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט אויפֿן קיניגלעכן פּלאַנג.

— ראָמאַנטיק, — האָט ער אַ זיפֿץ געטאָן.

ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפֿער, גיט ער צו:

— יאָ, ראָמאַנטיק. אַרום איז פֿינצטער. נאָר אונדזער טיש איז באַלויכטן, ווי אַ שטײַטער. שטעל זיך פֿאָר, אַז מיר זײַנען פֿאַסטעכער, מיר זײַנען אין טיראָל. די פֿיגורן — דאָס איז אונדזער טשערעדע. מיר פּאַשען די טשערעדע, זיצן באַם שײַטער. ערגעץ פֿײַפֿט עמעצער אויף אַ פֿײַפֿיאַל, און איך זינג טיראָלער לידער. עך! דאָס איז אַ לעבן. עמעס? אַט אַזוי!

שאַגער האָט אויסגעגלײַכט די פּלייצע, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ווענטל פֿונעם בענקל, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ, צעשפּרייט די הענט און פֿאַרצויגן, ווי אַ טיראָלער: ליאַ־ליאַ־לי־לו־ו־ו־ו... ליאַ־אַ־לי־ליו־ו־ו־ו...

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעלייגט מיט דער ברוסט אויפֿן שאָך־טיש, אַ קוק געטאָן אויף זײַן קעגנער און אַ שמייכל געטאָן.

אין דער עמעסן איז טאַקע דער אָוונט געווען אַ לויטערער, אַ בלויער, אַזוי ווי מע קוקט דורך אַ בלוילעכן גלאָז. די זון האָט לאַנג געמאַכט אַלע שאָטנס און איז פֿאַרשוווּנדן אין דער נאַכט. אָט־אָט וועלן אויפֿגיין די שטערן — מיליאָנען פֿילקאַליריקע ווײַטע פֿײַערלעך. אונטער די פֿיס זײַנען געלעגן שטיינער, אַלטע און האַרטע, ווי שטיין, און ערגעץ ניט ווײַט האָט אַ לײַכט ווינטל געקלאַפּט מיט אַ לאָדן.

אין דער עמעסן האָט אַלץ אויסגעזען געהיימניספֿול.

נאָר אין דער דאָזיקער געהיימניספֿולער אָוונט־שטילקייט זײַנען געווען מענטשן. קליי־ נינקע קאַרביד־לעמפּעלעך, און אינמיטן — אַ שאָך־טיש, פֿיגורן, פֿיגורן, פֿיגורן — טויטע פֿיגורן, און נאָך צוויי, וואָס זײַנען געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, איזיע ליפּמאַן און אַדאָלף שאַגער.

די טויטע פֿיגורן זײַנען געווען בלויז האַלץ.

געקעמפֿט האָבן די לעבעדיקע.

2

און איך האָב געבוירן אַ טאָכטער און איר אַ נאָמען געגעבן ריווע, — האָט געזאָגט אַוורום ליפּמאַן.

3

אַ גאַנצן כוידעש — דרײַסיק טעג — האָבן זיי ביידע געלעבט אין אַ קליין שטיבל, באַם אויסבייג פֿון טײַך, הינטער די גערטנער. דאָס שטיבל איז געווען זייער אַ קליינס, אַ פּירהויז און איין צימערל, דערפֿאַר איז אָבער די גאַס געווען ווײַט, אַהער פֿלעגט קיינער ניט אַרײַנקומען,

ניט אַרײַנשטעקן די נאָז. אין צימער איז געשטאַנען אַ טיש, אַ שאַפּקעלע און צוויי בעטן. זיי זײַנען געשלאָפן אין אָנטאָן, ווי אַפן פראָנט. זיי האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי באַמערקן גאָרניט, און עפּשער האָבן זיי טאַקע ניט באַמערקט, אַז ער איז אַ מאַנצבל און זי אַ פרוי.

אַנטאַנאַס איז געגאַנגען איבער דער גרינער לאָנקע, וואָס איז געווען פאַרנעפּלט פון דעם פאַרטאָגיקן טוי, און זיך געפרייט מיט דעם שמאָלן שטעגל, וואָס שלענגלט זיך פאַר אים. דער סליאַד איז געווען אַ פרישער, און אַנטאַנאַס האָט געשמייכלט, קוקנדיק אַף דעם ריינעם, אויסגע־וואַשענעם גראָז, וואָס איז נאָך געווען אײַנגעבויגן, — אַ סימען, אַז זי איז דאָ ערשט פאַר־בײַגעגאַנגען.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, הייבנדיק הויך די פיס, און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן.

ער איז פאַרזיכטיק אַריבערגעטראָטן די שוועל פון פּירהויז, פאַרמאַכט די טיר און זי פאַר־שפּאַרט מיטן אַלטן הילצערנעם פאַרוקער.

דאָ אין פּירהויז האָט ער אויסגעטאָן די שטיוול, אופגעהאַנגען טריקענען די פײַכטע אָנע־טשעס און אַף די שפּיץ פינגער אַרײַן אין צימער. ריוועַ איז שוין טאַקע געשלאָפן. זי פלעגט אַלעמאָל אַזוי שלאָפן — מיט די הענט אונטערן קאָפּ און מיט אָפענע ליפּן.

אַנטאַנאַס האָט שטענדיק געשמייכלט, ווען ער האָט געקוקט, ווי זי שלאָפט.

ער האָט זיך אַ צי געטאָן, אופגעהויבן די דינע קאָלדרע און שוין געוואָלט זיך לייגן, נאָר ריוועַ איז אַזוי שטאַרק קינדיש־זאָרגלאָז געשלאָפן, אַז ער איז פלוצלינג געוואָרן אומרויִק.

אין צימער זײַנען געווען צוויי פענצטער — איינס צום טײַך, דאָס אַנדערע צו די גערטענער. ער האָט געעפנט דעם לאָדן און גלײַך דערזען די דײַטשן. זיי זײַנען געגאַנגען אײַנגעבויגן אין אַ ברייטן רינג, זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטוב. ער האָט פאַרקלאַפּט דעם לאָדן, צוגעשפּרונגען צום אַנדערן, נאָר אויך דאָ האָט ער דערזען דעם רינג אײַנגעבויגענע דײַטשן.

— ריוועַ, ריוועַ! — האָט ער זי געוועקט.

זי האָט זיך גלײַך אופגעכאַפּט און טייקעף פאַרשטאַנען.

זי האָט געוווּסט, אַז דאָס קאָן געשען. זיי האָבן עס ביידע געוווּסט און זײַנען שטענדיק גרייט געווען. זיי האָבן זיך ניט געכידעשט, וואָס דאָס איז סאַפּקאָלסאָף געשען, כאָטש אין דער עמעסן האָבן זיי שטענדיק געהאָפט: עפּשער וועט עס זיי אויסמײַדן, עס דאַרף דאָך ניט אומבאַ־דינגט זײַן אַזוי. זיי האָבן ניט געקלערט, אַז עס וועט אַזוי גיך זיך ענדיקן. כאָטש צוריק גערעדט, איז עס גאָר ניט אַזוי גיך — זיי האָבן דאָך געלעבט דאָ אין שטיבל באַם טײַך אַ גאַנצן כוידעש — דרײַסיק טעג — און די גאַנצע צײַט האָט זיי קיינער ניט געשטערט.

זיי האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט, יעדערער באַ זײַן פענצטער, באַ די לעכער, וואָס זײַנען שוין פון פריִער געווען אויסגעשניטן אין די לאָדן, און גענומען וואַרטן.

יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַן אויטאָמאַט מיט זיבן דיסקן, אַ רעוואָלווער און אַ האַנט־גראַנאַטע. נעכטן האָבן זיי געהאַט אַ סאַך גראַנאַטעס, נאָר באַנאַכט האָבן זיי אַלץ אוועק־געגעבן די כאַוויירים פון געטאָ. דאָרט אין געטאָ האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סאַך גראַנאַטעס, און פאַר זיך האָבן זיי מער ניט געקאָנט איבערלאָזן.

זיי האָבן געוואַרט, ביז די דײַטשן וועלן זיך דערנעענטערן, און דאַן האָבן זיי ביידע גלײַכ־צײַטיק אָנגעהויבן שיסן.

די דײַטשן האָבן אויך געשאָסן.

„זיי זאָלן נאָר ניט פאַרגיין פון יענער זײַט, וווּ ס'איז ניטאָ קיין פענצטער, — האָט ריוועַ געטראַכט, — זאָלן זיי נאָר ניט קריכן אַפן דאַך".

אַנטאַנאַס האָט אַ קוק געגעבן אַף ריוועַן, וואָס איז צוגעפאַלן צום פענצטער, און האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אויב זיי וועלן אַרופקריכן אַפן דאַך און צעברעכן די סטעליע, וועט מען גאָרניט קאָנען מאַכן, און אַלץ וועט זיך גיך פאַרענדיקן, זייער גיך".

די דײַטשן האָבן זיך אופגעהויבן, און מע האָט ווידער געקאָנט שיסן. זיי האָבן ווידער געשאָסן און זיך געפרייט, וואָס זיי איז פאַרט בעסער — זיי זעען גוט די דײַטשן, אין דער צײַט ווען די דײַטשן זעען זיי ניט.

די שלאַכט האָט לאַנג געדויערט.

ווען די דײַטשן האָבן זיך ווידער אופגעהויבן, האָבן זיי ביידע אַף אַ ווײַלע אופגעפּראַלט די לאָדן, אַ שלײַדער געטאָן די גראַנאַטעס און ווידער פאַרקלאַפּט די לאָדן.

דעמלט האָבן די דײַטשן זיך צוריקגעצויגן. זיי האָבן ניט געהאַט וואָס זיך צו אײַלן. אַפן דאַך האָבן זיי אויך ניט געפּרווּט קריכן. זיי זײַנען אָפּגעטראָטן — און זיך צוגעזעצט רייכערן. דאָס שטיבל איז סײַווי געווען אין דער סאַמע מיט, און אַנטלויפן פון דאָרט איז געווען אומעגלעך.

ריווע און אנטאנאס האָבן זיך צוגעזעצט. זיי האָבן אויך געדאַרפט זיך אָפּרוען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויפן דיל, זיך אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט און שווײַגנדיק געקוקט איינער אויפן אַנדערן. פון צײַט צו צײַט זיך אויפגעהויבן און צוגעלייגט אָן אויג צו די לאָדן־שפּאַלטן — צי עס דערנעענטערן זיך ניט די דײַטשן. נאָר די דײַטשן האָבן זיך ניט געײַלט. זעלטן ווען האָבן זיי מיט איינצלנע שאָסן זיך געסטאַרעט טרעפן אין די פענצטער. די קוילן האָבן שוין פון לאַנג אויסגעהאַקט די שויבן, און איצט האָבן זיי זיך אײַנגעהריזשעט אין האָלץ פון די לאָדנס. נאָר דאָס איז געווען ניט שרעקלעך, די דײַטשן האָבן זיך געשפּילט, און זיי ביידע האָבן געקאָנט זיך אָפּרוען.

„דו ווייסט, וועגן וואָס איך טראַכט אַצינד? — האָט אין געדאַנק געפרעגט ריווע, קוקנדיק אויפן מאַנצבל, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר, — איך טראַכט וועגן דעם, אַז מיר קענען זיך נאָך גאָר ווייניק. איך ווייס אַפילו ניט, ווי איז דײַן פאַמיליע, און דו ווייסט ניט מײַנע".

„איך וויל, דו זאָלסט טראַכטן וועגן מיר, — האָט געערעדט צו זיך אַנטאַנאַס, ניט אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק פון דער פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים, — ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס איך וויל, וואָלסטו זיכער געקלערט וועגן מיר. ס'איז דאָך א שרעק צו זאָגן — מיר האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען א גאַנצן כוידעש, און דו ווייסט ניט מײַן פאַמיליע, און איך דײַנע. דו ווייסט ניט, צי אַנטאַנאַס איז מײַן עמעסער נאָמען, און איך ווייס ניט, צי מע רופט דיך אין דער עמעסן ריווע, אָדער ניט..."

— מײַן פאַמיליע איז ליפּמאַן, ריווע ליפּמאַן, — האָט זי אין דער הייך געזאָגט.

ער האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— און איך בין יאַנקאַוסקאַס. אַנטאַנאַס יאַנקאַוסקאַס.

דורך איר פענצטער איז מיט א געפײַף אַרײַנגעפלויגן א קויל. א זשום געטאָן, ווי א בין, און א שלײַדער געטאָן א הויפן שפּענדלעך אים אין פּאָנעם אַרײַן. זיי האָבן ביידע אויפגעציטערט. אַנטאַנאַס האָט זיך אָפּגעטרייסלט און א שמייכל געטאָן, נאָר דער שמייכל איז געווען א טרויעריקער, און ריווע האָט געטראַכט:

„מיר מאַכן פעלערן, האגאַם מיר האָבן ניט קיין רעכט אף דעם. מיר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין אף אַן אַנדער אָרט, ווײַל מיר האָבן דאָך געוווּסט, אַז אַזוינס קאָן פּאַסירן. מיר האָבן געמאַכט א גרויסן טאָעס. און נאָך ערגער, אַז מיר האָבן מיר פאַרזוען, אויב זיי האָבן זיך געקאָנט דערוויסן, אַז מיר ווױנען דאָ. שפּעטער וועלן אַנדערע דערגיין, אין וואָס איז באַשטאַנען אונדזער טאָעס. אָבער דערווײַל זיצן מיר איינער קעגן דעם אַנדערן און וויסן ניט ווען, ווו און ווי‏אַזוי זײַנען מיר באַגאַנגען א פעלער".

„ווען זיי וואָלטן געקומען מיט דרײַ טעג שפּעטער, — האָט געטראַכט אַנטאַנאַס, — וואָלטן זיי אונדז דאָ שוין ניט געטראָפן. מיר וואָלטן שוין רויִק געלעבט אין דעם אַנדערן עק שטאָט און מיר וואָלטן ווידער מיט ריווען און מיט די אַנדערע יאַטן געגאַנגען אף אונדזערע נאַכט־אָפּעראַציעס".

— אונדזערע וועלן אײַנגיבן קאָנען אַוועק אין וואַלד? — האָט זי געפרעגט.

— סערגיי לייגט פאַר, מע זאָל פריִער אַרויספירן די יוגנט.

— אין געטאָ איז דאָך שוין פאַראַן א סאַך געווער.

— סײַווי קאָן מען אַלע מיטאַמאָל ניט אַרויספירן. דעם וואַלד מוז מען נאָך אײַנעמען. אין עטלעכע ערדשטיבלעך וועסטו קיין סאַך ניט אָנפאַרטיזאַנעווען. סערגיי וואַרט אף מענטשן פון דער גרויסער ערד. ס'דאַרפן קומען מאַרק און עוגעניוס, פאַרשטייסט? און די געטאָ דאַרף מען אויך באַוואַכן. ס'איז זייער שווער, ווען ס'וואָלט געווען מיטנבערג, וואָלט געווען א סאַך גרינגער. יאָ, ווען מיטנבערג וואָלט געווען...

זי האָט זיך דערמאָנט אָן הירש מיטנבערגן און צוזאַמענגעצויגן די ברעמען. זי האָט ניט געוואָלט טראַכטן, נאָר סײַווי געטראַכט...

מע האָט אים געפּאַקט באַ די טויערן פון דער געטאָ, אָבער אים איז געלונגען צו אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן. מע האָט אים געזוכט אין אַלע געסלעך, אין אַלע הײַזער, נאָר מע האָט אים ניט געפונען.

שאַגער האָט אַרויסגערופן סאָלדאַטן, אַרומגערינגלט די געטאָ און געזאָגט:

— אויב מיטנבערג וועט זיך ניט מעלדן, וועל איך פאַרניכטן די געטאָ.

ער האָט זיך געקליבן אַרויסרופן טאַנקען און אַעראָפּלאַנען.

דעמלט איז הירש אַליין געקומען צו די טויערן פון דער געטאָ.

ריווע האָט אָנגעהויבן קרעכצן.

אַנטאַנאַס האָט א קוק געטאָן אף ריווען. איר האַנט איז געווען פאַרבלוטיקט.

— זיץ, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב זיך צעשניטן מיטן דיסק.

ער האָט זיך צוריק אנידערגעזעצט.

„ווען מיר זאָלן זיך אונטערגעבן לעבעדיקע, קאָן נאָך טרעפן, אז עס וואלט זיך אײַנגעגעבן אנטלויפן... זאָל זײַן ניט ביידן... דער איקער, זי זאָל האָבן די מעגלעכקייט... זי מוז אנטלויפן... זי מוז בלײַבן לעבן... זי וועט אומבאדינגט אנטלויפן"...

ריווע האָט געקוקט אין אנטאנאס פארנעפלטע אויגן און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„זיי זײַנען א סאך. אנטלויפן קאָן מען ניט. ניטאָ וואָס צו טראכטן וועגן דעם. מיר וועלן זיך ראנגלען מיט זיי נאָך לאנג. עמעס, אנטאנאס? מיר רוען זיך איצט אָפּ, ס'איז אונדז גאָר ניט שלעכט. דו הער בעסער, איך טראכט איצט וועגן מײַן פאָטער. ער איז ווי אן אלטער שטארקער בוים. ער שטייט פעסט, אײַנגעקלאמערט מיט די וואָרצלען אין דער ערד. ניטאָ אינע, ניטאָ באסיע, ראָכל, קאסריעל — דאָס זײַנען מײַנע שוועסטער און מײַן ברודער. און ער, דער בוים, שטייט. איצט וועט ניט זײַן... ניין, ניט דאָס איז וויכטיק. דער בוים וועט שטיין. נאָר מיט נאָך איין צווײַג ווייניקער. זעסט, אנטאנאס, ער איז אן אלטער, און מיר זײַנען יונגע, אים איז שווערער. מיר רוען איצט און שמועסן. עס איז אונדז גאָר ניט אזוי שלעכט. און דו קלערסט גאָר וועגן אזעלכע זאכן, וואָס מע דארף ניט, מ'דארף ניט..."

אנטאנאס האָט א שמייכל געטאָן.

— איך קען ניט דײַן פאָטער, — האָט ער געזאָגט.

— ער איז שוין ניט קיין יונגער. ער האָט געהאַט א סאך קינדער, מײַנע ברידער און שוועסטער. ער האָט א באָרד, ווי דו. נאָר זײַן באָרד איז גרעסער און איז גרוי.

נאָכדעם האָבן זיי ווידער געשוויגן.

אים איז איצט געקומען אפן זינען, אז מע דארף פרעגן ריווען, צי האָט זי באוויזן זאָגן גיטען וועגן דעם נײַעם דײַטשישן קוילנווארפער, וועלכן זיי האָבן פארגראָבן אפן ברעג פון דער ווילי און דעם שלאָס פונעם קוילנווארפער באהאלטן אין דער לאָך פון דער אלטער ליפּע.

ער האָט געדארפט פרעגן. נאָר ער האָט מוירע געהאַט צו דערמאָנען איר. אויב זי האָט עס ניט באוויזן צו טאָן, איז דאָך שוין פארפאלן, איז שוין בעסער ניט פרעגן.

איר געזיכט האָט א שײַן געטאָן, און זי האָט א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

„עפשער האָט זי פּארט געזאָגט גיטען?

כאָטש, ווער ווייסט, וועגן וואָס זי טראכט איצט"...

אנטאנאס האָט געשוויגן, פאר אים איז געווען גענוג, וואָס איר פּאָנעם לײַכט, וואָס זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

איצט האָט זיך ארײַנגעריסן א קויל דורך זײַן פענצטער, א זשומע געטאָן, ווי א בין, און באשאָטן ריווען מיט א גרויען שטויב. נאָר זי האָט אף דעם קיין אכט ניט געלייגט.

„דו פארשטייסט ניט, פארוואָס איך בין צופרידן? איך זע, אז דו פארשטייסט ניט. איך טראכט וועגן דיר. מיר איז גוט, וואָס איך קען דיך אזוי לאנג, שוין א גאנצן כוידעש, דרײַסיק טעג. דעמלט, ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באגעגנט, האָסטו מיר געעפנט די פּארטקע און ארײַנגעלאָזט אין הויף פון דער עלעקטראָסטאנציע. דערנאָך ביסטו געגאנגען מיט מיר צוזאמען, און מיר האָבן ביידע געקוקט פונעם דרײַצלאָמים־בארג, ווי עס האָט זיך אופגעריסן די עלעקטראָסטאנציע. מיר האָבן געזען דעם ערשטן פלאם. די מענטשן פון געטאָ האָבן אונטער־געצונדן. און דו האָסט דעמלט געזאָגט:

— פאר הירש מיטנבערגן...

און דו האָסט אראָפּגענומען דאָס היטל.

איך האָב אָנגעכאַפּט דײַן האנט און זי א קוש געטאָן.

דערנאָך זײַנען מיר געגאנגען ערגעץ ווײַט, דו האָסט מיך געפירט און געבראכט אהער, אין אָט דעם שטיבל, אפן ברעג פון דעם גיכן טײַכל, וואָס מורמלט טאָג און נאכט, טרײַבט און טרײַבט די וואסערן אזוי, אז מיר הערן עס אפילע אצינד, ווען מיר זיצן אזוי און קוקן איינער אפן אנדערן".

אנטאנאס האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער.

„גוט, וואָס דו ווייסט ניט, ריווע, ווער איך בין, דו ווייסט ניט, אז גאָר נאָענט פונדאנען, אין דער זעלבער שטאָט, וווינט נאָך א מענטש מיט דער זעלבער פאמיליע, מײַן ברודער. דו ווייסט ניט, אז ער טראָגט א ווײַסן באנד אפן ארבל און שיסט מענטשן אין פּאנאר. איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ווייסט עס ניט. מעגלעך, אז דו טראכסט אצינד וועגן דער אופגעריסענער עלעקטראָסטאנציע, און מיר איז שווער, ווײַל מיר זיצן ביידע איינער אנטקעגן דעם אנדערן ארומגערינגלט מיט דײַטשן און איך וועל ניט זען, ווי דו, דײַן ברודער אָדער איך מיט מײַנע אייגענע הענט וועלן הארגענען מײַן ברודער, דעם, וואָס טראָגט די זעלבע פאמיליע, וואָס איך.

איך ווייס, ריווע, דו ווייסט ניט, וועגן וואָס איך טראַכט איצט, און איך בין צופֿרידן. אָבער מיר טוט באַנק, וואָס איך וועל ניט זען דאָס, וועגן וואָס איך האָב געטרוימט".

אַנטאַנאַס האָט נאָך אַלץ געקוקט אָן אַ זײַט. ריווע האָט אַ טראַכט געטאָן:

„פֿאַרוואָס איז ער טרויעריק געוואָרן? מע דאַרף אים עפּעס דערציילן... וואָס קלערט מען צו, ער זאָל זיך דערפֿרייען... גאָט מײַנער! איך מוז אָט די רעגע עפּעס צוקלערן. אָט די מינוט!.."

זי האָט זיך דערמאָנט און אַ שמייכל געטאָן.

— אַנטאַנאַס, דו הערסט? — האָט זי געזאָגט. — נעכטן האָט מען מיר דערציילט, אַז די יאַטן פֿון געטאָ האָבן געפּאַטערט צוויי פּאָליציסטן און דעם שמײַסער פֿון געטאָ. יענע זײַנען געגאַנגען באַנאַכט איבער די הײַזער, געוועקט מענטשן און געפֿאָדערט געלט. מע האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין אַ ברונעם פֿון דער קאַנאַליזאַציע. איך ווייס אַפֿילו זייערע פֿאַמיליעס: באַרקוס, יאַנקאַוסקאַס און פּעלער. ביסט צופֿרידן?

ער האָט אַ ציטער געטאָן און אַריבערגעפֿירט דעם דערשראָקענעם, נאָר גליקלעכן בליק אויף דער פֿרוי, וואָס איז געזעסן לעבן אים. זײַן פּנים האָט געלויכטן.

„זעסט, — האָט געקלערט ריווע, — איך האָב געוווּסט, וואָס מע דאַרף דיר דערציילן, און דו ביסט איצט גליקלעך. נו, איז וואָס, אַז דעם פּאָליציסטס פֿאַמיליע איז געווען יאַנקאַוסקאַס, ווי דײַנע? ס'איז דײַנער אַ קאָרעוו? ניט וויכטיק. לאַכלוטן ניט וויכטיק. פּעלער האָט דאָך געקאָנט זײַן מײַנער אַ קאָרעוו. דאָס איז דען וויכטיק פֿאַר אונדז, נאָך דעם ווי מיר האָבן ביידע דאָ געלעבט אַ גאַנצן כוידעש, דרײַסיק טעג נאָכאַנאַנד, לעבן דעם פֿלינקן פּלוישנדיקן טײַכל, וואָס טרײַבט און טרײַבט די וואַסערן אָן אָן עק און אָן אַ סאָף".

ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צום פֿענצטער, קעדיי באַהאַלטן זײַן בערדיק פּנים, נאָר ער האָט זיך גלײַך אײַנגעבויגן, געכאַפּט דעם אווטאָמאַט, און ריווע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די דײַטשן דערנעענטערן זיך ווידער און אַז איצטער וועלן זיי זיך שוין ניט צוריקציִען.

זי איז צוגעשפּרונגען צו איר פֿענצטער און דערזען, אַז זיי גייען טאַקע. זיי האָבן זיך אײַנגעבויגן און גייען גיך.

זיי האָבן געלאָזט צוגיין די דײַטשן נאָענט. און ווידער גלײַכצײַטיק אָנגעהויבן צו שיסן. די דײַטשן האָבן זיך אוועקגעלייגט. זיי האָבן ביידע געוואַרט, ביז יענע וועלן זיך אויפֿהייבן, נאָר די דײַטשן האָבן זיך אויפֿגעהויבן ניט אַלע מיטאַמאָל. זיי האָבן אָנגעהויבן איבערלויפֿן איינציקווײַז — דערפֿאַר האָט מען סײַוויסײַ געדאַרפֿט שיסן, כאָטש קוילן זײַנען שוין געבליבן וויניק און מע וועט שוין דאַרפֿן באַלד אָנקומען צו די רעוואָלווערן.

זיי זײַנען איצט איבערגעלאָפֿן פֿון איין פֿענצטער צום אַנדערן און געגעבן עטלעכע שאָסן, קעדיי עס זאָל זיך אויסווײַזן, אַז דאָ זײַנען ניט קיין צוויי, נאָר אַ סך מענטשן.

דעמלט איז ער געפֿאַלן.

זי האָט געהערט דעם קלאַפּ, ווען ער האָט אַ פֿראַל געטאָן, און איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי הערט דאָס זשומען פֿון אַ בין — דאָס זשומען פֿון יענער קויל, וואָס האָט געטראָפֿן אַנטאַנאַסן. אַזוי האָט זיך איר אויסגעדוכט, און זי האָט זיך ניט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון אָט דעם געדאַנק, כאָטש קוילן זײַנען געווען זייער אַ סך און אַלע האָבן זיי געגרילצט און געזשומעט, צעלעכערט און צעהריזשעט די לאָדן, וואָס האָבן שוין איצט אויסגעזען ווי וואַקס פֿון אַ כאָרעוו געוואָרענעם בינשטאָק. אין אַנטאַנאַסן האָט אָבער געטראָפֿן ניט איין קויל, אַ סך שטיקלעך בלײַ האָבן דורכגעלעכערט זײַן ברוסט.

ריווע איז צוגעפֿאַלן צו אים. ער האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אָנגעכמורעט די ברעמען, און זי האָט זיך גענומען צו אַנטאַנאַסעס דיסק און אויסגעשאָסן אַלע קוילן.

זי האָט ווידער זיך געוואָלט אָנבייגן צו אים, נאָר ער האָט איר אַ ווײַז געטאָן אויף דער אַנדערער זײַט, און זי האָט זיך צוגעשאַרט צו איר פֿענצטער און דאָרטן פֿאַרענדיקט דעם לעצטן, זיבעטן דיסק.

אַצינד איז שוין געווען אַלציינס.

אַזוי ווי עס איז שוין געווען אַלציינס, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אויף די קני אינמיטן צימער און געשאָסן מיט אַנטאַנאַסעס רעוואָלווער דורך זײַן פֿענצטער און דערנאָך מיט איר רעוואָלווער דורך איר פֿענצטער.

ווען אַנטאַנאַסעס רעוואָלווער איז געוואָרן פּוסט, האָט זי, פּעסט צודריקנדיק דאָס הענטל פֿון איר רעוואָלווער, געקלערט וועגן איין זאַך, נאָר וועגן איין זאַך: מע טאָר ניט אויסשיסן אַלע קוילן, מע דאַרף לאָזן איינע פֿאַר זיך.

און ס'איז געקומען די צײַט, ווען עס איז געבליבן נאָר איין קויל.

דאַן האָט זי זיך אײַנגעבויגן איבער אַנטאַנאַסן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ ווינקל פֿון מויל. ער האָט, ווײַזט אויס, די גאַנצע צײַט,

וואס זי האָט געשאָסן, אָנגעשטרענגט אַלע זײַנע קויכעס, זײַן גאַנצן ווילן און געוואָרט, ביז זי וועט זיך אַזוי אָנבייגן צו אים און אַ קוק טאָן אים אין די אויגן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן. ער האָט דערפילט, אַז זיי באַוועגן זיך, האָט ער דאַן געזאָגט:

— איך האָב דיך ליב, ריווע, איך האָב דיך ליב געהאַט...

— איך ווייס, אַנטאַנאַס, איך ווייס.

דאַן האָבן אים די קויכעס פאַרלאָזט, און ריווע האָט אים צוגעמאַכט די אויגן.

די דײַטשן זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט, און זי האָט ניט געקאָנט באַשליסן: איצט, שוין איצטער, אָדער נאָך צוּוואַרטן. זי האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס דאַרף זי נאָך וואַרטן, אָבער אין קאָפּ האָט זיך געדרייט און געדרייט:

„שוין? איצט? אָדער נאָך צוּוואַרטן?"

זי האָט דערזען אַ דײַטש — אָט דאָ, הינטערן פענצטער. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך באַהאַלטן, ווידער אים אַרויסגערוקט און ווידער באַהאַלטן. ריווע האָט זיך צוריקגעצויגן, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט. אָט דעם דײַטש האָט זי ניט געטאָרט לאָזן לעבן. זי האָט ניט געקאָנט צוקוקן, ווי ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון הינטערן פענצטער און באַהאַלט זיך, הייבט אויף און באַהאַלט זיך ווידער. דאָס גאַנצע לעבן אירס האָט איר אויסגעזען צוועקלאָז, אויב זי וועט לאָזן לעבן אָט דעם דײַטש, וואָס וועט אין אַ צײַט אַרום ווידער אויסזוכן אַזאַ שטיבל ערגעץ לעבן טײַך און ווידער שיסן, שיסן און שיסן, דערנאָך ווידער אַרויסשטעקן דעם קאָפּ בײַ אַ פענצטער, ווו די לאָדן זײַנען צעלעכערט, ווי דער וואַקס אין אַ בינשטאָק.

זי האָט זיך צוריקגעצויגן, געסטאַרעט זיך זײַן רויִק, די האַנט זאָל ניט ציטערן. ווען עס בלײַבט איין קויל, טאָר די האַנט ניט ציטערן. זי דאַרף זײַן ווי פון שטאָל. די האַנט דאַרף זײַן אויסגעטעסעט פון גראַניט און דאַרף קאָנען וואַרטן.

ריווע האָט געוואַרט, און דער קאָפּ האָט זיך ווידער באַוויזן אין פענצטער. דערמלט האָט זי קאַלטבלוטיק אָנגעדריקט אַפן צינגל. איר האַנט איז בעעמעס געווען פון גראַניט, און קיין איין שטיינערנער מוסקול האָט קיין ציטער ניט געטאָן.

ריווע האָט זיך אופגעהויבן פון דיל, געכאַפּט דעם אויטאָמאַט, אויסגעהאַקט די רעשטלעך פון דער ראַם, אַרופגעשפּרונגען אַפן פענצטער און אָנגעהויבן צו פירן מיטן אויטאָמאַט, אָן קוילן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז פול, און זי האָט געצילט אין די גרינע שינעלן, ביז אַ צענדליק קוילן האָבן זי דורכגעלעכערט.

איצטער איז שוין אַלץ געווען גוט.

ריווע איז געפאַלן אַף דער פּלייצע אין צימער אַרײַן און האָט זיך פאַרכידעשט, וואָס דאָ איז אַזוי שטיל. ווידער האָט זיך געהערט, ווי עס ריזלט הינטער דער וואַנט דאָס וואַסער אינעם טײַכל. נאָר ס'איז געווען נאַכט. ריווע האָט אָנגעטאַפּט אַנטאַנאַסעס האַנט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגליווערט צו ווערן, און געזאָגט:

„זײַ ניט בארויגעז, אַנטאַנאַס... איך האָב ליב געהאַט הירש מיטנבערגן... זייער ליב געהאַט..."

און ווידער האָט געריזלט הינטער דער וואַנט דאָס וואַסער — אָן אַן עק און אָן אַ סאָף, געלאָפן אימפּעטדיק און לויטער.

:

קאַפּיטל עלף

פּערציקסטער גאַנג

1

. . . .
. . . .
. . . .

2

איך ליג איצטער אין קיוועט לעבן דעם וועג, עס איז שווער זיך אופצוהייבן. מע דאַרף, ווײַזט אויס, נאָך אַ ביסל ליגן און זיך אָנעמען מיט קויעך. איך ליג אין קיוועט, קיינער שטערט מיר ניט צו טראַכטן.

יאָ, דאָס בין איך, יאַנעק.

איך בין אַ פּאָליאַק. יאַנעק הייס איך, און ניט יאַנקל. אָבער אַף מײַן ברוסט און אַף מײַן פּלייצע זײַנען פעסט צוגעניית געלע לאַטעס, און ייִדיש קנאַק איך, ווי אַן אויסגעכאַזערטע טפילע, פּונקט ווי מײַן כאַווער מייקע האָט גערעדט פּויליש. מייקע ליגט באַגראָבן אין געטאָ, אָבער איך זוך מייקען און ווייס, אַז איך וועל אים געפינען. ווען מע זאָל געווען די פּאָליאַקן פאַרשפּאַרן אין אַ געטאָ און ווען איך וואָלט אומגעקומען, וואָלט מייקע אויך אַוועק מיט מיר אַהין און וואָלט אַ לאַנגע צײַט געזוכט יאַנעקן.

איך בין יאַנעק.

איך ליג אין קיוועט לעבן דעם וועג, און קיינער שטערט מיר ניט צו קוקן אין הימל און טראַכטן.

הײַנט איז אַלץ פאָרגעקומען זייער גיך.

אין געטאָ זײַנען אַרײַנגעפאָרן צוויי לאַסט-מאַשינעס. די סאָלדאַטן זײַנען אַרויסגעשפּרונגען און אָנגעהויבן כאַפּן מאַנצבלען, אַלעמען וועך ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. מיך האָט מען אויך אַרײַנגעשטופּט אין אַ מאַשין. ביידע אַווטאָמאָבילן זײַנען טייקעף פול געוואָרן און אַרויס דורך דעם געטאָ-טויער אַף דער גאַס.

מיר איז שווער זיך אופצוהייבן, אָבער געדענקען געדענק איך אַלץ זייער גוט, ביז דער מינדסטער דעטאַל. איך קוק אַף דעם בלויען הימל און זע אין אים אַלץ, ווי אַף אַן עקראַן — פון סאַמע אָנהייב ביזן סאַמע סאָף.

מיר זײַנען אין די מאַשינעס.

אונדזער מאַשין פאָרט אַרויס די צווייטע און סטאַרעט זיך די גאַנצע צײַט ניט אָפּשטיין פון דער ערשטער. אין דער מאַשין זײַנען אַ סאַך מענטשן, איינער אָפּן צווייטן, דאָס ראָוו זײַנען דאָס אַלטע לײַט, וואָס אַרבעטן אין געטאָ און גייען ניט יעדן טאָג אין די אַרבעט-לאַגערן. מע ליגט צונויפגעפּרעסט, ווי הערינג אין אַ פאַס. באַ די ראַנדן, אַף די בענק, זיצן סאָלדאַטן.

איך זיץ פון פאָרנט. עמעצער האָט מיר פאַרקוועטשט די פיס, נאָר דאָס איז לאַכלוטן ניט וויכטיק. איך זע, ווי הינטער דער מאַשין אַנטלויפט דער וועג, אַ שמאָלער וועג, מיט זײַלן שטויב. איך פאַרשטיי, אַז איצט איז אַלץ געענדיקט. עס האָט געלעבט אַ יאַנעק, פּונקט ווי אַנדערע מענטשן, און איצטער האָט געשלאָגן זײַן שאָ.

אַז עס קומט אָן אָט די שאָ, דאַרף מען, ווײַזט אויס, דורכטראַכטן דאָס גאַנצע לעבן. איך וויל אויך אַזוי טאָן, נאָר עס באַקומט זיך ניט. איך זע אַ זײַל שטויב הינטער דער מאַשין, און אין קאָפּ קריכן פאַרשיידענע פּוסטע געדאַנקען: אויב זיי האָבן געוואָלט אַרויספירן אַלטע לײַט, איז פאַרוואָס האָבן זיי געכאַפּט מיך? אין אונדזער מאַשין בין איך איינער אַ יונגער. אויב זיי האָבן געוואָלט כאַפּן יונגע, איז פאַרוואָס זײַנען אין דער מאַשין אַזויפיל אַלטע און נאָר איך בין אַ יונגער?

מיך אַרט ניט, וואָס מע שטופּט מיך. עפּשער איז זיי ניט באַקוועם צו זיצן, אָדער עפּשער פאַרדריסט זיי, וואָס איך, דער ייִנגסטער, זיץ פון סאַמע פאָרנט. די מאַשין טרייסלט, און ניט ווילנדיק שפּרינגען אַלע אונטער. איך רוק זיך עפּעס פאַמעלעך צווישן די אַלטע. מאָדנע, אַלע בלײַבן אַף זייערע ערטער, און איך גליטש זיך אַף צוריק. איצט זע איך, וואָס עס טוט זיך פון פאָרנט. אָט זע איך שוין די שפּיצן פון ביימער. באַלד וועלן מיר אַרײַנפאָרן אין וואַלד.

וואָס איז דאָרט אין וואַלד? פאַרוואָס פאָרן מיר צום וואַלד?

ווידער קריכן מיר פּוסטע געדאַנקען אין קאָפּ, און איך קאָן ניט באַטראַכטן מײַן לעבן, ווי עס פּאַסט פאַר יעדן אָנשטענדיקן מענטשן, ווען עס שלאָגט זײַן שאָ...

מע האָט מיך שוין צוגעשטופּט צום סאַמע עק. איך פיל שוין מיט דער פּלייצע די ברעטער. דאָס זײַנען די ברעטער פון דעם הינטערשטן באָרט. צו מיר טוליעט זיך צו אַ בערדיקער מענטש און ווינקט צו מיר. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אים געזען אין געטאָ, נאָר ווער ער איז און וויאַזוי איז זײַן נאָמען און פאַמיליע, ווייס איך ניט.

וואָס ווינקט ער צו מיר? ער וויל מיך דערמונטערן? מיר איז גאָרניט טרויעריק.

דער דאָזיקער מענטש זאָגט עפּעס. איך קאָן ניט פאַרשטיין. אַ! ער רעדט אַף פּויליש. פאַרשטייט זיך, אַז אַף פּויליש וועלן די סאָלדאַטן ניט פאַרשטיין קיין איין וואָרט. ער רעדט מיט איבעררײַסן, צו עטלעכע ווערטער, ער ווערט אַנשוויגן און שעפּטשעט ווידער, ווײַל ריידן איז פאַרבאָטן, און איך כאַפּ אויף די ווערטער און בינד זיי צוזאַמען:

— אַז מיר וועלן זיך דערנעענטערן צום וואַלד, וועט דער וועג גיין באַרג-אַראָפּ. די מאַ-

שינעס וועלן ניט קאָנען גיך פאַרהאַמעווען. דעמלט זאָלסטו אַראָפּשפּרינגען, איך וועל אויך אַראָפּ־שפּרינגען. האָב קיין מורע ניט. זע, זאָלסט ווייך א שפּרונג טאָן, דו זאָלסט זיך ניט צעמאַזיקן.

מיר שווייַגן. דער וואַלד דערנענטערט זיך, ווי א ריזיקע כוואַליע, וואָס וועט, דאַכט זיך, באַלד א פאַל טאָן אָף דיר און דיך פאַרפלייצן.

דער בערדיקער האָט מיך פאַרקישעפט. איך ווייס, אַז מע דאַרף טאָן אַלץ, וואָס ער הייסט. איך וואַרף זיך אונטער זייַן ווילן און קלער מער וועגן קיין זאַך ניט: ניט וועגן לעבן, ניט וועגן טויט.

שוין?

נאָך ניט.

שוין?

ער טוט מיך א שטויס מיטן פּויסט.

שוין!

איך פלי אין דער לופטן מיטן פּאָנעם צו דער מאַשין און זע א ברייטע פּלייצע, וועלכע פאַרשטעלט מיר דעם גאַנצן האָריזאָנט. איך הער, ווי מע שיסט, דערפיל, אַז א מענטש איז אַראָפּ־געפאַלן לעבן מיר, און הער ווידער, ווי מע שיסט.

איך וויל זיך אופהייבן, אָבער דער קאָפּ איז ווי שיקער, אַלץ דרייט זיך ווי א ראָד. מיר דאַכט זיך, אַז עמעצער שטעלט זיך אָפּ לעבן אונדז, שלעפט אונדז ערגעץ. איך פאַל אין א פינצטערן אָפּגרונט. וואָס איז דאָס? פאַרוואָס פאַל איך? שוין זשע איז עס מייַן לעצטע שאָ? מייַן לעצטער אָטעם?

איך ליג אין קיווועט לעבן דעם וועג. קיינער שטערט מיר ניט צו קוקן אין הימל און טראַכטן.

מיסטאָם איז שוין גענוג צו ליגן.

איך הייב זיך אוף און זע: לעבן מיר — דער בערדיקער, וואָס האָט צו מיר געוווּנקען און איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער ווינקט. דאָס איז דער, וואָס האָט גערעדט פּויליש, קעדיי די סאָלדאַטן זאָלן ניט פאַרשטיין.

דאָס בלוט אָף זייַנע קליידער און אָפן פּאָנעם איז פאַרזאָטן געוואָרן.

ער איז טויט, אָט דער בערדיקער מענטש.

איך דאַרף אוועקגיין פונדאַנען, נאָר איך קאָן אים ניט איבערלאָזן, ער ליגט זייער ניט באַקוועם, די האַנט איז בא אים פאַרקוועטשט.

איך טו אויס פון זיך דאָס רעקל. עס טוט מיר א שווינדל פאַר די אויגן די געלע לאַטע. אַראָפּרייַסן זי? פאַרפרעסן זי אין דער האַנט און דערנאָך זי אַרויסוואַרפן? איך דאַרף זי איצט ניט האָבן. נאָר זי שטערט מיר ניט. איך שפּרייט אויס דאָס רעקל, שלעפּ אַרוף אָף דעם דעם בערדיקן און שלעפּ אים פאַרזיכטיק איבערן קיווועט. עס דרייט זיך מיר נאָך דער קאָפּ, נאָר מע דאַרף זיך צווייַלן.

מיר דערקריכן ביז צו דעם וואַלד. דאָרט זוך איך אויס א לענגלעכן, נאָך ניט קיין אייַנגע־פאַלענעם שוצגראָבן. אַהין לאָז איך אַראָפּ דעם בערדיקן מענטשן, לייג אים צונויף די הענט אָף דער ברוסט. פאַרדעק אים מיט מייַן רעקל דאָס פּאָנעם און די הענט. איצט דוכט זיך מיר אויס, אַז ער שלאָפט.

עס באַפאַלט מיך אַן איימע.

איך דאַרף באַגראָבן א שלאָפנדיקן מענטשן.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז מיר שרעקלעך.

איך קלייַב צונויף סאָסנע־צווייַגלעך, שאַר צונויף בלעטער און וואַרף אַלץ אַראָפּ אין גרוב. איך וואַרף און וואַרף. מע זעט שוין ניט דעם מענטשן, נאָר מיר איז נאָך אַלץ שרעקלעך.

ס'איז זייער שרעקלעך צו באַגראָבן א מענטשן.

דערנעבן ליגט א בערגל זאַמד. טאַקע פון דעם דאָזיקן שוצגראָבן.

איך שיט מיט די הענט דעם זאַמד און האָב מורע צו קוקן אַראָפּ. דערנאָך לייג איך זיך אוועק, שפּאַר אָן די פיס אין א קוסט. און מיט די הענט, מיט דער ברוסט, מיטן פּאָנעם שיט איך אַראָפּ דאָס גאַנצע זאַמדיקע בערגל אין דעם שוצגראָבן.

שוין.

איך האָב באַגראָבן א מענטש.

ערשט ניט לאַנג האָט ער צו מיר געוווּנקען, פאַרשטעלט מיר מיט זייַן ברייטער פּלייצע דעם האָריזאָנט, און איך האָב אים געבראַכט צו שלעפן צו דעם שוצגראָבן — פאַרשאָטן מיט בלעטער און צווייַגן, פאַרשאָטן מיט זאַמד.

...איך ליג אצינד לעבן דעם שוצגראָבן. פאַרוואָס בין איך דאָ? וואָס איז איצט — הײַנט צי נעכטן?

איך ווייס ניט.

נאָר איך בין איצט אײנער אַליין און אינגאַנצן פֿרײַ. צוזאַמען מיט מײַן רעקל איז פאַרבליבן אין דעם גרוב מײַן געלע לאַטע. איך קאָן אַרויסגיין אָפּן וועג און גיין פראַנק־און־פרײַ. איך בין יאַנעק, איך גיי צו מײַן פעטער. איך קאָן אַרײַנגיין אין אָט יענעם שטיבל, זיך אָנטרינקען מיט וואַסער.

מיר ווילט זיך זייער טרינקען.

דאָ וואָלט מען מיר געגעבן וואַסער, און דער פעטער וואָלט זיך זייער דערפרייט מיט מיר. ער האָט מיך שוין לאַנג ניט געזען. ער וואָלט מיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע ברייטע אָרעמס, ער וואָלט נאָך מיסטאָם געלאַכט א טרער דערבײַ און געוויס געזאָגט:

„דו ביסט אויסגעוואַקסן, יאַנעק, און פאַרשטייסט שוין, אַז קודעמקאָל דאַרף מען היטן דאָס אייגענע לעבן. עמעס? דו ביסט א טעל געוואָרן, נאָר דאָס איז ניט וויכטיק. סאָפּקאָלסאָף האָסטו זיך אומגעקערט, יאַנעק"...

באַם פעטער איז מיר גוט. מע דאַרף די גאַנצע צײַט ניט ציטערן פאַר דעם אייגענעם לעבן און פאַר דעם לעבן פון אַנדערע. איך האָב געזאָגט איזיען, אַז די געטאָ איז ניט נאָר אין געטאָ, נאָר אויך אַרום און אַרום. קאָן זײַן. נאָר די געטאָ איז טאַקע אַרומגעצוימט אַף אַן עמעסן, און אַרום דער שטאָט איז קיין צוים ניטאָ.

מײַן פעטער... איך האָב זיך שוין פאַרבענקט נאָכן פעטער. נאָר מער פון אַלץ וויל איך טרינקען. איך קאָן אַרײַנגיין אין אָט יענעם שטיבל, און מע וועט מיר געבן וואַסער, א סאַך קאַלטע וואַסער. ווען איך זאָל זיך אָנטרינקען, וואָלט זיך מיר ניט געדרייט דער קאָפּ, און איך וואָלט געקאָנט גיין אָט מיט דעם־אָ גלײַכן וועג אין שטאָט אַרײַן אָן שום מוירע. איך בין דאָך קימאַט א פרײַער.

איך וועל אַוועקגיין צום פעטער און וועל לעבן באַ אים, אָבער דעמלט וועל איך דאָס גאַנצע לעבן, וויפל איך זאָל ניט אַרומגיין אַף דער ערד, קיינמאָל ניט געפינען מייקען, קיינמאָל ניט געפינען מײַן כאַוער. איך וועל ניט זען עסטערקעס פּאָנעם. זי און מייקע זײַנען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

כ'וועל ניט זען עסטערקען.

איזיע איז א מאָדנער באָכער. ער מיינט, אַז איך בין פאַרליבט אין עסטערקען, אין מײַן שוועסטער. ער פאַרשטייט ניט. און עפּשער?.. ניין, איך ווייס ניט. איך היט עסטערקען, ווײַל מייקע איז ניטאָ. ווען ער וואָלט געווען, וואָלט ער געזאָגט, וויאַזוי מע דאַרף אָפּהיטן עסטערקען. איך וויל א טרונק.

איך קאָן צוגיין צום ברונעם. די וואַסער איז מיסטאָם ניט נאָר קאַלט, נאָר קלאָר און מעכײַעדיק. זי וועט זיך צעגיסן איבערן גאַנצן גוף, אָנפילן אַלע אָדערן, זי וועט מיך אופהייבן און אַוועקפירן מיט אָט דעם גלײַכן וועג אין שטאָט אַרײַן, צו מײַן פעטער.

נאָר צו אים... „קודעמקאָל דאַרף מען היטן דאָס אייגענע לעבן"...

פאַרוואָס איז אַזוי שווער, ווען א מענטש וויל טרינקען?

...איך וואָלט ניט געגאַנגען צום ברונעם.

איך וואָלט זיך אומגעקערט צוריק אַהין, פונוואַנען מע האָט מיך אַוועקגעפירט.

נאָר טאָמער קומען מאָרגן ווידער מאַשינעס? טאָמער וועלן די סאָלדאַטן ווידער כאַפּן אַלע־מען אָן איבערקלײַבן, עסטערקען, איזיען... מיך... מירן זיצן אין דער מאַשין, אַף די בענק — סאָלדאַטן... מירן זען דעם וועג, דעם שמאָלן וועג מיט זײַלן שטויב. אונדז וועט זיך פאַרוועלן באַטראַכטן דאָס לעבן, ווי אַלע אָנשטענדיקע מענטשן, ווען עס דערנעענטערט זיך זייער שאָ.

מיך וועט מען ווידער צושטופּן צום הינטערשטן באָרט.

מע וועט מיר ווידער שעפּטשען באַזונדערע ווערטער אַף פּויליש.

איך וועל זיי צונויפלייגן אין פראַזעס און וואַרטן, ביז מע וועט זאָגן:

— שוין!

דעמלט וועל איך אַרויסשפּרינגען און וועל ווידער דערזען א ברייטע פּלייצע, וואָס וועט מיר פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט.

פאַרוואָס דאַרף מיך פאַרשטעלן א ברייטע פּלייצע?

פאַרוואָס ניט עסטערקען?

איזיען?

און אָט די אַלע בערדיקע מאַנצבלען?

איך וויל ניט, אַז אָט די בערדיקע מאַנצבלען זאָלן מיט זייערע פּלייצעס מיר פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט.

אַף מיר פאַלט ווידער אָן אַן אײמה.

וויַזט אויס, אַז דער רויטער איז גערעכט. ער האָט געזאָגט:

— מע קאָן ניט פאַרהיטן איין מענטשן, מע קאָן נאָר אָפּהיטן אַלעמען.

וויַזט אויס, אַז ער ווייסט.

הער, רויטער! איך וועל דיר אָפּגעבן די פּאַטראָנעס, וועלכע איך האָב די גאַנצע צײַט געהאַלטן פאַר זיך. זאָלן זיי זײַן אַלעמענס. גוט?

איינער אַליין וועל איך ניט אויסהיטן עסטערקען!

איך וועל זיך אומקערן, אָפּגעבן אַלע קוילן און קריגן מײַן כיילעק. מיר וועלן אַוועקגיין מיט אַלעמען צוזאַמען, אַלע דרײַ: עסטער, איזיע און איך. דער רויטער וועט אונדז אַוועקפירן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. צוזאַמען מיט זיי וועלן מיר זיך שטעלן אַף די וועגן, און די מאַשינעס וועלן ניט קאָנען אַוועקפירן די בערדיקע מאַנצבלען און זיי וועלן ניט דאַרפן קוקן אַף די וואָלקנס שטויב און טראַכטן וועגן זייער לעצטער שאָ.

. . . . .

. . . . .

איך וויל זייער אַ טרונק.

דאָרט, באַם קליינעם שטיבל, שטייט נאָך אַלץ דער ברונעם מיטן באָטשאַן, וואָס נייגט זיך. נאָר דאָ, דאָ איז אַ צו גלײַכער וועג.

מע דאַרף אַרומגיין דאָס שטיבל מיטן הויכן באָטשאַן, זיך לאָזן מיט די פעלדער. און דערנאָך מיט די גאַסן פון שטאָט גיין ביז צו דעם קלויסטער. בא דעם קלויסטער דאַרף מען זיך פאַרנעמען אַף רעכטס און דאַן — מיטן פערטן געסל אַף לינקס. דאָרט גייט די גאַס באַרג־אַראָפּ צו אַ שמאָל געסל, ווו עס שטייט אַ גרויסער טויער. דאָרט קאָן מען וואַרטן. מע דאַרף זיך נאָר אַרײַנשלײַכן אין טויער, וואָס שטייט שטענדיק אָפן. קיינער וועט דיך דאָרט ניט באַמערקן. קאָנסט דאָרט אָפּזיצן אין אַ ווינקעלע כאָטש דאָס גאַנצע לעבן. נאָר זיצן דאָרט לאַנג האָט קיין זין ניט. אין אָוונט, אַרום זעקס, קערן זיך אום מיט דעם דאָזיקן שמאָלן געסל די קאָלאָנעס, וואָס גייען פון דער אַרבעט. פון טויער קאָן מען זיך זייער לײַכט אַרײַנכאַפּן אין אַ קאָלאָנע און זיך דערשלעפּן מיט אַלעמען צום טויער פון דער געטאָ, ווו עס שטייט שטענדיק אַ וואַך.

איך וויל ניט קיין טרונק.

איך גיי, וויַזט אויס, לאַנגזאַם. ניט וויכטיק. צײַט איז נאָך דאָ אַ סאַך. קימאַט אַ גאַנצער טאָג. איך מעג זיך ניט אײַלן, איך וועל סײַווי באַוויַזן, און דער וועג איז מיר באַקאַנט, ווי אַלע שטאָטישע יינגלעך. מיט דער גאַס גיין ביז צו דעם קלויסטער, דערנאָך זיך פאַרקערעווען אַף רעכטס און דאַן מיט דעם פערטן געסל אַף לינקס, דאָרט גייט די גאַס באַרג־אַראָפּ צו אַ שמאָל געסל מיט אַ גרויסן טויער.

איך גיי און גיי און שטעל זיך ניט אָפּ.

די צײַט גייט.

איך גיי צוזאַמען מיט דער צײַט.

די זון לאָזט זיך אַראָפּ פּאַמעלעך.

איך גיי אויך פּאַמעלעך.

מיר גייען אַלע צוזאַמען.

די צײַט.

די זון.

איך.

ס'איז ניט שרעקלעך, אויב ס'איז שוין באַלד זעקס.

איך ליג הינטערן טויער, אָנגעשפּאַרט אין אַ קאַלטער וואַנט. מיר ווילט זיך אַ ביסל שלאָפן, און דורך די ציינער רײַסט זיך אַרויס אַ קרעכץ. קרעכצן טאָר מען ניט, איך ווייס. עס קאָן נאָך עמעצער דערהערן, באַמערקן מיך. קיינער טאָר מיך דאָ ניט זען. איך מוז זיך דערוואַרטן אַף די קאָלאָנעס, וואָס קערן זיך אום פון דער אַרבעט. איך האָב גאָרניט קיין כיישעק צו זיצן אין ווינקל אַ גאַנץ לעבן. אַפילע אין שלאָף וועל איך אויך דערהערן די טריט פון דער קאָלאָנע. זיי זײַנען לאַנגזאַמע, שווערע און שטענדיק די זעלבע. דאָס גייען מענטשן, וואָס האָבן שווער אָפּגעהאָרעוועט אַ טאָג. עס גייען הונדערטער מענטשן.

מע דאַרף זיצן, וואַרטן און ניט קרעכצן.

פאַרוואָס רײַסט זיך דער קרעכץ אַפֿילו דורך פאַרשטשימעטע ציין? איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט, אַז אַזוינס קאָן פּאַרקומען. עפּשער דאַכט זיך עס מיר גאָר? עפּשער קרעכצט עמעצער אינווייניק אין מיר און נאָר איך הער עס?
איך קרעכץ צי ניט? איך ווייס שוין אַליין ניט.
איך ווייס נאָר, אַז איך וויל זייער אַ טרונק.
ווען איך זאָל אַ טרונק טאָן וואַסער, וואָלט איך אינגאַנצן ניט געקרעכצט.

קאַפּיטל צוועלף

איין־און־פֿערציקסטער גאַנג

1

. . . .
. . . .
. . . .

2

— און איך האָב געבוירן אַ טאָכטער און איר אַ נאָמען געגעבן טײַבעלע, — האָט געזאָגט אווראָם ליפּמאַן.

3

אין יענער באַהעלטעניש איז שווער געווען אַרײַנצודרינגען. מע האָט געדאַרפֿט דורכגיין אַ קעלער און דאָרט אַרויסנעמען אַ גרויסע פּליטע פֿון דער פּאָדלאָגע, דערנאָך גיין אין אײַנגעהויקערטער דורך אַ רונדער הייל, זיך פֿאַרנעמען אָף רעכטס, דערנאָך — גלײַך. עפֿענען אַ טירעלע, וואָס איז פֿאַרשמירט מיט ליים, דעמלט האָט מען ערשט געקאָנט אַרײַנגיין אין דער באַהעלטעניש. דאָס איז געווען אַ גוט אײַנגעאָרדנטער צימער, עמעס, אָן פֿענצטער. ס׳האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. די גאַנצע צײַט האָט מאַנאַטאַן געברומט אַ ווענטילאַטאָר. אָף אַ קליין טישל איז געשטאַנען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט.
די דאָזיקע באַהעלטעניש האָבן אויסגעגראָבן צוויי ברידער. זיי האָבן דאָרטן אויסבאַהאַלטן זייער פּאַראַליזירטע מוטער און אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס האָט יעדן טאָג אויפֿגענומען די מיטיילונג פֿון דער סאָוועטישער אינפֿאָרמביוראָ. די פֿיס בא דער אַלטער פֿרוי זײַנען געווען פּאַראַליזירט. אָבער די הענט האָבן געקאָנט טאָן יעדן מין אַרבעט. זי איז געלעגן אָף איר געלעגער און פֿאַרשריבן די מיטיילונגען פֿון סאָווינפֿאָרמביוראָ. דער אַפּאַראַט איז די גאַנצע צײַט געווען אײַנגעשלאָסן און האָט געאַרבעט אָף איין און דער זעלבער כוואַליע.
אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש האָט מען נעכטן געבראַכט ליזען. זי האָט געשריִען, זי האָט ניט געוואָלט גיין. דעמלט האָט מען איר פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל און געבראַכט אין דער באַהעלטעניש. זי האָט דאָ געזאָלט לעבן צוזאַמען מיט דער אַלטער פֿרוי און צוזאַמען מיט איר פֿאַרשרײַבן די מיטיילונגען פֿון דער סאָוועטישער אינפֿאָרמביוראָ.
פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט נעכטן און ניט הײַנט האָט ליזע ניט גענומען אין דער האַנט אַרײַן ניט קיין פּאַפּיר און ניט קיין בלײַער. זי האָט ניט געהערט, וואָס עס רעדט די ראַדיאָ, און ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. זי האָט זיך אָפּט אַזוי פֿאַרטראַכט, אַז זי האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז זי איז דאָ ניט אַליין. אירע אויגן האָבן געזען נאָר דאָס ליכטנדיקע לעמפּל — און אין די אויערן האָט מאַנאַטאַן געהודעט דער ווענטילאַטאָר.
ליזע איז נאָך גאָר יונג, אַ מיידעלע, אַ קינד נאָך. נאָר די ברוסט איז ניט קיין מיידלשע. ליזעס ברוסט איז אַ שעפֿעדיקע, זי צעשפּאַרט דאָס העמד, זי איז אָנגעקוואָלן מיט מילך און רײַף, ווי אַ צײַטיק געוואָרענע פֿרוכט.
דאָרט, אין דער פֿאַלאַטע, ווען זי איז געלעגן מיטן גאַנצן קערפּער אָפֿן צוקאָפּנס, האָט ראָכל געזאָגט צו ליזען:
„דו קוקסט מיט דײַנע גרויסע אויגן און פֿאַרשטייסט גאָרניט. גיב מיר דײַן קינד. גיב גיכער“.

און ליזע האָט דערלאַנגט ראָכלען דאָס אײַנגעוויקלטע לעבעדיקע קנײַלכל. „איצטער גיי אוועק, — האָט געזאָגט ראָכל, — גיי אַרום מײַן בעט און קריך אַרויס דורכן פענצטער. נאָר שטיל, מע זאָל דיך ניט הערן און ניט זען. דערנאָך לויף אַרײַן אין דער שכײנעסדיקער שטוב. דאָרט וועט מען דיך באַהאַלטן. דו דאַרפסט זיך באַהאַלטן".

ליזע האָט געטאָן דאָס, וואָס ראָכל האָט איר געהייסן, און גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ראָכל וועט טאָן, פאַרבלײַבנדיק אַליין.

זי איז אַרויסגעקראָכן דורכן פענצטער, אַרײַנגעלאָפן אין דער שכײנישער שטוב. זי האָט דאָרט עפּעס דערציילט. אַצינד געדענקט זי שוין אַליין ניט וואָס. און דעמלט האָט מען זי אַוועקגעפירט אין דער באַהעלטעניש. מע האָט זי געפירט מיט אַ פאַרשטאָפּט מויל, זי זאָל ניט שרײַען.

אין דער באַהעלטעניש האָט מען אײַנגעאָרדנט נאָך אַ גלעגער.

דאָרט איז איצט געזעסן ליזע און געקוקט אויף דעם ברענענדיקן עלעקטרישן לעמפּל און געהערט דאָס מאָנאָטאָנע הודען פון דעם ווענטיליאַטאָר.

— איך קאָן אַזוי ניט לעבן, — האָט זי געזאָגט, אַרומכאַפּנדיק מיט די הענט די ברוסט, וואָס איז געווען אָנגעקוואָלן און צעשפּאַרט דאָס העמד, — איך קאָן אַזוי ניט לעבן. די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, אַז ער זויגט די ברוסט. די מילך לויפט און לויפט, דאָס גאַנצע אָנטאָן איז שוין נאַס, איך אַליין בין אינגאַנצן נאַס.

— קום אַהער, — האָט געזאָגט די אַלטע פרוי, — און דערלאַנג אַ האַנטעך. איך וועל דיך איבערבינדן, וועט דיר ווערן גרינגער.

— ניין, ניין! כ'האָב מוירע... — האָט געענטפערט ליזע. — סײַווי וועט זיך מיר אויסווײַזן, אַז ער זויגט מיך. און די מילך וועט נאָך מער לויפן און לויפן.

— קום אַהער, איך וועל דיר העלפן, — האָט געטײַנעט די אַלטע.

נאָר ליזע איז ניט צוגעגאַנגען. זי איז געזעסן אויף איר גלעגער און געהאַלטן די ברוסט אין די הענט.

די אַלטע איז אַנשוויגן געוואָרן. אירע פיס זײַנען געווען פאַראַליזירט, און זי האָט מער גאָרניט געקאָנט טאָן. זי האָט בלויז געקאָנט פאַרשרײַבן די מיטיילונגען פון דער סאָווינפאָרמ־ביוראָ, ווײַל די הענט אירע זײַנען געווען פרײַ און מיט די הענט האָט זי געקאָנט טאָן, וואָס זי וויל.

— איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען קוקן אויף קיין קינדער, ניט אויף קיין פרעמדע, ניט אויף קיין אייגענע, — האָט געזאָגט ליזע, — זיי זײַנען מיר דערווידער, און איך קאָן אפילו ניט טראַכטן וועגן זיי. וואָלט כאָטש די מילך אַזוי ניט געלאָפן...

די אַלטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גאָרניט געענטפערט.

אין דער זעלבער צײַט האָבן אין שטאָט, דאָרט, וווּ ס'איז ניט געווען קיין געטאָ־צוים, אויפן גרויסן פּלאַץ זיך געהוידעט דרײַ געהאַנגענע: צווײ דערוואַקסענע און אַ מיידעלע. דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט יאַנאַס קלימאַס, זײַן פרוי אַנאַ קלימענע און טײַבעלע ליפמאַן. טײַבעלע — אווראָם ליפמאַנס מיזינקע. אין דער מישפּאָכע איז זי געווען די ייִנגסטע, זי איז אַלט געווען נײַן יאָר.

אַלע דרײַ זײַנען שוין געהאַנגען דעם צווייטן טאָג, אָבער אַראָפּנעמען זיי האָט קיינער ניט געטאָרט. צו די קערפּערס פון די קלימאַסעס זײַנען געווען צוגעפעסטיקט גרויסע ברעטער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די סלופּעס אויסגעזען ווי פּראַוואָסלאַוונע צײַלעמער. אויף די ברעטער איז געווען אָנגעשריבן אויף ליטוויש און אויף דײַטש: „זיי האָבן אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישקע".

טײַבעלע האָט שוין פון לאַנג געלעבט בײַ די קלימאַסעס. ס'איז נאָך ניט געווען קיין געטאָ, מע האָט נאָר גערעדט וועגן דעם. קלימאַס איז אַמאָל אַרײַנגעקומען צו ליפמאַנען און אים געזאָגט:

—הער מיך אויס, אווראָם, — האָט דעמלט געזאָגט קלימאַס, — מע קאָן ניט וויסן, וואָס עס וועט זײַן. אויף קיין גוטס איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן. זאָל דײַן טײַבעלע לעבן בײַ מיר. קינדער האָסטו אַ סאַך, בײַ הײַנטיקן טאָג איז דיר ניט לײַכט. זי איז דײַן מיזינקע, טײַבעלע. זאָל זי לעבן בײַ אונדז. פאַרוואָס זאָל זי אַרומגיין מיט אַ געלער לאַטע? מיר האָבן דאָך ניט קיין קינדער, וועט טײַבעלע זײַן בײַ אונדז, ווי אַן אייגענע, ביז די צײַטן וועלן זיך ניט בײַטן.

ליפמאַן האָט ניט לאַנג געטראַכט און איז מאַסקים געוואָרן.

דאָ, אין געטאָ, אַז ס'פּלעגט זײַן זייער שווער, האָט ליפמאַן זיך געפרייט, וואָס זײַן ייִנגסט טעכטערל וווינט אין אַן אַנדער אָרט, וואָס זי איז בײַ די קלימאַסעס, ווי בײַ זיך אין דער היים, וואָס זי, טײַבעלע, איז זײַן גרעסטע נעכאָמע.

טײַבעלע פּלעגט פון שטוב אין ערגעץ ניט אַרויסגיין, נאָר אין הויז איז זי געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע. אָנע קלימענע פּלעגט, קומענדיק פון דער אַרבעט, יעדן טאָג איר פאַרגעבן לימודים, די זעלבע, וואָס אין שול. זייער זעלטן, אַז עס פּלעגט זיך מאַכן אַ מעגלעכקייט, פּלעגט אַווראָם ליפּמאַן באַזוכן זײַן מיזינקע.

טײַבעלע איז געווען צעבאַלעוועט און פּלעגט שלעכט עסן.

די קלימאַסעס פּלעגן זיך אָוועקזעצן לעבן איר פון ביידע זײַטן און ציילן, וויפל לעפל זי האָט אויפגעגעסן, און וויפל לעפל דאָס זאָלן ניט געווען זײַן, פּלעגן זיי שטענדיק זאָגן, אַז מע דאַרף אויפעסן נאָך איינעם, און נאָך איינעם, און אַזוי אָן אַ סוף. און אַז אין טעלער פּלעגט עפּעס נאָך פאַרבלײַבן, פּלעגט קלימאַס מאַכן אַ בייזע מינע און זאָגן:

— און דאָס געדיכטע, דאָס געדיכטע? דו עסט נאָר דאָס שיטערע, האַ? ס'זאָל גרינג זײַן צו שלינגען? און ווער וועט עסן דאָס געדיכטע? ניין, דו זאָג מיר: ווער?

די אַלטע בראָניסלאַווע, וואָס איז געווען אין שטוב די צווייטע באַלעבאָסטע און וואָס האָט אויף אירע הענט אויסגעניאַנטשעט אָנע קלימענע, האָט די ערשטע צײַט געבורטשעט אונטער דער נאָז. קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס זי וויל, מיסטאָם האָט זי אַליין אויך ניט געוווּסט.

אין קיך, ווען קיינער איז ניט געווען, פּלעגט זי ריידן צו זיך אַליין:

— באַלעוועון גאָר, האָסט געזען, באַלעוועון. פופצן יאָר ווי מע לעבט צוזאַמען, פופצן יאָר האָט מען זיך ניט דערוואַרט אויף קיין אייגנס, באַלעוועט מען איצטער און מע באַלעוועט, גאָט ווייסט, צי איז עס צום גוטן, גאָט ווייסט...

זי איז געווען שטרענג צו טײַבעלען.

ס'זײַנען געגאַנגען טעג, געלאָפן וואָכן, כאַדאָשים. און איינמאָל האָט אָנע קלימענע דער־פילט, אַז אויף דער וועלט דאַרף קומען נאָך אַ מענטש, דער דאָזיקער מענטש, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט פופצן יאָר.

זיי האָבן זיך פאַרווונדערט, זיך דערשראָקן און זיך דערפרייט.

נאָר מער פון אַלע איז געווען פאַרווונדערט די אַלטע בראָניסלאַווע. זי האָט אָנגעטאָן אירע בעסטע קליידער, גענומען אויף זיך דאָס יאָמטעווודיקע טיכל און צוויי טעג געשטאַנען אין קלויסטער אויף די קני.

— איך ווייס, פאַרוואָס דו האָסט אונדז געשיקט אַזאַ טרייסט, — האָט גערעדט בראָני־סלאַווע צו גאָט, — דאָס האָט טײַבעלע, ווי אַ טויב, געבראַכט דאָס גליק צו אונדז אין שטוב אַרײַן. איך לעב שוין אַ סאַך יאָר אויף דער וועלט, און איצטער האָב איך דערזען אַ נעס, און אַפילע אויפן טויטן בעט וועל איך רימען דײַן גרויסקייט.

בראָניסלאַווע האָט פאַרגעסן, אַז זי וויל ניט באַלעוועון טײַבעלען.

ווען די קלימאַסעס פּלעגן זיך צוזעצן צו טײַבעלען און נעמען די לעפל, פּלעגט בראָניסלאַווע שטילערהייט צוגיין פון אַ זײַט און אויך נעמען טײַנען:

— און דאָס געדיכטע?! עפּשער האָסטו עס איבערגעלאָזט פאַר מיר? דו דאַרפסט נאָר די וואַסער, ס'זאָל גרינג זײַן צו כלעפּטשען... איך וועל דיך אין קיך ניט אַרײַנלאָזן, אויב דו וועסט לאָזן דאָס געדיכטע!

ס'איז געקומען די צײַט, און קלימענע האָט געהאַט אַ טאָכטער.

און אין שטוב זײַנען געווען אַצינד צוויי מיידעלעך — איינס שוין אַ גרויס און דאָס אַנ־דערע — אַ קליינינקס, ווי אַ לעבעדיקע ליאַלקע.

און אין אַ וואָך אַרום זײַנען געקומען דײַטשן, מיט זיי זײַנען געקומען נאָך אַנדערע מיט ווײַסע בענדער אויף די אַרבל און האָבן אַוועקגעפירט קלימאַסן, קלימענען און טײַבעלען.

בראָניסלאַווע האָט דעמלט פאַרשטעלט דאָס וויגעלע מיט איר ברייטן קערפּער און גע־שריִען, קוקנדיק אויף די געקומענע מיט שרעקלעכע אויגן:

— גייט ניט צו אַהער... בייזע נעשאָמעס... גייט ניט צו אַהער, טײַוואָלאָנים פון גענעם... אויף אײַך וועט זיך אַראָפּלאָזן גאָטס מעכטיקע האַנט און אײַך פאַרוואַנדלען אין שטויב... גייט ניט צו אַהער, בייזע נעשאָמעס...

און בראָניסלאַווע איז געבליבן אַליין מיט אַ קינד אויף די הענט. איינע אַליין מיטן אייפעלע. און דאָס דאָזיקע קינד האָט געוויינט, געוואָלט דער מאַמעס מילך, און די מאַמע איז געהאַנגען אויפן סלופּ אויפן גרויסן פּלאַץ, דאָרט וווּ ס'איז ניט געווען קיין אַרומגעצוימטע געטאָ, און אויף איר ברוסט איז געהאַנגען אַ ברעט מיט אַן אויפשריפט, און דער סלופּ מיט דער ברעט האָט אויס־געזען, ווי אַ פּראַוואָסלאַוונער ציילעם.

די אַלטע בראָניסלאַווע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי האָט זיך דערוואַרט, ביז אַווראָם ליפּמאַן האָט מיט דער קאַלאָנע זיך באַוויזן אין שמאָלן געסל, בייס ער האָט מיט אַלעמען זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, און אים אַלץ דערציילט.

ליפמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ווען ליפמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט דער דאַשעק פון זײַן אַלט היטל פאַרשטעלט אים די אויגן, און די אַלטע בראַניסלאַווא, וועלכע האָט געטראַכט נאָר וועגן דער נײַ־געבוירענער, האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אָט דער מענטש איז אַ טאַטע און אַז טײַבעלע איז געווען זײַן מיזינקע און די גרעסטע נעכאָמע אין די שווערע צײַטן. זי האָט געטראַכט נאָר וועגן קלימאַסעס קליין מיידעלע, וואָס וויינט און וויל דער מאַמעס מילך.

— מיר וועלן קומען, בראַניסלאַווא, — האָט געזאָגט ליפמאַן.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז אווראָם ליפמאַן אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט. צוזאַמען מיט אים זײַנען אַרויסגעגאַנגען נאָך דרײַ מענטשן. זיי זײַנען געגאַנגען מיט זייערע וועגן, דורך קעלערס און טונעלן, דורך טרויבן פון קאַנאַליזאַציע, אין וועלכע עס איז זייער שווער צו גיין קעגן דעם שטראָם, ווײַל דער שטראָם שלעפּט אָף צוריק און עס דאַכט זיך, אַז דו קאָנסט ניט מאַכן קיין טראָט, דו שפּאַנסט, און עס טראָגט דיך אָף צוריק, און אַזוי וועט עס זײַן שטענדיק, מעגסט גיין און גיין אַפילו כאָדאָשים, יאָרן, יאָרצענדליקער.

בראַניסלאַווא האָט געוואַרט אָף זיי און זיי אָפּגעגעבן קלימאַסעס טעכטערל.

די קליינע לעבעדיקע ליאַלקע איז געווען אײַנגעוויקלט. בראַניסלאַווא האָט זי דרײַ מאָל איבערגעציילעמט און פאַרזיינס שוין אויך די פיר מאַנצבלען, וואָס זײַנען געקומען נאָכן קינד. נאָר דאָס קינד האָט סײַווי געוויינט, עס האָט געוואָלט עסן, עס האָט געוואָלט דער מוטערס מילך.

אווראָם ליפמאַן האָט זי געדריקט צו זיך, נאָר צופיל זי צודריקן האָט ער מוירע געהאַט, דערפאַר האָט דעם קינדס געשריי אָפּגעהילכט אין דעם שמאָלן געסל; די פיר מענטשן האָבן נאָך ניט באַוויזן צוצולויפן צו דעם אָפּענעם קאַנאַליזאַציע־ברונעם, ווי עס האָבן זיך באַוויזן פאָליציסטן. דער קאָמאַנדיר פון דעם דרײַלינג האָט באַפוילן אַלעמען זיך אַראָפּלאָזן אין ברונעם און אַליין געענומען שיסן. שפּעטער, ווען זײַנע כאַווײרים און ליפמאַן מיטן קינד זײַנען שוין געווען אונטן און זיי איז לײַכטער געווען צו גיין, ווײַל זיי זײַנען איצטער געגאַנגען מיטן שטראָם, האָט דער קאָמאַנדיר פונעם דרײַלינג, פאַלנדיק אַ טויטער, פאַרשטעלט מיט זײַן קערפּער די עפענונג פון דער קאַנאַליזאַציע.

פון די פיר מענער, וואָס זײַנען אַרויס פון דער געטאָ, האָבן זיך אומגעקערט בלויז דרײַ. אָבער זיי זײַנען סײַווי געווען פיר, ווײַל אָף ליפמאַנס הענט איז געלעגן אַ קינד, וואָס האָט געוואָלט עסן. און אַלע פיר זײַנען זיי אַוועק צו דער בעסטער און זיכערסטער באַהעלטעניש פון געטאָ, אַהין, וווּ עס איז געלעגן אַ פאַראַליזירטע פרוי, וווּ די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די מיטיי־לונגען פון דער סאָוועטישער אינפאָרמביוראָ און וווּ ס'האָט זיך געפּלאָגט ליזע, וואָס האָט געקוקט אָף דעם לויכטנדיקן לעמפּל און געהערט דאָס מאָנאָטאָנע זשומען פונעם ווענטילאַטאָר.

ליזע האָט אָנגעהויבן שרײַען. ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ גרויל.

זי האָט דערזען ליפמאַנען, וואָס האָט געקוקט אָף איר און זיך דערנענטערט צו איר מיט אַ וויינענדיק קינד אָף די הענט. נאָר דער אַלטער ליפמאַן האָט ניט געלייגט קיין אַכט אָף דעם. ער איז אַלציינס געגאַנגען מיטן קינד, און ליזע האָט אויסגעשטרעקט די הענט, ווי זי וואָלט אַלעמען וועלן אָפּשטויסן פון זיך. די צוויי מאַנצבלען, וואָס זײַנען געקומען מיט ליפמאַנען, זײַנען דאָ טאַקע געווען איבעריק. נאָר זיי האָבן פאַרלוירן אין שלאַכט זייער קאָמאַנדיר פאַר אָט דעם שרײַענדיקן מענטשעלע, און דערפאַר האָבן זיי מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען, ווי דאָס דאָזיקע קליינע מענטשעלע וועט אופהערן וויינען, ווען עס וועט דערפילן אָף זײַנע ליפּן די מילך פון אַ מאַמע.

ליזע איז אופגעשפּרונגען און אויסגעשריִען:

— טראָגט עס אַרויס, איך קאָן ניט קוקן אָף קיין קינדער...

זי האָט אַ קוק געטאָן אָף די ווינדעלעך און דערזען אַ צעקנייטשט פּענעמל און העלע האָר.

— טראָגט עס אַרויס! — האָט זי געשריִען. — כ'האָב מוירע, איך וועל שטאַרבן, אויב איך וועל זיך צורירן צו דעם.

דעמלט האָט ליפמאַן צוגערופן די מאַנצבלען. זיי האָבן אַוועקגעזעצט ליזען און זי געהאַלטן לײַכט אַרומגענומען. ליפמאַן האָט צעשפּיליעט ליזעס העמד און צוגעלייגט צו איר ברוסט דאָס קינד. זי האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן קרעכצן.

— פאַרמאַך די אויגן, ליזע. איך וויל דיר דערציילן אַ מײַסע, — האָט געזאָגט ליפמאַן. — איך וועל דיר דערציילן, און דו הער אויס, דעמלט וועסטו אופהערן וויינען און דו וועסט מער ניט מוירע האָבן.

ליזע האָט פאַרמאַכט די אויגן, זי איז שטיל געוואָרן.

דאָס קינד האָט זשעדנע געענומען זויגן די אָנגעקוואָלענע ברוסט, אַ רײַפע, ווי אַ צײַטיקע פרוכט. עס האָט געסמאַקעט מיטן ציינלאָזן מײַלעכל, עס האָט זיך געצײַלט, עס האָט באַוועגט מיט

די ליפּן, און אַלע, וואָס זײַנען דאָ געווען, האָבן צוגעקוקט, ווי עס עסט אַ קליין, אַקאָרשט גע־בוירן מענטשעלע.

און אווראָם ליפּמאַן האָט דערציילט ליזען.

ער האָט איר דערציילט וועגן דעם, אַז עס איז געווען אַ טאַטע, וואָס האָט געהאַט אַ טעכטערל טײַבעלע, אַז טײַבעלע איז געווען באַ אים די מיזינקע, אַז אַ פּאַרפּאַלק, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער, האָט גענומען דאָס מיידעלע צו זיך, זיי האָבן געוואָלט, אַז טײַבעלע זאָל אופּעסן וואָס מער זופּ און פאַר קיין פאַל ניט איבערלאָזן דאָס געדיכטע. אזוי זײַנען געגאַנגען

טעג, וואָכן און כאַדאָשים. גאָט האָט געטאָן אַ נעס, און דאָס קינדערלאָזע פּאַרפּאָלק האָט געבוירן נאָך אַ מענטש. און דער דאָזיקער נײַער מענטש וויל עסן, און מע דאַרף אים געבן מוטער־מילך, ווײַל פאַר יעדן מענטשן איז דער מאַמעס מילך דאָס זעלבע, וואָס פאַר אַ בוים די זאַפט פון דער ערד. און מע דאַרף עס אָפּהיטן, אָט דאָס קליינע מענטשעלע, צודריקן עס צום הארצן און צערטלען, ווײַל קיין מוטער האָט עס ניט, דער פאָטער איז ניטאָ, און טײַבעלע איז אויך ניטאָ.

ליזע האָט ביסלעכווײַז באַפרײַט די הענט.

זי האָט נאָך מוירע געהאַט צו קוקן, דערפאַר האָט זי נאָר עטוואָס געעפנט די אויגן.

זי האָט אָנגערירט מיט די הענט דאָס קינד און ווידער אַ ציטער געטאָן.

זי האָט זיך פאַרזשמורעט, נאָר דערנאָך אופגעעפנט אירע גרויסע שווארצע אויגן. ניט דרייסט האָט זי ארומגענומען די ווינדעלעך, אין וועלכע עס האָט זיך גערירט אַ לעבעדיק וועזן, און האָט ארויסגענומען די אַנדערע ברוסט.

איצט האָט זיך ליזע צעוויינט.

זי האָט געוויינט שטיל, גאָר שטיל. מע האָט ווידער געהערט, ווי דאָס קליינע מיידעלע שמאַטשקעט מיט די ליפּן. טרערן זײַנען געפאַלן און זיך שטום געקײַקלט. אַ סאַך טרערן, גרויסע, ווי טראָפּנס טוי.

דערזעענדיק די טרערן, האָבן די מאַנצבלען פרײַ אָפּגעעטעמט. זיי זײַנען געזעסן און זיך

צוגעהערט, ווי עס עסט די קליינע, דאָס אָקאָרשט געבוירענע מענטשל, און זיך געפרייט, וואָס ליזע וויינט.

ס'איז גוט, אַז אַ פרוי וויינט. עס קומט איר אויס אָפּט צו וויינען.

שלעכט איז, ווען אַ פרוי קאָן ניט וויינען.

קאַפּיטל דרײַצן

פּופּציקסטער גאַנג

1

— וואָס?! — האָט זיך צעשריגן שאַגער. — דו ווייסט, וואָס דו טוסט?!

„עס וועט זײַן רעמי, — האָט געטראַכט איזיע, — איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל זיך סטאַרען געווינען, וועל איך קאָנען מאַכן רעמי...“

— וואָס?! — האָט ווידער אויסגעשריגן שאַגער.

2

— איזיע, — שעפּטשעט עסטער מיר אין אויער, — עמעצער קרעכצט דאָ, ערגעץ גאָר באָענט.

— יאָ, נאָענט.

מיר דאַכט זיך אויך, אַז עמעצער קרעכצט דאָ.

— דו זיץ רויִק, און איך וועל אַ קוק טאָן.

זי כאַפּט מיך אָן פאַר אַ האַנט און וויל זי ניט אָפּלאָזן, אָבער מײַן האַנט גליטשט זיך פּאַוואָליע אַרויס און איך קאָן גיין.

— האָב קיין מוירע ניט, — זאָג איך, — און זיץ שטיל.

דער טויער איז אַ טיפער, ווי אַ טונעל. איך קוק אַרום אַלע ווינקלען. קיינער איז ניטאָ. ווידער אַ קרעכץ. אַצינד פאַרשטיי איך, פונוואַנען ער דערגייט. ס'איז פון יענעם ווינקל, וווּ עס איז צוגעמאַכט די צווייטע העלפט טויער. איך גיי פּאַרזיכטיק צו, גיב אַ שטופּ דעם שווערן סקריפּענדיקן טויער. דאָרט ליגט אַ מענטש, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. ער שלאָפט מיסטאָם. נאָר דער מענטש איז עפּעס זייער אַ קענטלעכער, און איך גלייב ניט מײַנע אויגן.

— עסטערקע... — טו איך שטיל אַ רוף.

זי גייט צו, שטעלט זיך באַ אַ זײַט און טוט אַ קוויטש.

מיר קוקן זיך איבער.

— יאַנעק? — פרעג איך.

— יאַנעק? — פרעגט זי.

— יאַנעק.

ער הייבט אָן ציטערן, וויל אויפשפּרינגען. נאָר איך לאָז ניט.

— איך בין געשלאָפן? — פרעגט ער. — איך האָב פאַרשלאָפן?

ער פאַרשטייט נאָך ניט, אַז מיר דאָס זײַנען מיר, עסטער און איזיע.

ער רײַבט די אויגן. פון אָנהייב איז זײַן פּאָנעם פאַרזאָרגט, דערנאָך טוט ער אַ מידן שמייכל.

— דאָס זײַט איר... — זאָגט יאַנעק.— איר, איר האָט מיך געזוכט?

מיר שאָקלען מיטן קאָפּ.

— איך האָב געוווּסט, איך האָב די גאַנצע צײַט געוווּסט... — שמייכלט יאַנעק. — כ'האָב נאָר מוירע געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם.

זאָל ער ריידן, וואָס ער וויל. נאָר איך מיט עסטערקען קוקן זיך איבער.

— ווו זײַנען זײַנע געלע לאַטעס?

— די מאַגן־דאָווידס? זיי זײַנען ווײַט פונדאַנען, זייער ווײַט, לעבן וואַלד. וואָס איז דען?

— אָן זיי איז ניט גוט. דו ווייסט דאָך, וואָס עס קומט פאַר, אַז מע כאַפּט אָן די מאָגן־דאָווידס?

— יאָ, יאָ, איך געדענק.

— וואָס זשע וועט איצטער זײַן? — פרעגט עסטער.

זי איז זייער אומרויִק. זי האָט שוין פאַרגעסן אין אַלע צאָרעס, זי האָט פאַרגעסן, אַז אַקאָרשט איז נאָך יאַנעק ניט געווען. זי האָט פאַרגעסן, אַז מיר אַליין זײַנען געגאַנגען איבער דער שטאָט אָן מאָגן־דאָווידס און אַ ליאַדע פּאָליציסט האָט אונדז געקאָנט צעשיסן. זי האָט פאַרגעסן, אַז מע דאַרף זיך אַזוי אַרײַנשלײַכן אין דער קאָלאָנע, די וואַך זאָל ניט באַמערקן. זי האָט אין אַלץ פאַרגעסן, זי דאַרף איצט בלויז מאָגן־דאָווידס.

איך טראַכט אַ ווײַל, דערנאָך רײַס איך אָפּ דעם מאָגן־דאָוויד פון דער ברוסט.

— דו קאָנסט גיין? — פרעג איך יאַנעקן.

— פּאַמעלעך קאָן איך. איך קאָן, איך קאָן, פאַרשטייט זיך, — פאַרענדיקט ער.

איך ניי צו מײַן מאָגן־דאָוויד אַף זײַן ברוסט און דערקלער אים:

— דו, — זאָג איך אים, — וועסט גיין פאָרויס און זיך אָנשפּאַרן אַף מיר. איין שטערן וועט זײַן אַף דײַן ברוסט, דער אַנדערער אַף מײַן פּלייצע.

— און אויב מע וועט באַמערקן? — פרעגט יאַנעק.

יאָ, יאַנעק איז טאַקע קראַנק. אַנדערש וואָלט ער אַזאַ פראַגע ניט געשטעלט.

— מע וועט ניט באַמערקן. אין קיין פאַל ניט! — דערקלער איך אים און פאַרייִנס אויך עסטערן. — דו וועסט זיך דאָך אָנשפּאַרן אַף מיר...

ער פאַרשטייט. ער שמייכלט ווידער.

— אַ נײַע קאָמבינאַציע. זייער אַ קאָמפּליצירטע. גלײַך פון דער שאָך־ברעט, — פּרוּווט יאַנעק זיך וויצלען און טוט ווידער אַ קרעכץ.

איך קוק אַף זײַנע פאַרסאַרפּעטע ליפּן.

— ס'איז גאָרניט, — זאָגט יאַנעק, — ס'איז גאָלע גאָרניט...

טריט.

טריט.

פרויען.

די ערשטע גייט אַרויס עסטער.

מיר פאַלן צו צו אַ שפּאַלט.

זי איז שוין אין דער קאָלאָנע. מע זעט זי שוין ניט. זי איז צווישן אַלעמען.

ווידער...

טריט...

שווערע מענערישע טריט.

איצטער איז אונדזער ריי.

שוין!

דאָס איז מײַן קאָלאָנע. באַ דער זײַט גייט דער רויטער. ער קוקט אַף מיר און אַף יאַנעקן, אַף יאַנעקן און אַף מיר. זײַנע אויגן זײַנען גרויס געוואָרן, זיי זײַנען פאַרוואונדערט מער ווי שטענדיק.

ער טוט אַ שטויס זײַן שאָכן, יענער — אַן אַנדערן, דער אַנדערער — אַ דריטן, אַ סאַך מענטשן שטופּן איינער דעם צווייטן און מאַכן אַ פּלאַץ פאַר אונדז. און אָט זײַנען מיר שוין אין דער מיט פון דער קאָלאָנע, צונויפגעדריקט פון אַלע זײַטן.

וואָס מיר שטערנס? ווען מיר שטערנס?

עס פעלט אויס שטערן?

זיי זײַנען פאַראַן צופיל. יעדערער טראָגט צוויי. איז עס נאָך ווייניק?

עס זײַנען פאַראַן אַזויפיל, אַז זיי וואָלטן ביכלאַל געמעגט ניט זײַן. ווייניק שטערן זײַנען פאַראַן אין הימל? דאָרט זײַנען מיליאָנען. און ניט נאָר קיין געלע. זיי שפּילן מיט אַלע פאַרבן, שעמערירן ווי אַ רעגנבויגן.

עס זײַנען פאַראַן זייער אַ סאַך שטערן.

ניט שוין זשע פעלן שטערן?

מיר גייען דורך דעם טויער.

מיר זײַנען אין געטאָ.

— וואַסער, — בעט יאַנעק, — איצט קאָנסטו קריגן פאַר מיר אַ ביסל וואַסער?

דער רויטער וואָרט אַף אונדז. ער וויל אונדז עפּעס זאָגן, נאָר יאַנעק שפּאַרט זיך אָן אַף אים, און איך לויף נאָך וואַסער.

איך ברענג אַ סאַך, אַ גאַנצן עמער.

יאַנעק פאַלט צו צו אים.

ער טרינקט, טרינקט און טרינקט.

נאָכדעם כאַפּט ער איבער דעם אָטעם.

— וואַסער... — זאָגט יאַנעק, — וואָס איז געשמאַקער פון וואַסער?

און טרינקט ווידער. ער טרינקט און טרינקט.

— דו ווייסט, וואָס איך וויל זאָגן? — פרעגט מיך דער רויטער.

ער האָט שוין, ווײַזט אויס, פאַרגעסן, אַז ערשט ניט לאַנג זײַנען מיר געווען מער ניט ווי צוויי, אַז אונדזער דרײַלינג איז געווען ניט קיין פולער און ער אַליין האָט אונדז פאַרגעלייגט, מיר זאָלן צעזוכן אַ דריטן. ער האָט אַלץ פאַרגעסן. ער האָט נאָר אין זינען די אַלגעמיינע זאַך.

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — כאַוזערט איבער דער רויטער. ער קוקט אַף מיר, קוקט אַף יאַנעקן, קוקט אַף עסטערקען, וואָס שטייט דאָ, און רעדט ווײַטער. — איר דאַרפט אַלע זיך זייער שנעל צוגרייטן. באַנאַכט, אין פינף טעג אַרום וועט איר אַלע אַוועקגיין אין וואַלד.

ער איז אַ לעץ, דער רויטער?

ער קען בילן ווי אַ הונט און מיאַוקען ווי אַ קאַטער.

— דו שפּאַסט, עמעס, רויטער? — פרעג איך.

דער רויטער בייזערט זיך.

אויב דער רויטער בייזערט זיך, איז אַ סימען, אַז ס'איז אַן עמעס.

מיר?

אין וואַלד?

ס'איז שווער צו פאַרשטיין, זייער שווער.

דער רויטער האָט עס דאָך געקאַנט אונדז זאָגן ביסלעכווײַז... ניט אַזוי פּלוצעם. און ער האָט אַרויסגעשאָסן, ווי פון אַ קוילנוואַרפער, נאַ, און אָט האָסטו דיר...

מיר?

אין וואַלד?

יאָ.

אין פינף טעג אַרום, באַנאַכט.

...איך פאַרשטיי, אַז יאַנעקן איז שווער צו ריידן. ער קרימט די ליפּן, שמייכלט, ער וויל עפּעס זאָגן.

— איך האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט זײַן.

אָט וואָס עס וויל זאָגן יאַנעק.

אַלץ ווייסט ער...

זאָל ער בעסער שווײַגן און גיכער געזונט ווערן.

— נאַ, — רוקט מיר דער רויטער אַרײַן אַ פּאַפּירל אין דער האַנט.

איך וויקל עס פּאַרזיכטיק פאַנאַנדער. דאָס פּאַפּירל איז צעקנייטשט, נאָר איך לייען לײַכט אָדורך, וואָס דאָרטן שטייט געשריבן.

„אונדזער מיליטער האָט דערפאָלגרײַך פאַרסירט דעם דניעפּער און פאַרנומען אַ פּלאַצדאַרם אין דרײַ ערטער: צאָפּנדיקער פון קיִעוו, דאָרעמדיקער פון פּערעיאַסלאַוו און דאָרעם־מיזרעכדיקער פון קרעמענטשוק.

אָנגרײַפנדיק אין דער ריכטונג פון וויטעבסק, מאָהילעוו און האָמעל, האָט די רויטע אַרמיי מיט אַ ברייטן פראָנט זיך אַרײַנגעריסן אין ווײַסרוסלאַנד".

קאַפּיטל פערצן

איין־און־פופציקסטער גאַנג

1

— הער נאָר... דו! — האָט מיט רוגזע געזאָגט שאַגער, איבערוואַרפנדיק עפּעס אַ פיגור פון איין דלאָניע אין דער צווייטער.

איזיע האָט קוים־קוים אַ שמייכל געטאָן.

— הער נאָר, דו! פאַרגעס ניט, אַף וואָס דו שפּילסט. דו שפּילסט ניט אַף קיין קופּל ביר און ניט אַף קיין פאַרשטונקענעם הערינג. דו האָסט געשטעלט אין קאָן אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט, — דײַן לעבן.

שאַגער האָט פאַרקוועטשט אין פויסט די פיגור. דאָס האָלץ האָט אַ טרישטשע געטאָן, און דער קײַלעכדיקער קאָפּ פון דעם לויפער האָט זיך גענומען קײַקלען איבער דער שאָך־ברעט.

— הײַנט וועט זײַן רעמי, — האָט געענטפערט איזיע.

שאַגער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טישל. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און געגומען קוקן אייזיען אין די אויגן. דערביי האָט ער שטיל גערעדט:

— טו אַ קלער... דו קאָנסט נאָך פאַרשפּילן... הײַנט איז מײַן טאָג.

2

— און איך האָב געבוירן אַ זון און אים אַ נאָמען געגעבן יִצחק, — האָט געזאָגט אווראָם ליפּמאַן.

3

זיי זײַנען געגאַנגען אינצווייען.

פון פאָרנט, די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, איז אײַלנדיק געגאַנגען איבערן ברוק אווראָם ליפּמאַן.

הינטער אים, אויפן טראָטואַר, האָט זיך געשלעפּט דער פּאָליציסט.

זיי זײַנען געגאַנגען אינצווייען. ליפּמאַן האָט די גאַנצע צײַט זיך געאײַלט. דער פּאָליציסט איז אויך געווען געצוווּנגען זיך אײַלן. ער האָט דאָך ניט געקאָנט אָפּשטיין. עס איז אים געווען הייס, די שווערע ביקס האָט אַראָפּגעצויגן דעם רעכטן אַקסל. דער פּאָליציסט האָט די גאַנצע צײַט געווישט דעם שווייס און זיך געזידלט.

— וווהין פליסטו, וווהין אײַלסטו זיך, אַלטער דראַפּעטעש!

ליפּמאַן האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. ער האָט באַדאַרפט אײַלן.

קאָן זײַן, אַז עס איז געווען אַ שיינער האַרבסטיקער אָוונט, קאָן זײַן, אַז די זון האָט זיך שוין איבערגעפּעקלט אויף דער אַנדערער העלפט הימל און האָט אויסגעצויגן די שאָטנס פון די ביימער, פון די הײַזער און פון די מענטשן; קאָן זײַן, אַז ערגעץ אין דער פאָרשטאָט האָבן אין די גערטנדלעך אָדער סטאַם אונטער די פענצטער זיך צעבליט די שמעקנדיקע האַרבסט־בלומען און איבערן טײַך האָט זיך געגומען קנוילן אַ מין נעפּל, נאָך ניט קיין נעפּל, נאָר אַ וואַרעמע פּאַטשיילע, וואָס האָט אײַנגעזויגן אין זיך טראָפּנס וואַסער.

ליפּמאַן האָט גאָרניט געזען אַרום זיך. אין קאָפּ איז אים ניט געלעגן ניט דער האַרבסט, ניט די שמעקנדיקע בלומען. אָן אײַנגעהויקערטער אונטער דער לאַסט פון יאָרן און ניט נאָר פון זיי, האָט ער גיך געשפּאַנט.

דער ראַט פון געטאָ האָט זיך דערוווּסט, אַז שאַגער האָט ניט געקראָגן קיין שום אינ־סטרוקציעס וועגן אַ קינדער־אַקציע, אַז דאָס האָט ער אַליין צוגעטראַכט. און דערפאַר האָט מען געשיקט אווראָם ליפּמאַנען צום קאָמענדאַנט פון דער געטאָ. צײַט איז געבליבן ווייניק. אַלע קינדער ביז צען יאָר האָבן געדאַרפט מאָרגן אינדערפרי וואַרטן באַם טויער, און דערנאָך האָט מען זיי געזאָלט אַוועקפירן. וווהין מע וועט זיי פירן — דאָס האָבן אַלע געוווּסט.

„אַז איך בין שוין אינגאַנצן דורכגעווייקט, איז ווי האַלט עס אויס דער אַלטער טײַוול“, — האָט געטראַכט דער פּאָליציסט, וואָס האָט געפירט ליפּמאַנען, און געזאָגט:

— לויף ניט, לויף ניט, וועסט באַווײַזן. מיינסט, אַז שאַגער האָט שטאַרק ליב ניט קיין געבעטענע געסט? היט זיך בעסער, אַז דו זאָלסט ניט אַרויס פון דאָרטן מיט די פיס פאָרויס, כאַ!

און ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„מאָדנע מענטשן. מע לויפט אַליין דעם מאַלעך־האַמאָוועס אַנטקעגן, כאַ!“

— און אַז איך וועל באַלד נעמען און דיך אוועקלייגן? — האָט געזאָגט דער פּאָליציסט און האָט פאַריכט אויפן אַקסל די ביקס. — ס'איז שוין נאָך זעקס און דו טאָרסט ניט באַווײַזן זיך אויף דער גאַס.

אווראָם ליפּמאַן האָט זיך ווידער געמאַכט ניט הערנדיק, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און מיט אַן הייזעריקלעך פאַרשטיקט קאָל געזאָגט:

— איך קאָן דיר ניט ענטפערן, ווײַל אונדז איז פאַרבאָטן צו ריידן אויף דער גאַס מיט ניט קיין ייִדן.

— כאַ! אַלטער טײַוול, — האָט אַ בורטשע געטאָן דער פּאָליציסט און אָפּגעווישט מיטן אַרבל פונעם גרינעם מונדיר דעם שווייס פון דעם פּאָנעם.

זיי זײַנען געגאַנגען אינצווייען. ליפּמאַן האָט זיך געאײַלט, און דער פּאָליציסט מיט דעם שמור־ציקן ווײַסן באַנד אויף דעם אַרבל האָט זיך באַמיט ניט אָפּצושטיין, און דערפאַר איז ער געגאַנגען אַ ביסל גיכער, אָט לאַנגזאַמער און פון צײַט צו צײַט זיך געזידלט.

קאָן זײַן, אַז ס'איז געווען אַ שיינער האַרבסטיקער אָוונט, קאָן זײַן, אַז ערגעץ האָבן געבליט בונטע בלומען, עס איז געפלאָסן אַן אימפּעטדיקער טײַך, אַרופּציִענדיק אַף זײַן רוקן דעם בייך־האַשמאַשעס, דאָס אַלץ איז געווען ערגעץ זייער ווײַט, נאָר דאָ, אָט דאָ, איז אַוראַם ליפּמאַן געגאַנגען איבערן ברוק, און אַפן טראָטואַר האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער פּאָליציסט, און שאַגערס הויז, ניט קיין גרויסע צווייִשטאָקיקע ווילע, איז שוין געווען נאָענט און האָט זיך שוין געזען פון הינטער דעם הויכן פּלויט, גרויסנדיק זיך מיט די פּריש־אויסגעפאַרבטע ווענט און מיטן רויטן דאַך.

לעבן דער פאַרטקע האָט ליפּמאַן זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

סאָפּקאָלסאָף האָט אויך אָפּגעאָטעמט דער פּאָליציסט.

זיי האָבן אָנגעקלונגען, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן. דאַן האָבן זיי אַ שטויס געטאָן די פאַרטקע און אַרײַן אין הויף. דאָס שטעגל, וואָס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט פּירעקיקע פּליטקעס, איז געווען באַזוימט מיט אונטערגעשוירענע קוסטעס.

די טיר האָט געעפנט אַ וואַכמאַן.

— מיך האָט געשיקט דער ראַט, — האָט געזאָגט ליפּמאַן.

דער וואַכמאַן איז אַוועק, דערנאָך זיך אומגעקערט און אָנגעוויזן אַף דעם צימער, וווּ שאַגער האָט געוויס שוין געוואַרט. ליפּמאַן איז דאָ אַמאָל געווען, דאָס צימער איז אים געווען באַקאַנט. ער איז גלײַך צוגעגאַנגען צו דער הויכער טיר מיט די בלישטשענדיקע בראָנזענע הענטלעך.

דער פּאָליציסט איז געבליבן אין קאָרידאָר, ער איז געווען צופרידן, וואָס ער דאַרף זיך ניט באַווײַזן שאַגערן פאַר די אויגן. ליפּמאַן איז אַרײַן און צוגעמאַכט הינטער זיך די הויכע שווערע טיר.

דאָס צימער איז געווען אַ גרויס, אָן אויסגעשטאַטעט מיט מעבל פון נוסן־האָלץ. דאָס מעבל איז ליפּמאַנען געווען גוט באַקאַנט.

די בעסטע מײַסטערס פון געטאָ האָבן עס געמאַכט פאַר שאַגערן.

„פאַר וואָס האָבן מיר אים געשאָנקען אָט דאָס מעבל? — האָט אָנגעשטרענגט געקלערט ליפּמאַן. — מיר האָבן אים אַ סאַך זאַכן געגעבן, אָבער דאָס מעבל...“

ער האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און סאָפּקאָלסאָף זיך דערמאָנט.

„פאַר עסטלאַנד... יאָ, פאַר עסטלאַנד. ער האָט דעמלט געוואָלט אַ טייל אַרבעטספּייִקע מאַנצבלען אַוועקפירן אין עפּעס אַ לאַגער קיין עסטלאַנד. מיר האָבן אים געשאָנקען דאָס מעבל פון נוסן־האָלץ, און ער האָט ניט אַלע מאַנצבלען אַרויסגעפירט. יאָ, פאַר עסטלאַנד“.

לענגאויס דער וואַנט, וואָס האָט געהאַט דרײַ הויכע פענצטער, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט צען אינקרוסטירטע שאַך־ברעטלעך. אַ געל קוואַדראַטל פון בוק, אַ טונקלס פון רויטן האָלץ, אַ געלס פון בוק, אַ טונקלס פון רויטן האָלץ.

„דעם דאָזיקן טיש האָבן מיר אים געשאָנקען שפּעטער, — האָט ליפּמאַן זיך דערמאָנט, — יאָ, שפּעטער, ווען ער האָט געוואָלט פאַרקלענערן דעם ראַציִאָן פון פּראָדוקטן. ער האָט דעמלט געוואָלט שטאַרק פאַרקלענערן דעם פּראָדוקטן־ראַציִאָן און פאַרקלענערט ניט אַף קיין סאַך“.

באַם טיש זײַנען איצט געזעסן פינף אָפיצערן פון ראַזענבערגס שטאַב. זיי האָבן זיך אַלע אײַנגעבויגן און אָנגעשטרענגט געקוקט אַף די שאַך־פיגורן, וואָס זײַנען געשטאַנען פאַר זיי. שאַגער איז אַרומגעגאַנגען פון דער צווייטער זײַט טיש פון איין אָפיצער צום צווייטן און שמייכלענדיק איבערגעשטעלט די פיגורן. ער האָט געגעבן אַ סעאַנס פון אײַנצײַטיקער שפּיל.

אַז די טיר האָט זיך געעפנט און ווידער זיך פאַרמאַכט, האָט שאַגער געוואָרפן אַ בליק צום אַרײַנגאַנג. ער האָט געקוקט ניט אַף ליפּמאַנען, נאָר אַף זײַן אַלט פאַרשמאַלצוועט היטל.

ליפּמאַן האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקלט, אָבער דאָס היטל ניט אַראָפּגענומען.

דאָס ערשטע מאָל, ווען ליפּמאַן האָט ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט שאַגער באַפוילן אים געבן צען שמיץ. שמיץ מיט אַ קאַנטשיק פון לעדערנע פּאַסיקלעך, אַרומגעוויקלטע אַרום אַ שטאָלענעם דראָט.

— מיר טאָרן ניט, אַזאַ מינהג איז באַ אונדז, — האָט געזאָגט ליפּמאַן, — אַנדערש טאָר איך ניט.

דאָס צווייטע מאָל, אַז ליפּמאַן האָט ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט שאַגער באַפוילן געבן אים פופצן שמיץ. דער קאַנטשיק איז געווען דער זעלבער.

— מיר טאָרן ניט, — האָט געענטפערט ליפּמאַן, — אַנדערש טאָר איך ניט.

דאָס דריטע מאָל האָט ליפּמאַן אויך ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

דעמלט האָט שאַגער באַשטימט צוואַנציק שמיץ און אַליין געציילט.

— מיר טאָרן ניט... אַנדערש... טאָר... איך ניט.

שאַגער האָט אָפּגעציילט צוואַנציק און נאָך פינף, א שמייכל געטאָן און איז אוועק.
איצט האָט ער ווידער א קוק געטאָן אף ליפּמאַנס היטל, נאָר ליפּמאַן האָט זיך געקווענקלט בלויז איין אויגנבליק און דאָס היטל ניט אראָפּגענומען. שאַגער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.
שאַגער האָט פאַרגעזעצט די שפּיל. פאַר אים איז עס געווען א קינדער־שפּיל. ער איז שמייכלענדיק ארומגעגאַנגען פון איין פּאַרטניאָר צום צווייטן; קימאַט ניט טראַכטנדיק, האָט ער איבערגעשטעלט די פיגורן, און זײַנע קעגנער האָבן זיך אונטערגעגעבן איינער נאָכן אנדערן.
שאַגער האָט זיי באַדאַנקט. יענע האָבן א קנאַק געטאָן מיט די שפּאַרן און זײַנען ארויס.
דעמלט האָט ער זיך אוועקגעזעצט אפן טיש — אף איינער פון די שאָך־ברעטער. אף דער ערשטער אָדער אף דער צענטער — אף די קליינינקע קוואַדראַטן, די געלע פון בוק און די טונקעלע פון רויטן האָלץ, און א קוק געטאָן אף ליפּמאַנען.
— קום צו נעענטער, — האָט ער געזאָגט.
ליפּמאַן איז צוגעגאַנגען.
— זעסט, וואָס פאַרא הינטישע מאָרדעס דאָס זײַנען, — האָט פאַרגעזעצט שאַגער. — קיינער האָט ניט געוווּנען.
— יאָ, ניט געוווּנען, — האָט געענטפערט ליפּמאַן.
— דו האָסט געזען, וואָס איך האָב פון זיי געמאַכט? האָסט געזען, ווי זיי האָבן זיך אלע אונטערגעגעבן? גאָט מײַנער, איינער האָט דאָך געקאָנט געווינען, אָט דער, וואָס איז געזעסן אין דער מיט. דו קענסט אים?
— ניין, איך קען אים ניט.
— ער האָט געקאָנט געווינען, אָבער ער האָט געדאַרפט אָפּפערן די קיניגין. האָט ער זיך דערשראָקן. כאַ־כאַ־כאַ! דו ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, ליפּמאַן? אף צו שפּילן אין שאָך דאַרף מען האָבן א ייִדישן קאָפּ.
ער האָט זיך נאָך העכער פאַנאַנדערגעלאַכט.
— איך האָב געוויס א ייִדישן קאָפּ. אַ? ליפּמאַן, ווי מיינסטו?
ליפּמאַן האָט שווײַגנדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן.
שאַגער האָט א קוק געטאָן אף דעם אלטן, פאַרשמאַלצוועטן היטל מיטן דאַשעק, וואָס האָט ניט פאַרשטעלט די קנייטשן ארום די אויגן, און האָט געזאָגט:
— איך האָב געוווּסט, אז איר וועט הײַנט קומען צו מיר. דו ביסט אליין געקומען, אָדער דיך האָט געשיקט דער ראַט?
— מיך האָט געשיקט דער ראַט.
— הער קאָמענדאַנט! — האָט אויסגעשריִען שאַגער.
— ...הער קאָמענדאַנט.
— וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?
— איך וויל אײַך בעטן, איר זאָלט ניט ארויספירן די קינדער, הער קאָמענדאַנט.
— מיר וועלן זיי ארויספירן ניט ווײַט, אין א קינדערהיים, — האָט געזאָגט שאַגער, — דאָרט וועט זיי זײַן בעסער. זיי וועלן זײַן זאַט און אָנגעטאָן, און איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן.
— דער ראַט בעט, אז זיי זאָלן בלײַבן אין געטאָ. דער ראַט בעט אײַך, איר זאָלט די קינדער ניט ארויספירן, זאָלן זיי לעבן מיט זייערע עלטערן, הער קאָמענדאַנט.
שאַגער האָט געשוויגן, און ליפּמאַן האָט צוגעגעבן:
— אלע האָפן, אז איר וועט איבערלאָזן די קינדער, הער קאָמענדאַנט. און מיר וועלן אײַך מאַכן...
— וואָס וועט איר מיר מאַכן? — האָט אים איבערגעשלאָגן שאַגער. — וואָס קענט איר נאָך מאַכן? איך האָב שוין אלץ, איך דאַרף מער קיין זאַך ניט.
— מיר וועלן אײַך מאַכן...
— ליפּמאַן... שווײַג בעסער, בעט ניט. איך וועל סײַווי מאָרגן אוועקפירן די קינדער. דו ווייסט, וועגן וואָס איך טראַכט? איך טראַכט איצט גאָר וועגן אן אנדער זאַך. איך האָב געוווּסט, אז איר וועט הײַנט קומען, נאָר איך האָב געמיינט, אז ניט דיך וועט מען שיקן. איך האָב געמיינט, אז עס וועט קומען מירסקי. איך האָב ליב זיך צו רייצן מיט אים, מיט אײַער מירסקין. זײַן באָרד איז אינגאַנצן א ווײַסע. עס וואַרפן זיך נאָך דורך שוואַרצע הערעלעך. אז איך רײַס אים ארויס א שוואַרצע האָר, נעמט ער לאַכן גלײַך אין פּאָנעם ארײַן, אָט דער מירסקי.
ליפּמאַן האָט געשוויגן.
— פאַרוואָס זשע האָט מען דיך געשיקט? דו האָסט דאָך ניט קיין קליינע קינדער, קיין אייניקלעך אויך ניט. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס ביסטו געקומען, ליפּמאַן.
ליפּמאַן האָט געשוויגן.

— פאַרוואָס ביסטו געקומען? דו האָסט דאָך ניט קיין קליינע קינדער, ליפּמאַן?
דעמלט האָט אוורהם ליפּמאַן געענטפערט:
— אַלע קינדער זײַנען אונדזערע קינדער און מײַנע אויך. איך האָב אַ סאַך קינדער...
— הער...
— יאָ, הער קאָמענדאַנט.
— אַלצײנס. אומזיסט דאָס בעטן.
— מיר וועלן אײַך...
— וואַרט, וואַרט. דו ווייסט די מײַסע וועגן גאָלדענעם פישעלע? איז אָט, ווען איך וואָלט איצט געכאַפּט דאָס גאָלדענע פישעלע, וואָלט איך ניט געוווּסט וואָס צו בעטן. מעגלעך, עס זאָל שפּילן מיט מיר אַ פּאַרטיע שאָך. כאַ־כאַ־כאַ.
— איך בעט אײַך זייער, הער קאָמענדאַנט, פירט ניט אוועק אונדזערע קינדער. דאָס זײַנען אונדזערע לעצטע קינדער, הער קאָמענדאַנט.
שאָגער איז אַצינד געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, איבערגעפּלאָכטן איין פוס מיטן אַנדערן, די הענט האָט ער אַוועקגעלייגט אויף דער ברוסט און אויפגעהויבן דאָס אַרישע פּאָנעם.
ליפּמאַן האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל.
ער האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן דאָס היטל פון קאָפּ און עס גענומען קנייטשן אין די הענט. ער האָט טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:
— הער קאָמענדאַנט, לאָזט אונדז איבער די לעצטע קינדער, הער קאָמענדאַנט.
— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך שטים אײַן. אָבער איך בין ניט קיין פישער און דו ביסט ניט קיין גאָלדן פישל. קינדער, קינדער, קינדער! איך שטים אײַן, אויב דײַן זון ייִצחאָק וועט שפּילן מיט מיר אין שאָך. מיר וועלן שפּילן בלויז איין פּאַרטיע, און אויב...
ליפּמאַן האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון שאָגערס פּאָנעם.
— מיר וועלן זיך אַזוי צוניפרײדן, ליפּמאַן, הער זיך גוט אײַן, הער זיך זייער גוט אײַן. אויב ער וועט געווינען, בלײַבן די קינדער אין געטאָ, אָבער דײַן זון וועל איך דערשיסן. אַליין דערשיסן, מיט די אייגענע הענט. אויב ער וועט פאַרשפּילן, בלײַבט ער לעבן און די קינדער הייס איך מאָרגן אַוועקפירן. האָסט פאַרשטאַנען?
— איך האָב פאַרשטאַנען, אָבער ייִצחאָק... ער איז דאָך איצטער מײַן איינציקער.
— איך בין ניט שולדיק, ליפּמאַן, — האָט געענטפערט שאָגער, — בין איך דען שולדיק, וואָס דו ביסט הײַנט צו מיר געקומען און ניט דער לעץ מירסקי? און וואָס דאַרפסטו זיך ערגערן, ליפּמאַן! ייִצחאָק קאָן מיר פאַרשפּילן, און אַלץ וועט בלײַבן ווי געוועזן. איך צווינג דיך ניט, דו קאָנסט ניט אײַנשטימען, קאָנסט זיך באַטראַכטן. איך צווינג דאָך דיך ניט, איך האָב בלויז גע־שטעלט מײַנע באַדינגונגען.
ליפּמאַן האָט געטראַכט.
— פונוואַנען נעמט זיך עס אַזאַ זון צו דיר? ער וואָלט געקאָנט זײַן אַ גרויסער שאַכמאַטיסט. ער וואָלט געקאָנט שפּילן מיט קאַפּאַבלאַנקען אַליין, ווייסט? נו? האָסט זיך באַטראַכט, ליפּמאַן?
ליפּמאַן האָט געטראַכט.
ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף שאָגערן, אויף זײַן אַריש פּאָנעם, דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל.
— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין מסכּים. אָבער איר, הער קאָמענדאַנט, האָט פאַרגעסן נאָך איין מעגלעכקײַט — און טאָמער וועט זײַן רעמי?
— פאַרשטייסט ניט קיין שאָך, ליפּמאַן. דײַן זון וואָלט עס ניט געפרעגט. מאַכן רעמי איז שווערער, איידער פאַרשפּילן אָדער געווינען. ניין, ס'וועט ניט זײַן קיין רעמי. אָבער... גוט, איך וועל דיר דאָס מאָל נאָכגעבן, ליפּמאַן. אויב ס'וועט זײַן רעמי... אויב דײַן זון וועט געלינגען צו מאַכן רעמי, וועט ער בלײַבן לעבן און די קינדער וועלן בלײַבן אין געטאָ. ביסט צופרידן?
— גוט, — האָט געענטפערט ליפּמאַן.
— קאָנסט גיין, ליפּמאַן.
— ייִצחאָק דאַרף קומען צו אײַך?
— ניין, דאָס מאָל וועל איך אַליין קומען צו פאַרן. זאָל די גאַנצע געטאָ זען, ווי מיר שפּילן.
— גוט, הער קאָמענדאַנט.
ליפּמאַן האָט זיך געלאָזט גיין.
ער איז שוין געווען בײַ דער טיר, זיך שוין אָנגענומען פאַרן הענטל.
שאָגער האָט אים אָנגעיאָגט און אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל.
— הער זיך אײַן, ליפּמאַן, — האָט ער גְעזאָגט צו אים, — איך וועל דיר אָפנהאַרציק זאָגן,

און דו הער זיך צו. אויב דו היטסט אזוי דײַן היטל, היט אויך אָפּ דײַן זונס היטל. היט אָפּ זײַן היטל צוזאמען מיט זײַן קאָפּ. גוט, ליפּמאַן?

אוורהם ליפּמאַן האָט געשוויגן.

פאר די אויגן איז ווידער געווען דער צעבראָכענער, אויסגעשטשערבעטער ברוק.

ליפּמאַן איז געגאַנגען אין געטאָ לאַנגזאַם, טראָט בא טראָט.

— איי, דו, אַלטער דראַפּעטש! — האָט געבורטשעט דער פּאָליציסט. — ריר זיך! מײַן דינסט־צײַט האָט זיך שוין פון לאַנג פאַרענדיקט, און איך האָב קיין פאַרלאַנג ניט צו שפּאַצירן מיט דיר, ווי מיט א פרײַלן.

ליפּמאַן האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

דער פּאָליציסט האָט אַראָפּגענומען די ביקס און א שטויס געטאָן אים אין רוקן. נאָר ליפּמאַן איז אַלץ געגאַנגען פּאַמעלעך.

קאָן זײַן, אַז ס'איז געווען א שיינער האַרבסטיקער אָוונט, קאָן זײַן, אַז די זון האָט זיך שוין לאַנג איבערגעפּעקלט אַף דער אַנדערער העלפט הימל, אויסגעצויגן די שאָטנס פון די ביימער, פון די הײַזער, פון די מענטשן. קאָן זײַן, אַז אין די גערטנדלעך אָדער סטאַם אונטער די פענצטער האָבן זיך צעבליט בונטע האַרבסטיקע בלומען און אַפן טײַך איז געהאַנגען אַן אָוונטיקער נעפּל — א געדיכטער, פול מיט קליינע וואַסער־טראָפּנס.

געקומען אין געטאָ, האָט אוורהם ליפּמאַן אַלץ דערציילט דעם זון.

איזיע האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט דעם פאָטער.

— האָסט אַלץ פאַרשטאַנען, זון?

— יאָ, — האָט געענטפערט דער זון.

— דו האָסט, ווײַזט אויס, שלעכט געהערט. איך וועל איבערכאַזערן.

— מע דאַרף ניט.

— ביסט ניט אין כּעס, זון?

— ווי קאָן איך זײַן אין כּעס אַף מײַן טאַטן?

— קום אַהער נעענטער, איך וויל נאָכאַמאָל א קוק טאָן דיר אין די אויגן.

איזיע איז צוגעגאַנגען.

דער זון און דער פאָטער האָבן מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם געקוקט איינער אַפן צווייטן.

— טאַטע, — האָט געזאָגט איזיע, — דו געדענקסט, ווי דו פלעגסט מיך קיצלען, ווען איך בין געווען א קליינער?

— איך געדענק, — האָט ער געענטפערט.

— דײַן באָרד איז נאָך ניט געווען גראָוו.

— אַלע ווערן אַלט, זון מײַנער.

— דו ביסט נאָך איצט ניט שטאַרק גראָוו. א ביסעלע.

— איך ווייס, וויאַזוי איך זע איצט אויס. נו, הייב אוף דײַן קלוג קעפּל.

דער זון האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ.

דער פאָטער האָט אַרײַנגענומען אין א פויסט זײַן גראָוו געוואָרענע באָרד, זיך צוגעבויגן צום זון און א פיר געטאָן מיט איר איבער איזיעס האַלדז.

— עס קיצלט... עס קיצלט דײַן באָרד, פונקט ווי אַמאָל, — האָט געזאָגט איזיע. אַצינד האָט ער אָבער ניט געלאַכט, ווי אַמאָל.

דער פאָטער האָט פעסט אַרומגענומען דעם זון און געזאָגט צו אים:

— געדענק, דו דאַרפסט זיך היטן. דו וועסט דאָך קאָנען מאַכן רעמי, עמעס?

— האָב קיין מוירע ניט, טאַטע, איך וועל מאַכן אַזוי ווי מע דאַרף.

— איך ווייס, — האָט געזאָגט אוורהם ליפּמאַן.

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און א קוש געטאָן דעם זון אין שטערן און אין די אויגן.

— איך ווייס, אַז דו וועסט מאַכן אַזוי ווי מע דאַרף, — האָט ער איבערגעכאַזערט.

קאַפּיטל פופצן

דער צוויי־און־פופציקסטער גאַנג

1

איזיע האָט זיך מער ניט צוגעהערט צו שאַגערס רייד. ער האָט א רוק געטאָן דאָס פענדל. איצט האָט געדאַרפט קומען דער לעצטער גאַנג.

אָבער עס זײַנען געווען צוויי גענג.

אין דעם מאָמענט האָט געקאָנט זײַן רעמי — און אײביקער שאַך.
אין דעם זעלבן מאָמענט, אויב מע זאָל גיין מיטן פערד אַף לינקס, וואָלטן די ווײַסע געוווּנען.
די ווײַסע האָבן געהאַט צוויי לעצטע געגנג.

2

איך האָב לאַנג געוואָרט אַפן טאַטן. ווען ער גייט אין ראַט אָדער צו שאַגערן, דאַרף איך שטענדיק געדולדיק זיצן און וואַרטן אַף אים.

איך האָב זיך שוין דערוואַרט, מיר האָבן זיך דורכגערעדט. איך פיל נאָך אַפן שטערן זײַנע טרוקענע ליפּן, וועלכע זײַנען אַרומגעזוימט מיט אַ באָרד, נאָר איך דאַרף זיך אײַלן. עס וואַרט אַף מיר אַ גרויסע, גלאַטע שטײנערנע שוועל. עס וואַרט עסטער. אַף אונדז ביידן וואַרט דער הויף, אַ בערוועגע, אַ הילצערן קעסטל.

אין דעם קעסטל וואַרטן אַף אונדז ראַמאַשקעס. זיי זײַנען שוין פאַרוועלקט, נאָר אַלציינס זײַנען זיי נאָך ווײַס. מע קאָן נאָך אָפּרײַסן די בלעטעלעך און פאַרטראַכטן: יאָ — ניין, יאָ — ניין, יאָ.

איך האָב זיך שוין אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן מײַן גוט בלוי העמדל.
אַלץ איז אויסגעטראַכט. אַרום און אַרום איז גאָרניט ניטאָ.
איך בין — שימעק.
עסטער — בוזי.
שימעק לויפט צו זײַן בוזין.

הײַנט זיצן מיר איינס לעבן אַנדערן. איך אַף דער בערוועגע און זי אַף דער בערוועגע. מיר דאַכט זיך אויס, אַז מײַנע הענט זײַנען צו לאַנגע, איבעריקע. זיי שטערן מיר, און איך האָב ניט ווו זיי אַהינצוטאָן. בוזי זיצט לעבן מיר, איר קאָפּ ליגט אַף מײַן אַקסל, און די לאַנגע קאַשטאַנעווע האָר באַוועגן זיך אַף מײַן ברוסט.

— איך וויל ניט... — זאָגט זי, — איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זײַן שימעק און איך בוזי. יענע מײַסעלע ענדיקט זיך טרויעריק. געדענקסט, ווי יענץ מײַסעלע ענדיקט זיך?

— איך געדענק... „צווינגט מיך ניט, איך זאָל אײַך דערציילן דעם סאָף פון מײַן ראָמאַן. דער סאָף, ער מעג זיך זײַן דער בעסטער, איז ער אַ טרויעריקער אַקאָרד. דער אָנהייב, דער ערגס־טער אָנהייב, איז בעסער פונעם בעסטן סאָף. עס איז מיר דעריבער אַ סאַך גרינגער און אַ סאַך מער אָנגענעם צו דערציילן אײַך די דאָזיקע געשיכטע נאָכאַמאָל פונעם אָנהייב... איך האָב געהאַט אַ ברודער בעני. איז ער...“

— גענוג!

דאָס טרייסלט מיך עסטער פאַר אַ האַנט.

— גענוג, איזיע...

— גוט.

— דו ביסט שוין ניט שימעק, עמעס? דו ביסט איזיע, מײַן איזיע, און איך בין עסטער.

— מײַן עסטער.

זי טוליעט זיך צו צו מיר נאָך שטאַרקער. זי צעפּאַטלט די קורצע האָר אַף מײַן קאָפּ. זי דריקט צו איר פּאָנעם צו מײַן אַקסל. עס טוט איר געוויס וויי, ווײַל מײַן אַקסל איז אַ ביינערדיקער. פאַרוואָס ווײַזט זיך מיר אַלץ אויס, אַז די הענט זײַנען בא מיר צו לאַנגע און איבעריקע? זיי שטערן מיר, און איך האָב ניט ווו זיי אַהינצוטאָן.

— עסטער, — זאָג איך.

— דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן?

— כ׳וויל.

— זאָג, זאָג. וואָס שווײַגסטו?

איך שטעל זיך אײַן. איך נעם אַרײַן אין די דלאָניעס איר קאָפּ. די דלאָניעס מײַנע זײַנען גרויסע, פאַרגרעבטע, און איר פּענעמל איז קליין, און אין אירע אויגן זײַנען אַצינד ניטאָ קיין שום שיידימלעך, ניט קיין לאַכנדיקע, ניט קיין וויינענדיקע.

פון זיך אַליין דערנעענטערן זיך אירע ליפּן צו מײַנע, און איך הייב אָן שעפּטשען מיט אַ ציטערנדיק קאָל:

— עסטער... איך האָב צוגעזאָגט יאַנעקן דיך ניט צו באַוואָלען.

— דו באַוואָלסט מיך דען?

אזוי פרעגט זי, און אירע ליפּן זײַנען אַט דאָ. אירע רויטע ליפּן, רויט, ווי א רויטע סטענגע, און אזעלכע נאָענטע, אז איך פיל זייער טאַם.

— עסטער... — זאָג איך נאָכאַמאָל.

און מיר ווערן ווידער אנשוויגן.

ריידן דאַרף מען ניט.

מיר שווײַגן לאַנג.

עסטערס ליפּן זײַנען זיס ווי האָניק.

עסטערס באַקן זײַנען צאַרט ווי סאַמעט.

עסטערס אויגן זײַנען פײַכט, און אירע טרערן זײַנען געזאַלצענע.

מײַנע הענט דריקן נאָך שטאַרקער צו עסטערקען. זיי זײַנען איצט זייער נייטיק, מײַנע הענט, און איך קאָן זיי ניט אָפּרײַסן. אָבער מע מוז. מע מוז, מע מוז, מע מוז... איך הער א שטילע שטים, וואָס רופט מיך.

יאָ, דאָס איז יאַנעק.

— איזיע, — זאָגט נאָכאַמאָל יאַנעק, — ס'איז שוין צײַט. צײַט צו גיין.

— פאַרוואָס? — פרעג איך אים שטיל.

איך ווייס פאַרוואָס, נאָר איך פרעג סטאַם אזוי, קעדיי איך זאָל זיך ניט דאַרפן אופהייבן און אוועקגיין פונדאַנען.

— דאָס טישל איז שוין צוגעגרייט, די מענטשן וואַרטן, און שאָגער איז שוין געקומען צו פאָרן. מע זוכט דיך אומעטום און מע קען דיך ניט געפינען.

— קום, — זאָג איך צו יאַנעקן, — קום, ברודערקע.

מיר גייען.

איך גיי אוועק, ניט אומקוקנדיק זיך, איך זאָל ניט זען די ברעווענע און די איינזאַמע עסטערקע.

איך האָב מוירע זיך אומצוקוקן אף איר, איך זאָל ניט דערשפּירן אירע פײַכטע אויגן און דעם טאַם פון א טרער.

— קום, קום, — זאָגט יאַנעק.

איך גיי דאָך. וואָס אײַלט ער מיך?

מיר שפּאַנען שווײַגנדיק, און איך זע, אז יאַנעק לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. ער וויל עפּעס זאָגן. נאָר ער שעמט זיך.

— רייד, רייד, יאַנעק, — זאָג איך אים.

ער קוקט אף מיר מיט זײַנע ערנסטע אויגן פון א זאָקן.

— פאַרגעס ניט, איזיע, — זאָגט ער, — אז הײַנט באַנאַכט, צוועלף אזייגער, דאַרפן מיר אַרויסגיין אין וואַלד.

— האָב קיין מוירע ניט, כ'וועל ניט פאַרגעסן.

יאַנעק לאָזט ווידער אראָפּ דעם קאָפּ, און איך פיל, אז ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן.

— רייד, יאַנעק, רייד, — זאָג איך צו אים.

— איזיע, — מאַכט ער, — איך וועל דיר שפּעטער זאָגן, איצט איז שוין ניטאָ קיין צײַט... איך וועל דיר זאָגן אין וואַלד. כ'וויל דיך נאָר בעטן... טו ניט אזוי, אז איך זאָל דיך אויך דאַרפן זוכן...

— האָב קיין מוירע ניט. דו ווילסט רעמי, יאַנעק?

— יאָ, איך וויל רעמי.

— איך וועל זיך סטאַרען. איך וועל זיך זייער סטאַרען, האָב קיין מוירע ניט.

— גוט, — האָט געענטפערט יאַנעק.

ער פרייט זיך, ער איז צופרידן.

פאַרשטייט זיך, אז איך מוז מאַכן רעמי און הײַנטיקע נאַכט, צוועלף אזייגער, אַרויס אין וואַלד.

רעמי!

זאָל לעבן רעמי!

דער לעצטער גאנג

די ווײַסע האָבן געהאַט צוויי לעצטע גענג.

„ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן און עמעצער אן אנדערער, עפּעס א גוטער מאַלעך, זאָל אופהייבן די פיגור, פונקט די פיגור, מיט וועלכער מע דאַרף איצט גיין... דאָס מאָל האָב איך קיין רעכט ניט צו מאַכן א טאָעס. איך טאָר זיך ניט אײַלן. איך קאָן רויִק טראַכטן און אויסקלײַבן: רעמי אָדער געווינען. איך אײַל זיך ניט. יענער האָט ערשט איצטער פאַרשטאַנען, אַז איך קאָן געווינען".

שאַגער האָט א קוק געטאָן זײַן קעגנער אין די אויגן, אופגעשפּרונגען פון אָרט און זיך צעשריִען:

— שטעלט אוועק די לאָמפּן און טרעט אָפּ אַף צוריק! ווײַטער! ווײַטער!

דער אוילעם האָט זיך ניט גערירט, און דער קרײַז ארום די לײַכטנדיקע קאַרביד-לאָמפּן איז ניט געוואָרן גרעסער. די מענטשן האָבן געשוויגן און ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פון די צוויי לעבעדיקע פיגורן.

שאַגער האָט אפּגיך צוגערוקט זײַן שטול, זיך ארופגעלייגט אפן טישל און געזאָגט שטיל, אַז נאָר איזיע זאָל הערן:

— דאָס איז שוין ניט קיין לאָטעריי... דאָ איז שוין אַלץ קלאָר, און דו האָסט ניט וואָס צו קלערן — מאַך אן אייביקן שאַך.

שאַגערס אויערן, די בלייכע הויט פונעם שטערן און אונטער די שיטערע האָר האָבן זיך באַוועגט.

„איצט וואָלט איך געקאָנט אופשטיין און א שפּײַ טאָן אַף דיר, — האָט געטראַכט יִיצכאָק ליפּמאַן, — איך קאָן א שפּײַ טאָן גלײַך אין דײַן ארישן פּאָנעם, א שפּײַ טאָן אַף דײַנע גלעע שיטערע האָר. נאָר שפּײַען איז לײַכט. איך וואָלט געוואָלט זײַן אן אינדזיאַנער און אראָפּשינדן דײַן סקאַלפּ, דעמלט וואָלט איך געווען צופרידן. האָב קיין מוירע ניט, איך וועל ניט שפּײַען. וויכטיק איז דאָס, וואָס הײַנט, פּונקט ווי אַלעמאָל, האָב איך די אויבערהאַנט. איך האָב צוויי גענג און קאָן אויסקלײַבן, וועלכן איך וויל. איך טאָר נאָר קיין טאָעס ניט האָבן. דאָס מאָל האָב איך ניט דאָס רעכט".

שאַגער איז געזעסן אײַנגעבויגן איבערן טישל.

שאַגערס פּאָנעם ביז די ברעמען איז געווען רויִק, פאַרגליווערט. די מויל-ווינקלען האָבן קיין ציטער ניט געטאָן. די קינבאַקן האָבן זיך ניט באַוועגט. די ווײַס האָבן ניט געציטערט, און די אויגן האָבן געבלישטשעט קאַלט, ווי א קוואָרעס-גרוב אום ווינטער, נאָר דער סקאַלפּ האָט געצוקט און געצוקט — אראָפּ און ארויף, אראָפּ און ארויף.

„איך האָב ניט געוווּסט, אַז ס'איז אזוי שווער אויסצוקלײַבן איין גאַנג פון צוויי", — האָט געטראַכט איזיע.

ער האָט געזען פאַר זיך שאַגערס צוקנדיקע אויערן.

איזיע האָט זיך אָפּגעקערט. ער האָט אָבער איצט געזען, ווי נערוועז עס באַוועגט זיך די הויט אַף שאַגערס שטערן.

— איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס... — האָט שאַגער אָנגעהויבן, פאַרגעסנדיק, אַז ארום שטייען מענטשן. — די קינדער וועסטו סײַווי ניט ראַטעווען, דו קאָנסט ראַטעווען נאָר זיך אַליין.

איזיע האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

פאַר די פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך אַלץ באַוועגט באַזונדער: די אויערן, די האָר, די הויט אַפן שטערן.

ער האָט געעפנט די אויגן און ווידער דערזען פאַר זיך דעם באַוועגלעכן סקאַלפּ, און ארום — מאַנצבלען, וואָס האָבן פּאַוואָליע זיך גענומען דערנענטערן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין ריכטיקער גאַנג.

די האַנט, וואָס האָט געבלאָנדזעט צווישן צוויי פיגורן, האָט גענומען דאָס פערד — דאָס ווײַסע פערד, די טויטע שאַכמאַט-פיגור, און זי אַוועקגעשטעלט אַף לינקס, אין דעם פּוסטן קוואַדראַט. ער האָט געדאַרפט נאָך זאָגן שאַגערן: „שאַך און מאַט“, נאָר אין האַלדז איז איבער־געטעריקנט געוואָרן, און אַלע ווערטער, וואָס ער האָט אומבאַדינגט געדאַרפט זאָגן, זײַנען דאָרט דערשטיקט געוואָרן.

ייִצכאָק ליפמאַן האָט זיך אופגעשטעלט, זיך אויסגעגלײַכט און געזאָגט זייער רויִק:

— דו האָסט פאַרשפּילט.

שאַגער איז אופגעשפּרונגען און בעשום־אויפן ניט געקאָנט געפינען די קאָבורע.

ווען ער האָט זי סאָפּקאָלסאָף געפונען און אַפּגעשפּיליעט, האָט אַן איימעדיקע שטילקײַט זיך אָנגעוואַלגערט אַף דער שטאָט, אַף דער גאַנצער וועלט.

דעמלט האָט שאַגער דערפילט, אַז ער געפינט זיך אין אַ רינג. ארום און ארום איז געווען אַ וואַנט. אַ לעבעדיקע וואַנט, אַ מענטש צו אַ מענטש. דורך אַזאַ וואַנט וועט קיינער ניט דורכגיין.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווידער זיי געעפנט און דערזען, אַז דער קרײַז ווערט ענגער.

די צירק־אַרענע האָט זיך פלוצלינג אַרויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע פיס. עס איז פאַרשוווּנדן דער קונצנמאַכער מיט דעם צויבער־שטעקעלע. די לעבעדיקע וואַנט האָט זיך אָנגערוקט, קיין זאַך האָט ניט געקאָנט זי פאַרהאַלטן, און דאָס איז שוין געווען ניט קיין קרײַז, נאָר אַ שלייף, וואָס וועט באַלד זיך פאַרציִען.

אין דער מיט איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס שאַך־טישל און צוויי העלע קאַרביד־לאָמפּן.

שאַגער האָט נאָך באַוויזן אַ כאַפּ טאָן זיך באַם האַלדז.

נאָכדעם איז שוין ניט געבליבן ניט קיין טישל, ניט קיין לאָמפּן, די מענטשן־וואַנט האָט זיך צונויפגעגאָסן.

דער קרײַז איז פאַרשוווּנדן.

דער סאָף — איז אַ טרויעריקער אַקאָרד?

דער אָנהייב, אפילו אַ טרויעריקער, איז בעסער, ווי אַ פריילעכער סאָף?

אַמאָל קאָן דער אָנהייב זײַן אַ סאָף, און דער סאָף — בלויז אַן אָנהייב.

איר ווייסט, ווי עס שײַנט די זון אין פרילינג? איר ווייסט ניט מיסטאָמע, ווי זי שײַנט. איר האָט ניט געזען, ווי עס שמייכלט עסטער.

די זון אין פרילינג איז ווי עסטערס שמייכל, און איר שמייכל איז ווי די זון אין פרילינג.

פון ליטוויש — ב. האַלפּערן, א. זינגער

150־טער געבורטסטאָג פון מ. יו. לערמאָנטאָוו

מ. יו. לערמאָנטאָוו

פאָטערלאַנד

איך האָב מײַן היימלאַנד ליב מיט אזא
מאָדנער ליבע!
עס קאָן זי ניט באזינגען מײַן פארשטאנד.
ניט רום פון שלאכטן איז דערפון די סיבע,
און ניט די שטאָלצע רו פון פאָטערלאנד,
און ניט די אוראלטע לעגענדעס די געהיימע,
ניט זיי דערמונטערן די ליבע טרוימען.

נאָר איך האָב ליב — איך ווייס גאָר ניט פאר
וואָס,
דאָס קאלטע שווײַגן פון די ברייטע פעלדער,
דאָס וויגן זיך פון די געדיכטע וועלדער,
דעם יאמיש-ברייטן טײַך-צעגאָס...
כ'האָב ליב זיך יאָגן מיט דער פור אף פרײַע
וועגן,
מיט לאנגן בליק אין פינצטערניש געריכט,
א נאכטלעג זוכנדיק, צו שפירן שוין אקעגן
פון טרויעריקן דאָרף די ציטערדיקע ליכט;
כ'האָב ליב פון פעלד נאָך שניט דאָס רויכל,
די וואָגנס אפן סטעפ באנאכט,
און צווישן פעלדער אף די הויכן
בערעזעס ווײַסע אף דער וואך.

מיט פרייד, וואָס ווייניק אזוי שעצט איר,
אן אָנגעפילטער טויק מיך רעגט,
א שטוב, וואָס איז מיט שטרוי געדעקט,
געשניצטע לאָדנס אף די פענצטער;
און יאָמטעוו-צײַט, אין אָוונט פײַכטן,
ביז האלבנאכט כ'בין פארנעמען גרייט
די טענץ, דאָס טופען און דאָס פײַפן,
דעם פויערס שיקערלעכע רייד.

איבערזעצט — מוישע כאשטשעוואצקי.

* * *

כ'גיי ארויס אן איינזאמער צום וועג הײַנט;
שטיין פון שליאך אין נעפל קלאָר זיך זעט;
שטיל די נאכט. גאָטס שטים נעמט אוף די געגנט,
און איין שטערן מיט דעם צווייטן רעדט.

ס'איז די הייך א יאָמטעוודיק-צעהעלטע!
ס'שלאָפט די ערד אין בלויען שײַן-געוועב...
וואָס זשע טוט מיר ווי אזוי, וואָס פעלט מיר?
ארט מיך וואָס? צו עפּעס נאָך איך שטרעב?

פון מײַן לעבן גאָרניט מער דערוואַרט איך,
די פארגאנגענהײַט מיר טוט ניט באנק;
כ'זוך נאָר רו און פרײַהײַט נאָר געגארטע!
זיך אין שלאָף פארגעסן איך פארלאנג! —

אָבער ניט מיט קיווער-שלאָף מיט קאלטן...
ס'וואָלט זיך אײַנשלאָפן אזוי געגלוסט,
אז אין ברוסט זאָל לעבנס-קראפט זיך האלטן,
אז ס'זאָל שטיל באוועגן זיך די ברוסט;

טאָג ווי נאכט זאָל איך א זיסן ניגן
וועגן ליבע הערן אין מײַן טרוים,
איבער מיר זאָל מיט גערויש זיך וויגן
אייביק גרין דער טונקלער דעמבנבוים.

איבערזעצט — מוישע כאשטשעוואצקי.

צוויי ריזן

אין א העלם פון גאָלד פון רויטן
האָט דער רוס, דער אלטער גוואר,
אף א ריז א גוואר א צווייטן
פון דעם פרעמדן לאנד געווארט.

ס'איז די קראפט פון ריז פון פעסטן
איבער בארג און טאָל באוווּסט;
און מיט קויכעס זיך א מעסט טאָן
האָט זיך איינמאָל זיי פארגלוסט.

קומט מיט קריגעריש געוויטער
דער דרײַוואָכעדיקער כוואט:
און דעם סוינעס קרוין אָן ציטער
מיט דער פרעכער האנט ער כאפּט.

מיט א שמייכל, אומדערשראָקן,
האָט דער רוס געענטפערט באלד:
מיטן קאָפּ געטאָן א שאָקל...
און דער פרעכער קרעכצט און פאלט!

און ער פאלט אין יאם אין ווײַטן,
אף דעם טונקעלן גראניט,
דאָרט, ווו נאָר די שטורעמס רײַטן
און דער אָפּגרונט רוישט און זידט.

איבערזעצט — מוישע כאשטשעוואצקי.

א יִדישע מעלאָדיע

(פון בײַראָן)

מײַן הארץ איז טרויעריק. אָ גיכער, זינגער, קום!
עסווארט די הארפּע לאנג שוין.
און זאָלן דײַנע צארטע פינגער מיט געברום
דערוועקן די גאניידן-קלאנגען.

און אויב איך האָב ביז איצט ביטאָכן נאָך פארהיט,
וועט ער אין הארץ דערוואכן גערן,
און אויב א טראָפּן-טרער אין אויג בא מיר נאָך גליט —
דאן וועלן הייס א שטראָם טאָן טרערן.

און ווילד זאָל זײַן דײַן ליד, — און ווי מײַן גוירל בלינד,
איך קאָן קיין פריילעך-קלאנג ניט הערן!
איך זאָג, אָ, זינגער, דיר — אז טרערן כ'וויל אצינד,
ווײַל ס'קאָן דאָס הארץ צעריסן ווערן.

ס'איז דוירעסלאנג געוועזן דערנערט אין פּײַן און שרעק,
געשטיגן איז דער צאר אלץ העכער;
און אָט געקומען איז די שאָ — ס'איז פול שוין ביזן ברעג,
ווי טויט-געטראנק א פולער בעכער.

איבערזעצט — שמועל ראָסין.

כאַים מאלטינסקי

מיט קינדערשער סימכע...

* * *

כ׳וואָלט וועלן, ס׳זאָלן לעבן זייער לאנג
די מענטשן,
וועלכע האָבן לענינען געזען
און געהערט.

זיי האָבן אײַנגעזאַפּט פון קאָל זײַנעם דעם קלאנג,
פון בליק זײַנעם די שײַן.
מיט זיי וועט רײַכער זײַן
און שענער אונדזער ערד.

ס׳דערמאָנען פינף פאטראָנעס

אין פרילינג־וואלד צעווישן סאָסנע־ביימער
טאַפּט פלוצעם אָן מײַן קוליע־שטעקן
מיט קוילן א פארזשאווערטע אָבוימע.
צעפוילטע שווארצע בלעטער זי באדעקן.

איך הייב זי אויף. ס׳דערמאָנען פינף פאטראָנעס
א פארקאלייעטע, צעקנייטשטע האנט
פון א סאָלדאט. זײַן מאָרעשכוירע־פּאָנעם
דערזע איך אין טראנשיי באם פּאָדער־ראנד...

און מיט מײַן שטעקן כ׳עגבער אויס א גריבל.
אין פײַכטער ערד דעם וויסטן קריג כ׳פארגראָב.
אזוי אנטרינען זאָל די סינע און פאריבל.
צו מילדער פרילינג־זון איך הייב מײַן קאָפּ.

מײַן פרײַנט דעם ווײַסרוסישן פּאָעט

מיר דאכט, מײַן ווײ אין הארצן ווערט
פארשטיינערט.
איך ווייס, אז זייער־זייער גוט פארשטיין מיך
קענסטו, מײַן פרײַנט, ווײַסרוסישער פּאָעט.
האָסט הײַנט אין וואלד געהערט, ווי מיט די
ביימער

אף יידיש האָב איך אפן קאָל גערעדט.
דער עכאָ איז זיך הילכיק־פריש צעגאנגען
איבער דעם הארבסטיק־סוידעספולן באָר.
געווען זײַנען דיר הארציק ליב די קלאנגען.
און אלץ פארשטאנען האָסטו דײַטלעך־קלאָר.

* * *

ווילסט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין מײַן שטאָט,
טאָ שטעל זיך לעבן פענצטער אף א ווײַלע;
זע, „סאמאָסוואלן“, לאסט־מאשינעס אײַלן
מיט גוטס און שעפע, ניט פון גאָטס גענאָד —
פון מענטשנס מי. מיט צוקער און מיט מעל,
מיט טרויבן און מיט דראָט מאשינעס פאָרן.
און הינטער זיי אן אוטאָ פּאָמידאָרן,
א קעסטל אף א קעסטל אָנגעשטעלט.
מאשינעס מיט באמיסטיקונג, מיט אײַז,
מיט שטיינקוילן, מיט שטולן, גומע־רעדער,
מיט ביר, מיט קינדערשע וועלאָסיפּעדן;
א קראן א ריזיקער פאוואָליע שפרײַזט,
„פריצעפּן“ שלעפּן באלקעס, גרייטע ווענט,
זעקס רויטע קעלבלעך שטייען אין א קוזעוו.
ציסטערנעס מילך, בענזין און אוטאָס פּוסטע,
מאשינעס מיט קארטאָפל. אָן אן ענד.
מיט גוטס און שעפע ניט פון גאָטס גענאָד,
ביז טונקל ווערט, די לאסט־מאשינעס אײַלן.
דו שטעל זיך לעבן פענצטער אף א ווײַלע,
ס׳טו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין מײַן שטאָט!

* * *

אף שניי־שיך גיך א מיידל פאַרט אין רויטן
היטעלע
דורך ווײַסן וואַלד.
און ס'שווינדלען אירע בײדע ליזשע־שטעקנס.
— מיט מײַנע צוויי וואָלט זײַן שוין א
באַדעקנס, —
טו איך א שפּאַס. זי גליטשט זיך אויס און פאַלט:
— דאָס בין איך, — ענטפערט זי, — געפאַלן
פון געלעכטער.

איר האָט דאָך שוין צוויי גרויסע קאַלע־
טעכטער. —
איך שטרעק איר אויס א האַנט. איר אופהייבן
זיך כ'העלף.
— צו רויטע היטעלעך זיך קלעפּן שטענדיק
וועלף, —
גיב איך א זאָג דעם יונגן מיידל סטאַם.
וואָס טוט ניט א פּאָעט צוליב א גראַם?

* * *

דעם גרויסן נאָכקרימער דעם שטאַר,
אים קומט א פרעמיע דערפאַר,
וואָס ער כאַפּט אויס מיט פאַרגעניגן
א פרעמדע ליד, א פרעמדן ניגן.

פאַרגייט זיך אין די דינסטע טרעלן,
און גאָר ניט לײַכט איז פעסטצושטעלן
(גיי זײַ א בעריע און פאַרשטיי),
דער שטאַר זינגט צי דער סאָלאָוויי.

* * *

א טראַפּעלע הייבסטו דעם קאָפּ אוף,
מיט קינדערשער סימכע דערזעסט:
אף שפּיץ פון סטאַראָבינער טאָפּאָל
דאָס בושלען־פאַרפאַלק אין דער נעסט.

און גרויס איז די נעסט, ווי א סקירדע,
עס שטייען דער „ער“ און די „זי“
בעשאָלעם מיט פויגלשער ווירדע:
— גוט־פרילינג, מיר זײַנען שוין הי. —

אין הימל־רוים זייערע קליידער
אין אויגן זיך וואַרפן: שוואַרץ, ווײַס.
אַט שוועבן זיי רויִקע בײדע
אין אויסשפּיר נאָך זעטיקער שפּײַז.

ס'איז נאָענט דער הימל דער פרײַער,
דאָס טאָרפיקע פעלד און דער באָר.
דעם שטעטל איז ליב און איז טײַער
דאָס מאָזלדיק־פויגלשע פּאָר.

א טראַפּעלע הייבסטו דעם קאָפּ אוף,
מיט קינדערשער סימכע דערזעסט:
אף שפּיץ פון סטאַראָבינער טאָפּאָל
דאָס בושלען־פאַרפאַלק אין דער נעסט.

זינט דאַן

זינט דאַן,
ווען כ'האָב דערוווּסט זיך, ווי מײַן מאַמע־לעבן
איז מיט מײַן זון געשטאַנען בא די געטאָ־דראָטן
און האָט איר גאָלד'נעם קדושע־רינגל אָנגעבאָטן,
מע זאָל איר אייניקל כאָטש א קאַרטאָפליע געבן,
און ווי א שאָטנדל ז'געווען מײַן קינד מײַן
טײַערס,
זינט דאַן
אָן סינע כ'קאָן אף גאָלד ניט קוקן.
גלײַך ס'צינדט זיך אָן אין האַרץ בא מיר א פײַער.
און ס'נעמען מײַנע אַקסלען צוקן...

אזא געשאנק

איך בין קיין טראָפּן ניט מעגאזועם —
ס'איז ווייניק זאָגן דיר א דאנק.
האָסט מיר געבראַכט אזא געשאנק! —
פון בערג באוועלדערטע קאווקאזער
מיר פּאָזעמקעס באם יאם דערלאנגט.

די דינע שטענגלעך אויסגעגראָבן
צוזאמען מיט די ווארצלען האָסט.
כ'האָב זיי אריינגעשטעלט אין גלאָז.
מע דארף אין הארצן גאָט ניט האָבן
אין מויל די יאג'דעס נעמען פּראָסט.

די בלעטעלעך אין וואסער פרישן
געקומען צו זיך זייַנען באלד.
און ס'האָט מיט ווייַסרוסישן וואלד
א שמעק געטאָן, מיט כוואָיע זיסער,
ווו יעדער פּאָזעמקעלע שטראלט.

איך בין קיין טראָפּן ניט מעגאזועם —
ס'איז ווייניק זאָגן דיר א דאנק.
האָסט מיר געבראַכט אזא געשאנק! —
פון בערג באוועלדערטע קאווקאזער
מיר פּאָזעמקעס באם יאם דערלאנגט.

* * *

פארבייַ בעסוילעם ווינטער
איך גיי און הער און קוק.
דער פּיקהאָלץ אָף דער סאָסנע —
טוק־טוק, טוק־טוק, טוק־טוק.

אין ווייַסער אָוונט־שטילקייַט
מייַן הארץ מיר טרוי'ריק זאָגט:
אָט פונקט אזוי מיט טשוועקעס
א טרונע מע פארשלאָגט.

דער פּיקהאָלץ אָף דער סאָסנע
צי נאריש איז, צי קלוג,
נאָר ווייסט ניט פון קיין פּכאָדים
און קלאַפּט — טוק־טוק, טוק־טוק...

* * *

דאָס פּיצל וועוויריק ווייסט נאָך ניט פון שרעק.
זיך שטעלט אין וואלד אנטקעגן אונדז אוועק.
מיט גלאנציק־פּייַכטע אויגן מיך באטראכט.
דעם וועוויריקל האָט זיך, ווייַזט אויס, געדאכט,
אז איך בין א צעטריקנט סאָסנע־צווייַג.
און אָף מייַן גרויען מאנטל קלעטערט, שטייַגט.
און פון מייַן אקסל איבער שטאם פון בוים
אנטרינט געשווינד אין גרינעם בלעטער־רוים...

באם יאם

כ'האָב ניט געוואָגט דיר נאָכצוקוקן מער,
נאָר דאָך האָב איך געטאָן מייַן קאָפּ א קער —

זען דייַנע שטייַפע און געטאָקטע גלידער.
ווי גוט דער כוואליע איז — זי קושט דיך ווידער.

ס'איז גוט דער זון. זי קושט דיך פלאמיק אויס,
ווען גלאנציק־פייַכט פון יאם גייסטו ארויס.

פיל בעסער, ווי זיי ביידן, איז א דריטן,
וואָס ווארט אָף דיר באם יאם אָף זאמד צעגליטן,

און טרייסלט אויס די שטיינדלעך פון דייַן שיכל,
און נעמט אין האנט דייַן האנטעך און דייַן ביכל.

הערשל פּאָליאַנקער

דער בעקער פון קאָלאָמייע

אין דער גרויסער וועלט

דער פרילינג און דער זומער האָבן קיין גרויסע גליקן דעם טעאַטער ניט געבראַכט, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס זגורסקי דער דריטער האָט אָפּגעשפּילט א שפּאָגל-נײַע כאַסענע.

דאָס מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, זגורסקין, אז ס'איז גאָר א פײַנער שידעך, ווײַל גענומען האָט ער אן אלמאָנע. ניט קיין שיינע, ניט קיין יונגע, נאָר דערפאַר רײַך, ווי קוירעך, און אים האָט זיך געדוכט, אז איר נאַדן און איר פאַרמעגן וועט ער קאָנען ארײַנלייגן אין זײַן געשעפט און זען, אז דער טעאַטער זײַנער און אויך די אקטיאָרן זאָלן קאָנען א ביסל פרײַער אָפּעטעמען, ארויסקריכן פון דעם אייביקן דאַלעס, פון דער גרויסער נויט.

אָבער גיי זײַ א בעריע און וויס, אז די גאַנצע מײַסע איז גאָר קיין מײַסע ניט. גלײַך נאָך דער כאַסענע האָט זיך ארויסגעוויזן, אז פון אלע צוזאָגעכצן, פונעם נאַדן און פון די רײַכטימער האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך. און זגורסקי דער דריטער האָט אינמיטן דער נאַכט געמוזט נעלעם ווערן.

נאָך דעם דורכפאַל האָט דער אימפּרעסאַריאָ בא זיך געפּויעלט, אז ער בלײַבט אף טאָמיד א באָכער, פון קיין ווײַבער וועט ער קיינמאָל אפילע ניט טראַכטן, ניט קוקן אף זיי.

דער כאָסנבאָכער האָט גערזאָגט שימשענען בעסאָד-סוידעס, קיין האָן זאָל אפילע ניט קרייען, ווהין ער פאָרט, און געהייסן, ער זאָל וואַרטן אף א טעלעגראַמע. ער, זגורסקי, וועט אים צו וויסן געבן, ווען און ווהין די טרופּע זאָל ארויספאָרן.

אין א שטיקל צײַט ארום האָט שימשן-האַגיבער טאַקע געקראָגן א יעדיִע, ער זאָל זיך אופהייבן מיט דער כאַליאַסטרע, נאָר שאַ-שטיל, אז די נײַע קליפּע זײַנע זאָל זיך גאָרניט אָנשטויסן.

גרינג צו זאָגן. ווי לאָזט מען זיך אָבער מיט אזא קאַפּעלע אין וועג ארײַן, אז אין קאַסע איז ניטאָ קיין צעבראָכענער גראָשן. כוץ דעם איז מען אָנגעפּיקעוועט מיט כויוועס... הײַנט קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר א פּאָנעם עס האָט געמאַכט שימשן-האַגיבער, ווען ער האָט באַקומען פונעם באַלעבאָס די יעדיִע.

דערווײַל איז מען ארײַנגעפאָרן אין אָסיען. עס האָבן גענומען דערקוטשען די רעגנס און די ווינטן, אפן הארצן איז געווען שטאַרק אָנגעזאָלעט. אָסקאַר שאַפּיראָ מיט שימשענען האָבן זיך אוועקגעזעצט איבער א בייגעלע פּאַפּיר, געכעזשבנט — געדרייט אהין, געדרייט אהער, נאָר ווי מע האָט ניט געבראָכן דעם קאָפּ, האָט מען זיך דאָך ניט געקאָנט קיין אייצע געבן. ס'איז געבליבן, אז מע זאָל איבערפּעקלען מיט דעם צוג דאָס ביסל פאַרמעגן, אייניקע דעקאָראַציעס און נעמען בילעטן נאָר פאַר עטלעכע אקטיאָרן.

און די איבעריקע?

די איבעריקע זאָלן זיצן אפן אָרט און וואַרטן, ביז מע וועט זיי ארויסשיקן אפן וועג, אָדער זיך דורכשפּאַנען צופוס.

גערעדט און געטאָן. און אָט איז אונטערגעקומען דער פאַרנאַכט, ווען מע האָט גענומען איבערפירן צו דער סטאַנציע דאָס ביסל אָרעמקײַט. ס'איז געוואָרן א גערעמער און א געוויין. די

סאָף פון ערשטן בוך. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“, 1964, נומ. 4.

גליקלעכע, וואָס האָבן געהאַט בילעטן, האָט מען אַרויסבאַגלייט ווי אַף אַ לעווייַע. מער פון אַלעמען האָט איבערגעלעבט שימשון־האַגיבער. און ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס מע האָט ניט אַלעמען געקאָנט מיטנעמען, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געמוזט איבערלאָזן זײַן געהילף און פֿרײַנט מאַקס קרייסלער. ער האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, ווי וועט ער פֿאָרן אָן אים און וואָס וועט ער אָן אים טאָן.

דעם גאַנצן טאָג איז שימשון־האַגיבער אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרטשאַדעטער. נאָך מער פֿריטשמעליעט איז געווען מאַקס. אַז ער האָט דערזען, ווי עסטערקע האָט אַ פֿאַרפּוצטע, אַ שיינע און אַ טרויעריקע זיך אוועקגעזעצט מיט איר טאַטן אין פֿיאַקער און זיך געלאָזט צום וואָקזאַל, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס האַרץ וועט זיך אים אָפּרײַסן. ער האָט זיך אַפֿילע ניט באַוויזן מיט איר צו געזעגענען. דעם גאַנצן טאָג איז איר דער טאַטע נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט, ווי אַ שאָטן, פֿון איר קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט.

— דו ווילדע בריע! — שימשון־האַגיבער האָט אַ טאָרע געטאָן מאַקסן, — דו מיינסט, אַז שפּילן טעאַטער איז באַקן בייגל? איך האָב דיר דאָך פֿון סאַמע אָנהייב געזאָגט, אַז דו וועסט זיך דאַרפֿן צוגעוווינען צו אַלע צאָרעס. דאָס פּובליקום זיצט אין טעאַטער און לאַכט, און זיי ווייסן אַפֿילע ניט, די פּאַסקודניאַקעס, אַז ווען אָסקאַר שאַפּיראָ טאַנצט פֿאַר זיי, גיט אָפּ דאָס לעצטע ביסל געזונט, פּונקט דעמלט וויינט עפּשער אין אים דאָס האַרץ. ווי קאָן דאָס אַנדערש זײַן? אַז אַלע יאָרן שלעפּט ער זיך אַרום מיט עסטערקען, ווי אַ ציגײַנער אין דער בויד, און ווען דו זאָלסט נאָך ווייסן, וואָס פֿאַר אַ גאָלדענע אַקטריסע עסטערקעס מאַמע איז געווען. פֿון איר האָט עסטערקע געיאַרשנט דעם טאַלאַנט. נאָר ווי שווער עס זאָל זיי ניט זײַן, ווי זיי זאָלן ניט אָפּקומען, איז דער טעאַטער פֿאַר זיי אַלץ אין לעבן. זאָגט, אַשטייגער, עסטערקען, אַז מע וועט זי אָנטאָן אין ברי־ליאַנטן, פֿאַרשיטן מיט גאָלד, זי זאָל אוועקוואַרפֿן דעם טעאַטער, וועט זי דיך אָנקוקן ווי אַ מעשו־גענעם. זיגפֿריד לײַנאַרד האָט אַמאָל געזען זיי שפּילן, עסטערקען און אָסקאַרן, האָט ער געוואָלט זיי נעמען צו זיך אין טעאַטער. נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, ניט געוואָלט אוועקוואַרפֿן אונדזער טרופּע, דאָ האָט געשפּילט אָסקאַרס ײדע, דער טאַטע זײַנער, און זיי האָבן אים פֿאַרזאָגט, אָסקאַרן, ער זאָל זיך ניט דערוועגן פֿאַרלאָזן דעם טעאַטער. מע איז אָרעם? מע שפּילט פֿאַר אָרעמע מענטשן? נישקאָשע, דאָס מאַכט ניט אויס. און דו, מאַקס, האָסט שוין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— און ווער איז עס דער לײַנאַרד? — האָט מאַקס אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— דו ווייסט ניט, ווער ס'איז זיגפֿריד לײַנאַרד? — האָט פֿאַרוווּנדערט שימשון־האַגיבער אים אָנגעקוקט, — ווער קען עס ניט זיגפֿריד לײַנאַרדן? דאָס איז אַ גרויסער אַקטיאָר, אַ באַרימ־טער רעזשיסער. ער האָט אַ טעאַטער אין בערלין, און דער טעאַטער זײַנער איז באַרימט אַף דער גאַנצער וועלט. אָנקומען צו זיגפֿריד לײַנאַרדן אין טעאַטער איז דאָס גרעסטע גליק פֿאַר אַן אַקטיאָר. נו, בעקיצער, לאָז ניט אַראָפּ די נאָז, מאַקס. איך זאָג דיר צו, אַז אינגיכן וועל איך דיר אַרויסשיקן אַף אַ בילעט און דו וועסט קומען צו פֿאָרן. איך בין דאָך ניט זגורסקי דער דריטער. באַ מיר איז אַ וואָרט אַ וואָרט.

מאַקס קרייסלער האָט געשוויגן. ער האָט זיך געכידעשט, וואָס ביז איצט האָט שימשון־האַגיבער קיינמאָל אים ניט דערציילט וועגן לײַנאַרדן. ווען עס איז ניט אַזוי ווײַט, וואָלט קעדײַ געווען זיך צוכאַפּן אַהין. שימשון אַליין זאָגט דאָך, אַז ער, מאַקס, האָט גאָלדענע הענט, און דאָרטן וואָלט פֿאַר אים זיך געפֿינען אַרבעט אַף דער בינע. נאָר פֿון דעם נאַרישן געדאַנק האָט מאַקס זיך אַליין צעלאַכט. וואָס פֿאַר אַ לעפּישע זאַכן קריכן אים אין קאָפּ? שימשון־האַגיבער זאָגט, אַז ער וועט אים ניט פֿאַרגעסן, אינגיכן אים אַרויסשיקן געלט אַף אַ בילעט? זאָל ער זאָגן... נאָר מאַקס וועט זיך יאַקאָס געבן אַן אייצע אָן אים. ניט אומזיסט האָט ער זיך ניט געזעגנט מיט עסטערקען.

שימשון־האַגיבער מיט מאַקסן האָבן געבראַכט אָפּן פֿאַראָן די דעקאָראַציעס מיטן רעקוויזיט. ביידע האָבן זיי געשלעפּט אין וואַגאָן אַרײַן דאָס פֿאַרמעגן פֿון טעאַטער, און דער בייזער קאָנדוק־טאָר האָט זיי אַלץ אונטערגעטריבן. אָט איז שוין אַלץ געווען פֿאַרטיק, און שימשון־האַגיבער האָט זיך געקליבן געזעגענען מיט מאַקסן, נאָר יענער איז ערגעץ אויסגערונען געוואָרן, ניט געסטײַעט. ער האָט געטראַכט, אַז מאַקס איז אוועק זיך געזעגענען מיט עסטערקען, נאָר דאָרטן האָט שימשון אויך ניט געטראָפֿן דעם שיבעניק. ער האָט געהאַט פֿאַרדרוס אַף אָסקאַרן — מע וואָלט אַלץ געדאַרפֿט טאָן, נאָר מיטנעמען מיט זיך דעם באָכער. און עפּשער האָט אָסקאַר שאַפּיראָ אומיסטן אַזוי אויסגעדרייט, אַז מאַקס זאָל בלײַבן? עסטערקע איז געווען צום באָכער ניט גלײַכגילטיק, און דאָס איז איר טאַטן ניט אָנגעשטאַנען. נאָר גיי קריך אַרײַן אין אַ פֿרעמדער נעשאָמע, אַז דײַן אייגענע נעשאָמע קאָנסטו אָפּט ניט פֿאַרשטיין.

אין וואַגאָן האָט שימשון־האַגיבער זיך פֿאַרוקט מיט זײַן קעסטל אין אַ ווינקל און געגומען קוקן אינעם טונקעלן פֿענצטער, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט רעגן־פּאַקן. ער האָט געוואָרפֿן אַ באַרויגעזן בליק אַף אָסקאַרן, דערנאָך זיך באַגעגנט מיט עסטערקעס אויגן, וואָס האָבן

געפרעגט: „און ווו איז מאַקס? פאַרוואָס האָסטו אים ניט מיטגענומען?“ שימשון־האַגיבער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די שמאָלע אַקסלען און זיך אָפּגעדרייט אָן אַ זײַט.

דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, פּונקט ווי עסטערקען, אַז זיי האָבן אָף שטענדיק פאַרלוירן דעם טײַערן און איבערגעגעבענעם באָכער.

עסטערקע איז שוין געווינט געווען באַגעגענען אַלע טאָג מאַקסן אָף דער בינע. איצט האָט זי געפילט עפּעס אַ פּוסטקײַט, אַ מאָדנע בענקשאַפט, פּונקט ווי זי וואָלט געקומען אין אַ גאָרטן און ניט געטראָפן אירן אַ באַליבטן בוים.

ווען דער פאָטער איז אײַנגעשלאָפן, האָט זי זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאַנגען צו שימשענען און שטילערהייט אים אַרײַנגערוימט אין אויער:

— ווי מיינסטו, שימשן, ער וועט קומען צו אונדז, מאַקס? פאַרוואָס האָסטו אים ניט מיט־גענומען?

שימשון־האַגיבער האָט אָף איר אָנגעשטעלט זײַנע ליכטיקע אויגן און נאָך אַ שווערער פּאַוזע זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט בעסער מיט אים דאָרטן איבערגעבליבן. נאָר וואָס קאָן איך טאָן? איך האָב מײַנע קאַפּיטאַלן אָף אים קויפן אַ בילעט? דו ווייסט דען ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ פּאַרשוין, אונדזער זגורסקי דער דריטער? ווען גאָט העלפט און ער ווערט פאָטער פון זײַנע ווײַבער און טראַכט מער וועגן טאַכלעס, וואָלט אוודאי געווען לײַטישער... עס איז נאָך אַ נעס, וואָס מיר האָבן צונויפגעשלעפּט אַ ביסל זלאָטעס, אַנדערש שטעל איך זיך ניט פאָר, וואָס מיר וואָלטן געטאָן. איך זאָג דיר צו, עסטערקע, אַז ווי נאָר מירן קומען אָף אָן אָרט, וועל איך פאַרקויפן מײַנע לעצטע פּליודערן און אים אַרויסשיקן אָף אַ בילעט. ער זאָל נאָר ניט ווערן מעשוגע און ניט אַוועקגיין צוריק אין בעקערײַ.

שימשון־האַגיבער האָט זיך געדאַכט, אַז בײַ דעם מיידל האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: ניט אומזיסט האָט שלוימע־האַמעלעך געזאָגט: „ווער קאָן דען דערגיין דעם סייכל פונעם פויגל־פלוג אין הימל, דעם גאַנג פון דער שיף אין יאַם און דעם וועג צו דער נעשאָמע פון אַ פרוי?“

פון יענער זײַט וואַגאָן־פענצטער האָט געשמיסן אַ פריקרע האַרבסטיק רעגנדל און אָנגע־וואָרפן אַ מאָרעשכוירע. דער צוג, וואָס האָט געווײַנלעך אַ טעווע צו שטיין אָף די סטאַנציעס און פּאַלוסטאַנקעס, געגעצן און בלאָזן פון זיך דעם רויך, איז איצט גראָד געלאָפן פריילעכער, פלינקער, ווי ער וואָלט געוווסט, אַז אים שטייט נאָך פאַר אַ ווײַטער וועג. עסטערקע איז שוין ווידער געזעסן אָף איר אָרט און געדרעמלט, און נאָר אים, שימשענען, האָט קיין שלאָף ניט גענו־מען, כאָטש ער איז געווען טויט מיד. ער האָט געקוקט אין פענצטער און געזען, ווי עס טראָגן זיך פאַרבײַ טעלעגראַף־סלופּעס,ביימער. די קרוינען האָבן זיך געמאָרדעוועט, ווי אין אַ קאַדאָכעס, און דער ווינט האָט בײַ זיי געטרייבערט די נעשאָמע, אַראָפּגעריסן פון זיי דאָס לעצטע ביסל בלעטער.

אין דעם שוואַך באַלויכטענעם וואַגאָן זײַנען שוין אַלע געשלאָפן. אייניקע האָבן אַפילע גאַנץ פײַן געכראָפּעט. שימשן האָט באַמערקט, אַז עסטערקע קאָן אויך ניט אײַנשלאָפן ווערן. ווען ער זאָל פריִער געווען ווייסן, אַז דאָס מיידל איז אַזוי אײַנגעקאָכט אין מאַקסן, וואָלט ער אים געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם, און דער באָכער וואָלט דעמלט צופוס געלאָפן נאָכן צוג. און דאָ האָט שימשון זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן פרעגן בײַ מאַקסן, וווהין ער זאָל אים אָנשרײַבן, וווהין אים שיקן אָף אַ בילעט.

אַזוי איז אַריבער די שלאָפלאָזע נאַכט. דער טאָג האָט אויך ניט געבראַכט קיין נאַכעס. ס׳האָט אַלץ גערעגנט און גערעגנט, און ווען עס האָט ווידער אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אָף אַ גרויסער סטאַנציע און שימשן האָט אָנגעזאָגט די בסורע, אַז מע איז געקומען.

שימשן מיט זײַנע פרײַנט האָבן געכאַפּט האַק־און־פּאַק, און מע האָט זיך געלאָזט צו דער האַלב־פינצטערער סטאַנציע.

מע האָט זיך לאַנג אַרומגעקוקט, צי איז דאָ ערגעץ ניט פאַראַן זגורסקי דער דריטער, וואָס האָט אַלפי־סייכל געדאַרפט זיי באַגעגענען — מע ווייסט דאָך ניט, וווהין זיך קערן, וווהין מאַכן אַ שפּאַן. דעם אימפּרעסאַריאָ האָט מען אָבער אין ערגעץ ניט געזען. געוויס וועט אויסקומען זיך אָפּמוטשען אָף דער סטאַנציע ביז טאָג.

נאָר שימשענען האָט ווי געטאָן דער קאָפּ גאָר פאַר עפּעס אַנדערש. מע דאַרף גלײַך לויפן צום פראַכט־וואַגאָן באַקומען דאָס ביסל האָב־און־גוטס. אַרויסשלעפּן די דעקאָראַציעס, איינער אַליין וועט ער גאָרנישט ניט קאָנען אופטאָן, און דער צוג וועט דאָ אייביק ניט שטיין. ער ווייסט

נים פון קיין כאַכמעס, דער צוג, די קאָמאַנדע וועט זיך בײַטן, דער לאָקאָמאָטיוו וועט זיך אַנטריננ־קען מיט וואַסער, א פּײַף טאָן, און — וויא!

איז טאַקע שימשן געקומען צו לויפן צו די אַרטיסטן, וואָס האָבן זיך ערשט אײַנגעמאָסטעט אַף די בענק פון דער סטאַנציע, און זיי געבעטן מויכל זײַן פאַרקאַטשען די אַרבל און גיין אונטער־שטעלן א פּלייצע. מע האָט זיך בעפייַרעש געקנייטשט, נאָר אן אנדער ברייַרע האָט מען געהאַט?

דער קאָנדוקטאָר האָט וואָרטשענדיק אופגעשלאָסן די ברייטע טיר, און שימשן־האַגיבער איז אַרײַנגעקראָכן אין וואַגאָן און א קאָמאַנדעווע געטאָן צו די באַרויגעזע אַרטיסטן:

— פריילעכער, קינדערלעך, אויב איר ווער זיך ניט פוילן, וועט איר בא מיר פרײַטיק עסן הערטשענע לאַטקעס מיט גענדזענע גריוון! ווי זאָגט ער, אונדזער אימפּרעסאַריע, זגורסקי דער דריטער: אז די קונסט פאָדערט, איז דאָך ניט שײַעך!

שימשן האָט געגומען זיך פאָרען בא די קאַסטנס און פּלוצעם, א דערשראָקענער אף טויט, אָפּגעשפּרונגען אין א זײַט. וואָס איז דאָס? עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, צי עס כאַלעמט זיך אים? ווער איז דאָס דאָרט צווישן די זעק?

ווען שימשן־האַגיבער דערקענט גלײַך ניט מאַקסן, וואָלט ער געוויס ניט אויסגעהאַלטן און אופגעהויבן א גוואַלד. ס'איז נאָך א גליק, וואָס א פּאַסיקל שײַן האָט א לײַכט געטאָן און ער האָט דערזען דעם באָכער.

שימשן איז געבליבן אָן לאָשן, נאָר מאַקס איז שוין געשטאַנען באַנאַנד מיט אים, געשמייכלט און זיך געפרייט, וואָס מע איז שוין געקומען, אניט וואָלט ער דאָ אויסגעגאַנגען פון הונגער.

שימשן ווייסט ניט, וויפל צײַט עס איז אדורך, ביז ער האָט צוריק באַקומען לאָשן:

— א מיסע־מעשונע אף מײַנע סאָנים, ער איז גאָר דאָ! א רועך אזא! א געזונט אין דיר, מאַמזער, אויסוואָרף, טײַוול! דו האָסט דאָך מיך שיר ניט איבערגעשראָקן אף טויט. — און ער האָט אַרומגעכאַפּט מאַקסן, אָנגעהויבן אים קושן. — דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, באַלטאַכלעס, דו ביסט דאָך א כאַכעם פון כאַכעמלאַנד! דו ביסט געבוירן געוואָרן פאַר אונדזער טעאַטער. ווען דו ווייסט, ווי מיר האָבן זיך געגעסן לעבעדיקערהייט, וואָס מיר האָבן דיך איבערגעלאָזט אין קאָלאָמייע! א קאַפּאָרע זעקס אַקטיאָרן פאַר דיר! הער נאָר וואָס פאַר א מאַזיק, אַרײַנגעקראָכן צווישן די זעק און פּאַרט. אזא גאַזלען וועט שוין, זאָג איך דיר, אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן!

שימשן איז צוגעגאַנגען צו דער ברייטער טיר, אַרומגעקוקט זיך, צי שטייט ניט דער סאָטן, דער קאָנדוקטאָר, און זיך פריילעך אָנגערופן:

— קינדערלעך, דער מאַמזער איז געקומען מיט די זאַכן!.. ער האָט זיך פאַרוקט אין א ווינקל און געפאָרן, ווי א קייסער. נו, און איצט מעגט איר גיין שלאָגן בײַדעקעס, איך וועל זיך שוין יאַקאָס מיט מאַקסן געבן אן אייצע אָן אײַך, נאָר שטילער, דער קאָנדוקטאָר זאָל זיך דערפון ניט דערוויסן.

און יידע האָבן זיך געשמאַק גענומען צו דער אַרבעט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אָן א נעשאָמע געקומען צו לויפן עסטערקע. זי האָט קיינעם ניט געוואָלט גלייבן, אז מאַקס איז דאָ מיט זיי. דאָס פּאָנעם אירס האָט געשײַנט, זי האָט א קוק געטאָן אפן באָכער, אים א דראַע געטאָן מיטן פינגער, זיך צעלאַכט און, ניט אויסריידנדיק קיין איין וואָרט, אַנטלאָפן צוריק.

מאַקס איז געשטאַנען אין וואַגאָן א צעשויבערטער, א צעקנייטשטער, נאָר א גליקלעכער. ער האָט געשלעפּט די קאַסטנס, די דעקאָראַציעס און געאַרבעט אזוי געשמאַק, ווי ער האָט נאָך דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געאַרבעט.

דער קיניג ליר

זגורסקי דער דריטער האָט זיך געיאַוועט ערשט אפן דריטן טאָג.

אַלע האָבן זיך שוין געהאַט אַרופגעוואָרפן אף שימשענען, אז ער האָט זיי פאַרפירט דער רועך ווייסט וווהין, איבערגעפּלאָנטערט די יאַצרעס און דער אימפּרעסאַריאָ וואַרט אף זיי גאָר אף אן אנדער סטאַנציע.

שימשן־האַגיבער האָט געשוואָרן, אז ער האָט גאָרנישט ניט פאַרפּלאָנטערט, ניט דאָס ערשטע מאָל פירט ער די כאַליאַסטרע איבער שטעט און שטעטלעך און קיינמאָל איז נאָך בא אים אזוינס ניט געשען.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן זגורסקי דער דריטער. פאַרשעמט, ווי א קאַץ, וואָס האָט אויסגע־לעקט א טעפּל סמעטענע, איז ער א דערשראָקענער צוגעגאַנגען צו אָסקאַרן, זיך פאַרנייגט פאַר אים און זיך אַנטשולדיקט... זאָל ער ניט מיינען, ער איז געווען שטאַרק פאַרטראָגן מיטן אײַנ־אָרדענען די גאַסטראָלן, דינגען דירעס, א געבײַדע ווו צו שפּילן, און נאָך טויזנט זאַכן.

דער אוילעם האָט זיך דאָך געבייזערט: אַזאַ כאַזערײַ — האַלטן מענטשן דרײַ טעג הונגעריקע און שלעפּעריקע. אַפילע שימשן־האַגיבער האָט אויך אַרײַנגעשטעלט אַ פּאָר שאַרפע ווערטער.

דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין טײַנעס צום אימפּרעסאַריאָ, איז געווען מאַקס קרייסלער, עס וואָלט אים ניט געאַרט, ווען יענער קומט ניט נאָך אַ פּאָר טעג.

די דעקאָראַציעס מיט די קאַסטנס האָט ער צונויפגעשטעלט אין עק פּעראָן, אין אַ ווינקל, פאַרדעקט מיט אַ גרויסן ברעזענט און טאַקע דאָ, אונטערן ברעזענט, זיך אײַנגעאָרדנט אַ געלעגער. דער ברעזענט האָט פאַרהיט מאַקסן פון דעם רעגן, און דער באָכער האָט זיך געפילט גאַנץ גוט אַף דער פרישער לופט.

גוט איז אים אויך געווען דערפאַר, ווײַל ער האָט בײַ זיך געהאַט שימשנס קעסטל מיטן שליסל און לעבן זײַן בײַדל איז געשטאַנען אַ סטויפּ מיט אַ גרויסן לאַמטערן, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. איז ער געלעגן און געלייענט — געשלונגען די פּיעסעס איינע נאָך דער אַנדערער. דערצו האָט אים נאָך אָפּגעגליקט: דאָ ניט ווײַט, אַפן מאַרק, האָט מאַקס געטראָפן אַן אַלטע דאַמע, וועלכע האָט פאַרקויפט ביכער. מאַקס האָט בײַ איר נויסע־כיין געווען, און זי האָט אים געגעבן ביכער אַף לייענען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער טעאַטער אָנגעהויבן שפּילן. שטייענדיק באַם פּאָרהאַנג, האָט מאַקס נאָכגעשפּירט עסטערקען. ער האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, איידער זי גייט אַרויס אַף דער בינע, איז זי שטאַרק אומרויִק, פּונקט ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטראָטן, און מאַקס האָט זיך געשראָקן און איבערגעלעבט באַגלײַך מיט איר, און עפּשער נאָך מער פון איר.

צוקוקנדיק זיך צו עסטערקען און צו איר פּאָטער, האָט מאַקס געטראַכט, אַז זיי זײַנען ניט קיין געוויינלעכע מענטשן. אויב עס זײַנען פאַראַן קישעפמאַכערס אַף דער וועלט, איז קיין גרעסערע פון זיי האָט ער ניט באַגעגנט.

אַלע קאַיאָר, ווען די שטאָט איז נאָך אײַנגעהילט אין שלאָף, ווען די ערשטע מענטשן באַווײַזן זיך אַף די גאַסן, גייט מאַקס צעקלעפּן די אַפישעס, פון וועלכע עס שמייכלען עסטערקעס גרויסע, טרויעריקע אויגן. אַף די אַפישעס קאָן ער קוקן, וויפל דאָס האַרץ זײַנס גלוסט, נאָר באַגעגנט ער זיך מיט איר, פאַרלירט ער דאָס לאָשן, רויטלט זיך, די צונג ווערט צוגעוואַקסן צום גומען.

דאָס מאָל זײַנען די פאָרשטעלונגען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. אַלע פאַרנאַכט האָט דער אוילעם אויסגעקויפט די בילעטן, אין זאַל איז געווען אַן ענגשאַפט. פון די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אַזש געציטערט די ווענט. נאָך יעדן אַקט איז אין זאַל געווען טומלדיק. די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט מיט ברען. ווען ניט די גרויסע כויוועס, וואָס זגורסקי דער דריטער האָט געדאַרפט דעקן, וואָלטן די געשעפטן אַוועק גאָר גוט, נאָר דערווײַל זײַנען די אַקטיאָרן נאָך אַלץ געגאַנגען שלאָפן אין שלעכט באַהייצטע צימערלעך און ניט געגעסן צו זאַט.

די לעצטע צײַט איז אויסגעקומען אַ סאַך צו אַרבעטן. אָסקאַר שאַפּיראָ האָט אופגעפירט דעם „קיניג ליר". אַלע האָבן פאַרגעסן, ווען עס הייבט זיך אָן דער טאָג און ווען ער לאָזט זיך אויס. אַפילע זגורסקי דער דריטער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין טעאַטער, געטומלט מײַסע באַלעבאָס, אָנגעפאַלן אַלע מאָל אַף שימשענען, נאָר יענער האָט ניט געענטפערט. ער קען אים גוט, דעם אימפּרעסאַריאָ: ער וועט זיך גוט אָנשרײַען, וועט אים נימעס ווערן.

און אָט איז געקומען דער פאַרנאַכט, ווען מע האָט געדאַרפט צום ערשטן מאָל אופירן „קיניג ליר". מאַקס קרייסלער איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן מיט אַן אַפישע אַף דער פּלייצע און אַף דער ברוסט און פאַרבעטן דעם אוילעם אין טעאַטער. אַלע בילעטן זײַנען שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן.

די אַרטיסטן זײַנען געקומען פריִער ווי געוויינלעך און זיך גענומען גרימירן. אַלע זײַנען געווען שטאַרק אופגעשרויפט, ווי פאַר אַן עקזאַמען.

אָסקאַר שאַפּיראָ איז נאָך באַטאָג אַוועקגעגאַנגען פון שטוב און ביז איצט זיך ניט אומגעקערט. עסטערקע האָט זיך אָנגעהויבן באַמרויִקן. נאָך פון אינדערפרי איז דער טאַטע געווען אין אַ שווערער שטימונג. הײַנט איז געוואָרן צען יאָר, זינט די מוטער אירע איז געשטאָרבן. וווּהין איז ער אַוועק? ער האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט זײַן אין טעאַטער, צײַט זיך גרימירן, זיך איבערטאָן. זי האָט געבעטן מאַקסן און שימשענען, זיי זאָלן גיין אים אַ זוך טאָן. אין זאַל איז שוין געווען טומלדיק, דער אוילעם איז זיך צונויפגעקומען, און דער „קיניג ליר" איז נאָך אַלץ ניט געווען אַף זײַן אָרט.

שימשן־האַגיבער איז שוין אויסגעווען עטלעכע שענקלעך.

עסטערקע האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען, אַרומגעגאַנגען הינטער די קוליסן, געבראָכן די פינגער, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

דער אוילעם אין זאַל האָט שוין אָנגעהויבן פּאָדערן, מע זאָל אָנהייבן די פאָרשטעלונג.

זגורסקי דער דריטער האָט זיך הײַנט אױסגעפּוצט, װי א כאָסנבאָכער, ער האָט אָנגעטאָן א גרין באַנטיקל און א נײַע מאַנישקע. שױן דאָס צװײטע מאָל איז ער אַרױסגעגאַנגען פאַרן פאָרהאַנג און זיך געבעטן בא די צושױער:

— טײַערע דאַמען און דזשענטלמענס! איר װײסט דאָך גאַנץ גוט, אז מיר פירן הײַנט אױף א גראַנדיעזן ספּעקטאַקל פון דעם באַרימטן שריפטשטעלער װיליאַם שעקספּיר „דער קיניג ליר". דאָס איז, דאַרפט איר פאַרשטײן, גרױסע קונסט. און די קונסט פאָדערט, איר זאָלט זיך אָנעמען מיט געדולד און ניט נערװירן זיך. נאָך עטלעכע מינוט, און אַלץ װעט זײַן אין אָרדע־נונג. בלױז עטלעכע מינוט געדולד בעטן מיר בא אײַך, און אַלץ װעט זײַן גוט און פײַן.

נאָר די עטלעכע מינוט האָבן זיך געצױגן אָן אן עק, און דער זאַל האָט אַלץ אָפטער און אָפטער געשטורעמט.

זגורסקי דער דריטער האָט שױן געהאַט באַשלאָסן אָפּלײגן די פּרעמיערע און אומקערן דעם אױפגערעגטן עולם דאָס געלט פאַר די בילעטן, ער האָט שױן אַפילו צוגעטראַכט א טראַגישע געשיכטע װעגן דעם באַװוסטן אָסקאַר שאַפּיראָ, װאָס איז פּלוצעם קראַנק געװאָרן, נאָר דאָ האָט זיך דערהערט א שיקער געזאַנג, און אױף דער שװעל פון דער הינטערטיר האָט זיך באַװיזן דער „קיניג ליר" אין א צעכראַסטעטע העמדל. ער איז געשטאַנען און געשמײכלט, זיך קוים געהאַלטן אױף די פיס.

דערשטױנטע האָבן אַלע געקוקט אױף אים.

זגורסקי דער דריטער האָט צעשטופּט די אַקטיאָרן און צוגעפאַלן צו אָסקאַרן מיט פאַר־הױבענע פױסטן, נאָר ער האָט פאַרלאָרן דאָס לשון, ניט געקאָנט אױסרײדן קײן װאָרט.

עסטערקע איז געשטאַנען פונדערװײַטנס, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אױגן.

זגורסקי דער דריטער האָט פאַריכט די פּענסנע אױף דער נאָז, א שפּרונג געטאָן אָפן אָרט און אױסגעשריגן:

— שטיל זאָל זײַן! אַן עמער װאַסער! װאָס שטײט איר? ער װעט בא מיר שפּילן, אָט װעט איר זען, עס װעט אױש גײן א רױיך!

— איר זײַט בא די געדאַנקען? — האָט זיך אַרײַנגעמישט שימשון־האַגיבער. — מע דאַרף אָפּלײגן דעם ספּעקטאַקל.

— דערװײַל בין איך נאָך באַלעבאָס, ניט בא מיר לײגט מען אָפּ א פאָרשטעלונג. מיר װעלן שפּילן!

געכאַפּט דעם עמער, האָט זגורסקי געגומען גיסן די קאַלטע װאַסער אױף אָסקאַרן און דערבײַ ניט אױפגעהערט צו אײַנטײַנען מיט אים:

— זײַ א מענטש. דער עולם װעט אונדז צעטראָגן דעם טעאַטער, ברעכן אונדז די בײנער. שימשון, װוּ ביסטו? קריך אין בודקע, זאָלסט סופלירן, װי א מענטש, פּערל זאָלן זיך שיטן פון דײַן מױל!

אַלע האָבן געהאָװעט אַרום אָסקאַרן, ביז ער איז ביסלעכװײַז געקומען צו זיך. אָט איז ער שױן אין זײַן פּאַריק. זגורסקי דער דריטער האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און גענומען אַרומשפּאַנען מיט אים איבער דער בינע.

עסטערקע האָט געמאָלדן זגורסקין, אז זי װעט ניט דערלאָזן, מע זאָל דעם פאָטער אַרױסלאָזן אױף דער בינע. אָסקאַר האָט א קוק געטאָן אױף איר מיט בעטנדיקע, שולדיקע אױגן:

— באַרױיק זיך, עסטערל, אַלץ װעט זײַן אַמבעסטן, איך פּיל זיך גוט, איך װעל שפּילן.

זגורסקי דער דריטער איז שױן װידער אַרױס פון יענער זײַט פאָרהאַנג און גענומען באַ־רױיקן דעם עולם. ער האָט דערצײלט א מעשׂה פון טױזנט און אײן נאַכט װעגן הײַנטיקע קינ־דער, װעלכע פאַרגעסן די עלטערן, װי נאָר זײ שטעלן זיך אױף די פיס. ער האָט אָפּגעצױגן די צײַט, קעדײ אָסקאַר שאַפּיראָ זאָל קומען צו זיך.

מאַקס איז געשטאַנען און געװאַרט, מע זאָל אים הײסן אױפהײבן דעם פאָרהאַנג. ערשט ניט לאַנג האָט ער געקוקט אױף עסטערקעס פאָטער װי אױף אַן אָפּגאָט, און איצט איז ער גרײט געװען אים זאָגן אין די אױגן, אז ער פאַראַכטעט אים. אים איז שװער געװען צו קוקן אױף עסטערקען. ער האָט נאָך קײנמאָל זי ניט געזען אַזױ אומגליקלעכע, ער װאָלט צוגעגאַנגען צו איר און גע־פּרוּװט זי באַרױיקן, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר די אַרומיקע.

זגורסקי דער דריטער האָט א ביסל באַרױיקט דעם עולם און זיך אומגעקערט אױף דער בינע. נעמענדיק אָסקאַרן פאַר דער האַנט, האָט ער אים צוגעפירט צום פאָרהאַנג און א טיטשע געטאָן מיט א פינגער אין א קײַלעכיק לעכעלע:

— זעסט, װאָס עס טוט זיך, גאַזלען?

— איך זע, — האָט אָסקאַר שאַפּיראָ זיך אױסגעגלײַכט, זיך א דרײ געטאָן צו מאַקסן און

אויסגעשריגן: — וואָס ביסטו אנשלאָפן געוואָרן? פאַרוואָס גיסטו ניט דעם פאַרהאַנג? שוין צייַט אָנהייבן... ווער האָט עס געזאָגט, אַז איך בין שיקער? נאַרישקייַטן. פאַרהאַנג!

דער קליינער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן. אין זאַל איז שטיל געוואָרן. דער פאַרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן.

אָסקאַר שאַפּיראָ איז דאָס לעצטע מאָל זיך דורכגעגאַנגען הינטער די קוליסן, א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעצויגן די הענט אין די זייַטן און אַף אַרוף. איצט איז שוין שווער געווען צו זאָגן, אַז דער מענטש איז ערשט ניט לאַנג געווען שיקער לאַט, ער איז ארויס אַף דער בינע, און אַט האָט א קלונג געטאָן די שטים פונעם אלטן קיניג ליר. אין זאַל איז געוואָרן טויט־שטיל. הונדערטער אויגן זייַנען געווען געווענדט צו דעם אלטן מאַן, זיי האָבן נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג זייַנע, זיך אייַנגעהערט אין יעדעס וואָרט.

ווען דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיקט, האָט דער זאַל געשטורעמט פון אַפּלאָדיס־מענטן, מאַקס איז מיד געוואָרן פון אופהייבן און אַראָפּלאָזן דעם פאַרהאַנג, קעדיי דער קיניג ליר מיט זייַן געטרייַער טאַכטערקע קאָרדעליא זאָלן ארויסגיין זיך נייגן פאַרן אוילעם.

ווען עס האָט זיך דאָס לעצטע מאָל אַראָפּגעלאָזט דער פאַרהאַנג, איז זגורסקי דער דריטער צוגעלאָפן צו אָסקאַרן, אים ארומגענומען, אָנגעהויבן קושן:

— גאַזלען, דער גוטעריאַר זאָל דיך קענען. האָסט מיך הייַנט איבערגעשראָקן אַף טויט. איך בין שיר ניט געבליבן אָן א האַרץ. שיס מיך א טויטן, אויב איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט אַזוי אָפּשפּילן... נו גיי שוין גיכער צו זיך און רו זיך אָפּ א ביסל. דו דאַרפסט נאָך הייַנט האָרעווען ווי א קאַטאָרזשאַן. א מיוון, וואָזוי דער אוילעם בושוועט? א געזונט אין דייַנע בייַנער, גאַזלען מייַנער!

מאַקס איז געשטאַנען באַם פאַרהאַנג, און אין די אויערן האָבן אים נאָך געקלונגען דעם קיניגס ווערטער, וועלכע ער האָט איצט שטילערהייט איבערגעכאַזערט:

> זאָל זייַן אַזוי. זאָל אַט דער עמעס דיר אלס נאַדן דינען,
> אַט דאָ, איך שווער באַ דער הייליקער שייַן פון זון, באַ דער
> פינצטערניש פון דער נאַכט, באַ דער באַוועגונג פון די ספערן,
> וואָס גיבן לעבן אָדער טויט, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון פאָטערלעכע זאָרגן...

ערשט צוריק מיט א שאָ האָט מאַקסן זיך געדוכט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען אָנקוקן אָסקאַר שאַפּיראָן, נאָר איצט איז ער אים ווידער אַלץ מויכל געווען. ווייַזט אויס, אַז דאָס, וואָס אַנדערע איז פאַרבאָטן, איז אים, שאַפּיראָן, דערלויבט...

די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט, און דער אלטער צעבראָכענער „קיניג" איז אוועק הינטער די קוליסן. דער אוילעם האָט נאָך לאַנג אַפּלאָדירט און גערופן דעם „קיניג", ער זאָל נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיך באַווייַזן.

אָסקאַר שאַפּיראָ איז, א טויט־מידער און א בלאַסער, אַלע מאָל ארויסגעגאַנגען פאַרן פאַרהאַנג און זיך נידעריק געבויגט, קיינער האָט ניט געוווּסט, וויפל געזונט עס קאָסט דעם אַקטיאָר יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט.

אָסקאַר שאַפּיראָס קאָלעגן האָבן קיינמאָל אים ניט געזען אַזאַ בלאַסן, אַזאַ אומגליקלעכן. די לעצטע קויכעס האָט ער הייַנט אָפּגעגעבן אַף צו דערציִען דעם ספּעקטאַקל ביזן סאָף, אַף ניט אונטערפירן זייַנע כאַווירים, זגורסקי דעם דריטן, דעם אוילעם. אין זאַל האָט מען אויסגעלאָשן די שייַן. אָסקאַר האָט פאַמעלעך, פּילנדיק א ווייטעק אין דער ברוסט, זיך אַראָפּגעלאָזט אַף א באַנק.

דער ווייטעק האָט ניט אָפּגעלאָזט. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלעמען, גלייַך עמעצער וואָלט עס פאַרקוועטשט אין א פויסט. אָסקאַר האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט און פאַרמאַכט די אויגן. עסטערקע איז אָנגעפלויגן א צעקאַעסטע און זיך אַרופּגעוואָרפן אַפּן טאַטן:

— ס'איז מיר א כאַרפּע און א ביזויען פאַר דיר, וואָס טוסטו מיט זיך, מיט מיר, מיט אונדז.

אָסקאַר האָט אויסגעצויגן די רעכטע האַנט, ווי ער וואָלט זי וועלן אָפּשטויסן:

— עסטערל, טאָכטער, איך בעט דיך...

— דו האָסט מיך ניט וואָס צו בעטן! איך וועל אוועק פון דיר אין דער וועלט אַרייַן...

— שוייַג! — האָט ער אויסגעשריגן מיט די לעצטע קויכעס. ערשט איצט האָט עסטערקע באַמערקט, ווי בלאַס דער טאַטע איז געוואָרן.

אומגעריכט האָט מאַקס זיך ארויסגערוקט פון זייַן ווינקל און א זאָג געטאָן:

— עסטערקע איז גערעכט.

אָסקאַר האָט געעפנט די אויגן, זיך אופגעהויבן פון אָרט און פאַרוווּנדערט געזאָגט:

— און וואָס איז דאָס פאַר א נײַער דייעזאַגער איבער מיר?

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, ארײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און געמאכט א שפּאַן פּאַרויס.

— אך, דאָס ביסטו? דער בעקער פון קאָלאָמייע? איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז איך האָב א נײַעם לערער. זאָג מיר נאָר, יונגערמאַן, וואָס טוסטו דאָ? דו ווייסט כאָטש, מיט וועמען דו רעדסט? אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, קאָנסטו, דאכט זיך, באַקן בייגל... איז עפּשער וואָלסטו געגאַנגען אהין, פונוואַנען דו ביסט געקומען.

עסטערקע האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פאַר די הענט, דערנאָך צוגעלאָפן צו מאַקסן און ווידער צום פאָטער:

— טאַטע, טאַטע, — האָט זי געשריגן, — טאַטע, וואָס רעדסטו? און אז א בעקער, איז וואָס?

זי האָט מער ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן פון אירע אויגן. דאָך האָט זי דערזען, ווי דער פאָטער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט א האַנט פאַר דער וואַנט און זיך גענומען אראָפּגליטשן אלץ נידעריקער צום דיל.

— נו, אָט זײַנען מיר שוין, דאכט זיך, קוויט, — האָט ער שטיל געזאָגט און זיך אײַנגעקאָרטשעט פון ווייטאָק.

עסטערקע האָט זיך געוואָרפן צו אים, אים צעשפּיליעט דעם קאָלנער. זגורסקי דער דריטער האָט זיך אראָפּגעלאָזט לעבן אָסקאַרן אף די קני און צוגעלייגט דעם אויער צו אָסקארס ברוסט, גענומען אים טאַפּן דעם דויפעק. פּלוצעם האָט ער אויסגעשריִען ניט מיט זײַן קאָל:

— וואָס שטייט איר, ווי די באָקעס? לויפט נאָך א דאָקטער!

שימשון־האַגיבער האָט געבראַכט פון הינטער די קוליסן א פלעשל נאַשאַטיר. עמעצער האָט געשפּריצט וואַסער אף אָסקאַרן. דער טומל און דאָס לויפעניש איז געוואָרן אלץ גרעסער און גרעסער. סאַפּאָקאָלסאָף האָט זיך באַוויזן א דאָקטער. ער האָט רויִק און ניט געײַלט זיך ארומגעקוקט, אויסגעווישט מיט א טיכל די בריל, אָפּגעמאָסטן מיטן בליק דעם כוילע, וואָס איז שוין געלעגן אף א באַנק, און זיך אָנגערופן:

— נו־ס, אָפּגעשפּילט, אָ? מע זאָגט, אז ער איז ניט קיין שלעכטער קיניג ליר. איז דער־ציילט, וואָס איז געשען. — דער דאָקטער האָט זיך צוגעזעצט לעבן דעם קראַנקן און גענומען טאַפּן אָסקאַר שאַפּיראָס דויפעק. — ווי, זאָגט איר, איז זײַן פאַמיליע? אָסקאַר שאַפּיראָ? זייער גוט, זייער גוט. — ער האָט צוגעלייגט דעם אויער צום קראַנקנס ברוסט און מיטן זעלבן גלײַכגילט פאַרגעזעצט. — זייער שלעכט, זייער שלעכט...

עסטערקע האָט א דערשראָקענע געקוקט אפן לאַנגן דאָקטער מיטן גלײַכגילטיקן פּאָנעם און מיט ציטער געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. איצט איז זי זיכער געווען, אז שולדיק אין אלץ איז זי: ווען זי פאַלט ניט אָן אפן טאַטן, וואָלט אלץ געווען גוט.

דער דאָקטער האָט נאָך לאַנג אויסגעהערט דעם קראַנקן, זײַנע געדיכטע ברעמען האָבן זיך אופגעהויבן הויך אפן שטערן און באַלד זיך אראָפּגעלאָזט. דערנאָך האָט ער א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און ווידער קאַלט און גלײַכגילטיק א זאָג געטאָן:

— נו, וואָס, א געוויינלעכע זאַך, א שווערע האַרץ־אַטאַקע, גאָר א שווערע... אײַער קיניג באַדאַרף פולשטענדיקע רו, א שטרענגע דיִעטע, איך וועל אים אויך צושרײַבן פּראָשקעס, פּילן, נאָר ניט דאָס איז וויכטיק. איצט דאַרף מען אים זייער פאָרזיכטיק איבערטראָגן אהיים. איך מוז זאָגן דעם גאַנצן עמעס: דער מענטש איז געפערלעך קראַנק.

זגורסקי דער דריטער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען בא דער זײַט, האָט צעשטופּט דעם אוילעם און מיט א ציטערנדיק קאָל גענומען זיך בעטן באַם דאָקטער:

— איר זײַט גערעכט, מײַן טײַערער דאָקטער, נאָר מיר האָבן שוין פאַרקויפט אף דרײַ טעג פאַרויס בילעטן, און אָסקאַר שאַפּיראָ מוז שפּילן. טוט עפּעס, ער זאָל קאָנען ארויסגיין אף דער בינע, איר מוזט ראַטעווען דעם טעאַטער. איר שטעלט זיך דען פאָר, וואָס פאַר א העזעק מיר וועלן האָבן?!

דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט האָט דער דאָקטער זיך אָנגעכמורעט. די גע־דיכטע ברעמען זײַנע האָבן זיך ווידער ארופגעדראַפּעט אפן שטערן, און ער האָט א בורטשע געטאָן:

— איך בין א דאָקטער און ניט קיין קישעפמאַכער. א מענטשן דאַרף מען שוינען, ווען ער איז געזונט, און ניט דעמלט, ווען ער ליגט שוין אפן טויטן בעט. איך מעלדע אײַך אָפיציִעל, דער קראַנקער איז אין גרויס געפאַר, ער וועט ניט קאָנען שפּילן ניט מאָרגן, ניט איבערמאָרגן, הּאלעווײַ אין דרײַ־פיר כאָדאָשים ארום. איצט פאַרשטייט איר שוין?

— וואָס הייסט? — האָט אויסגעשריגן זגורסקי. — איר מאַכט אונדז אומגליקלעך, מירן מוזן פאַרמאַכן דעם טעאַטער.

דער דאָקטער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַנגעטאָן דעם קאַפּעליוש און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

אַלע זײַנען געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהײַט. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס שטילע כליפּען פון עסטערקען. זי האָט געהאַלטן אין אירע הענט דעם טאַטנס רעכטע האַנט, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען ווי א פרעמדע.

„א מענטשן דאַרף מען שוינען, ווען ער איז געזונט"... — האָט איר געקלונגען אין די אויערן.

שימשון־האַגיבער און מאַקס קרייסלער האָבן געבראַכט א טראַגבעטל און אין עטלעכע מינוט אַרום פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק אַוועקגעטראָגן דעם קראַנקן „קיניג ליר" אַהיים.

עסטערקע איז נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי וועט זי איבערבלײַבן מיטן פאָטער אויג אויף אויג.

שימשון־האַגיבער און מאַקס קרייסלער האָבן פּאַמעלעך איבערגעטראָגן דעם קראַנקן אויפן געלעגער, אים אויסגעטאָן און, ניט אויסרייידנדיק קיין וואָרט, זיך אַרויסגערוקט פונעם ענגן צימערל.

עסטערקע האָט געפּרוווט אײַנגעבן א רעפּוע דעם טאַטן ,נאָר ער האָט קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זי זאָל אים לאָזן צורו.

דאָס מיידל האָט זיך פּלוצעם דערפילט עלנט און אומבאַהאָלפן. זי האָט, נאַטירלעך, ניט געוווּסט, אַז מאַקס איז דאָ ניט ווײַט, אַז ער זיצט אויף דער פּריזבע, אונטער איר פענצטער. ער האָט געטראַכט, אַז זאָל נאָר עסטער צו אים אַרויסגיין, וועט ער איר זאָגן, אַז ער קאָן נאָך הײַנט אַוועקפאָרן, אַבי דער טאַטע זאָל זיך ניט נערווירן איבער אים. ער וועט איר זאָגן, אַז אים וועט זײַן שווערער, נאָר דערפאַר וועט דעם קראַנקן זײַן גרינגער. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז גראָד איצט וועט עסטערקע זיך נייטיקן אין זײַן הילף. ניין, ער וועט אין ערגעץ ניט פאָרן.

דורכן פענצטער האָט מאַקס געזען דאָס צאַנקענדיקע צינגעלע פײַער פון דער ליכט, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. אויף דער וואַנט האָט זיך באַוועגט עסטערקעס שאָטן. מאַקס איז געזעסן און געררייכערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן, געוואַרט, עפּשער וועט זי אַרויסגיין אים עפּעס זאָגן, ערגעץ שיקן.

שפּעט באַנאַכט, ווען דער קראַנקער איז א ביסל געקומען צו זיך, איז עסטערקע אַרויסגע־גאַנגען אויף דער שוועל. זי האָט גלײַך דערזען מאַקסן:

— מאַקס, וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט?

ער איז אויפגעשטאַנען פון דער פּריזבע, צוגעגאַנגען צו איר און אַנגענומען בײַ דער האַנט. אויף קיין אַנדער ענטפער האָט דאָס מיידל ניט געוואַרט.

זי האָט א ווײַלע געקוקט מאַקסן אין די אויגן, דערנאָך איבערגעפירט דעם בליק אויפן פענצטער.

— איך בעט דיך, האָב אויף אים קיין פאַריבל ניט. ער איז דעם גאַנצן טאָג געווען שטאַרק אויפגערעגט. הײַנט איז געוואָרן צען יאָר, זינט די מאַמע מײַנע איז געשטאָרבן. ער האָט דיך ניט געוואָלט באַליידיקן, עס האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן...

מאַקס איז גרייט געווען אַלץ און אַלעמען מוחל זײַן, ווײַבאַלד דאָס בעט בײַ אים עסטערקע. און פון יענער זײַט פענצטער ליגט א צוגעשמידטער צום בעט עסטערקעס טאַטע, דער באַרימ־טער טראַגיקער, וועלכן דער גרויסער זיגפריד לײַנאַרד פון בערלין האָט אײַנגעלאַדן שפּילן אין זײַן טעאַטער... אַוודאי איז ער אים מוחל, זאָל ער נאָר געזונט ווערן.

דער „קיניג ליר" האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן „קיניג". ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן הונדערטער מענטשן באַלאַגערט די געבײַדע פונעם טעאַטער, נאָר אויף דער טיר איז געהאַנגען א מודעה, אַז די פאָרשטעלונגען ווערן אָפּגע־לייגט צוליב דער פּלוצעמדיקער קרענק פונעם באַוווּסטן אַקטיאָר אָסקאַר שאַפּיראָ.

זגורסקי דער דריטער איז אַרומגעלאָפן אָן א קאָפּ און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. אָקאָרשט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שוין אויפן פערדל, ער וועט זיך צעצאָלן מיט די כויוועס און א ביסל אונטערהאַלטן די טרופּע. דאָס גליק איז שוין געווען אַזוי נאָענט, נעמט אָסקאַר שאַפּיראָ און טוט אים אָפּ אַזא שפּיצל!

אויף די פאָרשטעלונגען, ווו אָסקאַר שאַפּיראָ האָט ניט געשפּילט, איז דער עולם ניט גע־גאַנגען. דער טעאַטער האָט אָנגעהויבן פּוסטעווען, עס איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דער געבײַדע, פאַר דער שײַן, און זגורסקי דעם דריטן איז איצט געבליבן נאָר נעמען א טאָרבע און גיין איבער די הײַזער...

די אַקטיאָרן זײַנען זיך צעקראָכן איבער די שטעט און שטעטלעך פון בוקאָווינע, מײַרעוו־אוקראַינע, רומעניע. איבערגעבליבן זײַנען נאָר שימשן־האַגיבער און מאַקס קרײַסלער. זיי האָבן געגלייבט, אַז אָסקאַר וועט זיך שטעלן אַף די פיס, און דער טעאַטער וועט ווידער אופגעריכט ווערן.

אַלע קאַיאָר איז מאַקס געגאַנגען אַפּן וואָקזאַל אויסלאָדן און אָנלאָדן וואַגאָנעס און סאָף טאָג זיך אומגעקערט אַ מידער, אַן אויסגעהאָרעוועטער, דערפאַר האָט ער אָבער געבראַכט עטלעכע זלאָטעס, עפּעס עסן און רעפּועס פאַרן קראַנקן. ער האָט געפּויעלט בא שימשענען און בא עסטערקען, זיי זאָלן ניט זאָגן דעם כוילע, ווו זיי נעמען אַף דער הויצאָע. דעם קראַנקן האָט מאַקס געזען נאָר דורכן פענצטער, באַווײַזן זיך אים פאַר די אויגן האָט ער ניט געוואַגט. דער באָכער איז צופרידן געווען, וואָס מיט יעדן טאָג ווערט דעם קראַנקן גרינגער, עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט אינגיכן קאָנען אַראָפּגיין פון בעט.

דאָ, אין דער פרעמד, אָן פרנסה, אָן אייגענע האָבן דרײַ מענטשן טאָג־אײַן, טאָג־אויס אײַנגעלייגט וועלטן, אַלץ געטאָן, קעדיי ראַטעווען, שטעלן אַף די פיס און אומקערן אַף דער בינע דעם אַרטיסט אָסקאַר שאַפּיראָ.

ערשט אָנהייב פרילינג, ווען אָסקאַר שאַפּיראָ האָט שוין אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון בעט, האָט זיך אומגעקערט פון זײַנע וואַנדערונגען לעאָפּאָלד זגורסקי דער דריטער, ער האָט מיט אימפּעט אָנגעהויבן צונויפרופן די אַקטיאָרן, קעדיי ווידער אופשטעלן זײַן באַרימטע טרופּע.

דאָס גליק איז שוין געווען אַזוי נאָענט...

דורך די נעכט האָבן אים געמאַטערט קאָשמאַרן.

אָט איז אים געקומען צו כאָלעם פאַני זשיכלינסקאַ, געפאַלן כאַלאָשעס, צוקוקנדיק, ווי עס ברענען די בולקעלעך בא מאַקסן אין אויוון, אָט שטייט אים פאַר די אויגן סטאַסיק פּשעפּיצקי און שמייכלט אונטער מיט זײַנע קליינע אייגעלעך. „נו, מײַן טײַערער שפּילפויגל, געפעלט דיר דײַן ציגײַנעריש לעבן, דײַן טעאַטער?״ עס קומט אים צו כאָלעם דער פעטער זכאַריע, דער שמיד, די עלטערן און נאָך און נאָך... אָבער אַ מאָדנע זאַך, קיין איין מאָל האָט ער ניט געזען דעם בעסטן פרײַנט זײַנעם, דעם הוצול פון די בוקאָווינער בערג אילקאָ זאַגולן. יעדן שטריך באַזונדער פון זײַן בלאָנדהאָריקן פרײַנט האָט ער גוט געדענקט, נאָר פאָרשטעלן זיך זײַן פּאָנעם, אַרויסרופן אים פאַר די אויגן האָט ער ניט געקאָנט.

אילקאָ זאַגול... ווו איז ער איצט? מעגלעך, אַז נאָך דאָרט, אין בעקערײַ, צי עפּשער האָט מען אים שוין ווידער פאַרשפּאַרט אין טפיסע? אילקאָ איז אַ באָכער, וואָס וועט קיינמאָל זיך ניט אופהערן שלאָגן פאַרן עמעס, פאַר יוישער, פאַר גערעכטיקײַט!

וויפל מאָל סטאַרעט זיך מאַקס אים פאָרשטעלן זיך, נאָר פּוסטע כאַלוימעס. און מאַקס האָט באַשטימט אַ רייד טאָן וועגן דעם מיט שימשן־האַגיבער. יענער ווייסט אַלץ, צווישן אונדז גערעדט, אויב ער ווייסט אַפילע ניט, וועט ער עפּעס צוטראַכטן, איר זאָלט מיינען, אַז ער ווייסט. ווײַל וואָס פאַר אַ פּאָנעם וואָלט ער געהאַט, אַשטייגער, בא זײַן געהילף, ווען ער זאָל אים ניט קענען ענטפערן אַף אַלע קאַשעס?

אַלץ ווייסט ער, שימשן־האַגיבער!

— וואָס? ווילסט וויסן, וואָס איז געשען מיט אילקאָ זאַגולן, מיטן בעקער, וואָס האָט ניט געניצגט פאַר קיינעם דעם קאָפּ און ניט געהאַלטן פון דער רעגירונג, פון דעם פּאַן פּילסודסקי מיט זײַן קנופּיע? קלאָר, ווי דער טאָג! ער איז געוויס ערגעץ זייער ווײַט, און דערפאַר טאַקע קומט ער ניט צו כאָלעם. וואָס הייסט ווײַט? אין טורמע, הינטער גראָבע ווענט. דו זאָלסט אַפילע זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועסטו צו אים ניט צוקומען.

נאָר מאַקס האָט דאָך אָנגעשריבן אַ בריוו צו אילקאָן. אינעם קאָנווערט האָט ער אַרײַנגעלייגט 5 זלאָטעס דער פאַני זשיכלינסקאַ פאַרן העזעק, וואָס ער האָט איר אַמאָל אָנגעטאָן. אַוועקגעשיקט, און — ווי אין וואַסער אַרײַן!

נאָר גראָד דעמלט, ווען ער האָט שוין פאַרלאָרן די האָפענונג צו באַקומען אַן ענטפער, האָט מען אים געבראַכט אַ בריוו פון קאָלאָמייע, אַ בריוול, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע בולקעלעך און צימרינג. געשריבן האָט אָבער ניט אילקאָ זאַגול, נאָר דער אַלטער סטאַסיק פּשעפּיצקי.

דער בעקער האָט אים גאַנץ פײַן אָפּגעדאַנקט, וואָס נאָך אַזויפיל יאָרן האָט מאַקס ניט פאַרגעסן איבערגעבן אים אַ גרוס, נאָר וואָס איז שײַעך אילקאָ זאַגולן, קאָן ער אים מיטיילן, אַז מיטן באָכער איז געשען אַ גרויסער אומגליק. פאַראַיאָרן אין דער צײַט האָבן אין בעקערײַ זיך אַרײַנגעריסן עטלעכע זשאַנדאַרמען, ווי די היצלעס, און אַוועקגעשלעפּט אילקאָן אין טורמע,

מע האָט אים געגוג אָנגעמוטשעט און פאַרמישפּעט אף צען יאָר. צו אילקאָן לאָזט מען קיינעם ניט צו, מע דערלויבט אפילע ניט אים איבערגעבן א בינטל ציבעלעס, ווײַל, ווי מע זאָגט, איז ער גאָר־גאָר א וויכטיקער פּאָליטישער פאַרברעכער, וואָס האָט געוואָלט אראָפּוואַרפן דעם רעזשים פון פּאַן פּילסודסקי און באַפרײַען פון קנעכטשאַפט מײַרעוו־אוקראַינע און בוקאָווינע און זיי פאַרייניקן מיט דער סאָוועטישער אוקראַינע... מאַקס קרייסלער דאַרף אליין פאַרשטיין, אַז דאָס איז די פּאַנעס ניט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן זיך מיט אילקאָ זאַגולן שיין צערעכנט...

וואָס איז שײַעך דער קליפּע פּאַני זשיכלינסקאַ, איז זשיפּעט זי נאָך, די מאַכשייפע, און דערגייט אַלעמען די יאָרן. ווען מע קאָן זי נאָכאַמאָל כאַסענע מאַכן, איר צוזוכן א רײַכן כאָסן, וואָלט זי עפּשער געוואָרן שטילער, נאָר אזוי איז זי די זעלבע, וואָס געווען... דאָס געלט האָט ער איר גלײַך ארײַנגעטראָגן, און זי איז געווען אזוי איבעראַשט, אַז זי האָט געבעטן איבערגעבן מאַקסן א גרוס און זאָגן אים, אַז טאָמער וועט ער וועלן זיך אומקערן, וועט זי אים פּאַרטרויען האָדעווען אירע קעץ, אָבער צום אויוון וועט זי אים מער ניט צולאָזן, ווײַל ער, זאָגט זי, איז פּונקט אזא אויסוואורף און א בונטאַר, ווי אילקאָ זאַגול.

„...אזוי, — שרײַבט ווײַטער סטאַסיק פּשעפּיצקי, — האָט זי דיר געבעטן איבערגעבן, און זאָל זי ברענען אפן פײַער.

זי האָט זיך צו מיר ווידער אָנגעהויבן טשעפּען, איך זאָל מיט איר כאַסענע האָבן, נאָר, פאַרשטייסט דאָך, מײַן שפּילפויגל, אַז כאַסענע האָבן מיט פּאַני זשיכלינסקאַ איז פּונקט, ווי מיט דער טיגערטע פון זאָאָלאָגישן גאָרטן, צי עפּשער נאָך ערגער".

מאַקס האָט געלייענט דאָס בריוול פון סטאַסיק פּשעפּיצקין און זיך געהאַלטן בא די זײַטן פון געלעכטער. אים איז געשטאַנען פאַר די אויגן קאָלאָמייע, די בעקערײַ מיט די בעקער־יונגען, פּאַני זשיכלינסקאַ...

פאַריינוועגס האָט ער זיך אויך דערמאָנט אין זײַן שטעטעלע, אין די בערג, אין דער מאַמען, דעם טאַטן. ווי אין א ווײַטן כאָלעם האָט ער זיך דערזען זיצן בא דער שוועל צווישן א הויפן פרישע סטרוזשקעס, ער שניצט ספּיצעס פאַר רעדער, אַקסן פאַר פּויערשע וועגענער. געוויס וועט ער זיך אומקערן אהיים, נאָר ניט אזוי גיך. ער מוז זיך פריִער דערשלאָגן צו א ברעג. צו וועלכן? אָ, ער ווייסט גוט, וואָס ער וויל. כאָטש אין זײַן טרוים האָט ער מוירע אפילע זיך אליין מוידע זײַן. בעסער שוין שלעפּן די דעקאָראַציעס אף דער בינע, טראָגן זעק אפן וואָקזאַל, איידער זײַן אַן אַקטיאָר א דראָנג. גאָר עפּעס אַנדערש איז אָסקאַר שאַפּיראָ. נאָר אַזעלכע, ווי אָסקאַר, זײַנען פאַראַן ווייניק, דאָס זײַנען געבענטשטע מענטשן. שימשן־האַגיבער האָט אים אַנומלטן דערציילט, אַז זיגפריד ליינאַרד איז נאָך הונדערט מאָל א גרעסערער טאַלאַנט פון אָסקאַרן. יענער האָט זײַן טעאַטער אין בערלין און איז באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. אָט דאָס איז א טעאַטער! און ווײַטער האָט שימשן־האַגיבער דערציילט, אַז יענער זיגפריד ליינאַרד, ווען ער דערזעט א לעבעדיקן טאַלאַנט, אזוי ווערט ער צו אים צוגעזאָטן און נעמט אים ארײַן צו זיך אין טעאַטער, לייגט אין אים ארײַן די נעשאָמע. ניט איין פּראָסטן באָכער האָט ער שוין אַרויסגעפירט אף זײַן גרויסער בינע. ער טוט אזוי, ווי אין רוסלאַנד — אין מאָסקווע, אין לענינגראַד, אין קיִעוו. דאָרטן לערנט מען אין ספּעציעלע שולן קינדער פון אַרבעטער, פּויערים, און זיי ווערן גרויסע אַקטיאָרן. און שימשן־האַגיבער האָט, קוקנדיק אף מאַקסן, אונטערגעשמייכלט:

— דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט, פרײַנט מײַנער, וואָס עס טוט זיך אין דײַן נעשאָמע? איך ווייס, איך ווייס, נאָר דאָס דאָזיקע ניסעלע איז ניט פאַר אַלעמענס ציינדעלעך.

— וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן, שימשן, — האָט זיך מאַקס א בייזער געטאָן, — ס'איז מיר גלאַט אינטערעסאַנט צו הערן.

— אַך, גלאַט אזוי? און איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט באַגליקן זיגפריד ליינאַרד און איבערגיין צו אים אין טעאַטער. בא אונדז איז דאָ געווען איינער א לעץ. פאַרגעסן, ווי מע האָט אים גערופן. האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דעם באַרימטן זיגפריד ליינאַרד און זיך ארײַנגענומען אין קאָפּ א מאַנקאָליע, אַז ווען זיגפריד זאָל אים זען שפּילן, וואָלט ער פאַר אים צעעפנט טיר־און־טויער, און, וואָס מיינסטו, דער פאַרשוין האָט שטילערהייט צונויפגעשלאָגן עטלעכע זלאָטעס און זיך אוועקגעלאָזט קיין בערלין. קורץ, ליינאַרד האָט אויסגעהערט דעם לעקיש און איידל אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער מעג פאָרן אהין, פונוואַנען ער איז געקומען. פון גרויס צאָרעס האָט דער יאָלד כאַסענע געהאַט פאַר אַן אַלטער מויד, וואָס האָט ניט קיין שלעכט געשעפט פון פעדערן.

אינגיכן האָט זגורסקי דער דריטער צונויפגעשטעלט זײַן בראַנזשע, און מע האָט זיך געלאָזט וואַנדערן איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער בוקאָווינע.

זגורסקי דער דריטער האָט שוין פֿון לאַנג געוואָרפֿן אַן אויג אויף מאַקסן, און אין אַ נויט, ווען עס האָבן אויסגעפּעלט אַקטיאָרן, האָט ער אָפֿן באַכער אַרופֿגעצויגן אַ פֿאַריק, אים אָנגעטאָן אין פֿאַרשיידענע טראַכטעס און אַרויסגעשטויסן אויף דער בינע, אָבער מאַקסן איז דאָס געווען דערווידער, און ער האָט זיך געסטאַרעט אַרויסדרייען דערפֿון.

— נאַרישער יונגאַטש! — האָט זגורסקי אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. — וואָס שעמסטו זיך? אַז מע שעמט זיך, קאָן מען קיין קינדער ניט האָבן. ביסט אַ שיינער באַכער, מיט אַזאַ פּאָר פּלייצעס, אַז אַלע מיידלעך ווערן פֿאַר דיר די קאַפּאָרע. און עסטערקע קוקט אויך אויף דיר, ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע, נאָר ביז דו וועסט זיך ניט שטעלן אויף די פֿיס, זאָלסטו אַפֿילו צו איר נאָענט ניט צוגיין. זי איז ווערט אַ גוטן אַקטיאָר און ניט קיין באַכער, וואָס קאָן גוט שלעפּן זעק אָפֿן וואָקזאַל. פֿאָלג מיך און לערן זיך צוביסלעך שפּילן, וועסט ווערן פֿון דיר אַ טאַלק. ווער ווייסט עס דען ניט, נאַרעלע, אַז אַ שאַמעס שטייט אָפּ עטלעכע יאָר בײַ דעם ראָווס טיר, לערנט ער זיך אויס פּאַסקענען שײַלעס.

פֿון זגורסקי דעם דריטנס רייד איז מאַקסן געבליבן אין קאָפּ נאָר דאָס, וואָס יענער האָט געזאָגט וועגן עסטערקען. ער האָט אַליין געוווּסט, אַז צו דעם דאָזיקן מיידל איז ער נאָך ניט דערוואַקסן, כאָטש עסטערקע קוקט אויף אים אָפּט מיט פֿאַרליבטע אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אים פּאַשעט האַנקבאַר פֿאַר דעם, וואָס ער איז איר געקומען צוהילף אין אַ נויט. מיט אים איז איר פֿריילעך, זי האָט ליב אַ שפּאַס צו טאָן מיט אים און אַמאָל אַפֿילו פֿאַרברענ־גען, אָבער ערנסט טראַכט זי ניט וועגן אים, ווײַל וואָס איז ער, מאַקס, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט...

ווי נאָר ער בלײַבט מיט עסטערקען איינצווייען, ווערט ער אַן דאָס לאָשן, ווייסט ניט וואָס צו זאָגן. ער דערפֿילט זיך באַלד עפּעס קליין, נאַריש און הילפֿלאָז.

און איינמאָל, נאָך אַ פֿאָרשטעלונג, ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך געקליבן גיין אַהיים, האָט מאַקס זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און גענומען שרײַבן עסטערקען אַ בריוו. ער האָט באַ־שטימט איר זאָגן אַלץ, וואָס איז בײַ אים אויפֿן האַרצן. ביכלאַל האָט ער ניט ליב געהאַט צו שרײַבן קיין בריוו, נאָר איצט וועט ער אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פֿויעלן בײַ זיך איר זאָגן בעשאַס זייערע שפּאַצירן. ער האָט געבעטן און אַפֿילו געפֿאָדערט, זי זאָל אים זאָגן דעם עמעס, צי לעבט ער ניט אין טאָעס, צי פֿירט אים ניט אונטער זײַן געפֿיל, צי האָפֿט ער ניט אומזיסט.

ער האָט געשריבן און ניט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט אַפֿילו ניט באַמערקט, ווען עסטערקעס פֿאָטער איז צוגעגאַנגען צום טיש און איבער זײַן אַקסל גענומען זיך צוקוקן, מיט וואָס מאַקס איז אַזוי באַשעפֿטיקט.

מאַקס האָט זיך געכאַפּט, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט. קוים אײַנהאַלטנדיק דעם קאַס, האָט אָסקאַר שאַפּיראָ זיך צוגעזעצט לעבן אים און אַרופֿגעלייגט די האַנט אויפֿן באַכערס אַקסל. דער אַרטיסט האָט צוגעזשמורעט די אויגן, אַ מינוט געשוויגן און דערנאָך שוין רויִק געזאָגט:

— מיר האָבן דיר, דאַכט זיך, קיין שלעכטס ניט געטאָן, מאַקס, איז האָב איך צו דיר נאָר איין באַקאָשע, זאָלסט צערײַסן דאָס פּאַפּירל און עסטערקע זאָל עס קיינמאָל ניט זען און קיינמאָל וועגן די דאָזיקע זאַכן פֿון דיר ניט הערן...

אָסקאַר האָט שווער אָפּגעטעמט, אַ שאַרפֿן קוק געטאָן אויפֿן באַכער און פֿאַרגעזעצט:

— איך ווייס, אַז דו האָסט אַ גוט האַרץ. נאָר פֿאַר עסטערקען ביסטו ניט קיין פּאָר. זי איז אַ גרויסער טאַלאַנט, אַ גרויסע אַקטריסע. זי איז ווערט צו זײַן גליקלעך. און דו וועסט איר קיין גליק ניט ברענגען. דו טאָרסט זיך איר ניט שטעלן אין וועג, זי האָט נאָך איר גליק ניט געפֿונען, און קאָן זײַן, אַז דו ביסט דערין שולדיק. עמעס, דו קאָנסט געפֿעלן ווערן אַ מיידל, נאָר דו דאַרפֿסט זיך זוכן דײַן גלײַכן. איך בין דיר ניט קיין סוינע, אָבער עסטערקען פֿאַרגעס. וואָלסטו כאָטש געווען אַן אַקטיאָר...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו און צעריסן.

מאַקס האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿונעם אָרט, די רעציכע האָט זיך אין אים צעברענט, נאָר עפּעס אַ קויעך האָט אים געצווונגען באַצײַטנס זיך אָפּשטעלן. ער האָט געהאַט דעם געפֿיל, ווי עמעצער וואָלט אים אָנגעשפּיגן אין דער נעשאָמע. ער האָט אַ קוק געטאָן אין ווינקל, ווו עס האָבן זיך געוואָלגערט די צעפּיצלטע שטיקלעך פּאַפּיר פֿון זײַן בריוו, און דערפֿילט, ווי טרערן הייבן אים אָן שטיקן אין האַלדז. אָסקאַרן האָט אין דער מינוט געראַטעוועט בלויז דאָס, וואָס ער איז עסטערקעס פֿאָטער. קיין אַנדערן וואָלט מאַקס עס ניט מויכל געווען.

אָסקאַר האָט געוואַרט, דער באַכער זאָל אים עפּעס ענטפֿערן, נאָר יענער האָט גע־שוויגן, ניט אויפֿגעהויבן אויף אים דעם בליק. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און, ניט אַרויסברענ־גענדיק קיין וואָרט, אַנטלאָפֿן.

א גאַנצע נאַכט האָט מאַקס געבלאָנקעט איבער די פּוסטע געסלעך פון דער אײַנגעשלאָפֿע־נער שטאָט. בא אים איז געווען אַזא געפיל, ווי מע וואָלט אים אָפּגעצוואָגן מיט אַן עמער קויטיקער וואַסער. מאַקס, דער קליינשטעטלדיקער באָכער, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער באַרימטער טראַגיקער איז אַ נישטיק מענטשל, וואָס כוץ זיך האָט ער קיינעם ניט ליב, אפילו זײַן אייגענע טאָכטער.

מאַקס איז איצט מעקאַנע געווען דעם אָנגעפּעלצטן וועכטער, וואָס איז ווי אַ בער ארומגע־גאַנגען מיט זײַן גראָבן שטעקן לענגויס די פֿאַרהאַקטע קלייטן און זיך אונטערגעבאָמקעט אונטער דער נאָז אַ לידעלע. ניט לאַנג איז אים, מאַקסן, געווען אַזוי גוט, און מיטאַמאָל איז דאָס לעבן געוואָרן זינלאָז, פּריקרע, מיִעס, כאָטש גיי און וואַרף זיך אַרײַן אין די צעבושעוועטע, שוואַרצע וואַסערן פונעם באַרג־טײַך. אָבער ווי שווער עס איז אים ניט געווען, איז פאַר די אויגן אים די גאַנצע צײַט געשטאַנען עסטערקע, יאָ, דער איקער איז עסטערקע, און זי האָט נאָך ניט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט. ניין, ער איז ניט פון די, וואָס גיבן זיך אַזוי גרינג אונטער...

פון דעם געדאַנק איז אים גרינגער געוואָרן אַפן האַרצן. די רייד פון אָסקאַר שאַפּיראָ האָט ער אָבער גוט פאַרגעדענקט. ער וועט ווערן אַן אַקטיאָר, אומבאַדינגט וועט ער ווערן.

אַז ס'איז גוט אַפן האַרצן

ס'איז געווען אַ מעכײַעדיקער האַרבסטיקער אָוונט, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אין פרי־לינג. זגורסקי דער דריטער האָט פאַרבעטן אָסקאַר שאַפּיראָן צו זיך אַהיים, מע זאָל באַטראַכטן, וואָס פאַר אַ פּיעסן שטעלן אין דער נאָענטער צײַט. ער האָט אויך אײַנגעלאַדן עסטערקען, נאָר זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, זי וועט גיין אַהיים זיך אָפּרוען. אָבער אײַנזיצן אין שטוב האָט זי ניט געקאָנט. ס'איז אַזא מעכײַעדיקער אָוונט. זי האָט גענומען אַף זיך אַ לײַכטן מאַנטל און איז אַוועק־געלאָפֿן אין טעאַטער, וווּ מאַקס האָט זיך געפּאָרעט בא די דעקאָראַציעס.

אַז שימשן־האַגיבער זאָל ניט הערן, האָט זי אַוועקגעפירט מאַקסן אין אַ ווינקל און אים געזאָגט, אַז זי וועט אַף אים וואַרטן אַפן ראָג פון מיצקעוויטש־גאַס און קאָסטיושקאָ.

מאַקס האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז פּאָרגעקומען, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַרויסגעלאָפֿן פון טעאַטער און דעריאָגט עסטערקען.

— ס'איז עפּעס געשען? — האָט ער אומרויִק געפרעגט.

— וואָס זשע, דו ווייסט ניט, אַז הײַנט איז אַ וווּנדערלעכער אָוונט און מיר איז אומעטיק זיצן אין שטוב איינע אליין?

מאַקס האָט זיך פאַרלאָרן, ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— אָבער איך בין שלעכט אָנגעטאָן, דיר וועט זײַן ניט באַקוועם צו גיין מיט מיר.

— דאָס מאַכט ניט אויס. מירן גיין שפּאַצירן. מיר איז עפּעס הײַנט אַזוי גוט אַפן האַרצן...

זי האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און זיך געלאָזט מיט אים גיין איבערן פּלאַץ, ווו עס האָבן שפּאַצירט אַן אַ שיר מענטשן.

איבערן קאָפּ איז געהאַנגען אַן אויסגעשטערנטער הימל, און אַ פולע לעוואָנע האָט גע־בלאָנקעט צווישן די דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך.

עסטערקע איז שוין לאַנג ניט געווען אין אַזא גוטער שטימונג, זי האָט געלאַכט, אונטערגע־זונגען און ניט געלייגט קיין אכט אַף די פאַרבײַגייער, וועלכע האָבן זי גלײַך דערקענט און זיך געוווּנדערט, וואָס די באַרימטע אַקטריסע שפּאַצירט מיט אַ געמיין אָנגעטאָנענעם, פּראָסטן באָכער. זי האָט עס גוט פאַרשטאַנען און אַלעמען אַפּצולאָכעס נאָך שטאַרקער זיך אָנגעלענט אַף זײַן האַנט און אַ שטאָלצע געשפּאַנט מיט אים צו דער בריק, וואָס האָט זיך לײַכט געהוידעט איבערן וואַסער. פונדאַנען האָבן זיך געזען די קאָנטורן פון די בערג, פון די וועלדער, וועלכע זײַנען אַרופגעלאָפֿן שיר ניט ביז די וואָלקנס.

עסטערקע האָט גוט באַמערקט, אַז פאַר דער לעצטער צײַט איז מאַקס געוואָרן ערנסטער — שוין גאָר ניט יענער שעמעוודיקער קאַלאָמייער באָכער, וואָס איז געקומען אַהער מיט דרײַ יאָר צוריק. איין זאַך פאַרשטייט זי ניט, פאַרוואָס קאָן ער ניט אויסקומען מיט איר טאַטן?

זי האָט שוין פון לאַנג געוואָלט דערגיין בא מאַקסן, וואָס איז מיט אים געשען, פאַרוואָס איז ער אַזוי געפאַלן בא זיך?

נאָר הײַנט וועט זי בא אים גאָרנישט ניט פרעגן. בא איר איז הײַנט אַ גוטע שטימונג, הײַנט וועלן זיי פאַרברענגען — שפּאַצירן, גיין צו דער בריק, אויסטרינקען ווײַן.

די גרויסע פענצטער פונעם שטאָטישן רעסטאָראַן זײַנען געווען העל באַלויכטן. דורך די דינע טיולענע פאָרהאַנגען האָט מען געזען דעם אָרקעסטער און די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

עסטערקע האָט זיך אַף א רעגע אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט צו דער מוזיק, די אויגן האָבן זיך בא איר צעשײַנט פון פאַרגעניגן.

— קום, לאָמיר אַרײַנגיין, מאַקס.

— וואָס רעדסטו! — האָט ער זיך דערשראָקן. — אין אַזא הוילעך? מע וועט מיך אַהין ניט אַרײַנלאָזן.

— נאַרישקײַטן! — האָט זי אים שטײַפער אָנגענומען בא דער האַנט און זיך געלאָזט מיט אים צום אַרײַנגאַנג.

— יאָ, נאָר דאָרטן זײַנען אַלע פאַרפּוצטע.

— ס'מאַכט ניט אויס, נעם זיך ניט צום האַרצן. — זי האָט אָן עפּן געטאָן די טיר פונעם ליכטיקן זאַל און א צי געטאָן נאָך זיך מאַקסן.

זי איז געגאַנגען מיט א פאַרהויבענעם קאָפּ און מיט די אויגן געזוכט א פרײַ טישל. פיל פון די געסט, וואָס האָבן געזען עסטערקע שאַפּיראָ אַף דער בינע, האָבן זיך אופגעהויבן פון זייערע ערטער און פרײַנטלעך באַגריסט די אַרטיסטקע. אויך די אָרקעסטראַנטן האָבן זי דערקענט און גלײַך גענומען שפּילן די ווינטש־ליד פון גאָלדפאַדענס „קישעפמאַכערן". עסטערקע האָט זיך פאַרלוירן. זי האָט מיט די אויגן א זוך געטאָן מאַקסן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען בא דער טיר. זי איז צו אים צוגעלאָפן, אים גענומען אונטער דער האַנט און צוגעפירט צו א טישל, אַף וועלכן דער קעלנער האָט אָנגעוויזן.

— ווײַן און עפּעס געשמאַקס צו פאַרבײַסן, און פאַר מײַן פרײַנט קאָניאַק, — האָט עסטערקע א זאָג געטאָן, שמייכלענדיק צו מאַקסן, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געפילט ווי אַף א פרעמדער כאַסענע.

מאַקס האָט געקוקט אַף עסטערקען און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס קומט הײַנט פאָר מיט איר. די פאַרפּוצטע געסט האָבן אַף אים געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, זיך געשושקעט, געשמייכלט. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין פונדאַנען, נאָר דער קעלנער האָט שוין געבראַכט ווײַן און פאַרבײַסן, אָנגעגאָסן די באָקאַלן, זיך א נייג געטאָן און אַנטרונען.

עסטערקע האָט אופגעהויבן איר קאָס:

— פאַר דײַן צוקונפט, מאַקס...

— פאַר דײַן גליק, פאַר אונדזער פרײַנטשאַפט, — האָט ער שטיל א זאָג געטאָן און אויסגעטרונקען.

עסטערקע האָט געקוקט אַף איר באָקאַל און זיך ניט אײַנגעשטעלט אים צוטוליען צו די ליפּן. נאָר באַמערקנדיק, אַז מאַקס וואַרט, זי זאָל אויסטרינקען, האָט זי א זופּ געטאָן פונעם קאָס, זיך פאַרכלינעט און זיך צעלאַכט.

— בא דיר, מאַקס, באַקומט זיך בעסער, — האָט זי אים א לויב געטאָן און ווידער אָנגעפילט זײַן באָקאַל. דאָס מאָל האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסגעטרונקען איר ווײַן ביזן סאָף. — דו זעסט, — האָט זי געוויזן דעם פּוסטן באָקאַל, — איך וועל נאָך אויסטרינקען פאַר דיר, גיס אָן.

מאַקס האָט זיך צעלאַכט. מיטאַמאָל איז אים אויך גוט געוואָרן אַפן האַרצן, און ער האָט שוין ניט באַמערקט, צי מע קוקט אַף אים. איצט האָט ער געזען פאַר זיך נאָר עסטערקען, אירע אויגן, אירע פײַכטלעכע, עטוואָס צעעפנטע ליפּן, דאָס לויטערע, קימאַט קינדערשע פּאָנעם.

מאַקס איז געוואָרן דרייסטער. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך. ווען ער זאָל געוווּן זיך אָנטאָן, וואָלט ער זיך געפילט גאָר גוט. נאָר איצט איז אים אַזוי אויך גוט.

עסטערקע האָט באַמערקט, אַז א סאַך בליקן זײַנען געווענדט אַף איר. „זאָלן זיי קוקן, אויב זיי געפעלט", — האָט זי מיט שטאָלץ א טראַכט געטאָן, און ווען דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן, האָט זי זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און גענומען מאַקסן פאַר דער האַנט.

— קום טאַנצן! — האָט זי א שמייכל געטאָן.

— וואָס רעדסטו? — האָט מאַקס זיך געבעטן. — איך בין דאָך ניט אָנגעטאָן און איך קען ניט טאַנצן.

— נאַרישקײַטן! דו טראַכטס, אַז דו קענסט. וועסט טאָן דאָס, וואָס איך וועל הייסן, און עס וועט זיך גוט באַקומען. דעריקער דרייסטער...

און אָט זײַנען זיי שוין אין קרײַז. צווישן די טישלעך שוועבט איר בייגעוודיקע דינע פיגור. מאַקס פאָלגט, און עס באַקומט זיך בא אים. עסטערקע שמייכלט צו אים מאַמזעריש, און אירע אויגן זאָגן: „נו, און וואָס האָב איך דיר געזאָגט? עס באַקומט זיך, אַ?"

שײַנענדיקע און צופרידענע האָבן זיי זיך אומגעקערט אַפן אָרט. עסטערקע האָט געבעטן אָנגיסן ווײַן. זי האָט ווידער אויסגעטרונקען. מאַקס האָט אַף איר געקוקט אָן אַנציקטער.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן. די גאַסן זײַנען געווען

פוסט. דער זייגער אפן ראַג האָט פּונקט געקלונגען צוועלף. די לעוואָנע האָט זיך אופגעהויבן העכער און פאַרגאָסן די שטאָט מיט שייַן.

עסטערקע האָט דערפילט, אז דער קאָפּ דרייט זיך איר, נאָר איר איז געווען גוט צו שפּאַנען מיט מאַקסן, קוקן אים אין די אויגן.

האַלטנדיק זיך בא די הענט, זייַנען זיי געגאַנגען צו דער בריק, איבערן קאָפּ האָבן שטיל גערוישט דיביימער און געשאָטן פון זייערע שיטער געוואָרענע קרוינען טרוקענע בלעטער.

עסטערקע האָט זיך אויסגעריסן פון מאַקס האַנט און זיך געלאָזט לויפן איבער דער הוידענדיקער בריק.

אינמיטן דער בריק האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענטש, זיך אייַנגעקוקט אין וואַסער.

מאַקס איז געשטאַנען לעבן איר, ניט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. ביידע האָבן זיי געשוויגן.

נאָך א לאַנגער פּאַוזע האָט עסטערקע געפרעגט:

— נו, מאַקס, דיר איז דאָ געפעלן?..

— זייער געפעלן...

— „זייער געפעלן"... וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער, מאַקס? — האָט זי זיך א בייזער געטאָן. — עפּעס שווייַגסטו הייַנט צופיל.

— איך?

— ווער דען, איך?

קוקנדיק אפן וואסער, אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די לאַמטערנס, האָט זי פּלוצעם א פרעג געטאָן:

— דו האָסט מיך ליב, מאַקס?

א שולדיקער, א דערשראָקענער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט אף זײַן פּאַנעם:

— אוואדע, עסטערקע, דו ווייסט עס אליין...

— פאַרוואָס זשע האָסטו מיך ניט קיין קוש געטאָן?

— איך?

— ווער זשע דען?

ער האָט זי ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, נאָר זי האָט זיך אויסגעדרייט פון זײַנע אָרעמס און אָפּגעטראָטן אף א שפּאַן:

— און ווען איך דערמאָן דיר ניט?

— וואָס רעדסטו, עסטערל, דו ווייסט דען, וויאַזוי איך האָב דיך ליב? קיינער וועט דיך אזוי ניט ליב האָבן, ווי איך. — ער האָט ווידער זי געוואָלט צודריקן צו זיך, אויסקושן איר יעדן אייווער, נאָר זי איז אָפּגעטראָטן פון אים:

— ניין, ניין, איצט איז שוין צו שפּעט. און איך האָב געמיינט, אז דו האָסט מיך ליב אפּאַנעמעסן...

זיי זײַנען אריבער די בריק און אוועק אין די בערג. מאַקס האָט זי געוואָלט אָנעמען בא דער האַנט, נאָר עסטערקע האָט געמאַכט א פּאָר שפּאַן פאָרויס. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ניט אופגעהערט ריידן:

— און דו מיינסט טאַקע אפדערעמעסן, אז איך האָב דיך ניט ליב? ווען דו ווייסט, וויפל איך בין אויסגעשטאַנען, איך זאָל דיך כאָטש קאָנען זען, נאָר צוליב דיר בין איך דאָ געבליבן... דו פילסט דען ניט, ווי איך האָב דיך ליב?

זי האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ: ניין, זי פילט עס ניט...

מאַקס האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, ניט געוווּסט, וואָס זאָל ער נאָך זאָגן. נאָך א לאַנגער פּאַוזע האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך האָב שוין לאַנג דיר געוואָלט זאָגן, עסטערקע, נאָר עס האָט ניט געסטײַעט קיין מוט... ווער בין איך און וואָס בין איך. גאָרניט! און דו, דײַן נאָמען קלינגט אומעטום, דו ביסט בארימט... האָסט געזען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען דו ביסט ארײַנגעקומען אין רעסטאָראַן, אלע זײַנען גרייט געווען זיך שטעלן אף די קני, אבי דו זאָלסט גיין מיט זיי טאַנצן, און אף מיר האָט מען געקוקט מיט שפּאָט. ניין, ווען איך ווייס, עסטערקע, אז איך וועל דיר קאָנען ברענגען גליק...

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט איר בליק, א טרייסל געטאָן מיט די האָר און געזאָגט:

— אז מע האָט ליב, טראַכט מען וועגן גאָרנישט ניט... און איך האָב געמיינט, אז דו ביסט א דרייסטער...

וועגן גייען זיך פאַנאַנדער

עסטערקע האָט אָפּגעזוכט א געדרייטע סטעזשקע און זיך געלאָזט ארוף־באַרג, אָנהאַלטנדיק זיך בא די שטאַמען פון די גרויסע ביימער. דאָ איז געווען שטיל.

עסטערקע האָט זיך צוגעזעצט אף א שטאַם פון א בוים, וואָס דער געוויטער האָט איבערגעקערט. זי האָט שווער געאָטעמט.

מאַקס האָט זיך אויך צוגעזעצט אפן זעלבן שטאַם, געקוקט אף איר און געוואָלט דערגיין, וועגן וואָס טראַכט עסטערקע.

ער איז געווען אין קאַס אף זיך אליין. ער האָט אזוי געוואַרט אף דער מינוט, ווען ער וועט איר קאָנען זאָגן אלץ, ווען קיינער וועט אים ניט שטערן. און איצט זיצט ער ווי א גולעם. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין די הענט און געשוויגן.

אזוי זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע מינוט. דערפילנדיק אף זיך איר שמייכלענדיקן בליק, האָט ער זיך אומגעקוקט.

— נו, וועלן מיר, הייסט עס, שווײַגן? דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אז דו דאַרפסט מיר עפּעס זאָגן, נו, זאָג...

— דו וועסט עפּשער לאַכן פון מיר, נאָר איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, אז איך האָב דיך ליב.

עסטערקע האָט א לאַנגע ווײַלע געקוקט אף אים, אף זײַן צעשטרייט, שײַנענדיק פּאַנעם און פּלוצעם זיך צוגעטוליעט צו זײַן ברוסט, אים ארומגענומען מיטביידע הענט דעם האלדז און זיך שטאַרק צוגעדריקט צו אים.

— איך וויל דיר זאָגן, — האָט ער געשטאַמלט... נאָר זי האָט זיך אָף אים אַ בייזער געטאָן:
— שווײַג!
— פאַרוואָס?
— איך האָב ליב שטילקייט. און וואָס קאָנסטו מיר איצט זאָגן, נאָר נאַרישקייטן... איך האָב ליב רו...
— און איך ניט, — האָט ער, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, מוירע האָבנדיק, זי זאָל זיך ניט אָפּרוקן, ניט אָפּשטויסן אים פון זיך, שטיל געפּלאַפּלט. — און איך האָב ליב אַ שטורעם. ווען עס דונערט און בליצט.
עסטערקע איז פּלוצעם אופגעשטאַנען פונעם שטאַם און מיט די פינגער צעשויבערט זײַן טשופּרינע:
— אָט זעסטו, מאַקס, און איך האָב ליב רו. אונדזערע געשמאַקן, הייסט עס, גייען זיך פונאַנדער, אַזוי קאָנען זיך אויך פונאַנדערגיין אונדזערע וועגן.
— וואָס רעדסטו? קיינמאָל וועלן זיך אונדזערע וועגן ניט פונאַנדערגיין, סײַדן דו האָסט מיך ניט ליב...
ניט לאַנג געטראַכט, האָט מאַקס זי אַ כאַפּ געטאָן אָף די הענט און זיך געלאָזט לויפן מיט איר באַרג־אַרויף, באַשאָטן מיט קושן אירע באַקן, דעם שטערן, די ליפּן. עסטערקע האָט זיך פון אים געוואָלט אויסרײַסן, נאָר ניט געקאָנט.
אָף דער פּאָלאָנינע, ווו דיביימער זײַנען געווען אויסגעהאַקט, האָט זיך מאַקס אָפּגעשטעלט.
שווער עטעמענדיק, האָט עסטערקע זיך באַפרײַט פון זײַנע הענט, פאַריכט דאָס קלייד, די צעשויבערטע האָר:
— איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזוי ווילד! און געזונט, ווי אַ בער. און פאַר־וואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעגאָלט, דו זעסט, ווי מײַנע באַקן פלאַקערן? וויאַזוי וועל איך זיך באַ־ווײַזן אין דער היים?
— דו וועסט הײַנט אַהיים ניט גיין, — עסטערקע האָט אַ דערשראָקענע אים ארײַנגעקוקט אין די אויגן, — מירן פונדאַנען אין ערגעץ ניט אוועקגיין, מירן מאַכן אַ קורין, — האָט ער פאַרגעזעצט.
— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ שטילינקער, איך האָב, ווײַזט אויס, אַ טאָעס געהאַט. דו ביסט דאָך שרעקלעך ווילד.
— טאָמער ווילסטו, עסטערל, קאָן איך אַרופּקריכן אָפן העכסטן בוק. זאָג איין וואָרט, וועל איך אַריבערשווימען דעם טײַך, אָדער, ווייסט וואָס, איך קאָן אַראָפּשפּרינגען פון יענעם־אָ פעלדז, זאָג מיר נאָר איין וואָרט.
— איך האָב אָבער געוווּסט, אַז דו וועסט אָנהייבן ריידן נאַרישקייטן, — האָט זי זיך צעלאַכט, אים צוגעצויגן צו זיך און אַ קוש געטאָן אין דער באַק. — ס'איז שוין שפּעט... דער טאַטע וועט מיך אין שטוב ניט ארײַנלאָזן. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ בייזער ער איז באַ מיר, קום שוין גיכער, ווילדער!
מאַקס איז געשטאַנען און געקוקט, ווי פלינק זי טראָגט זיך באַרג־אַראָפּ.
ער האָט זי דעריאָגט שוין אָף יענער זײַט טײַך. זיי זײַנען געגאַנגען, שטיל גערעדט. ביידע זײַנען זיי געווען גליקלעך, און ביידן האָט פאַרדראָסן, וואָס מע וועט זיך אינגיכן דאַרפן שיידן.
— לאָמיר גיין שנעלער, באַלד וועלן שוין אָנהייבן קרייען די הענער, דו האָסט ליב הערן, ווי הענער קרייען?
— האַ־האַ, ווען איך האָב געאַרבעט באַ פּאַני זשיכלינסקאַ אין בעקערײַ, פלעגט מיר אויסקומען שטיין באַם אויוון, ביז די הענער פלעגן אָנהייבן קרייען. איך געדענק גוט די מוזיק, זי האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן אָפן גאַנצן לעבן.
און ער האָט געגעומען באַווײַזן, וויאַזוי זײַן באַלעבאָסטע פלעגט האָדעווען אירע קעץ, ווי־אַזוי זי פלעגט אַראָפּגיין אין קעלער און אָנהייבן זידלען דעם פאַן פשעפּיצקין, דעם עלטסטן בעקער. עסטערקע האָט זיך געכידעשט, ווי גוט עס באַקומט זיך באַ אים, און הילכיק געלאַכט:
— דו ווייסט, מאַקס, דו וואָלסט געקאָנט שפּילן אָף דער בינע, דו האָסט פייקייטן. ווען דו פאַלסט אַרײַן אין גוטע הענט... — זי האָט זיך פאַרטראַכט און נאָך אַ פּאַוזע, קוקנדיק אָף אים, צוגעגעבן: — עך, ווען דו ביסט אַן אַקטיאָר! אַ שאָד, וואָס דו ביסט צווישן הימל און ערד...
„וואָס? וואָס האָט זי געזאָגט? איר געפעלט ניט, וואָס איך בין אַ פּאָשעטער אַרבעטער אָף דער בינע", — האָט מאַקס אַ טראַכט געטאָן.
דער קאַס האָט זיך אין אים פּלוצעם צעשפּילט. דאַכט זיך, אַזוינס האָט ער שוין געהערט פון איר פאָטער, ער ווייסט שוין, אַז ער איז ניט עסטערקעס פּאָר און דאַרף אַפילע וועגן איר ניט טראַכטן. איז פאַרוואָס זשע האָט זי אים גלײַך ניט געזאָגט?

וויפל עסטערקע האָט אים ניט געוואָלט בארויִקן, האָט זי ניט געקאָנט. זי האָט ניט פאַר־שטאנען, וואָס איז מיט אים פּלוצעם געשען.

עטלעכע מינוט זײַנען זיי געגאנגען שווײַגנדיקע.

— וואָס איז מיט דיר, מאקס? וועגן וואָס טראַכסטו? — זי האָט אים גענומען אונטער דער האנט, ארײַנגעקוקט אין פּנים. — דו האָסט זיך באַליידיקט אָף מיר, זאָג דעם עמעס?

— איך ווייס אליין ניט, וואָס איך זאָל דיר זאָגן. ווען איך קאָן זיך אָף דיר באַליידיקן, וואָלט מיר געווען גרינגער.

— וואָס האָב איך דיר אזוינס געזאָגט? אוודע וואָלט געווען בעסער, ווען דו ביסט אַן אקטיאָר.

— מיר האָט מען שוין דאָ אמאָל געזאָגט: „א שאמעס, אז ער שטייט אָפּ באם ראָוו הינטער דער טיר עטלעכע יאָר, לערנט ער זיך אויס פּאסקענען שײַלעס", און איך, הייסט עס, בין א פּירגילדנדיקער מעשאָרעס.

— עפּעס קאָן איך דיך ניט פארשטיין, מאקס.

— עס וועט עפּשער נאָך קומען א צײַט, ווען דו וועסט מיך פארשטיין. די ווערטער וועל איך דיר דערמאָנען.

עסטערקען האָט זיך ניט געוואָלט, ער זאָל איצט אוועקגיין אזא צעטראָגענער. זי האָט אים לאנג געקוקט אין די אויגן, ארופגעלייגט איר האנט אָף זײַן אקסל, זיך א צי געטאָן אָף די שפּיץ פינגער און אים א קוש געטאָן אין באַק.

— ביסט א ביסעלע נאריש, א ביסל ווילד, נאָר איך בעט דיך, בייזער זיך ניט אָף מיר. געפעלסט מיר בעסער, ווען דו שמייכלסט, ווען דו בלאָזט זיך ניט, ווי א אינדיק...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און באלד געמאכט עטלעכע טריט צו איר טיר. א פאָך געטאָן צו אים מיט דער האנט. מאקס האָט געזען, ווי עסטערקע האָט צוגעמאכט די טיר און איז פארשוואונדן.

דאָס קאלטע ווינטל האָט אָפּגעפרישט זײַן געזיכט, צעוואָרפן די פּאָלעס פון זײַן רעקל, נאָר ער איז געגאנגען ניט געײַלט און געפילט א מעכײַעדיקע ווארעמקײַט.

ער האָט נאָך ניט באוויזן פארקערעווען צום ראָג, ווי ער האָט דערהערט טריט און זיך אומגעקוקט. אים אנטקעגן איז געגאנגען א ווּקסיקער מענטש אין א לאנגן רעגנמאנטל, אין א קאפּעליוש, אָנגערוקט אָפן שטערן.

— מאקס, ווארט א ווײַלע! — האָט יענער זיך אָנגערופן. דער באָכער איז געבליבן שטיין. ער האָט דערקענט עסטערס טאטע.

אָסקאר האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאקסן און שווער אָפּגעעטעמט.

— פונוואנען גייסטו אזוי שפעט?

— איך האָב געדארפט זען א מענטשן, — האָט נאָך א לאנגער פּאוזע געענטפערט דער באָכער. ער האָט דערפילט, ווי אָסקאר נעמט אים דורך מיט זײַן שמייכעלע.

— איך האָב געזען, מיט וואָס פאר א מענטשן דו האָסט זיך געדארפט טרעפן, — ער האָט זיך אָנגעשפּארט אין פּארקן און בערויגעז א זאָג געטאָן: — דו האָסט הײַנט בא מיר אָפּגענומען א שטיק געזונט, מיר דאכט, אז דו וועסט זײַן שולדיק אין מײַן גיכן טויט.

— פארוואָס?

— דו ביסט שוין ניט קיין יינגעלע, דו ווייסט גוט, אז איך האלט פון דיר, דו ביסט אַן ערלעכער מענטש. איך ווייס, אז דו שלעפסט זיך ארום מיט אונדז נאָר צוליב עסטערקען.

מאקס האָט ארויפגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דו שווײַגסט? איך וויס אלץ, איך האָב אלץ געזען. דו הער מיך אויס, אויב דו ביסט א גוטערפרײַנט עסטערקען, דארפסטו זי לאָזן צורו, ניט ארויפפירן זי פון וועג. דו ביסט פאר איר ניט קיין פּאָר. עסטערקע איז מײַן איינציקע טרייסט, און איך וועל ניט דערלאָזן, דו זאָלסט זי מאכן אומגליקלעך.

אָסקאר איז שטיל געבליבן, איבער זײַנע אײַנגעפאלענע באקן האָבן זיך א גאָס געטאָן טרערן. דער באָכער האָט זיך פארלוירן — דער בארימטער אָסקאר שאפּיראָ זאָל וויינען...

— האָב אָף מיר ניט קיין פאריבל, מאקס, איך בין איר פאָטער און טאָר דאָס ניט דערלאָזן. מאקס האָט פאראקשנט געשוויגן.

— וואָס זשע ענטפערסטו מיר גאָרניט?

אָסקאר האָט ארײַנגערוקט די האנט אין דער בוזעם־קעשענע און דערלאנגט דעם באָכער צוויי צענערלעך.

— אָט דאָס איז מײַן גאנץ פארמעגן, נעם עס דיר, אין דער פרעמד וועט עס דיר צוניץ קומען, ביז דו וועסט זיך אײַנאָרדענען, געפינען א ווינקל. פאר אוועק פונדאנען.

מאקס האָט אַף אים מיט ביטל אַ קוק געטאָן:

— איר מיינט, פאַן שאַפּיראָ, אַז אַלץ קאָן מען קויפן? דאָס האַרץ, די געפילן? איר האָט אַ טאָעס! איר זײַט אַמאָל אין מײַנע אויגן געווען ווי אַ גאָט, נאָר איצט... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז שנעל אַוועק. ער איז געגאַנגען גיך, און אין קאָפּ האָט זיך אים גע־באַמבלט: אַוועקפאָרן, אַוועקפאָרן... מער טאָר ער זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן.

מאַקס האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז ער שטייט אַף דער בריק. דאָס וואַסער איז באַ־גילדעט געווען פונעם זון־אויפגאַנג. דער פרימאָרגן איז געקומען אַף דער וועלט אַ שיינער, נאָר מאַקס האָט דאָס ניט באַמערקט. ער האָט געדאַרפט אײַלן צום וואָקזאַל. מיטן ערשטן צוג וועט ער אַוועקפאָרן. די אַקשאַנעס און דער האַס האָבן אים געטריבן.

וואָס זשע איז אַזוינס גליק?

גיי זײַ אַ בעריע און וויים, וואָס איז אַזוינס גליק און ווו זוכט מען עס. גיי וויים, ווו וועסטו דאָס גליק געפינען און ווו וועסטו עס אָנווערן!

ערשט ניט לאַנג האָט עסטערקע שאַפּיראָ זיך אַפּילע ניט פאָרגעשטעלט, אַז איר גליק איז אַזוי נאָענט.

זי האָט ניט פאַרשטאַנען, מיט וואָס איז דער פּראָסטער באָכער מאַקס איר אַזוי געפעלן. קיינער איז איר אַזוי ניט צום האַרצן, ווי אָט דער ווילדער יונג מיט די ציגײַנערשע אויגן.

זי האָט נאָר באַוויזן זיך אויסטאָן, ווי הינטערן פענצטער האָבן זיך דערהערט דעם טאַטנס טריט. ניין, זי וויל איצט מיט קיינעם ניט ריידן, זאָל ער מיינען, אַז זי שלאָפט. זי איז פלינק אַרונטערגעקראָכן אונטער דער קאָלדרע, זיך צונויפגעקנוילט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי אַף אַן עמעס אַנשלאָפן געוואָרן און זיך אויפגעכאַפּט, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גרויסער טאָג. דער טאַטע מוז שוין לאַנג זײַן אין טעאַטער. פאַרוואָס זשע האָט ער זי ניט אויפגעוועקט? זי דאַרף דאָך אויך דאָרט זײַן.

עסטערקע האָט זיך אויסגעפּוצט. יאָ, זי וויל געפעלן ווערן מאַקסן. זי קאָן אים אַפּילע זאָגן וועגן דעם.

אין טעאַטער איז זי געקומען אַ שײַנענדיקע. זי האָט זיך גלײַך געלאָזט זוכן מאַקסן, נאָר ניט אין זאַל, ניט הינטער די קוליסן האָט זי אים ניט געפונען.

עסטערקע איז צוגעגאַנגען צו שימשון־האַגיבער, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט באַ די דע־קאָראַציעס, און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— און ווו איז מאַקס?

שימשון האָט איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן און גאָרנישט ניט געענטפערט.

— איך פרעג דאָך באַ דיר, ווו איז מאַקס?

— וואָס פרעגסטו מיך? פרעג דעם טאַטן דײַנעם.

עסטערקע האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז שימשן אַזוי אין קאַס, פאַרוואָס דאַרף איר ענטפערן דער טאַטע. ווען שימשון־האַגיבער האָט אַף איר ווידער אַ קוק געטאָן, האָט עסטערקע דערזען טרערן אין זײַנע אויגן.

— וואָס איז געשען? ווו איז מאַקס?

יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע קוים אַרויסגעבראַכט:

— ער איז געווען דײַן טאַטן גרויס אין די אויגן. דער טאַטע דײַנער האָט אים געצוווּנגען אַוועקפאָרן... און יענער האָט מער ניט געקאָנט פאַרלײַדן דאָס כאַזערײַ און איז אַוועקגעפאָרן...

— עס קאָן ניט זײַן! ער האָט ניט געקאָנט אַוועקפאָרן!

— טאָ וואָס זשע פרעגסטו מיך, ווײַבאַלד דו ווייסט אַליין? — ער האָט זיך אָפּגעקערט און גענומען זיך ווידער צו דער אַרבעט. — דײַן טאַטע מיינט, אַז ער מעג אַלץ, אַז אים איז אַלץ דערלויבט... ער האָט מוירע געהאַט, דײַן טאַטע, אַז מאַקס זאָל דיר ניט געבן קיין גוט־אויג. — ער האָט ווידער זיך גענומען פּאָרען באַ עפּעס און, ניט קוקנדיק אַף עסטערן, פאַרגעזעצט: — פאַרטאָג איז דער באָכער צו מיר אַרײַנגעשפּרונגען זיך געזעגענען. דאָס האַרץ האָט זיך באַ מיר שיר ניט אָפּגעריסן, ווען איך האָב אים דערזען. ווען דו טוסט אַ קוק, ווי ער איז געווען בלאַס, דערשלאָגן און צעבראָכן. וויפל איך האָב אים ניט אײַנגערעדט, האָט ניט געהאָלפן. דײַן טאַטע האָט אים געצוווּנגען, ער זאָל אַוועקפאָרן... און מאַקס איז אַ מענטש, דאַרפסטו וויסן, מיט יושער, אַ גאָלדן האַרץ.

— ווּהין איז ער געפֿאָרן?
— ווער ווייסט?

יאָ, איצט האָט זי געגלייבט: מאַקס איז אַוועקגעפֿאָרן. נאָר פֿאַרוואָס איז דער טאַטע זיך אַזוי באַגאַנגען מיט אים?

זי האָט מיט די אויגן אַ זוך געטאָן דעם פֿאָטער, אים געפֿונען און צוגעלאָפֿן צו אים. דער פֿאָטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און, קוקנדיק אַפֿן דיל, געזאָגט:

— איך האָב דאָס געטאָן צוליב דיר, פֿאַר דײַן גליק.
— פֿאַר מײַן גליק? — האָט זי אים איבערגעשלאָגן.
— לאָז אויסריידן אַ וואָרט, איך וועל דיר באַלד דערקלערן...
— דו האָסט ניט וואָס מיר צו דערקלערן... זאָג מיר, ווּהין איז מאַקס געפֿאָרן?
— דאָס אינטערעסירט מיך ווייניק, — האָט ער קאַלט געענטפֿערט.

עסטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג.

די ערשטע עטלעכע מינוט איז זי געלאָפֿן, דורכשטופּנדיק זיך דורך דער געדיכטעניש פֿון מענטשן. מע האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם פֿאַרווײנטן מיידל און געקנייטשט מיט די אַקסל. אַפֿן וואָקזאַל איז מאַקס ניט געווען.

וואָס ווײַטער צו טאָן, האָט זי ניט געוווּסט. עפּשער צוּוואַרטן, ביז ער וועט אָנשרײַבן? פֿאַרוואָס האָט ער איר ניט געזאָגט, אַז ער קלײַבט זיך אַוועקפֿאָרן? נעכטן איז אים די דאָזיקע נאַרישקײַט אַפֿילו אין קאָפּ ניט געקומען. וואָס איז געשען מיטן באַכער?

ניין, זי וועט אים געפֿינען...

דעם אָפּדערנאַכט האָט מען עסטערקען ניט געקאָנט דערקענען, אַזוי איז זי פֿאַרענדערט געוואָרן. איר איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שווער אַרויסצוטרעטן. זי האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, עס זאָל זיך גיכער ענדיקן דער ספּעקטאַקל. מיט גרויס מאַטערניש האָט זי דערלעבט די מינוט, ווען שימשון־האַגיבער האָט צום לעצטן מאָל אַראָפּגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג און זי האָט מער ניט געדאַרפֿט אַרויסגיין זיך בוקן און דאַנקען דעם עולם פֿאַר די אַפּלאָדיסמענטן.

זי האָט זיך קוים פֿאַרשלעפּט אַהיים, געפֿילט, אַז זי ווערט קראַנק.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זי אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל.

די וועלט איז גרויס

מאַקס איז געזעסן אין ווינקל פֿון דעם ענגן וואַגאָן און געקוקט אינעם אָנגעכמורעטן הימל. וואָס דערוואַרט אים? אַנדערע האָבן אין דער גרויסער וועלט נאָענטע, באַקאַנטע, קרובֿים, ווּהין מע קאָן אויף אַ צײַט פֿאַרפֿאָרן, זיך אויסרייצן אין אַ נויט. און ער?

זײַן מישפּאָכע האָט זיך פֿאַרקליבן דער טײַוול ווייסט ווּהין, אין די קאַרפּאַטן, אין דער בוקאָווינע, אין עק וועלט. מע זיצט דאָרט אין געהאַקטע ווונדן און מע האָט מוירע אַרויסשטעקן די נאָז פֿון יענער זײַט שטעטל, מע מיינט, אַז קיין בעסערס און קיין שענערס, ווי בייגן רעדער, שניצן ספּיצעס, איז גאָר ניטאָ.

עמעס, אין דער היים זײַנען מיט די עלטערן פֿאַרבליבן נאָר די קלענערע קינדער, דרײַ עלטערע ברידער זײַנען אומגעקומען בעשאַס דער גרויסער מילכאָמע. פֿראַנץ־יאָסיף האָט זיי צוגעזאָגט גאָלדענע געשעפֿטן און אַ גליקלעך לעבן, האָבן זיי עס טאַקע באַקומען, דאָס גליקלעכע לעבן. קיינער ווייסט אַפֿילו ניט, ווו איז זייער געביין אהינגעקומען. די לעבן־געבליבענע האָבן זיך אויך פֿאַרקליבן אין דער טיף פֿון די קאַרפּאַטן, כאַסענע געהאַט, האָבן שוין זייערע מישפּאָכעס און זייערע דײַגעס וועגן פּאַרנאָסע.

מע זאָגט, אַז עס געשען אַמאָל ניסים אויף דער וועלט — ווען מאַקס באַגעגנט ערגעץ אילקאָ זאַגולען, וואָלט יענער אים געוויס פֿאַרענטפֿערט אַ סאַך קאַשעס. נאָר ווו געפֿינט מען אים? געוויס איז ער נאָך אַלץ אין טורמע.

כאָטש אינעם ענגן וואַגאָן איז געווען אויף דערשטיקט צו ווערן, דאָך איז מאַקס געלעגן ווי אַ פֿאַרעץ. ווען ניט די פּאַסאַזשירן מיט די זעק און פּעק, וואָלט ער געשלאָפֿן אַ מעסלעס נאָכאַנאַנד. עפּעס אַ פּריצע מיט צוויי גרויסע רויטע אויגן האָט אים אָנגעטראָטן אויף אַ פֿוס און אים נאָך אויסגעזידלט, לעמײַ האָט ער זיך צעלייגט ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן און פֿאַרשטעלט איר דעם וועג.

מאַקס איז געווען אויף איר אין קאַס בלויז דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים איבערגעשלאָגן אַ שיינעם כאָלעם: נאָרוואָס איז ער געווען מיט עסטערקען אין וואַלד, זיי זײַנען געזעסן אויף אַן איבערגעקערטן בוים, אָט האָט ער זי גענומען אויף די הענט און זיך געלאָזט לויפֿן העכער, אין

דערביימער־גערדיכטעניש. זי האָט אים אָרומגענומען באַם האַלדז... דאַרף דער רועך אָנטראָגן די מאַכשייפע, זי זאָל אים אַלץ קאַליע מאַכן.

אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ שטאַרקע שטופּעניש. אַ סאַך מענטשן האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. דורכן פענצטער האָט מאַקס געזען אַ גרויסע שטאָט מיט הויכע מויערן, טורעמס. הייזעריק האָבן זיך איבערגערופן לאָקאָמאָטיוון. פון ווײַט האָט זיך דערטראָגן דאָס הודען פון זאַוואָדישע סירענעס. און פאַרשיידענע קלאַנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין געהויל, וואָס האָט געוועקט דעם אָנקומענדיקן טאָג, דעם אַרבעטער־אוילעם.

צוזאַמען מיט דער כוואַליע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון די וואַגאָנען, איז מאַקס אַרויס אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ.

מענטשן האָבן געײַלט, — געוויס האָט מען געוואַרט אויף זיי. אָבער ער, מאַקס, האָט ניט געוווּסט, וווּהין זיך אַ קערעווע טאָן, וווּהין זיך אַהינטאָן מיט זײַן רענצל.

פונעם אָנגעכמורעטן הימל האָט געזיפּט אַן אײַנגעאַקשנט רעגנדל, וואָס קאָן אַפילו אַ זאָרג־לאָזן מענטשן קאַליע מאַכן די שטימונג.

מאַקס האָט זיך געלאָזט מיטן גערדיכטן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט פאַרקערעוועט אין אַ זײַטיק געסל. ערשט דאָ האָט ער דערזען ברייט צעעפנטע שוואַרצע טויערן פון עפּעס אַ פאַבריק.

לויטן גערוך האָט מאַקס זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ ערגעץ נאָענט דאַרף זײַן אַ בעקערײַ; ער האָט דערפילט אין מויל דעם טאַם פון קאָרן ברויט. דער הונגער האָט אים שוין לאַנג דערמאָנט אין זיך. און אָט איז טאַקע דער טויער פון אַ גרויסער בעקערײַ. ער איז לאַנג געשטאַנען, ניט געוווּסט, צו ווענדן זיך ווענדן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעקלאַפּט אין טויער. עס האָט זיך געעפנט די פאָרטקע, און אַ באַיאָרטער מענטש אין אַ לאַנגן מאַנטל מיט אַ קאַפּעליוש איבער די אויגן איז אַרויס צו אים. דער מענטש האָט אָפּגעמאָסטן מאַקסן פון קאָפּ ביז די פיס און קורץ אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס?

מאַקס האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי וועט ער דאָ ניט קריגן קיין אַרבעט.

— אַרבעט? — האָט יענער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַזעלכע באַלאַנים, ווי דו, זײַנען פאַראַן אַ סאַך. ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג האָט מען פונדאַנען אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס פופציק מענטשן. הונדערטער אַרבעטסלאָזע קלאַפּן אַלע טאָג אין טויער...

און די קאַליטקע האָט זיך פאַרהאַקט פאַר מאַקס נאָז.

מאַקס האָט שוין געקלאַפּט אין די טירן ניט בלויז פון בעקערײַען. ער איז געגאַנגען פון איין פאַבריק־טויער צום אַנדערן, פון איין וואַרשטאַט צום צווייטן, און אומעטום האָט מען אים אָנגעקוקט ווי אַ דולן, געקנייטשט מיט די אַקסלען. אייניקע האָבן אים אַפילו מיטגעפילט, נאָר גיי טו עפּעס, אַז אַלע טאָג פאַרקירצט מען אַלץ מער און מער אַרבעטער.

און אים האָט זיך געדוכט, אַז אין אַזאַ גרויסער שטאָט וועט ער גלײַך זיך אָפּזוכן אַן אַרבעט, פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס אויפן טאָג. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז ניט אַזוי פּאַשעט.

די לעצטע ציגײַערן, וואָס ער האָט אויסגערייכערט, האָבן אַ ביסל געשטילט דעם הונגער, נאָר וואָס וועט זײַן ווײַטער? דער טאָג האַלט שוין באַלד באַם סאָף, גיך וועט זיך אָנרוקן די נאַכט, און ער איז נאָך אַלץ צווישן הימל און ערד.

סאָף טאָג איז דער רעגן איבערגעגאַנגען. מאַקס האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער וואָקזאַל איז פאַר אים איצט ווי אָנגעמאָסטן. האָט ער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שיעס און זיך געלאָזט גיין אַהין. די גאַסן האָבן געגלאַצט אויף אים מיט רײַכע וויטרינעס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט געשמאַקע זאַכן, עסנוואַרג, אָנטאָן און וואָס אַ מויל רעדט אויס. אָבער דאָס אַלץ איז פון אים געווען אָפּגעצאַמט מיט גרויסע לויטערע טאַפליעס: קוק און שלינג די סלינע.

אין אַ ווײַטן עק פון דער סטאַנציע זײַנען געשטאַנען עטלעכע פּראַכט־וואַגאָנעס, אָנגעלאָ־דענע מיט געהילץ. מאַקס האָט דערשפּירט דעם באַקענטן גערוך פון וואַלד־פעך, און ס'איז אים עפּעס גרינגער געוואָרן אויף דער נעשאָמע. אויף די הויכע וואַגאָנעס זײַנען געשטאַנען עטלעכע יונ־גען אין גרויסע ברעזענטענע ראָבעס און האָבן אויסגעלאָדן דאָס געהילץ. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און מיט קינע געקוקט אויף די טרעגער. אינגיכן זײַנען זיי אַראָפּגעקראָכן אויף דער ערד, זיך צוגעזעצט אויף די קלעצער און צעבונדן זייערע קלומעקלעך מיט עסן. מאַקס האָט זיך אויך צוגעזעצט אויף אַ בערווענע און גוטברודעריש אַ זאָג געטאָן:

— גוט־אָוונט אײַך, פּאַנאָוויע, ווער וועט געבן פאַרייכערן? עס גלוסט זיך אַזוי פאַרציִען אַ ביסל רויך, אַז זאַשפּעריס פאַרגייען אַזש אין די פינגער.

— דו זעץ זיך בעסער צו נעענטער, קיין פּאַנאָוויע זײַנען דאָ נישטאָ. די פּאַנעס זיצן אין די רעסטאָראַנען, און קלעצער שלעפּן מיר.

— שעם זיך ניט, זעץ זיך און בײַס איבער, — האָט שוין אַ צווייטער זיך אָנגערופן. — איך

זע, אז דיר וועט ניט שאטן נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן. אָט האָסטו ברויט, הערינג, א ציבעלע. א שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ וואָס אויסצוטרינקען, נאָר דער באַלעבאָס האָט צוגעזאָגט, ווען מיר וועלן אויסלאָדן די וואַגאָנעס, וועט ער צוּוואַרפן עטלעכע זלאָטעס אַף ביר.

מאַקסן איז אינגיכן געוואָרן היימלעך מיט די וווּקסיקע מענטשן. ער האָט זיי דערציילט, פונוואַנען ער קומט אהער, דערציילט האָט ער פריילעך און זאָרגלאָז, אַזוי, אַז זײַנע נײַע באַקאַנטע האָבן הילכיק געלאַכט. נאָך דעם, ווי מע האָט אויסגערייכערט די גראָבע ציגאַרן, האָט מען זיך ווידער אַרופגעדראַפּעט אַף די וואַגאָנעס און גענומען פון דאָרטן אַראָפּקײַקלען די שווערע קלעצער.

מאַקס איז געשטאַנען באַנאַנד מיט זײַנע נײַע פרײַנט, ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, צעשפּיליעט דאָס העמד און האָט געשמאַק געאַרבעט. ער איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט באַגעגנט די דאָזיקע פּראָסטע מענטשן. זיי האָבן אים דערמאָנט אילקאָ זאַגולן, וועלכער האָט אים געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט אין לעבן.

ער האָט געאַרבעט פלײַסיק, שנעל, זיך געסטאַרעט ניט אָפּשטיין פון די טרעגער. בלויז די ערשטע עטלעכע מינוט האָבן די אַרבעטער געכאַפּט א קוק אַף אים, צי אַרבעט ער ווי עס דאַרף צו זײַן. נאָר זיי האָבן זיך גיך איבערצײַגט, אַז דער באָכער איז א כוואַט, געוווינט צו אַרבעט.

עס איז שוין געווען טיפע נאַכט, ווען מע האָט פאַרענדיקט אויסלאָדן די וואַגאָנעס. באַלד האָט זיך געיאַווועט אַן עלטערער דיקער פּאַרשוין אין גרויסע ברילן, באַטראַכט די אויסגעלאָדענע וואַגאָנעס, די צונויפגעלייגטע קלעצער און, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, אָפּגעציילט דעם עלטערן פון די טרעגער דעם פאַרדינסט פאַר אַלעמען.

מאַקס האָט באַקומען זײַן כיילעק, אָפּגעדאַנקט זײַנע נײַע כאַווײרים און אָן כיישעק גענומען זיך געזעגענען.

עמעצער האָט פאַרהאַלטן מאַקס האַנט און אים געזאָגט:

— דו הערסט, כלאָפּאַק, טאָמער וועט דיר זײַן שווער, קום צו גיין אהער. קיין גרויסע גליקן, ווי דו זעסט, וועסטו דאָ ניט האָבן, נאָר פון הונגער וועלן מיר דיך ניט לאָזן שטאַרבן.

מאַקס האָט שיין אָפּגעדאַנקט די טרעגער און זיך געלאָזט צו דעם וואָקזאַל, וואָס איז פול געווען מיט רויש פון פּאַסאַזשירן.

אים האָט זיך געגלוסט אויסטרינקען אין בופעט א פּאָר גלעזער טיי, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, נאָר דערזען אין א ווינקל א פרײַע באַנק, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט און אין עטלעכע מינוט אַרום געשמאַק אַנשלאָפן געוואָרן.

מאַקס וואָלט נאָך לאַנג געשלאָפן, ווען מע זאָל אים ניט געווען אַראָפּשלעפּן פון דער באַנק פאַר די פיס. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, גענומען רײַבן מיט די פויסטן די אויגן. דאָס ערשטע איז אים געקומען אין זינען דערלאַנגען א נערעק דעם, וואָס האָט אים געשטערט שלאָפן. ער האָט אָבער באַלד דערזען לעבן זיך א געזונטן פּאָליציאַנט מיט א פליישיק פּאָנעם און בייזע אויגן.

— קיין אַנדער האָטעל האָסטו שוין ניט געפונען, כאַם? אַנו, פאַרנעם זיך נאָר פונדאַנען, איך זאָל דיך מער ניט זען! וואָס קוקסטו אַזוי, עפּשער ווילסטו אין פּאָליציי־באַצירק, וועל איך דיך גלײַך אָוועקפירן.

די רעשט נאַכט איז אונדזער רײַזנדער אויסגעקומען זיך באַקענען מיט די פּוסטע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט. דערבײַ האָט ער זיך געסטאַרעט אויסמײַדן באַגעגענישן מיט די פּאָליציאַנטן, וואָס זײַנען געשטאַנען קימאַט אַף יעדן ראָג און בא פיל קראָמען.

קאַלט איז געווען מוירעדיק. דער ווינט האָט אים דורכגענומען ביז די ביינער. „אַזויפיל טירן און פענצטער, אַזויפיל הײַזער, — האָט מאַקס געטראַכט, — און פאַר מיר איז אין ערגעץ קיין אָרט ניטאָ“.

ווי נאָר ס'איז טאָג געוואָרן און אַף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן די ערשטע טראַמווײַען, האָט מאַקס פאַרקערעוועט צו דער פּאָטשט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו א טישל און גענומען שרײַבן עסטערקען א בריוו. ער האָט לאַנג געטראַכט פון וואָס אָנצוהייבן. געשריבן און געמעקט, נאָכאַמאָל געשריבן און נאָכאַמאָל געמעקט. אַלעמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איר ניט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און געדאַרפט זאָגן. עטלעכע מאָל האָט ער צעריסן די בריוו און גענומען שרײַבן פונדאָסנײַ.

אים וואָלט, דאַכט זיך, געווען גרינגער אויסלאָדן צען וואַגאָנעס געהילץ, איידער אָנשרײַבן עסטערקען דעם ערשטן בריוו, נאָר שרײַבן האָט ער געמוזט, ער האָט איר געדאַרפט אויסדערציילן אַלץ, וואָס איז בא אים אַפן האַרצן...

סאָפּקאָלסאָף האָט ער צונויפגעלייגט דעם בריוו, פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט און אים אַראָפּגעלאָזט אין פּאָטשט־קעסטל. איצט איז אים געבליבן איין זאַך — וואַרטן אַף אַן ענטפער. וואָס

וועט אים עסטערקע אָנשרײַבן? ער האָט געוואָלט נאָר איינס — די צײַט זאָל דורכלויפן וואָס גיכער, וואָס גיכער באַקומען אַן ענטפער! פון דעם איז אַ סאַך געוועזן... ער איז זיכער, אַז זי וועט אים אָנשרײַבן. דאָס האַרץ זאָגט אים, אַז זי וועט אים ניט צווינגען לאַנג צו וואַרטן.

אָפּגעשיקט דעם בריוו, האָט מאַקס אונטערגעציילט זײַנע קאַפּיטאַלן און פאַרשטאַנען, אַז אויף לאַנג וועט זײַן פאַרדינסט ניט סטײַען. ער האָט באַשטימט גלײַך אַוועק אָפּן וואָקזאַל צו די טרעגער. עפּשער וועט אים אויך דאָס מאָל אָפּגליקן, און ער וועט פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס. אָפּן וואָקזאַל האָט ער אָבער קיינעם ניט געטראָפן און איז אַ צעבראָכענער ווידער אַוועק בלאָנקען איבער דער שטאָט.

יעדן טאָג האָט מאַקס מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געײַלט צום באַקענטן פענצטערל פון דער פּאָטשט, ער איז צוגעפאַלן צום גלאָז מיט דער ברוסט און אָן ווערטער, בלויז מיט די ברענענדיקע אויגן, אַ פרעג געטאָן בא דער באַאַרטער פרוי, צי איז עפּעס ניטאָ. אַ ציטערנדיקער, האָט ער נאָכגעשפּירט, ווי אירע לאַנגע פינגער האָבן געניט און שנעל איבערגעקליבן די פּילקאָלירקע קאָנווערטן. סאָפּקאָלסאָף האָט זי אַ קנייטש געטאָן מיט די שאַרפע אַקסל און געענטפערט, ווי שטענדיק:

— מע שרײַבט נאָך...

ער איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט און געקוקט מיט קינע אויף די, וואָס האָבן נאַרוואָס באַקומען בריוו. אָט שטייט אַ יונג מיידל אינמיטן זאַל און לייענט מיט שײַנענדיקע אויגן אַ בריוו, וואָס איז געשריבן אויף אַ בלוי בייגעלע פּאַפּיר. עפּשער לייענט איצט עסטערקע אויך זײַן בריוו. עס קאָן ניט זײַן, אַז זי זאָל אים אַזוי גיך פאַרגעסן...

און מאַקס האָט זיך ווידער געזעצט צום טישל און געשריבן, געבעטן, אַז עסטערקע זאָל אים אָנשרײַבן כאָטש עטלעכע ווערטער, געבן צו וויסן, פאַרוואָס זי ענטפערט ניט אויף זײַנע פּילצאָליקע בריוו. צי שטעלט זי זיך ניט פאָר, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ ער גייט יעדעס מאָל אַוועק פונעם פּאָטשט־פענצטערל. טעג זײַנען געגאַנגען, און קיין אײַנגעטונקטע פען האָט ער פון עסטערקען ניט באַקומען. איז עפּשער געבליבן געווען דער פּאָטער אירער? מעגלעך, אַז זי איז גאָר צופרידן, וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן.

מאַקס איז לאַנגע טעג און וואָכן געקומען צום באַקענטן פּאָטשט־פענצטערל. די פרוי מיטן לענגלעכן בלאַסן און פּיסנעם פּאָנעם האָט מיט מיטגעפיל געקוקט אויף אים, אים באַרויִקט און געטרייסט, אַז ער וועט אומבאַדינגט זיך דערוואַרטן. מע דאַרף נאָר האָבן געדולד. אָבער אירע נעוויִעס זײַנען ניט מעקוּיעם געוואָרן.

מאַקס האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן שוין געקאָנט געפינען דעם וועג פון וואָקזאַל ביז דער פּאָטשט. נאָר ניט ער און ניט עסטערקע האָבן זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, אַז אָסקאַר שאַפּיראָ, עסטערקעס פּאָטער, כאַפּט איבער זײַנע בריוו און שלײַדערט זיי גלײַך אין אויוון אַרײַן.

מיט דעם זעלבן אומגעדולד, ווי מאַקס, האָט עסטערקע געוואַרט אויף אַ בריוו, זי איז נאָך אַלץ געלעגן אין שפּיטאָל, נאָר איין וואָרט פון מאַקסן וואָלט גענוג געווען אויף אויסהיילן זי, שטעלן אויף די פיס.

שימשן־האַגיבער האָט אויך זיך געבראַכן דעם קאָפּ און ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס גיט מאַקס ניט צו וויסן וועגן זיך.

טאָג־אײַן, טאָג־אויס איז מאַקס געגאַנגען אָפּן וואָקזאַל זוכן אַ פאַרדינסט. אָפּט האָט ער זיך אָבער אומגעקערט מיט ליידיקע הענט. עס איז געוואָרן גוט קאַלט, דער ווינטער האָט שטאַרק דערקוטשעט. ס'איז נאָך שווערער געוואָרן צו געפינען אַ וואַרעם ווינקל. דערפאַר איז ער אָבער געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער פון די טעאַטערן. מע האָט אים שוין אומעטום געקענט און אים אַרײַנגעלאָזט אויף די גאַליאַרקעס אָן אַ בילעט.

וואָס ווײַטער, האָט ער זיך אַלץ מערער איבערצײַגט, אַז אָסקאַר שאַפּיראָ איז נאָך ווײַט פון אַן עמעסן אַקטיאָר.

נאָר עסטערקע איז גאָר עפּעס אַנדערש! אפילע דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער אַזאַ טאַלאַנטפולע, האַרציקע אַקטריסע ניט באַגעגנט. עמעס, ער איז טאַקע אופגעבראַכט אויף איר, נאָר וואָס עמעס איז עמעס. און אַלעמאָל, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן עסטערקען, איז אים אופגעשטאַנען פאַר די אויגן די בריק, די בערג, די באַנאַכטיקע גאַס און עסטערקעס לויכטנדיקע אויגן.

אַלץ איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. אַז מע האָט אים שוין יאָ גענומען אויף אַרבעט אין אַ קליינער בעקערײַ, האָט געדאַרפט געשען, אַז דער באַלעבאָס האָט אָנגעזעצט און פון דער בעקערײַ האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם. מיט אַ צײַט שפּעטער האָט מען אים צוגענו־

מען אין א וואנדער־טרופע, דארף דער טײַוול אַנשיקן א שפּאַגל־נײַע צאָרע — דער אימפּרעסאַריאָ איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן, אָפּגעגעבן גאָט די נשמה און די טרופּע איז זיך צעפאַלן...

איז ער ווידער געלאָפן אַפן וואָקזאַל און אַמאָל פאַרדינט עטלעכע גראָשן.

אין איינער פון די פּאַרשטעט האָט ער אָנגעטראָפן אַף אַן ארבעטער־טעאַטער. ער האָט אָנגעהויבן באַזוכן די רעפּעטיציעס און אינגיכן אַליין אָנגעהויבן צו שפּילן. דער אָנפירער פון דעם טעאַטער האָט אים שטאַרק געליבט און צוגעזאָגט גאָר אינגיכן אים געבן אויסשפּילן א גרויסע ראָל.

און ס׳איז טאַקע אַזוי געווען. ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען אין טעאַטער, האָט דער רעזשיסער אים פאַרלײַערלעך דערלאַנגט א באַנד שעקספּירס פּיעסן און געבעטן, ער זאָל אויס־לערנען אַף אויסווייניק די ראָל פון אָטעלאָ. פון אָנפאַנג האָט מאַקס זיך שטאַרק דערשראָקן, ער האָט געפּרוווט זיך אָפּזאָגן, נאָר דער רעזשיסער האָט אים באַרויקט. זאָל ער איבערלייענען, זאָגן „ניין״ וועט ער נאָך באַוויזן.

ווען מאַקס איז געגאַנגען צו זיך „אהיים״, צום וואָקזאַל, האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט הייבט זיך אָן פאַר אים א נײַ לעבן. אַפן וואָקזאַל האָט מאַקס זיך אײַנגעאָרדנט אין זײַן פּאַרוקט ווינקל און איז אינגיכן געשמאַק אײַנגעשלאָפן. אָבער לאַנג שלאָפן האָט מען אים ניט געלאָזט. צו אַלעם ערשט האָט ער דערזען זײַן אַלטן באַקענטן, דעם זשאַנדאַרם, וואָס האָט אים שוין אַמאָל אַרויס־געטריבן פון וואָקזאַל אינמיטן דער נאַכט. דאָס מאָל האָט דער זשאַנדאַרם ניט געטריבן, ניט געשריגן. מאַקס האָט באַמערקט נאָך עטלעכע זשאַנדאַרמען, וועלכע זײַנען געשטאַנען בײַ דער זײַט. דער זשאַנדאַרם האָט אויסגעצויגן די האַנט, זיך פאַרנייגט, ווי איינער זאָגט: אנו, באַווײַזט, וואָס האָט איר? מאַקס האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א צעקנייטשטע, אָפּגעריבן ביכעלע און עס דערלאַנגט דעם זשאַנדאַרם.

— אָט דאָס איז דײַן פּאַספּאָרט? פון קאַלאָמייע ביסטו גאָר און פאַרקראָכן אַזש צו אונדז! ווער זשע ביסטו? א גאַנעוו, א קאָרטנשפּילער, א קאָנטראַבאַנדיסט?

ער האָט געבעטן מאַקסן זיך מאַטריען זײַן. אַרויסגעפירט אים אַף דער גאַס, האָבן די זשאַנדאַרמען אים אַרײַנגעוואָרפן אין א טורמע־פורגאָן, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַרעסטירטע שוין געזעסן הינטער די גראַטעס פון פּאָליציי־באַצירק.

ערשט גאַנצפרי האָט זיך אָנגעהויבן אין קאַמערע א טומל. מע האָט גענומען אַרויסרופן לויט א צעטל די אַרעסטירטע. דער שעף פון פּאָליציי־באַצירק, א קורץ, דאַר מענטשל אין ציווילן, מיט א פּאָר אויגן, וועלכע שטעכן אײַך דורך ווי מיט שפּיזן, האָט יעדן באַזונדער באַטראַכט, א קוק געטאָן אין די פּאַפּירן און אָפּגעגעבן פאַראָרדענונגען:

— אַרויסשלײַדערן! צוריק אין קאַמער!

ווען עס איז דערגאַנגען מאַקס קרייסלערס ריי, האָט דער שעף מיט ביטל א קוק געטאָן אַף זײַן הוילעך, א בלעטער געטאָן דעם פּאַספּאָרט און זיך א קנייטש געטאָן, ווי ער זאָל אופּעסן א לעפל כריין:

— פּסיא קרעוו! אַזש פון קאָלאָמייע האָט עס דיך אהער פאַרטראָגן! און מיט די קויטיקע הוצולן שטייט דיר ניט אָן צו וווינען? — ער האָט א שמיץ געטאָן מאַקסן דאָס ביכעלע אין פּאָנעם אַרײַן. — אין פיר און צוואַנציק שאָ זאָל דײַן פוס דאָ ניט זײַן! אויב ניט, וועסטו בײַ מיר פאַר־פוילט ווערן אין טורמע!

ער האָט מיט דער האַנט באַוויזן, אַז מאַקס זאָל אים דערלאַנגען פונעם דיל דאָס ביכעלע. אַוועקגעשטעלט אַף דעם א שטעמפּל, האָט ער עס ווידער א וואָרף געטאָן אַפן דיל.

מע האָט מאַקסן אַרײַנגעפירט אין א זײַטיקן צימער, ווו עס איז געשטאַנען א גרויסער פאָטאָ־אַפּאַראַט, וואָס האָט דערמאָנט אין א האַרמאַט, און אים אָפּגעפאָטאָגראַפירט אין פּראָפיל און אַנפאַס. אינעם צימער האָט זיך, ווי פון זיך אַליין, געעפנט א נידעריק טירל, און דער פאָטאָ־גראַף האָט מיט א געמאַכטן שמייכל א זאָג געטאָן:

— פּראָשע פּאַנא, וואָן פונדאַנען!

מאַקס איז אַרויסגעשפּרונגען פון פּאָליציי־באַצירק, ווי אַן אָפּגעבריטער, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט וועלן פאַרגעדענקען דאָס אָרט. קיין גרויס האַרצווייטעק פון דעם, וואָס מיט אים איז פּאָרגעקומען, האָט מאַקס ניט געהאַט. ערשטנס, איז ער זיך גוט אויסגעשלאָפן, קיינער האָט אים ניט געוועקט אינמיטן דער נאַכט, און דעריקער זײַנען אים געפעלן געוואָרן די מענטשן אין קאַמערע. אַזעלכע פּאַרשוינען האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער האָט מיט אינטערעס זיך אײַנגעקוקט אין זייערע פּענעמער, זיך צוגעהערט צו די רייד פון זײַנע שכנים. עפּעס האָט דאָס אַלץ אים שטאַרק דערמאָנט אין גאָרקיס פּיעסע „אַפן דעק״, וואָס ער האָט אַנומלטן געזען אין טעאַטער.

פאַר דער איינער נאַכט האָט ער דאָ געזען די גאַנצע אונטער־וועלט פון שטאָט — אומ־גליקלעכע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענטשן, וואָס שלאָגן זיך פאַר א שטיקל ברויט,

האָבן ניט, פונקט ווי ער, קיין דאך איבערן קאָפּ, זוכן ארבעט און קאָנען ניט געפינען. דאָ זײַנען אויך געווען פראָפעסיאָנעלע גאנאָווים, פאר וועלכע דער פּאָליציי־שעף האָט זיך אנטשולדיקט, וואָס מע האָט זיי פארהאלטן. מאקס האָט דאָ אויך געטראָפן צוויי יונגע פאנטאזיאָרן, וואָס האָבן געפּרוווּט באגאנוועגען א באנק און זײַנען ארײַנגעפאלן אהער, ניט דערגרייענדיק צו זייער טרוים בלויז א דרײַ שפאן, און פונדאנען וועט מען זיי אָפּפירן אין אן עכטער טורמע, מיט וועלכע פוילן איז, גאָט צו דאנקען, באזאָרגט.

ער האָט דאָ באגעגנט דרײַ יונגע ארבעטער, וועלכע האָבן צעקלעפּט אַף די פלויטן פלוגבלעטלעך. זיי האָבן געזאָגט דעם פּאָליציי־שעף אין די אויגן, אז זיי האָבן ניט קיין כאראָטע, אז זיי וועלן אויך ווײַטער טאָן דאָס זעלבע. דערווײַל האָט מען זיי אָבער אָנגעטאָן שטאָלענע בראַסלעטן אַף די הענט און אוועקגעפירט אין טורמע.

מאקס האָט געטראכט, אז אן ארטיסט וואָלט געדארפט פארגעדענקען יעדן קער פון די דאָזיקע מענטשן, יעדער באוועגונג, דעם שמייכל זייערן, די שטאָלץ פארהויבענע קעפּ פון די דרײַ יונגע ארבעטער.

מאקס האָט זיך געלאָזט צום וואָקזאל. ער האָט געוואָלט געזעגענען זיך מיט זײַנע נײַע פרײַנט, די טרעגער, מיט וועלכע ער האָט א צײַט געארבעט. עפּשער טאקע וועט ער נאָך פארן טאָג פארדינען עטלעכע זלאָטעס אַפן וועג.

נאָר אַפן אָרט, וווּ ער פלעגט געוויינלעך באגעגענען די טרעגער, איז קיינער ניט געווען. וואָס זשע טוט מען ווײַטער? וווהין טוט מען זיך אהין? וווהין גייט מען? ער האָט זיך געלאָזט לענגויס דעם אײַזנבאן־אָנשיט. ניט ווײַט פון דער אײַזנבאן־ליניע איז געשטאנען א גרויסער הורט פּי. עטלעכע פאסטעכער זײַנען געזעסן אַפן גראָז און איבערגעביסן.

מיטאמאָל האָט ער דערהערט א טראסקערײַ פון א בריטשקע און זיך ארומגעקוקט, אָפּגעגאנגען אין א זײַט. די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים. פון דער בריטשקע איז אראָפּגעשפרונגען א געפאקטער מאנספארשוין מיט א גרויסן געגאָלטן קײַלעכדיקן קאָפּ. די קליינע אייגעלעך זײַנע האָבן זיך קוים ארויסגעזען, ווײַל דאָס פליישיקע פּאָנעם האָט זיי אינגאנצן אײַנגעזויגן. ער האָט באוויזן מיט דער האנט, אז מאקס זאָל צוווארטן. מאקס האָט געמאכט א פּאָר שפאן צו אים, און יענער האָט אים א פרעג געטאָן:

— אויב דו ווילסט צופארדינען, קאָן איך דיך נעמען פאר א פאסטעך, באגלייטן די טשערעדע קיין דײַטשלאנד. איך וועל גוט באצאָלן.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט מאקסן אָפּגעגליקט. דער פּאָרשלאָג איז אים געווען שטארק צום הארצן. ער וועט טרײַבן די טשערעדע אפילע אין דער שעווילטאכטיאָ, אבי זיך ארויסרײַסן פונדאנען, ווער רעדט נאָך קיין דײַטשלאנד...

אין א שאָ ארום איז שוין מאקס קרייסלער מיט א לאנגער בײַטש אין דער האנט צוזאמען מיט עטלעכע הורט־טרײַבער געגאנגען נאָך דער טשערעדע. זיי זײַנען געגאנגען לענגויס דעם אספאלטירטן שליאך, וואָס האָט געפירט אַף מײַרעווו, אהין, אין יענער ריכטונג, וווּ עס איז געלעגן דאָס אומבאקאנטע, פרעמדע דײַטשלאנד, וועגן וועלכן מאקס קרייסלער האָט זיך אזויפיל אָנגעהערט פון שימשן־האגיבער, און ניט אזוי וועגן דעם לאנד, ווי וועגן די דיכטער און אקטיאָרן, וועגן דעם בארימטן זיגפריד לײַנארד.

יאָ, ער וועט ווידער א פּרווו טאָן דאָס מאזל, אָנצוווערן האָט ער ניט וואָס. מעכאבעד זײַענדיק די טשערעדע מיט אויסגעשרייען „העגיי, הײַדאַ!“, איז מאקס גרינג געגאנגען, געקוקט אַף די ברייטע פעלדער און אונטערגעבאָמקעט א פריילעך לידעלע.

הירש אָשעראָוויטש

ספּאַרטאַק

(פראַגמענטן פון א פּאָעמע)

די רייף

— און פארוואָס דערמאָנט זיך מיר
ווידער אלץ מײַן וויַטע קינדהײַט?
און פארוואָס זשע זע איך דאָן
אלץ דאָס אייגענע און זעלבע:
כ'לויף אום אין א העלער וועלט —
אַף א פעלד, וואָס הוילע זון איז,
מיט א צעדערשטאָק אין האַנט
כ'יאָג א רייף אַף הארטער סטעזשקע...
ווינטן קומען קעגן מיר,
רײַס איך דורך זיי, לויף אדורך זיי.
כ'יאָג דורך דופטיקײַט און שײַן,
כ'פלי דורכן געזאַנג פון לארכן,
און מײַן רייף טראָגט זיך פאָרויס —
דרייט זיך, קוילערט זיך, שפּרינגט אונטער...
טוי פון לאָנקעס, שטויב פון וועג
ליגן, גליווערן פארשלומערט,
אויבן — אין פארמילכטן בלוי —
קײַקלט זיך א רייף פון פײַער...
פרייט עס מיך, דערהײַטערט מיך —
ס'הייבט מײַן ברוסט זיך, ווי א בלאָזזאַק,
און איך ווייס ניט, וויאַזוי
און פארוואָס איך פּלוצעם טו עס:
כ'שווינג אין לופט מײַן שטעקן אײַן
און פארוואַרף אים העט אין טוווּ...

ליגט שוין ווײַט מײַן צעדערשטאָק;
טו איך מער די רייף ניט טרײַבן.
כאַלעשט לאַנגזאַם אַף איר גאַנג,
בלײַבט זי שטיין, טוט זיך א וואַקל,
שוועַר א בייג זיך אַף א זײַט
און א לייג זיך אַף דער סטעזשקע...

כ'בין געווען נאָך דאַן א קינד —
בלויז געפילט, נאָך ניט פארשטאַנען, —
נאָר אין יענער ווײַלע, דוכט,
האָט די וועלט זיך מיר געעפנט:
„אָ, פארוואָס איז עס אַזוי?
אזוי שיין די רייף געגאַנגען,
ווי נאָר זי ט'זיך אָפּגעשטעלט,
איז זי, ווי א שטיין, געפאלן"...

. . . .

ניין, איך וויל ניט זײַן די רייף,
וועלכע מוז קעסיידער וואַגלען,
כ'וויל ניט, ווי נאָר איך בלײַב שטיין,
זײַן געצוווּנגען טייקעף פאלן!
ס'קאָן אַזוי ניט טאָמיד גיין —
שטענדיק מוזן זיך באַוועגן.
אויסער זיג, מע דאַרף א היים.
היים איז ניט אַף פרעמדע וועגן.
היים איז: רו אונטער די פיס —
ערד, וואָס ברײט ניט און אַנטלויפט ניט,
היים די נעסט פאַר פרײַהײַט איז;
אָן א היים — ניט מעגלעך פרײַהײַט.

קיין סיציליִע אַוועק
מוז איך איצט מיט מײַנע מאַכנעס;
דאָרטן, וווּ ס'האָט צוויי מאָל שוין
העל געבלוטיקט שקלאַפן־אופשטאַנד,
דאָרטן, וווּ א פונק נאָר פעלט,
פלאַקערן זאָל גרעסטער שײַטער,
דאָרט, וווּ, דוכט, דער גאַנצער קאַנט —
יעדער מענטש און אלע הערצער
פויקן צו צו אונדזער טראָט,
גייען אויס נאָך אונדזער אָטעם...

קיין סיציליִע אַוועק
וועל איך איצט מיט מײַנע מאַכנעס.
דאָרט וועט ווערן אונדז א היים,
דאָרט וועט אונדזער עמעס הערשן,
אונדזער זיג וועט האָבן רו,
אונדזער רו — געבוירן זיגן...
אין דעם יאַם פון רויבערײַ,
וואָס פארפלייצט אַזויפיל לענדער,
אין דעם יאַם פון רויבערײַ,
וווּ ס'געוועלטיקט רוימס פארשקלאַפונג,
זי, סיציליִע, וועט זײַן
א העל אינדזעלע פון פרײַהײַט!

מארש

צווישן מירטן, צווישן מאנדלען
און אף הוילן וועג
גייען, גייען מיר און וואנדלען,
שפּרײַזן גאנצע טעג.

פליינען זינגען,
טײַכן קלינגען,
זון איז בלאנק און נײַ...

שמייכלט, פעלדער,
בוקט זיך, וועלדער:
שקלאפן זײַנען פרײַ!

דער וועזווו פון אונדז שוין ווײַט וויט איז,
הינטן העט ער ליגט.
א ו נ ד ז ע ר זיג איז! א ו נ ד ז ע ר צײַט איז!
א ו נ ד ז ע ר שווערד באגליקט...

ווינטן פײַפן,
שטערן רײַפן,
נאכט גייט גיך פארבײַ.

שמייכלט, פעלדער,
בוקט זיך, וועלדער:
שקלאפן זײַנען פרײַ!

דורכן לאנד מיר גייען, גייען,
פרילינג — אונדזער גאנג.
ווו מיר קומען, טוט דערפרייען
אונדזער פרײַ געזאנג:

„קנעכט און רײַכע
ווערן גלײַכע
וועלן סײַוויסײַ...“

שמייכלט, פעלדער,
בוקט זיך, וועלדער:
שקלאפן זײַנען פרײַ...

אונדזער עמעס מ ו ז געדײַען,
קומען ו ו ע ט די צײַט.
ווער ס'גייט זיך אליין באפרײַען,
אויך די וועלט באפרײַט.

הויכע שטראלן,
טיפע קוואלן,
קוויקט אונדז ווײַטער טרײַ!

שמייכלט, פעלדער,
בוקט זיך, וועלדער,
ווען דער מענטש ווערט פרײַ!..

ק ס ע נ י א

— פרידן דיר, מעכטיקער פירער פון מאכנעס באפרײַטע באפרײַער!
אַטעם מיר פעלט פונעם אײַלן זיך און פון דער פרייד, וואָס כ'בין דאָ שוין.
פונקט א מעסלעס אף א פײַערדיק פערד אָן אן אָפּשטעל געפלויגן,
הונדערט געפארן און צופאלן טויזנטער גליקלעך געמיטן,
שטיי איך בא דיר אין דײַן בײַדל אצינד פון דײַן בײַזײַן באצויבערט.
וועסט פון מײַן קומען אהער זייער וויכטיקן סאַך זיך דערוויסן.
לאָז מיך נאָר פריִער א רעגע צונויפקניפּן אָטעם צעהאַקטן,
וואסער א קרוג נאָך א קרוג אפן פלאַם פון מײַן דאָרשטיקײַט גיסן.
טאָפּלט פארשטעלט איז דײַן גאסט, וואָס צו דיר איז געקומען געריטן,
צוויי מאָל ניט ד ע ר בין איך, וועלכן דײַן אויג אזוי דײַטלעך טוט זען איצט.
ניין, ניט קיין קריגער בין איך און אפילע ניט אויכעט קיין מאנצבל...
צופעליק האָט זיך געמאכט, איך זאָל וויכטיקע ווערטער דערהערן;
זייער ניט צופעליק האָב איך געײַלט זיך זיי דיר צו דערטראָגן...
ניין, ניט קיין מאַן, ניט קיין רײַטער — א מיידל אין מענערשע קליידער.
קסעניִא הייס איך — „א פרעמדע“... אין דאקיִע ווײַטער געבאָרן,
האָבן די געטער די בייזע אף מיר זייער אומכיין געוואָרפן:
גיך איז פארלאָפן מײַן זוניקע קינדהײַט, מײַן ליכטיקע יוגנט,
שליף פון פארשקלאפונג האָט פרי שוין מײַן האלדז אָן ראכמאָנעס פארצויגן.
אין א טאוועדנע באדינען שיקורים און זידל־רייד הערן
האָבן באַשערט מיר די געטער די בייזע, וואָס האסן דעם יושער...
נעכטן קאַיאָר אין דער דאָזיקער ווײַניק־צעוירטער טאוועדנע
האָבן באוויזן זיך ליקטאָרן[1] זעקס, וואָס באגלייטן דעם פּרעטאָר[2].
באלד איז ארײַן אויך דער פינצטערער פּרעטאָר מיט פינף צענטוריאָנען[3].

---

[1] ליקטאָרן — די ערנוואך פון די העכערע אמטלײַט אין רוים; [2] פּרעטאָר — נאָכן קאָנסול די העכסטע רעגירונגס־פּערזאָן; [3] צענטוריאָן — דער הויפּט פון א צענטוריע (הונדערט מאן).

פעסל נאָך פעסל קאַנטאַבערישער ווײַן האָט צום טיש זיך געקײַקלט,
אויגן געוואָרן באַלד זײַנען צעבליצט און די צונגען — צעבונדן.
„נאָך! — האָט געשריִען דער פּרעטאָר. — ניט זשאַלעווע אונדזערע גאָרגלען!
איין פעסל ליידיק איז, טייקעף א צווייטס און א גרעסערס מוז קומען!
קלאַדיוס קאָן נאָך מיט באַקכוס[1] ראַנגלען זיך און אים באַזיגן,
רוימישע נאַבילן[2] זײַנען געבאָרן פון ווײַנשטאָק צו זויגן...
קאַרג זשע ניט, שיינהײַט, גיב ווײַן! אונדזער בלוט מיטן ווײַן זײַנען ברידער.
קלאַדיוס איז ניט קיין ייִנגל, צענטוריִעס דרײַסיק — קיין שפּילכל!
קוועלנדיק וועל איך צעקוועטשן די קאַפּוער[3] שמוציקע אומפּלייט!
ד ר ײַ ס י ק צענטוריִעס קעגן פאַריפּעשטע צירקוס־פאַרווײַלער!"...

. . . .

פּלוצעם, ווי ס׳וואָלט זייער שיקרעס צו מיר מיטאמאָל גאָר אריבער —
אַלצדינג ארום איז צעוואַקלט געוואָרן, געגנומען האָט שווינדלען —
„דרײַסיק צענטוריִעס" — האָט מיר אין אויער און שלייפן געריסן.
„דרײַסיק צענטוריִעס" — האָט מיר א דלאָט די געהירן געשאָבן...
פּיס, ווי פון קלעצער, און הענט, ווי פון ליים, האָב איך פּלוצעם באַקומען;
פעסלעך און טישלעך — פאַרטשעפּעט און אַלץ, וואָס געגנומען, — פאַרלאָרן...
„דרײַסיק צענטוריִעס"... כ׳קאָן ניט מער רויק די זויפער באַדינען!
„דרײַסיק צענטוריִעס"... ראַטעווען, ראַטעווען!.. רעכטצײַטיק וואָר׳נען!..
„דרײַסיק צענטוריִעס" — פּויקט באַלד מײַן האַרץ אין געבײַטענע קליידער,
„דרײַסיק צענטוריִעס" — ענטפערן לויפנדיק פערדישע טלאָען...

. . . .

איצט כ׳בין בא דיר שוין — געקומען דעם אומגליק דעם וועג צו פאַרלויפן.
כ׳וויל איין באַלוינונג דערפאַר: דו זאָלסט זאָגן, איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט...
ריכטיק? דו זאָגסט, צו דער צײַט כ׳האָב די האַרבע ידיעה דערטראָגן?
וועסט נאָך באַווײַזן די הערצער צו שטאַרקן, די שווערדן צו שלײַפן?
גליקלעך בין איך! אָבער נאָך עפּעס מוז איך דיך, פּירער, איצט בעטן:
הייס מיר דאָ בלײַבן. ניט זײַן זאָל פאַר מיר קיין צוריק צו דער קנעכטשאַפט;
כ׳וויל ביזן זיג אָדער טויט מײַנעם קעמפן בא דיר אין דער מאַכנע!

כא־כא־כא...

קלינגען זעכציק טויזנט גאָרגלען:
כא־כא־כא! —

פּהו!.. כאַטש נעם גיי אָטעם באָרגן,
כא־כא־כא!

אָט, א ביסעלע קאַטאָוועס...
אײַ, א קונץ!..

נײַן, באַקלאָגן זיך ניטאָ וואָס
איז אַף אונדז...

עד, וואַריניוס[4] — דו אייזל,
כא־כא־כא!

זעסט, ניט שטענדיק גייט מיט בייזן,
הונט אזוי!..

האָסט געמיינט, וועסט אונדז פאַרדרעגנגען
און ס׳איז אויס. —

זײַנען פון דער רייף דער ענגער
מיר ארויס...

אײַ, א לעקיש!.. אוי, א שוטה!..
אויסצוגיין...

בא די שײַטערס וועכטער ט ו י ט ע
טוען שטיין.

---

[1] באַקכוס — דער גאָט פון ווײַן און פרייד; [2] נאָבילן — די פאָרשטייער פון אדל; [3] קאַפּוע — א שטאָט אין איטאַליע, אין וועלכער עס איז אויסגעבראָכן ספּאַרטאַקס אופשטאַנד; [4] ספּאַרטאַק האָט אָפּגענאַרט דעם פּרעטאָר וואַריניוס מיט זײַן כאַיל — אוועקגעשטעלט לעבן שײַטערס די טויטע קערפּערס פון די געפאַלענע, אונטערגעשפּאַרט זיי מיט דראָנגען און געשאַפן בא וואַריניוסן דעם אײַנדרוק, אז דער לאַגער לעבט זײַן געוויינלעך לעבן. אין דער זעלבער צײַט אָבער איז ספּאַרטאַק אָן פאַרלוסטן אָפּגעטראָטן און פאַרהיט זײַן כאַיל.

אלע יאטן אָפּגעצויגן —
העט שוין העט,

און ער קוקט מיט טיגער־אויגן
און ניט זעט...

קויעך מער ניטאָ צו קײַכן —
כאַ־כאַ־כאַ!

אײַ, די זײַטן... אוי, די בײַכער...
כאַ־כאַ־כאַ!

בערג עס פלאַצן פון געלעכטער,
פעלדזן — אויך.

זיך פאַרשטעלט מיט טויטע וועכטער,
שײַטערס רויך,

מיר — פאַרטײַעטע, געהיימע —
שטיל אוועק.

און וואַרינױוס — בעהיימע
היט דעם וועג און היט דעם וועג...

מאַרקוס ליצינױוס קראַסוס[1]

„ניין, איר פּאַטערס פון סענאַט,
איר ט'קיין טאָעס ניט געהאַט!
אָנגעטראָפן פּונקט אין אָדער:
וועמען איר באַדאַרפט, איצט האָט איר...

זיבן הונדערט יאָר שוין באַלד,
זינט רוים יענעם אַלץ באַפאַלט.
זינט דער צײַט פון האַניבאַל
ניט געווען איז אַזאַ פאַל,
עמעץ זאָל אַף רוים זיך וואַרפן,
רוים באַשיצן זיך זאָל דאַרפן.

איצט אַוועק עס איז צו ווײַט;
זינדיק־לאַנג ציט זיך די צײַט!
וווּ איז יענע שטײַפע האַסט,
וואָס פאַר שטאַרקע רוימער פאַסט?
ווייל דיר, רוימישער סענאַט,
האָסט קיין טאָעס ניט געהאַט,
ווען האָסט קראַסוסן באַשטימט
ווערגן גלאַדיאַטאָר־הינט!..“

פון מיצראַים — גלאָז און לײַן,
פון יעהודאָ — שטאַרקסטן ווײַן,
פון אייבייע — מירמלשטיין,
פון קירענא — העלפאַנדביין,
טעפּיכער — פון פּערסנלאַנד,
פון בראַקאַרא — וואָל־געוואַנט
ווער האָט האַלב אומזיסט געבראַכט,
רוים און זיך אויך רײַך געמאַכט?

מאַרקוס ליצינױוס קראַסוס!

ווער פאַרט איבער יאַם און בערג,
קויפט אָפּ גאַנצע שקלאַפן־מערק?
גאַנצע מערק — ווי ס'גייט און שטייט;
ס'קלעקט פאַר אַלעמען זײַן קייט,
יעדער אײַנקויף אים דערפרייט.
מענטש איז סכוירע, סכוירע — גאָלד.
ער דאָך גאָלד האָט שרעקלעך האָלט!

מאַרקוס ליצינױוס קראַסוס!

ווער ווערט רײַך פון וווּכערײַ,
נעמט פאַר יעדן אַס[2] אָפּ דרײַ?
אַ סעסטערציע[3] אַז ער גיט,
ער עס גאָר אַ שלייף פאַרציט —
מיט אַ שפּינישן געדולד
וואַרט ער, כּדי זאָל ווערן שולד,
ביז ער סאָפּקאַלסאָף נעמט אָפּ
יענעמס פרײַהײַט פאַר זײַן גאָב...

מאַרקוס ליצינױוס קראַסוס!

פרעגט זיך: ווער בעראָש דאַרף שטיין
פונעם כאַיל, וואָס געמיין?
קעגן פרײַהײַט ווער זאָל גיין?
אָפן אומרעכט — ווער באַשטיין?
רײַכסטער מאַן אין גאַנצן לאַנד,
פרעכסטער פונעם רײַטער־שטאַנד,
רויבערישסטער ספּעקוליאַנט,
בלוטזויפּער פון קווירינאַל[4],
וואָלף, היִענע, הונט, שאַקאַל —

מאַרקוס ליצינױוס קראַסוס!

---

[1] מאַרקוס ליצינױוס קראַסוס — אַן אַרמיי־פירער, וואָס האָט אַכזאָריעסדיק ליקווידירט ספּאַרטאַקס אופשטאַנד;
[2] אַס — אַ קליינע רוימישע מאַטבייע; [3] סעסטערציע — גרעסערע רוימישע מאַטבייע; [4] קווירינאַל — איינער פון די זיבן בערגלעך, אַף וועלכע עס שטייט רוים.

זאָל זײַן עס אונדז א לער...

— מיט אויגן, פול מיט זאמד
פון לאנגער נאכט אָן שלאָף,
דעם נעכטן איך באקוק
און מי זיך זען דעם מאָרגן.

ניטאָ מער ענאָמײַ,
ס'ליגט אָן אָן אָטעם קריקס[1],
און צוואנציק טויזנט מאן,
אזוי ווי זיי — אָן לעבן.

כ'האָב אופגעוועקט אײַך פרי,
געבראכט אײַך צו מײַן צעלט —
צונויפגערופן דאָ:
א י ך שטראָפן, ז י ך באשטראָפן.

דאָס דריטע יאָר מע קעמפט.
געוואשענע אין בלוט,
פארפאָלגטע פונעם טויט,
מיר נעמען די ניצכוינעס.

אין וואָגל און געפאר,
באגראָבנדיק א פרײַנט,
געניסן מיר די פרייד
פון העכסטן גליק — דער פרײַהײַט...

טאָ ווי האָסטו געוואגט?
אָ, ענטפער, טויטער קריקס!
בא אונדז דאָס אומקומען
באפרײַט ניט פון אכרײַעס;

ווען עמעצער טוט קרום,
באגייט א בייזע טאט,
ער וועט ניט מיט זײַן טויט
זײַן שיפלעס אויסבאהאלטן...

דאָך, קריקס, ניט דו אליין —
דער טרעגער פון דײַן זינד.
באם קלאל פאראן א קלאל:
א פרײַנט איז ניט קיין צופאל...

דײַן זינד איז א ו נ ד ז ע ר שאנד,
דײַן פעלשונג — א ו נ ד ז ע ר בראָך,

דײַן אָפטריניקײַט־כעט —
אָ, אלעמענס פארברעכן...

ווּ בין דען איך געווען?
ווי איז מײַן פירער־אויג
געווען אזוי־אָ בלינד,
אז כ'האָב פאראט דערלאָזן?

ספארטאקוס, ס'לעצטע מאָל
זאָל אָט אזוינס געשען!
ניט רעכט איז זוכן שולד,
נאָכדעם ווי זי ט'געשעדיקט!

נאָך שווערע דרײַ יאָר קאמף,
נאָך דרייסטקײַט, זיג און רום,
א פעלער האָט געבראכט
אונדז פונדאָסנײַ צום אָנהייב...

זאָל זײַן עס אונדז א לער,
אָן אויסרייד מיר און אײַך,
א גרויזאמער באפעל,
וואָס ווייסט איין שטראָף — די העכסטע!

כ'וועל פאָדערן פון אײַך,
כ'וועל מאָנען שטרענג פון זיך.
דער אויסלייזונג צוליב:
צו קיינעם — קיין ראכמאָנעס!

מיט פלינקײַט פון א הירש,
מיט גוורע פון א לייב
און הארטקײַט פון א שקלאָף
מיר גייען קעמפן ווײַטער.

ס'מוז יעדער פון אונדז זײַן
פונקט ד ע ר, וואָס ברענגט דעם זיג.
ס'מוז יעדער זײַן א העלד,
אניט — איז אונדזער פײַנט ער!

די פרײַהײַט פאָדערט עס.
זי ווייסט ניט פון קיין האלב.
די פרײַהײַט פאָדערט א ל ץ,
ווײַל זי אליין איז אלצדינג!

די סיבע

— טומלט, רעוועט ווילדע פרייד,
אז, דוכט, אלץ אין איר צעגייט.

כ'האָב דערלויבט זיי הײַנט דעם ווײַן,
ער פארגיסן זאָל דעם פײַן,

ווערן ווײ זאָל אופגעלייזט
אין באטויבנדיקער טרייסט...

דרײַ יאָר וואָגל, קאמף און זיג;
אומגליק שלעפט זיך נאָך נאָך גליק,

דעם ניצאָכן אָפט מע זעט
אף מאפאָלעס אויסגעבעט.

וויפל מאָל ט'מען אונדזער שווערד,
ווי אָן אויסלייזער באערט?

[1] קריקס און ענאָמײַ — ספארטאקס געהילפן, וועלכע האָבן אים פאראטן און זײַנען אומגעקומען צוזאמען מיט צוואנציק טויזנט מאן, וואָס זיי האָבן אָפגעריסן פון אים.

אונדזער נאָמען טרייסט און וועקט,
אונדזער אָנקום פרייט און שרעקט.

גאנצע וועלט אף אונדז איצט קוקט,
האלבע וועלט פאר אונדז זיך בוקט,

דאָך עס גייען, גייען טעג,
און עס קומט ניט צו קיין ברעג...

כ'האָב דערלויבט זיי היינט דעם ווײַן,
זיץ איך איצט און הער זיך אײַן,

ווי עס מאָבלט פרייד־געשריי.
וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט זיי,

אז זיי שלײַדערט אלץ אוועק
פון איין עק צום קעגן־עק?..

ווי זשע זאָל איך פירן זיי?
ווער קאָן דען דערפירן זיי?

אז וווהין מע זאָל ניט גיין,
מוז מען גיין און בלײַבן שטיין...

איינער רײַסט זיך גיין פאָרויס,
צווייטער האלט דעם גאנג ניט אויס.

איינער זעט א פרײַע היים,
צווייטער קלערט פון האר געהיים...

אלץ אזוי באזונדער גייט:
גרייטערהייט — ניט צוגעגרייט,

צוגעגרייטערהייט — ניט גרייט
פארן ענדלעכן באשייד..

און די סיבע — ניט אין אונדז.
ניט אין אונדז, און ד אָ ך אין אונדז.

יאָ, מיר לעכצן לעבן פרײַ,
האָסן שרעקלעך שקלאַפערײַ,

דאָך די פרײַהײַט איז פאר אונדז
ניט פארשטענדלעכקײַט, נאָר ווונטש;

צײַטיק איז דעם הארצס פארלאנג,
דאָך ניט רײַף נאָך דער געדאנק...

. . . .

לעש זיך, לעש זיך, ווײַנשטאָק־פרייד,
באלד מוז קומען דער באשייד!

קראסוס פוסטריט נאָך מיר גייט,
לוקולוס אנטקעגן שטייט,

און א לעבעדיקן צוים
שטעלט פאָמפּעוס אוף בא רוים.

דרײַ טאליאַנים אף מײַן קאָפּ...
ניין, ספארטאקוס טרעט ניט אָפּ!

טרעף און פלעט זיי, מײַן באשייד:
פרעטאָר קראסוס, איך בין גרייט!..

אָ, כוואליע, כוואליע ברויזיקע...

— אָ, כוואליע, כוואליע שוימיקע פון דורכגוס בא מעסאנא,
איך שטיי בא דיר, איך קוק אף דיר, בין דיר אזוי מעקאנע!
דו שלאָגסט זיך אָפּ אָן י ע נ ע ם ברעג, סיציליִע באשווענקסטו,
און אין מײַן אָפּגענארט שווער הארץ צעפלאקערט זיך די בענקשאפט...
געווינט בין איך צו ווייטעקן, און פײַנען מיך ניט ארן,
באקאנט איז מיר די ביטערקײַט און זיסקײַט פון געפארן,
באוווסט זײַנען די אָנווערן — דער שוידער־פרײַז פון זיגן,
די שפאנונג, וואָס טוט גלײַכצײַטיק דאָס הארץ מיט צוואנגען דריקן...
און דאָך, אָ כוואליע ברויזיקע, אין מײַנע שווערסטע שאָען
ניט אויסגעקומען בײַצושטיין איז מיר אזא ניסאָיען —
איך זע דיך: שווימסט צו י ע נ ע ם ברעג, דעם ליכטיקן, דעם ווייכן,
און איך פארבלײַב דאָ אָפּגעשיידט און קאָן אים ניט דערגרייכן...
אזויפיל הערצער דאָרשטן גליק — א רויִק, יאָכלאָז לעבן;
געמיינט כ'האָב, אין סיציליִע איך וועל אזוינס זיי געבן,
דאָך אלע מײַנע מיִונגען און האָפענונגען זיסטע
געבליבן זײַנען אָפּגענארט, אנטוישנדיק אומזיסטע...
אָ, כוואליע, כוואליע שטורמישע, באזילבערטע פון אײַלן,
ניט אלץ איז נאָך די העלדישקײַט, די שווערדן און די פײַלן!
די גוווּרע דארף א ווינקעלע, אין וועלכן זי זאָל הויזן,
ווי ס'וואסער דארף א קעסל־גרוב, עס ווירבלען זאָל און ברויזן,
און ווי דער אָדלער מוטיקער, וואָס פלינקער איז פון ווינט,
פארמאָגן מוז א פעלדזן־נעסט, ער פילן זאָל זיך זיכער...

געהאָפּט האָב איך: סיציליִע פאַר אונדז די נעסט וועט ווערן,
ס'וועט אונדז — די קנעכט געוועזענע — דער עטנאַ־באַרג[1] געהערן.
צו אונדזער רו און זיכערקײַט די טיר וועט זײַן מעסאַנאַ,
און פרײַהײַט־זון וועט אופשײַנען אין ענאַ און קאַטאַנאַ[2]...
געטרוימט וועגן סיציליִע כ'האָב, געהאָפּט ביז איר דערלאַנגען;
דערגרייכן כ'זאָל סיציליִע, אַף אַלץ כ'בין אײַנגעגאַנגען —
אַף טרעפן זיך מיט יאַם־רויבער, זיי דולדן און ניט טייטן,
אַף בעטן זייער הילף אָנשטאָט צו שמידן זיי אין קייטן,
אַף אויסהערן די פּלאַפּלערײַ פון הויפּט פון די פּיראַטן,
אַף טרויען ראָצכים, ווען דו ווייסט, זיי קענען דיך פאַראַטן...
געגעבן דעם פּיראַטן־הויפּט כ'האָב מער, ווי ער ט'געבעטן:
געלאָדן קאַסטנס ערץ און גאָלד ביז אָוונט־שטערן שפּעטן.
פאַרטאָג דאָך, ווען ס'האָט מיזרעך־ווינט די זעגלען אָנגעבלאָזן,
אַוועק זײַנען די רויבשיפן — אַנטלאָפן, אונדז געלאָזן...
אָ, כוואַליע, שוועסטער ליַיבלעכע, אַנטלויפנדיקע, לײַכטע,
איך קוק דיר נאָך מיט בענקעניש, מיט שווערע וויִעס פײַכטע,
ניטאָ פאַר מיר סיציליִע, כאָטש אַזוי נאָ'נט איך זע זי...
פון הינטן יאָגט ליצינִיוס, ער שטייט שוין בײַ טעמעסאַ[3].
די גאַנצע ברייט פון ברוטציִום[4] צעגראָבן און באַלאַגערט,
דער יאַם דערטרינקט מיר דעם פּאָרויס און דער צוריקוועג פלאַקערט...
אָ, כוואַליע, כוואַליע האַרציקע, אָ, טרייסטנדיקע כוואַליע,
דו שווענקסט אַראָפּ אַנטוישונגען, וואָס מוט זיי מאַכן קאַליע,
באָדסט אויס אין פרישער לויטערקײַט מײַן האַרץ און מידע גלידער,
נאָך טאָעס און נאָך אומדערפאָלג דער זיג זאָל קומען ווידער.
ניט גרינג איז גיין, ווען ס'איז פאַרצוימט אויך ס'וועגעלע דאָס שמאָלע,
ס'איז גרויזאַם שווער דער פּירער־יאָך, דערהויפּט נאָך אַ מאַפּאָלע!
און דאָך אַ האַרט־אַנטשלאָסענער איך אונטער שווערער לאַסט גיי
צעטראָגן רוימס באַלאַגערונג, צעשמעטערן די פאַסטקע...

די זאַווערוכע

שוואַרצע נאַכט דרייט ווײַסן ווירבער,
ס'ווייִנט און שעלט אַ ווינט אַ מערדער.
ווײַסע פּאַסמעס, שוואַרצע טיכער
שווינדלען, בײַטן זיך די ערטער...

פראָסט און כווישעך, שניי און שטורעם
שלײַפן, שײַערן די וועגן;
קאַלטע נאַכט פאַרטיילט יעסורים —
קנײַפּט די באַקן, רײַסט די נעגל...

דאָך מע גייט, מע גייט פאַרליטן,
און די ריי — ווי לויט אַ ווירע,
כאָטש די וואָלקנס שיטן, שיטן
און סע סאַרפּעט בייזע קרירע...

אַלע שטערן פונעם הימל
האָבן אויפגעפּיקט די ראָבן;

איז ניטאָ פון שײַן קיין סימען,
און אין שניי נאָך שוואַרצט אַ גראָבן,

וואָס פון יאַם ביז יאַם זיך ציט ער,
צען אייל — טיף, די ברייט — צען איילן.
דורכן האַרץ לויפט דורך אַ ציטער,
שאַרפע שרעק די הויט נעמט שיילן.

בלײַבט מען שטיין באַם שוואַרצן גראָבן,
וואָס מע קען אים ניט אַריבער,
און די אײַז־ווינטן, זיי שאָבן
מיט אַ ריבײַזן פון פיבער.

שרעק און כווישעך, וויי און גרוילן,
אַ געמיש פון שווערסטע פּײַנען;
ס'פּאַלט דער שניי — אַזש גאַנצע קנוילן,
ס'הערט דער ווינט ניט אויף צו טײַנען...

[1] עטנאַ — אַ באַרג אַפן אינדזל סיציליִע; [2] מעסאַנאַ, ענאַ, קאַטאַנאַ — שטעט אין סיציליִע; [3] טעמעסאַ — אַ שטאָט אין דאָרעם־איטאַליע; [4] ברוטציִום — אַ געביט אין דאָרעם־איטאַליע. אין סאַמע ענגן אָרט פון דאָזיקן קאַנט האָט קראַסוס דורכגעגראָבן פון יאַם צו יאַם אַ גראָבן און דערמיט אָפּגעשניטן פאַר די שקלאַפן דעם וועג צוריק.

מיטאמאָל: א קאָל טוט וועקן,
מיטאמאָל: באם ראנד פון גראָבן
א באפעל הילכט... הענט זיך שטרעקן —
נעמען ווארפן, שטופן, שטאָפן

די פארגרייטע גראָבע קלעצער,
די אין גאנג געכאַפּטע שטיינער,
די צעזעצטע מויערזעצער,
ביימער־קרוינען, ג א נ צ ע ביימער...

אלצדינג זינקט אריַין, דאָך קנאַפּ איז,
גלייַך ווי ס'וואָלט גאָר דאָרט ניט בלייַבן,
פונקט ווי אומזעבארע לאַפּעס
וואָלטן כאַפּן עס, צערייַבן...

נאָך און נאָך!.. אָ, גיכער, גיכער!
ס'פליט אין גרוב אלץ, וואָס פאַראַנען.
נאַכט פארדעקט, ס'פארשרייַט דער וויכער
דאָס געהילך פון טונען, קאַנען.

דאָס געשלוכץ פון פייַכטער קאָרע,
קרעכץ פון פּלאַצנדיקע ברעטער
און דעם שושקענדיקן שמאָרע
פון די זעק מיט ערד און בלעטער...

פליִען קוישן, פּעסער, קאַסטנס,
פאַלן דישלען, אקס און רעדער,
זינקען אײַן די בעסטע לאַסטן,
באַקסער, בוקסנבוים און צעדער...

נ א ך ניט פול? טאָ זאָל זשע אָנגיין
איצט דאָס סאַמע לעצטע מיטל!
אויב ניט שטיינער, זאַמד און דראָנגען,
איז מ י ט ל ע ב נ ס אים פארשיטן!..

און פון בויך פון זאַווערוכע
שיסט ארויס א טלאָען־טאָפּען.
הייסער שוויס און ווילדע יוכע
יאָגן גלייַך צום טיפן גראָבן.

שטייַפע ליטקעס, לאַנגע גריוועס,
ווי די רייפן, רונדע ריפּן,
הירזשערײַ פול שרעק און כשיוועס,
וויַיסער שוים אף שווארצע ליפּן

מיט א ווילדער האַסט זיך טראָגן,
גלייַך אן אַלפּישע זאַווייע...
און פון הינטן בייַטשן יאָגן,
ס'פייַפט א שמייַסנדיקע שלייע...

פערד נאָך פערד, אָן שפּאַן און רייַטער, —
א טאַבון אראָפּ פון זינען,
און ער טראָגט זיך וויַטער, וויַטער
דורכן דאַמף פון שוויס און סלינע...

פלוצעם: האַלט!.. סע שווארצט אַנטקעגן
אזא טיפער זשעדנער גראָבן;
אָפּגעעקט זיך אלע וועגן...
הייסע אָגערס זיך צעטאָפּען —

אופגעשפּרונגען אף צוויי טלאָען,
זיי צוריק, צוריק זיך רוקן.
אין די אויגן בליצט שיגאָען,
און סע זעצט און זעצט אין רוקן

דער געדראַנג פון די, וואָס הינטן,
אימפּעט־קראַפט פון ווילדן טראָגן.
דוכט, עס העלפן אויך די ווינטן
אינעם טהאָם אריַין פאַריאָגן,

און עס טוט זיך א צעוואַליע
אין אראָפּן און ארופּן
אזא שווערע לייַבער־כוואַליע,
ס'פּאַלט א וואַסערפאַל פון גופים;

קאָפּ פארזינקען, זאַדקעס שטרעקן,
קאָפּעטעס, ווי פויסטן דראָען,
ס'שווינדלען אום צעלאָזטע עקן —
ווילדע וואָנצעס פון שיגאָען,

און דער לייַבער־פאַל גייט וויַטער:
אָגערס, פערד און בייזע שקאַפּעס,
וואָס מיט לאָשעקעס באַם אייַטער,
אף צוריק אומזיסט זיך דראַפּען.

אלץ אראָפּ, אראָפּ, אראָפּ פאַלט:
פערד מיט אָטעם, פלייש אָן אָטעם
יאָגט זיך, טראָגט זיך אָן אָן אָפּהאַלט,
שיט זיך, שיט זיך, ווערט פארשאָטן...
. . . .

פול דער גראָבן... זע, ווי שרעקלעך
פולקייַט ווימלט, פולקייַט רירט זיך;
ס'איז א בריק, וואָס איז באַוועגלעך,
און פון אונטער פיס ער הירזשעט...

אפן בריק אַט דעם־אָ מאָדנעם —
בריק פון גליק און בריק פון גרוילן, —
וואָס אליין, דוכט, אָנגעשאָטן אים,
בריט אזוי און ברענט די זוילן,

ציט די פּיאַטעס, שפּאַנט אָן איקרעס,
וואַרפט, ווי צווישן גרויסע שטיינער.
פיס זיך וואַקלען, ווי פון שיקרעס,
ווי זיי וואָלטן זייַן אָן ביינער...

דאָך זיי קריכן, קריכן, קריכן
איבער פערד, וואָס גסיסע טרייסלט,
דורך די וויַסע, שווארצע ציכן,
אין א פינצטער גרויזאַם שטייסל,

און די מעכטיקע טוקאטשן —
ווינטן אײַזיקע זיי זעצן.
לײַב פון מענטש און זאָד פון קליאטשע
בלוטן זעלביקע פארנעצן...

שווארצע נאכט דרייט ווײַסע וויוגע,
ס'פּײַפן הונדערט טויזנט פײַפלעך,
פערד־נעווײלעס און הארוגים
ליגן דאָ פארגליווערט־שטײַפע,

און אף זיי עס טרעטן נ ײַ ע —
ס'שפארן, ס'שפארן ב יי ד ע זײַטן:
די, וואָס ב ע נ ט ש ן צײַטן פרײַע,
די, וואָס ש ע ל ט ן פרײַע צײַטן...

מענטש און פערד, און נאכט, און וויוגע
אלץ איז אויסגעמישט אינײנעם,
און דערצו נאָך, ווי מעשוגע,
פון גרויס שרעק — אָן שרעק פאר קיינעם...

פליִען שפּיזן, פאלן גופים;
לײַב אף לײַב, אף לײַב — א טורעם,
און עס ווערט ניט מיד צו רופן
און צו טרײַבן בייזער שטורעם...

שווארצע טיכער, ווײַסע פראָנדזן.
ווײַסע ציכן, רויטע פלעקן.
טויטע העלדן צוואנציק טויזנט,
ז אָ ל שוין, זאווערוכע, קלעקן!..

גיט זי נאָך — ווערט שטילער, שטילער
און פארשווינדט קעגן באגינען,
אז עס גלייבט זיך ניט אפילע,
מע זאָל ווען זי ווו געפינען...

גלאדיִאטאָרס צוואנציק טויזנט
זאווערוכע האָט פארשמיסן.
צוואנציק טויזנט! צוואנציק טויזנט!
דאָך אדורך!.. זיך דורכגעריסן!..

אונדזער רעפליק

אין דער אָדעסער צײַטונג „זנאמיא קאָמוניזמא“ פארן 7 יול האָט דער שרײַבער אי. גײַדאיענקאָ אָפּגעדרוקט אן ארטיקל אונטערן קעפּל „פעדלער“ פון יִיסראָעל“.

אין דער פּרעכטיק־שיינער יאם־שטאָט אָדעס קומען, ווי באוווסט, צו פאָרן טוריסטן פון דער גאָרער וועלט. די אײַנוווינער פון דער שטאָט נעמען זיי אוף מיט דער גאנצער גאסטפרײַנטלעכקײַט, וואָס איז אייגנטימלעך אונדזער סאָוועטישן פאָלק, און די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון די געסט ענטפערט מיט פרײַנטשאפט אף פרײַנטשאפט. עס געפינען זיך אָבער צווישן די טוריסטן אויך אזעלכע, וואָס ניצן אויס די געלעגנהײַט, קעדיי דורכצושמוגלען אין אונדזער סוויווע אידעאָלאָגישן סאם. דאָס רופט ארויס געזעצלעכע אומצופרידנקײַט בא די סאָוועטישע מענטשן. און אי. גײַדאיענקאָ רעדט אין זײַן ארטיקל מיט בארעכטיקטן צאָרן וועגן יענע איינצלנע טוריסטן פון יִיסראָעל וואָס פארנעמען זיך מיט פארשפּרייטן ציִעניסטישע ליטעראטור אף די פליאזשן פון די שווארציאמישע קוראָרט־שטעט. אָבער דער אוויטאָר פונעם ארטיקל, וועלכער איז, ווײַזט אויס, פארפירט געוואָרן דורך דעם, וואָס די אומגעבעטענע „קולטור־טרעגער“ האָבן צווישן אנדערע זייערע ביכער פארשפּרייט אויך א לידער־זאמלונג פונעם גרויסן דיכטער כאיִם־נאכמען ביאליק אין דער רוסישער איבערזעצונג, איז מיטאמאָל אָנגעפאלן אויך אף ביאליקן, דערבײַ האָט ער באוויזן, אז ער האָט ניט די מינדסטע אנונג אין ביאליקס שאפונג.

עס לוינט דעריבער דערמאָנען אי. גײַדאיענקאָן די אָפּשאצונג, וואָס ווערט געגעבן ביאליקן אין ערשטן באנד פון דער „ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע“, וועלכע איז דערשינען גאָר ניט לאנג, נעמלעך אין 1962 יאָר. „האגאם א געוויסע טייל פון ביאליקס פּאָעטישע ווערק איז פארבונדן מיט דער בורזשואז־ציִעניסטישער באוועגונג און איז דורכגעדרונגען מיט נאציִאָנאליסטיש־ראָמאנטישן פּאטאָס, זײַנען דאָך די געשטאלטן און סימבאָלן פון ביאליקס דיכטונג ברייטער פון זײַנע באגרענעצטע אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען; אין זײַנע בעסטע שאפונגען דערהייבט ער זיך צום ניוואָ פון א נאציִאָנאלן פאָלקסדיכטער“.

פארשטענדלעך, אז מיר זײַנען ניט גענייגט, ווי דאָס טוט גײַדאיענקאָ, אָפּטרעטן די גאנצע שאפונג ביאליקס דעם ציִעניזם, אופהענגען אף ביאליקן א שילדל מיטן אופשריפט „טרובאדור פון ציִעניזם“.

כאיִם־נאכמען ביאליק איז אָן אן ערעך א מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר אי. גײַדאיענקאָ.

מאקסים גאָרקי האָט נאָך אין 1916 געשריבן: „פאר מיר איז ביאליק א גרויסער פּאָעט, א זעלטענע און פולקומע פארקערפערונג פונעם גײַסט פון זײַן פאָלק...“ שפּעטער, אין 1934, האָט גאָרקי אפן ערשטן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער גערעדט וועגן ביאליקן, ווי וועגן א „קימאט געניִאלן פּאָעט“. אגעוו, וועגן דעם דערציילט אין הײַנטיקן נומער פון אונדזער זשורנאל דער שרײַבער נאָטע לוריע, א דעלעגאט פון דעם דאָזיקן צוזאמענפאָר, אויך, ווי גײַדאיענקאָ, אן אָדעסער שרײַבער.

בלימע יאַקיר

געבוירן אין 1936 אין זגוריצע (מאָלדאַוויע). פאַרענדיקט דעם קעשענעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין יאָר 1958. אַרבעט אַלס לערערן פון שפּראַך און ליטעראַטור אין קעשענעוו.

די פאַנאַטיקערן

דאַס אַלץ איז פאַרלאָפן, ווען איך בין געווען אַ שילערן פון צענטן קלאַס פון אַ מיידלשער שול. איר געדענקט דאָך געוויס, אַז דעמלט זײַנען באַ אונדז געווען באַזונדערע שולן פאַר ייִנגלעך און פאַר מיידלעך. איצט בין איך שוין אַליין אַ לערערן. ווען עס דוכט זיך מיר אַמאָל — איך קאָן ניט געפינען קיין וועג צו די קינדערשע הערצער, דערמאָן איך זיך ווידער און ווידער אָן דער ניט גאָר אַלטער געשיכטע, וואָס ווערט דאָ דערציילט, און ס׳ווערט מיר לײַכטער אויפן האַרצן.

I

דערפאַרענע און געניטע פּעדאַגאָגן האָבן אַזוי געזאָגט וועגן אונדז:

— פייִקע מיידלעך, אויסגעשפּילטע, נאָר דער קלאַס איז אַ שווערער. אַ האַרט ניסל, ניט אײַנצובײַסן.

נײַע פּעדאַגאָגן פלעגן אַרײַנקומען צו אונדז מיט פאַרדאַכט און מיט אַ גרייט שמייכעלע אויף די ליפּן:

— אַ גוט־מאָרגן, מיידלעך! לאָמיר זיך באַקענען. מע רופט מיך ציליע אַבראַמאָוונע (אָדער קלאַווּדיאַ אַנדרייעוונע, אָדער מיכאַיל דאַווידאָוויטש. פאַריקן יאָר האָבן נאָר אויפן לימעד פון פיזיק באַ אונדז זיך געביטן פיר לערער). איר דאַרפט וויסן, מיידלעך, אַז איר זײַט שוין ניט קיין שילערנס פונעם זעקסטן קלאַס (אָדער פונעם זיבעטן, פונעם אַכטן קלאַס אאַוו., אָפּהענגיק פון דעם קלאַס, וועלכן מיר האָבן פאַרענדיקט פאַריקן יאָר). הײַנטיקס יאָר וועט אײַך אויסקומען זיך לערנען אַ סאַך און אָנגעשטרענגט.

— אַ געדולע אויף דער באָבען, — האָט עמעצער אַ כיכיקע געטאָן.

אין אַזעלכע פאַלן האָט דער נײַער לערער געוויינלעך געענטפערט:

— יאָ אַ געדולע, ניט קיין געדולע, אָבער לערנען זיך דאַרף מען שטענדיק מיט פלײַס. אָדער:

— ווי עס זעט אויס, וועט מען עמעצן דאַרפן פונסנײַ דערמאָנען אין די „קלאָלים פון אויפירונג פאַר די שילער“...

אייניקע לערער, פאַרקערט, האָבן פּאַשעט געפּרווט מאַכן זיך ניט וויסנדיק, ווי איינער זאָגט: „רעדט אײַך, קינדערלעך, וויפל אײַער האַרץ גלוסט, איר וועט בעמיילע מוזן טאָן דאָס, וואָס מיר וועלן הייסן“.

— אַלזאָ, זאָגט זשע, קינדער, וואָס איז אַזוינס פיזיק?

דער קלאַס האָט געשוויגן, גלײַך ער וואָלט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער.

— פיזיק — דאָס איז די לערע וועגן אַלגעמיינע אייגנשאַפטן און געזעצן...

— שטאַרק אינטערעסאַנט...

— די לערע וועגן אַלגעמיינע אייגנשאַפטן און געזעצן...

געוויינלעך האָבן די לערער פון פיזיק מער ווי איין סעמעסטער אין אונדזער קלאַס ניט אויסגעהאַלטן. ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אַ קלאַס פון געראָטענע און פייִקע מיידלעך. אפשטעם דערפאַר טאַקע האָט די דירעקציע פון דער שול ניט אָנגעווענדט צו אונדז קיין האַרבע מיטלען

(אַך, אַך! ווי איז עס גאָר געהערט געוואָרן, מע זאָל אויסשליסן שילערנס, און נאָך גראַטעטנע דערצו?).

מיט פיזיק האָט בא אונדז ווירקלעך געהאַלטן שלעכט. באַזונדערס אין די עלטערע קלאַסן. עמעס, אין אכטן איז געווען אַ לערער, וויקטאָר וויקטאָראָוויטש, וועמעס לעקציע מיר האָבן זייער ליב געהאַט. דאַרף גראָד אָף אונדזער מאַזל טרעפן, אַז ער ווערט קראַנק און גייט אוועק פון דער שול. דערנאָך איז אַוועק אַ גאַנג. די לערער פון פיזיק האָבן זיך גענומען בײַטן קימאַט יעדן קוואַרטאַל. אין נײַנטן קלאַס, סאַף צווייטן סעמעסטער, זײַנען מיר באַגליקט געוואָרן מיט אַ נײַער לערערן — אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ.

דאָס איז געווען אַ שטאַלטנע, שיינע פרוי, פאַרפוצט, ווי מע זאָגט, אין האָניק און אין עסיק. מיט עפעס האָט זי דערמאָנט אין יענער אידעאַלער באַשיידענער און שיינער לערערן פון די קאַרטלעך „לעקאָוועד דעם אכטן מאַרט", וועלכע באַקומט בלומען פון די קינדער מיט אַ ליבלעך־זיסלעכן שמייכל אָף די ליפּן. געוויינלעך פלעגט אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ זיך באַווײַזן אין קלאַס אַ מינוט נאָכן קלונג. רויִק פלעגט זי אָפּמערקן די אָפּוועזנדיקע שילערנס און אַרויסרופן צום טאָוול, איינע נאָך דער אַנדערער, דרײַ מיידלעך נאָכאַנאַנד. ווען זי האָט מאַטריִעך געווען די דריטע, פלעגט שוין דער קלאַס פאַרמאַכן די לערנביכער, פרײַ אָפּעטעמען און זיך רויִק נעמען גרייטן צו דער קומענדיקער לעקציע. אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ פלעגט געוויינלעך שטעלן די ענטפערנדיקע איין דרײַ און צוויי פירן אָדער, פאַרקערט, איין פיר און צוויי דרײַען; פינפן האָבן באַקומען נאָר די אַזוינס־ווי־אַזעלכעדיקע, און וועגן צווייען האָט קימאַט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. זעט אויס, אַז אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ האָט זייער געשאַנעוועט איר געזונט און איר שיינקייט. זי פלעגט זעלטן אופשטיין פונעם אָרט, קיינמאָל ניט אופהייבן די שטים. פון אונדז האָט זי געפאָדערט נאָר איין זאַך — רויִקייט. וואָס־וואָס, נאָר אָף אירע לעקציעס האָט געהערשט אַן אידעאַלע שטילקייט! יעדע שילערן האָט זיך פאַרנומען מיט וואָס איר האָרץ גלוסט. ווער עס האָט איבערגעשריבן בא איר שכיינע אַ געאָמעטרישע אופגאַבע, ווער עס האָט שטילערהייט געמאַלעגיירעט געשיכטע, און ווער עס האָט גאָר געשפּילט אין „יאַם־שלאַכטן".

געענדיקט מיטן אויספרעגן, האָט זיך אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ גענומען ניט געכאַפּט דערקלערן דעם נײַעם מאַטעריאַל: עפעס אָנגעשריבן אָפן טאָוול, געבראַכט פאָרמולעס, געמאַכט אויספירן. דערבײַ פלעגט זי אַפילע קיין קוק ניט טאָן אָפן קלאַס, גלײַך עס וואָלטן דאָ געווען נאָר זי בײַדע — זי און דער טאָוול. דרײַ מינוט פאַרן קלונג פלעגט זי זאָגן:

— אַלע עפענען די לערנביכער אָף זײַט 136. געפונען? אַלזאָ, ביז זײַט 138. מײַנע טײַערע, באַמיט זיך אַליין פאַנאַנדערקלײַבן. דער מאַטעריאַל איז ניט קיין שווערער.

און אין איין קעהערעף־אײַין פלעגט זי פאַרשווינדן.

אַ קאָל האָט די אַלגע געהאַט אַ רויִקס, אַ גלײַכמעסיקס, איך וואָלט זאָגן אַפילע אַ סאַמעטנס. שטעלנדיק אַמאָל עמעצן אַ צוויי, פלעגט זי קוקן שמערצלעך אָף דער „אומגליקלעכער".

— ליבינקע מײַנע, מע קאָן דאָך אַזוי ניט ענטפערן. איך גלייב, אַז איר זײַט אײַנשטימיק מיט מיר!

ווען אָף דער לעקציע פון פיזיק פלעגט דאַרפן עמעצער קומען — דער זאַווּוטש[1] אָדער דער אינספּעקטאָר, פלעגט אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ אָנטאָן איר טונקל־בלויען, שטרענגען ענגלישן קאָסטיום, וועלכער איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אָף איר שלאַנקער פיגור. זי האָט אויך געבראַכט מיט זיך אַן אַ שיר פיזיק־מאַכשירים, וועלכע מיר האָבן ביז דעמלט אַפילע ניט געזען, און האָט אַרויסגערופן צום טאָוול די בעסטע שילערנס. אָף אַזאַ לעקציע פלעגט זי מיט אַ פריילעכער מינע דעמאָנסטרירן פאַרשיידענע עקספּערימענטן און אַ לעבעדיק אופגעהײַטערטע דערקלערן דעם נײַעם מאַטעריאַל, אַזוי אַז מיר פלעגן אופהערן איבערשרײַבן איינע בא דער אַנדערער די אופגאַבן אָף געאָמעטריע.

וואָס איז דאָ צו ריידן, די לעקציע פלעגט דורכגיין אָפן בעסטן אופן... דער זאַוווטש האָט צופרידן געשמייכלט, גלעטנדיק זיך דאָס פּליכל, און ניט געזשאַלעוועט קיין שוואָכים. אויך אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ, אַ צופרידענע, מיט אַ קאָל — גאַלע פּאַטעקע, פלעגט אונדז ליבלעך בעטן, מיר זאָלן אַוועקטראָגן אָף אַן אָרט די מאַכשירים. און מיר זײַנען אַלע געקומען צו איין אויספיר: נישקאָשע, מיט אָט דער אַלגע קאָן מען אויסקומען.

עפעס איינמאָל האָט זיך אַלגאַ אַנדריִיאַנאָוונאַ מודיע געווען (וואָס איז מיט איר געשען, האָבן מיר ניט געקאָנט פאַרשטיין), אַז, דעם עמעס געזאָגט, האָט זי אין די יונגע יאָרן מער געצויגן צו הומאַניטאַרע געגנשטאַנדן, נאָר ווײַל אירע עלטערן זײַנען געווען פיזיקער, האָט זי ניט געוואָלט ברעכן די מישפּאָכע־טראַדיציע, כאָטש, לויט איר באַשיידענער מיינונג, איז פיזיק גיכער אַ

[1] פאַרוואַלטער פון לערן־אָפּטייל.

מאנצבלשע פּראָפּעסיע. פאַרשטייט זיך, אַז וויסן פיזיק דאַרף מען אַף אַזויפיל, אַף וויפל די פּראָ־גראַם פאָדערט, נאָר, ווי איר איז באַוווּסט, איז דער כּיין פון אַ פרוי נאָך קיינמאָל ניט געמינערט געוואָרן פון ניט קענען פיזיק.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר זײַנען אַלע ווי איין מענטש מאַסכּים געווען מיט אונדזער גע־ניטער לערערן.

זומער־צײַט האָט זיך אָלגאַ אַנדריִאַנאָוונאַ אין איינעם אַ טאָג גאָר וואַרעם צעזעגנט מיט אונדז:

— מײַנע טײַערע מיידלעך, איך מוז זיך שיידן מיט אײַך. מע האָט מײַן מאַן אַריבערגעפירט אַף אַרבעט קיין לענינגראַד.

און מיר האָבן רויִק, אפילו אָן אַ שאָטן באַדויערונג, באַגלייט די דאָזיקע לערערן אונדזערע און מיט באַרעכטיקטן נײַגער גענומען וואַרטן אַפן נײַעם פיזיקער.

2

דאָס נײַע לערניאָר האָט זיך אָנגעהויבן זייער פײַערלעך. אַף דער ליניקע האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז דער צענטער קלאַס איז דער אַנטשיידנדיקסטער אין אונדזער לעבן, אַז מע באַדאַרף מיט אומגעהייערן פלײַס באַהערשן אַלע וויסנשאַפטן, מע דאַרף סיסטעמאַטיש איבערכאַזערן דעם פריִערדיקן מאַטעריאַל, מע דאַרף... אָך, גאָט מײַן גאָט, עס איז דען דאָ אַ שיר צום דאַרפן?! מיר זײַנען געשטאַנען אַלע זייער סטאַטעטשנע, איך וואָלט אַפילו געזאָגט, אַ ביסל אָנגעגווידערט... עמעס, די אַכטע און נײַנטע קלאַסן האָבן געקוקט אַף אונדז מיט איראָניע, דערפאַר האָבן מיר זיך מאַמעש געשמאָלצן פון די באַגײַסטערטע בליקן, וואָס עס האָט אַף אונדז געוואָרפן דאָס קליינוואַרג.

עס זײַנען פאַריבער גאַנצע צוויי וואָכן... מיר האָבן שוין באַוויזן זיך צוגעוווינען דערצו, אַז מיר זײַנען דער אַרויסלאָז־קלאַס, און אויך דערצו, אַז אַף דער לעקציע פון פיזיק מאַרשירן מיר פריילעך אַהיים. ערשט סאָף דריטע וואָך האָט זיך אין קלאַס באַוויזן אונדזער זאַוווּטש.

— הערט, מיידלעך, באַלד וועט קומען צו אײַך אַ נײַער לערער פון פיזיק. זעט, פאַרשעמט ניט דעם נאָמען „שילערנס פונעם צענטן קלאַס". — אָפּגעזאָגט זײַנס, איז ער אַוועק.

— ביטער, קינדער, ביטער. אַ סאָף צום גאָלדענעם לעבן.

— אינטערעסאַנט, ער איז אַ יונגער צי אַן אַלטער?

— וועמען וואָס, סימען ליגט אירס אין זינען...

— שאַ! ער גייט!..

די טיר האָט עפּעס מאָדנע אַ טאַראַבעניק געטאָן, און אין קלאַס איז אַרײַן פּײַל־אויסן־בויגן, עפּעס טאַקע נאָר ווי זיך אַרײַנגעריסן, אַ קליינע פרוי, אַ קאַנטיקע, אַ דאַרע, אַ רירעוודיקע, אַ שטיק קוועקזילבער. ווי פון זיך אַליין האָט זיך געעפנט דער זשורנאַל, עס האָט זיך באַוויזן אַן אַוטאָמאַטיש הענטל, פלינק האָט זי אַ שלעפּ געטאָן אַ בענקל, אַף וועלכן זי האָט, קאַנטיק, אַפילו זיך ניט געקליבן זיצן.

— אַ גוט־מאָרגן, זיצט. דאָס בין איך אײַער לערערן פון פיזיק. און וואָס אַזוינס איז פיזיק, ווייסט איר?..

דער קלאַס איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. מיר זײַנען געווען געוווינט, אַז אַף דער באַקאַנט־שאַפט זאָל אַוועקגיין די גאַנצע לעקציע, און נאָ דיר גאָר: „וואָס איז אַזוינס פיזיק?"

— נו, ווער וועט זאָגן? קיינער ניט?

די שטענדיק געוואַגטע ראַיִסע טשערנעצקע, דער קינפּטיקער שטערן פון די „פּינקטלעכע וויסנשאַפטן", האָט, דאָס מאָל ציטערנדיק, אופגעהויבן די האַנט.

— איר ווילט ענטפערן? ביטע, רעדט.

— פיזיק — דאָס איז די לערע וועגן די אַלגעמיינע אייגנשאַפטן און געזעצן...

— אַ פּוסטע מײַסע! זיצט!

— ??

מיר זײַנען אַלע געבליבן זיצן פאַרשטאַרטע.

— פיזיק... דאָס איז אַלץ. יאָ, יאָ! אַלץ! איר לייענט בײַ אַ טישלאָמפּ. איר פּרעסט מיט אַ פּרעסל. איר האָט ליב צו הערן ראַדיאָ, איר רעדט דורכן טעלעפאָן. יאָ, יאָ, דורכן טעלעפאָן! און מיט אַן אַעראָפּלאַן זײַט איר מינאַסטאָם שוין אויך געפלויגן? און מיטן צוג זײַט איר געוויס געפאָרן? און אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען אין יעדער דירע וועט זײַן אַ קילקאַסטן, אַ שטויב־זויגער, אַ טעלעוויזער, וואָס וועט איר דעמלט זאָגן, האַ? איך פרעג אײַך, יאָ, אײַך פרעג איך! דעמלט וועט איר אויך באַמקען אונטער דער נאָז, אַז פיזיק — דאָס איז די לערע וועגן אַלגעמיינע

אייגנשאפטן און געזעצן?.. — האָט אונדזער פיזיקערן, נאָכקרימענדיק מיט א באַזונדער מין גע־שיקטקייט ראַיסען, אויסגעשאָסן, זיך א רעגע אָפּגעשטעלט, גלײַך זי וואָלט וועלן איבערכאַפּן דעם אָטעם, און מיט א באַדויערנדיקן בליק באַטראַכט דעם קלאַס אונדזערן. — עס איז ניט ווײַט דער טאָג, ווען דער מענטש וועט פליִען צו אַנדערע פּלאַנעטן. מיט א יאָר שפּעטער צי מיט א יאָר פריִער, נאָר ער וועט פליִען, אין דעם צווייפל איך ניט! און דער מענטש וועט זיך דערוויסן אַזוינס, וואָס איז נאָך דערווײַל ניט פאַראַן אין קיין שום לערנבוך. און איר זאָגט: „פיזיק — דאָס איז א לערע"... ניין, פיזיק — דאָס איז דאָס לעבן אַליין!

א מאָדנער מענטש...

אונדזער נײַע לערערן (איר נאָמען און פאָטערס נאָמען האָט זי אונדז נאָך ניט געזאָגט) איז אָנגעטאָן עפּעס זייער אויסטערליש: א לאַנגע ברוינלעכע קלייד מיט פאַרוועלקטע קווייטעלעך און דרייִדעלעך. זי איז אַפילו נידעריקער פון אונדזער דרויבעלע לענע גראַמאַווע, און אין דעם לאַנגן קלייד זעט זי אויס נאָך קלענער. אָף די פיס טראָגט זי גרויסע, מעשונעדיקע טופליעס מיט שפּראַנטשקעס, אָף קליינע קנאָפּעלעך, און ווײַסע סקאַרפּעטקעס מיט פאַרשיידענע שטרײַפּעלעך.

דאָס קירפּאַטע נעזל איז בא אונדזער לערערן א שאַרפּס, די ליפּן זײַנען פאַרשנורעוועטע און שאַרפע, אינגאַנצן איז זי עפּעס א שאַרפע, און די ווערטער באַקומען זיך בא איר אויך שאַרפע, ווי א גאָלמעסער. דער דינער שוואַרצער צאָפּ איז פאַרפלאָכטן ווי א קרוין, קעדיי זי זאָל אויסזען כאָטש א ביסל העכער.

יאָ, קיין שיינע איז זי ניט, אונדזער פיזיקערן.

דאָס גלעקל האָט א קלונג געטאָן אַזוי גיך און אומדערוואַרט, ווי קיינמאָל ניט.

— שוין? דער קלונג? נו, האָבן מיר זיך פאַרעדט, מיידלעך, — האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל גאָר צעשמייכלט אונדזער פיזיקערן. א שמייכל, לאָזט זיך אויס, האָט זי א וווּנדערלעכן! דאָס שאַרפע נעזל גיט זיך עפּעס אַזוי קינדיש, קאָטאָוועסדיק א קנייטש, די פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך ווערן קײַלעכיק, ווי א קאָפּעקע, און די שוואַרצע שעלמישע אויגן באַקומען אַלע זיבן כיינען. אין דער רעגע זעט זי אויס אַפילו שיין.

— קיין נײַעם מאַטעריאַל וועל איך אײַך ניט פאַרגעבן, אָבער די לעצטע אָפּטיילן פונעם בײַנטן קלאַס וועל איך אײַך, וואַרשײַנלעך, פרעגן. אָף ווידערזען.

— און וויאַזוי רופט מען אײַך? — האָט עמעצער ניט אויסגעהאַלטן.

— ווי מע רופט מיך? — האָט איבערגעפרעגט א פאַרכידעשטע די לערערן. — הא, ווי מען רופט מיך, הייסט עס? נו, טאַיִסיא אקימאָוונא.

און דאָס קליינע פיגורל אין די גרויסע טופליעס מיט די שפּראַנטשקעס און אין די ווײַסע סקאַרפּעטקעס מיט די פאַרביקע שטרײַפּעלעך פאַרשווינדט אויגנבליקלעך. איידער מיר קומען צו־זיך, זיצן מיר א היפּש שטיקל צײַט און שווײַגן.

3

אונדזערע „קענטעניש", דה. דאָס, וואָס איז בא אונדז געבליבן אין קאָפּ פונעם נײַנטן קלאַס, האָבן געמאַכט אָף אונדזער פיזיקערן א גוואַלדיקן רושעם. בלויז ראַיסע טשערנעצקע און נאָך א צוויי־דרײַ שילערנס האָבן געענטפערט אַזוי זיך, די איבעריקע האָבן געשטאַמלט, געפּלאָנ־טעט, זיך געריוויטלט און אַרופגעוואָרפן די גאַנצע שולד אָף די לערער פון פיזיק, וועלכע האָבן זיך צו אָפט געביטן. אונדזער טאַיִסיא אקימאָוונא איז, נעבעך, געזעסן א בלייכע, זיך אָנגעכאַפּט אַלע־מאָל מיט ביידע הענט באַם קאָפּ און געבראָקט צווייען אָף לינקס און אָף רעכטס. אירע שוואַרצע, לענגלעכע אויגן זײַנען געוואָרן עפּעס נאָך לענגער און שמעלער. יעדע איינע פון אונדז האָט געזען אין זיי צאָרן, מיטלײַד און די סילועטן פון די צוקינפטיקע צווייען.

דער קלאַס האָט געפיבערט. אַלע לעקציעס פון די קראַנק געוואָרענע לערער האָט מען גענומען פאַרבײַטן מיט פיזיק. צוגאָב־לימודים אָף פיזיק זײַנען געוואָרן א וואָכעדיקע זאַך, און דער גאַנצער קלאַס איז זיי מעכוּיעוו געווען צו באַזוכן. אָף דער האַפּסאָקע האָט „טאַיִסיע" (אַזוי האָבן מיר זי שוין גענומען רופן צווישן זיך) אונדז קימאַט ווי ניט אַרויסגעלאָזט פון קלאַס, און מיר פלעגן שוין אַזוי מוזן זיצן, ווי מע זאָגט, אין געהאַקטע וווּנדן ביז דעם קומענדיקן לימעד.

טעאָרעטיש האָבן מיר זייער גוט באַנומען, אַז די בלויזן אין פיזיק זײַנען בא אונדז גרויס און ספּראַווען זיך מיט זיי נאָר אָף די לימודים איז אומעגלעך, נאָר פּראַקטיש... פּראַקטיש זײַנען מיר געווען אויסער זיך, געשאָלטן די פיזיקערן אָף וואָס די וועלט שטייט און זיך געהאַלטן פאַר פאַרפאַלענע שלימאַזלניצעס.

אונדזער לערערן האָט ניט גערוט. אין שול האָט אָנגעהויבן אַרבעטן א ראַדיאָקרײַזל, אין וועלכן עס האָט זיך באַטייליקט פרײַוויליק דער גאַנצער קלאַס: אייניקע, ווײַל זיי האָבן זיך ווירק־

לעך פאַרינטערעסירט מיט ראַדיאָטעכניק, אַנדערע, ווײַל זיי האָבן געוואָלט געפֿינען אַ וועג צו טאַיִסיעס האַרץ, און דאָס איז געווען מעגלעך נאָר דעמלט, ווען מע האָט אַרויסגעוויזן אומ־געהייערע ליבע צו פֿיזיק. דער פֿיזיק־קאַבינעט, וועלכער איז אַ פֿאַרוואַרלאָזטער, אַן אומהיימלע־כער פֿריִער אויסגעניצט געוואָרן נאָר צו דעמאָנסטרירן דיאַפּילמען און דורכפֿירן רעפּעטיציעס פֿונעם דראַמקרײַז, איז איצט געוואָרן דער צענטער פֿון דער שול. טאַיִסיע מיט אירע „הויפֿלײַט" ראַיִסע טשערנעצקע און לענע גראַמאָוווע האָבן ניט אופֿגעהערט דאָרט עפּעס צו מײַסטרעווען. אין שול האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַן אייגענע ראַדיאָנעץ. איין מאָל אין צוויי וואָכן האָבן מיר באַזוכט איינינעם מיט טאַיִסיא אַקימאָוונאַ דאָס „קרײַזל פֿון די יונגע פֿיזיקער" באַם מעלוכישן אוניווערסיטעט. אַלץ אָפּטער האָט מען אָנגעהויבן אײַנצוואָרדענען אין שול אָוונטן, געווידמעט דעם אָנדענק פֿון באַרימטע פֿיזיקער. יענע צײַט, ווען אַלגאַ אַנדריאַנאָוונאַ האָט געפּרעפּלט וועגן „ווײַבערשע" און „מאַנצבלשע" וויסנשאַפֿטן, האָט אונדז אויסגעזען, ווי אַ ווײַט־פֿאַרגאַנגענע עפּאָכע...

...און מיטאַמאָל איז אונדזער מאַנאַליטער צענטער קלאַס זיך צעפֿאַלן אויף צוויי שטרײַטנדיקע גרופּעס: אין שפּיץ פֿון טאַיִסיעס פּילצאַליקע אָנהענגערנס איז געשטאַנען ראַיִסע טשערנעצקע, אין שפּיץ פֿון אירע קעגנערנס — סימע גאַלאַנקאָווע.

4

ווער ווייסט, וויפֿל ס׳וואָלט זיך געווען געצויגן אָט דער „בלוטיקער" קאַמף צווישן די אָנהענגערנס און קעגנערנס פֿון טאַיִסיאַ אַקימאָוונאַ, ווען עס וואָלט זיך ניט אַרײַנגעמישט סילוויאַ סטאַניסלאַוואָוונאַ גאַלאַנקאָוואַ. סילוויאַ, סימע גאַלאַנקאָוועס מאַמעלע, איז געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אויף די נעגאַטיווע העלדנס פֿון די גוט באַקאַנטע שוואַרץ־ווײַס דאָזירטע דערציילונגען.

דער מאַן אירער האָט פֿאַרנומען עפּעס אַ גאָר הויכן אַמט, און סילוויאַ סטאַניסלאַוואָוונאַ, אַליין אַ געוועזענע טוערן פֿונעם פּיאַנערן־פּאַלאַץ, האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ מייוון אין פּע־דאַגאָגיק, און אַלס אַזעלכע האָט זי גאָר אויף אַן אַנדער מין אויפֿן גענומען דערציִען איר איין־און־איינציקע טאָכטער.

סימע איז געווען ניט קיין נאַריש מיידל, דערצו אַ גאַנץ פֿייַיקע. מער פֿון אַלע געגנשטאַנדן האָט זי ליב געהאַט ליטעראַטור; האָבנדיק אַ שיינע דיקציע, אָדער, בעסער געזאָגט, אַ צינגל אויף שרויפֿן, האָט זי געקענט דערציילן עפֿעקטפֿול די לעקציע אַפֿילו דעמלט, ווען זי האָט קוים אַרײַנגעקוקט אין לערנבוך. סימע פֿלעגט שטענדיק אָנפֿירן מיט די קינסטלערישע פּראָגראַמען אויף אונדזערע שול־אָוונטן. אויף די לעקציעס פֿון מאַטעמאַטיק און פֿיזיק פֿלעגט זי שרײַבן לידער וועגן דער „ליבע, וועלכע האָט ענדלעך אָנגעקלאַפּט אין טיר, נאָכדעם ווי איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף איר"...

אין קלאַס האָט מען געאַכטעט ראַיִסען, נאָר מע איז אויך געווען באַגײַסטערט פֿון סימעס טאַלאַנטן. טשערנעצקע איז געווען איינע פֿון די פֿייִקסטע שילערנס, גאַלאַנקאָווע האָט מיט דערפֿאָלג געשריבן שריפֿטלעכע אַרבעטן אויף אַ פֿרײַער טעמע, שטענדיק מיט אַ לירישן סאָף און מיט אַן אָסיענדיקן פּייזאַזש. ניט איינער פֿון די לערער פֿלעגט שטעלן גאַלאַנקאָווען פֿירן אויף מאַטעמאַטיק און פֿיזיק, קעדיי ניט קאַליע מאַכן „דאָס אַלגעמיינע בילד" און (צו וואָס באַהאַלטן) קעדיי ניט האָבן צו טאָן מיט איר קאַפּריזנער מאַמע.

סילוויאַ סטאַניסלאַוואָוונאַ האָט געטראָגן אַ מענערישע פֿריזור, געררייכערט אַראָמאַטנע פּאַפּיראָסן, געקענט אַלע לערער, אַפֿילו פֿון די אָנפֿאַנג־קלאַסן, לויט זייער נאָמען און פֿאָטערס נאָמען (כאָטש סימע איז אָנגעקומען צו אונדז גלײַך אין זעקסטן קלאַס) און פֿלעגט יאָר־יערלעך אויסגעוויילט ווערן אין עלטערן־קאָמיטעט. גאַלאַנקאָווע איז שטענדיק געווען אין דער שפּיץ פֿון עפּעס אַ קאָמיסיע. גאַנצע טעג פֿלעגט זי זיצן אין לערער־קאַבינעט, ווי אַן אייגענער מענטש, און מאַמעש בעטן זיך באַ יעדן לערער, ער זאָל זיך באַציִען וואָס שטרענגער צו איר טאָכטער...

— דערווײַל איז ניטאָ קיין שום נויטווענדיקײַט אין דעם, — האָט מען געענטפֿערט דער קאָכיקער מאַמעלען, — אײַער סימע האָט ליב דעם לימעד, זי ענטפֿערט גוט און די שריפֿטלעכע אַרבעטן שרײַבט זי אינטערעסאַנט, אָן גרײַזן.

— אָך! כ׳בעט אײַך, באַרויִקט מיך ניט, איר זײַט צו ווייכהאַרציק, אָבער מײַן סימען דאַרף מען האַלטן אין די הענט. איך פֿאַרשטיי ניט די עלטערן, וועלכע וואַרפֿן אַרויף די שולד אויף די לערער און באַמקען אונטער זייערע קינדער...

אָט די קאָמעדיע האָט אָנגעהאַלטן נאָר ביז דעם טעכטערלס ערשטן דרײַ. דעמלט פֿלעגט

סילוויִא סטאַניסלאַוואָוונא אָנהייבן נערוועז צו רייכערן („אַך, קינדער, קינדער!"), דערנאָך גוטברודעריש א נעם טאָן דעם „פאַרזינדיקטן" לערער אונטערן אָרעם און ריידן, ריידן, ריידן:

— פאַרשטייט מיך ריכטיק. איך פאַרורטייל שטרענג די עלטערן, וועלכע באַשולדיקן אין אַלץ די לערער (אאוו. אדג.). נאָר בא יעלענא אַנדרייעוונא איז מיט מײַן סימעלען אַזעלכס ניט געשען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל...

און דער לערער, אויב ער האָט נאָך ניט געוווּסט וועגן סילוויִא סטאַניסלאַוואָוונעס קונצן, איז געקומען צום טרויעריקן אויספיר, אַז זײַן פאָרגייער איז, ווײַזט אויס, געווען מער באַהאַוונט אין פּעדאַגאָגיק, ווי ער...

ווען סימע האָט באַקומען דעם ערשטן צוויי אַף פיזיק, האָט, פאַרשטייט זיך, די מאַמע גאַלאַנקאָווע אַף אַלע האַפּסאָקעס שפּאַצירט אונטערן אָרעם מיט אונדזער טאַיִסיען (צו אונדזער גרויסער פרייד, זײַנען מיר יענעם טאָג טאַקע פאַרבליבן אָן א היים־אויפגאַבע אַף פיזיק — טאַיִסיע האָט זיך בעשום־אופן ניט געקאָנט אַרויסרײַסן פון יענערס צערטלעכע אָרעמס), אָבער דער שפּאַציר, ווי אויך דער אָפנהאַרציקער שמועס פון „א פרוי מיט א פרוי", האָט א האָר ניט געהאָלפן. ווען סימע האָט באַקומען דעם צווייטן צוויי, האָט סילוויִא גאַלאַנקאָווא גאַנץ אומגעריכט זיך געטראָפן מיט טאַיִסיא אַקימאָוונא באַם אַרויסגאַנג פון דער שול און האָט זי שוין באַגלייט ביז צו דער היים. סילוויִא סטאַניסלאַוואָוונא האָט זיך געפּרוּווט איבערצײַגן אונדזער פיזיקערן, אַז איר סימעלע איז א נערוועז קינד, וואָס איז מער גענייגט צו הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן („יעדע־רער האָט זיך זײַן באַרוף"), כאָטש זי זיצט איצט איבער פיזיק גאַנצע נעכט.

— אײַער סימע איז א פוילי־אַטשקע! א מוירעדיקע פוילי־אַטשקע! כוץ דעם, האָט זי עפּעס א נאַרישן שטאָלץ אין זיך! וואָס זאָג איך שטאָלץ, א מין פּוסטע גײַווע. אַף די צוגאָב־לימודים קומט זי ניט. פון הילף זאָגט זי זיך אָפּ. זי האָט נאָר איין ענטפער: „איר טשעפּעט זיך צו מיר"... עס איז דאָך אַן אומדערהערטע זאַך! יאָ, יאָ, אומדערהערט.

ווען טאַיִסיא אַקימאָוונא איז געווען אויפגערעגט, האָט זי שטענדיק צוויי מאָל איבערגעכאַ־זערט דעם סאָף פון זאַץ. און איצט האָט זיך אַף דער אָרעמער סילוויִא סטאַניסלאַוואָוונא נעבעך א שאָט געטאָן א האָגל קליינע, קורצע, שאַרף־שפּיצעכיקע פראַזעלעך.

גאַלאַנקאָווע האָט באַשלאָסן אויספירן אירס אַף אַן אַנדער אופן.

צו דער צײַט, ווען איר טעכטערל האָט באַקומען דעם דריטן צוויי, האָט זי שוין געהאַט אין איר רעשוס די גאַנצע נייטיקע אינפאָרמאַציע. זי האָט שוין גענוי געוווּסט, אַז אונדזער פיזיקערן ווױנט איינע אַליין („קלאָר ווי דער טאָג, ס'איז א פאַרזעסענע מויד"), און אַז מיט די שכיינים פון דער קאָמונאַלער דירע, כאָטש זי באַנעמט זיך מיט זיי זייער איידל, האָט זי קיין פרײַנטשאַפט ניט אָנגעקניפּט („אָט א מאַרשאַאַס"!), און אַז אין דעם הויז, וווּ טאַיִסיע ווױנט, קומט מען זייער זעלטן אָן צו דער הילף פון אַן עלעקטריקער, ווײַל זי ספּראַוועט זיך מיט אַלץ אַליין. און — הערט, הערט! — אפילו אין קיך הערט זי אויך ניט אויף צו פּלוידערן וועגן פיזיק („ס'אַרא פאַנאַטיזם!").

סילוויִע האָט געוווּסט, ווו א טיר עפנט זיך, זי איז געגאַנגען צום דירעקטאָר פון דער שול, צו פּילצאָליקע אינספּעקטאָרן, און מיטאַמאָל האָבן די לעקציעס פון פיזיק גענומען באַזוכן קאָלער־ליי קאָמיסיעס. פאַרשטייט זיך, אַז מיר, שילערנס, זײַנען געווען אין טויט־שרעק, האָבן געשטאַמלט און געענטפערט ערגער ווי אַלעמאָל.

גאָר אינגיכן האָט זיך אין קלאַס צווישן די אָפּגעשטאַנענע באַוויזן נאָך א קאָרבן פון דער „אַכזאָריעסדיקער פאַנאַטיקערן". גאַלאָטשקע אַלאָווע איז געווען א גראַציִעז, צאַרט מיידל מיט גרויסע, שיינע קעלבערנע אויגן און מיט א שוואַך, דין קעלכל. פון קלאַס צו קלאַס פלעגט זי מאַמעש איבערפויזן אָדער מיט האַרבסט־עקזאַמענס, אָדער מיט פאַרעווע באַלן אַף אַלע לימו־דים (בלויז אַף אופירונג — פינף און אַף פלײַסיקײַט — פינף).

זי האָט זיך מיט קיינעם ניט געכאַווערט און מיט קיינעם ניט געקריגט. אַף די לימודים האָט זי קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקט. אַף די האַפּסאָקעס און צומאָל אפילו אַף די לעקציעס פלעגט זי אַרײַנרײַבן א היפּשן פרישטיק און א שקאַרמיץ מיט שאָקאָלאַד־קאָנפעטן, נאָר דיק איז זי ניט געוואָרן. פאַרקערט, זי האָט עפּעס שטענדיק געהאַט אַן אויסגעמאַטערטן, אויסגעבלייכטן אויסזען, גלײַך זי וואָלט געווען פאַרקנאָטן אַף סאַמע ווײַסלעך.

ווען מע פלעגט זי אַרויסרופן ענטפערן, פלעגט זי אויפשפּרינגען א דערשראָקענע, א צע־כושטע, א כאַפּ טאָן דאָס לערנבוך, פּיבערדיק מישן די זײַטלעך און ערשט דערנאָך שפּאַנען מיט שלאַבעריקע טריט צום טאָוול. אַרויסשטאַמלענדיק צוויי־דרײַ ווערטער, פלעגט זי מיט א פּײַנ־לעכן אויסדרוק אָפן פּאָנעם אויפהייבן אירע פאַרבענקטע אויגן צו דער סטעליע, דערנאָך פלעגט זי זיך אָנכאַפּן אין דעם לערערס א זאַץ און אים ציִען ווי א טייגל, אַלץ קעדיי צו געווינען צײַט.

און אזוי מיטן „אייבערשטנס הילף" פלעגט זיך גאלאָטשקע אומקערן מיט א דרײַ. אָבער ניט טאָמיד פלעגן געשען ניסים. דעמלט פלעגט גאלאָטשקע מיט פארגלאָצטע אויגן און וואקלענדיקע טריט זיך צושארן צו איר אָרט, אַנמעכטיק א פאל טאָן אף דער באנק, מיט גרויס אָנשטרענגונג אופהייבן די האנט און פרעגן מיט א שלאבעריק קאָל:

— מע מעג ארויסגיין? מיר איז זייער ניט גוט...

אייניקע לערער פלעגן זיך דערשרעקן און אפילע שיקן נאָך וואסער. דאַרף אָבער טרעפן א מײַסע, אז אונדזער היסטאָריקער זאָל ארויסלאָזן אלאָוועז פון קלאס אין א האלב פארכאלעשטן צושטאנד און שפעטער א ביסל אויך ארויסגיין אף א ווײַלע. פון בופעט איז צו אים דערגאנגען א באקאנטע שטימע: די פארכאלעשטע אלאָווע האָט, קײַענדיק אףביידע באקן א קניש מיט קרויט, הויך דערציילט דער בופעטשיצע דעם אינהאלט פונעם לעצטן פילם. פון דעמלט אָן איז געקומען א סאָף צו די כאלאַשעסן אין קאָרידאָר און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די הארץ־אטאקעס אין קלאס.

ווי פיל אנדערע לערער, האָט אויך טאַיסיע אקימאָוונא געגלייבט אין אלאָוועס ערשטע כאָלאַשעס, נאָר גלײַך נאָך דער צווייטער אטאקע האָט זי גערעטן גאלאָטשקען, זי זאָל טייקעף גיין צום דאָקטער:

— אויב איר זײַט קראנק, היילט זיך. יאָ, יאָ, היילט זיך. גייט אהיים. רופט ארויס דעם דאָקטער. רוט זיך אויס. יאָ, יאָ! איר וועט קומען אין פיר טעג ארום.

און א ווונק טוענדיק כיטרע צום קלאס, האָט זי צוגעגעבן:

— איר וועט, פארשטייט זיך, ברענגען א מעדיצינישע צײַגעניש.

פון דעמלט אָן האָט גאלאָטשקע זיך פארלאָזט א פּאָנעם פון א מאַרטירערן, זי האָט זיך אָפּט געשושקעט מיט סימעלען און זי מעכאבעד געווען מיט שאָקאָלאַד־קאָנפעקטן...

— אָרעם, אָרעם קינד, זי איז לעצטנס נאָך בלייכער געוואָרן, — האָט זי באַנעבעכט סילוויאַ סטאַניסלאַוואָוונא, וועלכע האָט איבערגעלעבט ניט נאָר פאר איר קינד, נאָר אויך פאר פרעמדע.

אין איינעם א טאָג האָט סימע א שושקע געטאָן יעדערער פון אונדז אין אויער, אז אינגיכן וועט מען טאַיסיען „געבן פעפער שמעקן, נאָר האלט זיך, כעוורע!" די לערער זײַנען ארומגעגאנגען פארכמורעטע, פארדײַגעטע, און נאָר אונדזער פיזיקערן — גלײַך ניט זי מיינט מען עס.

אפן צווייטן טאָג איז ווי א וויכער ארײַן אין קלאס גאלאָטשקע:

— אוי, מיידלעך, ווען איר הערט, ווי איך האָב נעכטן אפן צוגאָב־לימעד געענטפערט, אזוי געענטפערט! שטעלט זיך פאָר, איך האָב באקומען א פּיר! לאָזט זיך גאָר אויס, אז זי האָט א גאָלדן הארץ... וויאַזוי איז זי נעבעך ארויס נאָך דער נעכטיקער פארזאמלונג!

— וועלכע פארזאמלונג?

— וועגן וואָס רעדסטו?

ראַיסע האָט גענומען טרייסלען די דערשראָקענע אלאָווע:

— גאלקע, זאָלסט גלײַך אלץ דערציילן, וואָס, ווער און ווען... דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

— די פארזאמלונג איז געווען נעכטן אין אָוונט. טאַיסיען האָט מען גענומען אין דער ארבעט פאר אונדזערע צווייען...

— פונוואַנען ווייסטו?

— זאָג, פונוואַנען?!..

— סימע האָט דערציילט.

די מיידלעך האָבן זיך פײַל־אויסן־בויגן א לאָז געטאָן צו סימען. צום ערשטן מאָל פאר דער לעצטער צײַט האָבן אלע זעקס און צוואַנציק גערעדט מיט איין קאָל. סימע האָט אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער. עס האָט א קלונג געטאָן דאָס גלעקל.

די קומענדיקע לעקציע האָט געדארפט זײַן פיזיק. עפּעס מוז געשען! אָן אומדערהערטער פאַל! טאַיסיע האָט פארשפּעטיקט אף דער לעקציע. ענדלעך איז אין קלאס ארײַן דער לערער פון געשיכטע:

— הערט, מיידלעך, טאַיסיא אקימאָוונא איז פארשלאָפט געוואָרן. פיזיק האָט מען פארביטן מיט געשיכטע, און פון דער לעצטער לעקציע מעגט איר גיין אהיים.

די געוויינלעכע פריידיקע אויסגעשרייען, וועלכע באַגלייטן אלעמאָל די יעדיע וועגן א פרײַער לעקציע, האָט מען דאָס מאָל ניט געהערט. דער קלאס האָט געשוויגן.

אף דער האפסאָקע האָט דער קלאס געקאָכט, ווי א קעסל, אלע האָבן געשריִען, געפאָכעט מיט די הענט, געפאָדערט, מע זאָל טייקעף גיין צום דירעקטאָר. ראַיסע איז אוועק אין קאַנצעליאַריע זיך דערוויסן טאַיסיעס אדרעס. און דער קלאס האָט ניט אופגעהערט צו ליאַרעמען.

5

אין אָוונט האָבן מיר לאנג און מיט א באַזונדער פּראַקטיקײַט געריבן די שיך לעבן א הויכער אָפּגעבליאַקעוועטער טיר. דאָס צימער איז געווען אַן ענגס, אַזוי אַז מיר, די צען דעלע־גאַטקעס פֿון קלאַס, האָבן זיך קוים אויסגעזעצט. אונדזער טאַיִסיא אַקימאָוונא אין אַן אַלט קאָפּ־טעלע, מיט א צעפּלאָכטן שוואַרץ צעפּעלע האָט אויסגעזען א סאַך ייִנגער, ווי טאָמיד, זי איז עפּעס געווען אונדז אַ היימישער, אַ פּרעמדער. זי איז האַלב געלעגן, האַלב געזעסן אין בעט. דערזען די גאַנצע כאָפּטע, האָט זי זיך עפּעס מאָדנע קינדיש צעשמייכלט:

— נו, נו, זעצט זיך.

אונדזערע בליקן האָבן א ביסל פֿאַרשעמט אַרומגעבלאָנקעט איבער אַלע ווינקעלעך. דאָס צימער, ווו עס ווינט א לערער (באַזונדערס נאָך טאַיִסיעס צימער), דאַרף זיך דאָך מיט עפּעס אויסטיילן. ניין! דאָ איז אַלץ געווען אַזוי, ווי אין פֿיל אַנדערע צימערן. ניט מער, אַף דער וואַנט איז געהאַנגען א פּאָרטרעט פֿון א באָכער מיט שוואַרצע, פֿאַרכאָלעמטע אויגן.

— דאָס איז מײַן זון. ער איז א פֿיזיקער. דאָ אַפֿן פּאָרטרעט איז ער נאָך א סטודענט, איצט איז ער שוין א וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער. ער איז ווײַט פֿונדאַנען. — טאַיִסיע האָט א שטילן זיפֿץ געטאָן.

— ער האָט אויך באַקומען צווייען אַף פֿיזיק?

טאַיִסיא אַקימאָוונא האָט זיך צעלאַכט:

— ער איז געווען באַשאָטן מיט צווייען און דרײַען...

מיר האָבן גענומען דערציילן די שול־נײַעסן, אַרײַנגעפֿאַלן איינע דער אַנדערער אין די רייד, דערנאָך גענומען זיך שפּאַרן וועגן דעם, וועלכע געגנשטאַנדן זײַנען בא אונדז די באַליבטסטע, אומבאַמערקט זײַנען מיר אַריבער אַף די באַליבטסטע ביכער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס סאַמע אָנגעלייגטע בוך בא טאַיִסיע אַקימאָוונאַן איז ניט „פֿיזיק“, נאָר גאָר די „צוועלף שטולן“. דעם אָוונט האָט מען גערעדט וועגן אַלץ... מיר האָבן זיך אַפֿילע דערוווּסט, אַז אונדזער טאַיִסיע האָט מער פֿון אַלע קאָנפֿעקטן ליב די ווײַניקלעכע באַרבאַריסקעס און אַז מיט דער צײַט וועט פֿון גאַלאָטשקען ווערן א לײַט. מיר האָבן געפֿילט, אַז מיר זײַנען זיך צופֿיל פֿאַרזעסן, נאָר קיינער פֿון אונדז האָט זיך ניט געקליבן גיין אַהיים.

— נו, מיידלעך, צײַט אַהיים, עס איז שוין שפּעט, — האָט באַפֿוילן טאַיִסיא אַקימאָוונא. — גיט איבער אין קלאַס, אַז מע זאָל צוגרייטן צו דער קאָנטראָל־אַרבעט דעם לעצטן אָפּטייל. איך גלייב, אַז איך וועל זיך אײַנגיכן אופֿהייבן... נו, אין א פֿינף טעג אַרום, ווי נאָר דאָס האַרץ וועט אופֿהערן וואָיעווען... איך וועל קומען, און דעמלט וועלן מיר יעדן טאָג האָבן א לימעד פֿיזיק. בא אַלע לערער וועל איך אָפּנעמען מײַנע שאָען. און ברענגט מיר ניט, איך בעט אײַך, אַזויפֿיל אײַנגעמאַכטס, ווײַל איך וועל עס אָנהייבן עסן מיט א פּאָלאָנעק.

טאַיִסיא אַקימאָוונא האָט א מאַך געטאָן צו אונדז מיט דער האַנט און מיד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַפֿן קישן.

לעבן דער טיר זײַנען, ווי טרײַע וועכטער, געשטאַנען דער באַלעבאָסטעס העגדום־פּעג־דומדיקע פּאַנטאָפּל... זיי זײַנען געווען גרייט צו יאָגן שוואַליאָם יעדע מינוט.

6

ערשט אין זיבעצן טעג אַרום האָט זיך טאַיִסיא אַקימאָוונא אומגעקערט אין שול. און עס איז באַנײַס אַוועק א גאַנג: לימודים, צוגאָב־לימודים, עקספּערימענטן, קאָנטראָל־אַרבעטן און פּריש־צאַפּלדיקע צווייען. מיר האָבן געוויקעט און געקרעכצט, זיך גערויגעזט און געלערנט פֿיזיק. און ניט איין מאָל האָבן מיר אי געשאָלטן, אי געבענטשט אונדזער אומרו — טאַיִסיא אַקימאָוונאַן, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז איר געגנשטאַנד איז דער נאָפּל פֿון דער וועלט.

ריווע באַליאַסנע

גאָלדענער בלעטערפאַל

* * *

דער גאָלדענער בלעטערפאַל פון מײַנע יאָרן —
ער גייט ניט פאַרלאָרן. ער גייט ניט פאַרלאָרן.
ער קײַקלט פון קינדערשן גלייבן דאָס רייפל,
ער רײַסט זיך אַרײַן אין מײַן יוגנט מיט צווייפל,
ער פרישט אָפּ מײַן זומער מיט וואַרעמע רעגנס,
ער לאָזט מיך ניט אײַנשטיין אַף וועגן און שטעגן.

ער הייבט אוף דעם פאָרהאַנג פון אַלץ, וואָס דערווײַטערט...
„אין ווינטער־פאַרנאַכטן” האָפשטיינען ער לײַטערט.
און שוואַרצמאַנען שיקט ער אַוועק קעגן סוינע.
ווי האַלקין, ער לערנט אונדז גלײַכגילט ניט שוינען.
איך שטיי בײַ די וועגן. איך שפּיץ אָן דעם אויער.
סע גייט אַ געוויטער. דער הימל ווערט גרויער.

פון דעם, וואָס באַשערט, וועט אַ קלוגער ניט לויפן.
איז נאָך אַ פּאָר גרויהאָר בײַ מיר אַף די שלייפן.
איז נאָך אַ פּאָר קנייטשן בײַ מיר אַפן שטערן.
גוט־מאָרגן דיר, האַרבסט אַף די קיִעווער סקווערן!
דײַן וועלט איז אין צירונג, אַזוי ווי אַ קאַלע.
איך דאַרף דײַנע פאַרבן פאַר זיך און פאַר אַלע!

איז פיר מיך אַוועק אינעם וואַלד, צו מײַן שטעטל.
עס שורשען אָן אופהער די גאָלדענע בלעטער.
אָט דאָ האָט אַמאָל אויך געשפּאַנט אָשער שוואַרצמאַן.
זײַן שורע — זי קלאַפּט, ווי אַ פּיקהאָלץ, אין האַרצן.
איך צי אָן די סטרונעס. איך גרייט צו מײַן לירע.
אין בלעטערפאַל כ'טאָר ניט קיין רעגע פאַרלירן!

מײַן שטאָט...

מײַן שטאָט,
מײַן אַלטער און מײַן שטענדיק יונגער קיִעוו!
ווי אַ פאַרליבטע כ'וואָלט געשריבן צו דיר בריוו.
אַף דײַנע גאַסן ציט מיך באַרג־אַרויף,
די טאָפּאָל־גלעקעלעך, זיי קלינגען, ווי אַ רוף,
פאַרכאָלעמט שווים איך, ווי אַ ליד, אין דײַנע נעכט,
אַף וויפל זינגער האָסטו שוין די רעכט?

ווער ס'האָט געזען דיך אין די אָסיען־פאַרבן, —
ער איז דיר מויכל אַלע קנייטשן, אַלע קאָרבן.
ווער ס'איז מיט דיר געווען אַפילע איבער מײַלן, —
ער איז דיר מויכל אַלע קלעפּ און אַלע בײַלן.

מײַן שטאָט,
ווּ יעדער בוים איז אײַנגעבאַקן אין מײַן האַרצן,
דערזע איך ווי אַמאָל, ווען ס'איז געווען מיר אַכצן,
איך גיי אַרומעט ביז די דריטע הענער,

און ס'איז נישטאָ פאַר מיר קיין בעסערס און קיין שענערס,
איך בין פאַרליבט אין דיר ביז מײַנע גרויע האָר,
ווײַל ביסט מײַן אָווער
און דו ביסט מײַן וואָר...

* * *

דו האָסט מיך אָנגעצונדן,
ווי א בייגעלע פּאַפּיר.
איך קאָן ניט אָטעמען
אָן לידער און אָן דיר...

כ'בין צופיל יאָרן
פרום געווען און לײַטיש,
זיך צוגעהערט,
וואָס וועלן זאָגן לײַטן!

איז אָנגעוואָקסן
די אַקשאָנעס, דער פאַרדראָס.
איך וויל ניט פרעגן מער —
פאַרוועָן, פאַרוואָס?

באַפויל מיר אויסטאָן
אָט די פּענטע־קלייד,
דו —
דו האָב מיך ליב געזונטערהייט.

* * *

וואָס וועט זײַן מיט מיר?
וואָס וועט זײַן מיט מיר?
כ'ווייס ניט מער קיין טאָג,
כ'ווייס ניט מער קיין נאַכט.
כ'בין פאַרליבט אין דיר ביז די גרויע האָר,
און איך שעם זיך ניט, און איך זאָג עס גאָר.

ס'איז מיר שלעכט באַטאָג,
ווײַל ס'איז צופיל שײַן,
ס'איז מיר שלעכט באַנאַכט,
ווײַל ס'איז ווייניק שײַן,
ס'קאָן א צווייטע דיך בא דער שײַן דערזען,
און אין טונקלע נעכט קאָנסטו מיך פאַרזען...

ווען כ'פאַרמאָג צוויי צעפ
אי געדיכט, אי לאַנג,
כ'וואָלט פאַרצויגן דיך
אַרום מיידלש האַרץ,
ווען צוויי אויגן כ'האָב, ווי צוויי פײַערן,
וואָלט איך דורכגעברענט ביזן גרונט דײַן האַרץ.

נאָר איך האָב קיין צעפ
ביז די קניִעס ניט,
כ'בין פון קינדווײַז אָן
א געשוירענע...
ברוינע אויגן כ'האָב, ווי צוויי קאַשטאַנעס,
נאָר זיי גלעטן גאָר און זיי ברענען ניט...
וואָס וועט זײַן מיט מיר?

* * *

ס'איז נאָר פון איינזאַמקײַט
געקומען אָט די שולד.
כ'בין ווײַט ניט לײַכטזיניק,
כ'בין פּאַשעט ניט געשולט, —
איך זאָל א דורכגייער
אַרײַנשלעפּן אין האַרץ.
איך וואַרט,
געדולדיק כ'וואַרט...

ס'איז נאָר פון איינזאַמקײַט
געקומען אָט די זינד.
נאָר גאָט מײַנער!
כ'בין דאָך ניט קרום, ניט בלינד...
דעם עמעס בעט איך בלויז
אצינד בא דיר:

האָסט צופעליק געעפנט
אָט די טיר?

און ליפּן דײַנע
האָבן אויך געלײַגט,
ווען האָסט אזוי, אזוי מיך איבערצײַגט,
אַז יעדער קער פון מײַן נעשאָמע
איז דיר נאָ'נט,
אַז ס'קלאַפּט מײַן האַרץ
לעם דײַנס
אין שפּעטן אָוונט.

...פאַרוואָס האָסטו מיך אָנגערופן
„קינד"?
א קינד פאַרפירן —
איז די גרעסטע זינד!

* * *

ווי גליקלעכער פון מיר סע איז דײַן פרוי!
אפילע ווען זי טרוקן איז, פונקט ווי פון שטרוי,
א טויגעניכץ, א קריפּל קעגן מיר,
זי האָט די רעכט, די גאַנצע רעכט אָף דיר.

זי דאַרף ניט אויסבאַהאַלטן איר געפיל.
זי דאַרף ניט שפּילן פאַר דער וועלט קיין שפּיל,
און איך אָן אויסזען מאָך, אַז אַלץ איז רעכט,
כאָטש טרערן שטיקן מיך אין ווינטער־נעכט.

ווער זאָגט, אַז ליב האָבן איז נאָר א גליק,
געהיימע ליבע ז'ערגער פון א שטריק!

* * *

ווי אומגעדולדיק ווארט דער טינט אין טינטער!
די שורעס זײַנען נאָך צעשויבערטע ווי קינדער,
מע דארף זיי אויסטראָגן, און אויסלאשטשען,
און צוימען,
זיי זאָלן אופגיין וואגיקע, ווי זוימען.
א ליד דארף זײַן געשמאק ווי קאָרנברויט,
ווען ס'איז אין איר די נויט,
די גרויסע נויט...

* * *

סע קלאפּט דער ווינט אין האלב-פארשרויפטע
לאָדן,
נאָר ער וועט שוין ניט ברענגען דאָ קיין שאָדן.
די שטוב איז ניט קיין שטוב,
דער דאך איז ניט קיין דאך,
און ס'ווילט זיך וויינען, ווען דו זאָגסט מיר:
„לאך",
ווײַל עפּעס איז אוועק צוזאמען מיט דעם הויז...

מײַן נײַע שטוב איז הויך,
מײַן נײַע שטוב איז גרויס,
נאָר דאָרט, אין קליינעם וועלטל פון אמאָל, —
מײַן קינדהײַט קלעטערט נאָך ביז איצט אין טאָל,
מײַן יוגנט טוליעט זיך צום טאָפּאָל-שטאם,
ער איז נאָך אלץ אין פלאם...
מיר דוכט, סע ברענט דאָס בייז אף יענע
שײַטערס.
איך טרײַב דעם רויך אלץ ווײַטער,
ווײַטער,
ווײַטער.

* * *

שוין אויסגעשעפּט כ'האָב צוליב דיר
דאָס גאנצע פײַער.
דו ביסט געוואָרן ווי א שטערן —
ווײַט און טײַער!

פון ניט פארגעסענעם

(מילכאָמע-יאָרן)

1

מײַן שווארץ ציגײַנערל, מײַן קליינער זון,
דו דארפסט אזויפיל זון אף קאָנען וואקסן,
איך האָב געזאָלט דיך פירן קיין כאראקס גאָר
און האָב געבראכט דיך אין באשקירער פעלדער,
זאָלסט מיטאמאָל דאָ קאָנען ווערן עלטער.
איך זע, ווי שמאָלער ס'ווערן דײַנע אקסלען.
דו דארפסט אי פרייד, אי ברויט אף קאָנען
וואקסן.
איצט טרייסלט אוף דײַן קינדערש-דארע ברוסט
אזא פארצאָרנט-הילכנדיקער פויסט,
איז פרעגט מיך ניט פארוואָס און פרעגט מיך
ניט פארוואָס...

2

איך האָב דאָס ברויט
געטיילט אף פיר:
דעם זון, דער מאמען
און פאר דיר.

די פערטע טייל
ז'געבליבן מיר —
די ברעקלעך,
וואָס אָפּן פּאפּיר.

און אלץ וואָלט אונדז געגאַן
בעשאָלעם,
ווען ניט דער זון,
דער מאמזער שאָלעם:

דו קענסט דאָך אים,
דעם ליבן שרײַער.

— וואָס הייסט דו טיילסט
דאָס ברויט אף דרײַען.

מ'באקומט א פײַקע
אויך פאר דיר,
איז שנײַד דאָס ברויט באגלײַך,
אף פיר...

און וויפל כ'טײַנע:
נו, און ברעקלעך?
ער זאָגט, אז ברעקלעך —
בלײַבן ברעקלעך.

איז ליג איך איצט א נאכט
און כאָלעם —
וויאזוי אים אָפּנארן,
מײַן שאָלעמען...

יויסעף קערלער

זאָגט יאָסעלע באדכן...

ווינטשעוואַניעס

אף אונדזערע צאָרעס געדיכטעלעך זיי וואַקסן,
די גווירימלעך היגע, די היגע באַלטאַקסעס,
דערימאַך, — זאָגט יאָסעלע באדכן פון דאַ־
שעוו, —
שטילער, קאַפּצאָנים, וואָס דאַרף מען זיך
ראַשן:

וואָס כ׳קאָן ווינטשן מײַנע סאָנים, —
זאָלן זיי פאַרמאָגן,
נאָר קיין הונגער ווינטש איך ניט,
לעמיַי זאָל איך אײַך זאָגן!
זאָל זיך ברעכן זייער טיש
פון די פליישן, פון די פיש,
פון די טײַערע מײַכאָלים,
וואָס איך זע זיי ניט אין כאָלעם,
פון די ווײַנען און געבעקסן —
ס׳איז ניט ווערט בא מיר קיין זעקסער!
נאָר ניט שטראָף מיך פאַר די רייד —
כ׳ווינטש זיי ניט באַם טיש קיין פרייד,
און קיין ברעקל פאַרגעניגן
זאָלן זיי באַם טיש ניט קריגן.

וואָס כ׳קאָן ווינטשן מײַנע סאָנים, —
זאָלן זיי פאַרמאָגן,
אויך א דאַך איבערן קאָפּ,
לעמיַי זאָל איך אײַך זאָגן.

ניט קיין דאַך — פּאַלאַצן גאַנצע,
סײַ צום זיצן, סײַ צום טאַנצן,
ספּאַלניעס, העלפאַנדביין — די בעטן,
שפּיגלען, ליוסטרעס און קלאָזעטן,
רײַכע טעפּיכער טערקײַער —
ס׳איז ניט ווערט בא מיר קיין דרײַער!
נאָר קיין שלאָף זאָל זיי ניט נעמען
אף די בעטן די באַקוועמע —
זאָלן זיי זיך דרייען, דרייען,
און די נאַכט זאָל ניט פאַרגייען!

וואָס כ׳קאָן ווינטשן מײַנע סאָנים, —
זאָלן זיי פאַרמאָגן,
נאָר די קינדער שעלט איך ניט,
לעמיַי זאָל איך אײַך זאָגן.
אײַ דער טאַטע איז א הונט,
וואָס האָב איך צום קינדס געזונט?
יעדעס קינד איז ריין און שיין,
ריין און שיין און מאַלע־כיין,
פריש און זיס ווי דער פרימאָרגן,
גאָר דאָס גוטס — אין זיי פאַרבאָרגן!
אויך דעם סוינעס קינד איך בענטש —
זאָל עס אויסוואַקסן א מענטש,
און דער שאָטן פון זײַן טאַטן
זאָל כאָלילע אים ניט שאַטן!

דער סייכל קומט נאָך די יאָרן

— וואָס האָסטו זיך, יאָסעלע באדכן, פאַרקלערט?
— אייסעך און ווייסעך און גייט עס אין דר׳ערד!
ווי בראַנפן א לעק און ווי טאַבעק א שמעק —
ווו זײַנען די גילדענע יאָרן אוועק?..

א זונג און א שפּרונג, און א שלונג פון דער
קויסע:
דאָס האַרץ אף לעצאָנעס פאַרקויף איך,
ראַבויסײַ!
נאָר פּלוצעם, אינמיטן, פאַרבליבן בין איך,
ווי א ליכט, וואָס מע גיט א פאַרלעש אף דער
גיך...

שאַט, יידעלעך, שאַט! כ׳בין געקומען צום
סייכל —

און דאָס איז, ראַבויסײַ, א ביטערער צייכן:
פון יענער־וועלט קלינגט מען, איך זאָל ניט
פאַרזאַמען,
מע נייטיקט זיך עקסטרע אין יאָסעלעס גראַמען.

גוואַלד, יידן, וואָס קוקט איר,
וואָס שטייט איר און שמייכלט!
ס׳איז יאָסעלע באדכן געקומען צום סייכל!
באַדײַ וואָלט איך בעסער מעשוגע
געוואָרן,
וואָס טויג מיר דער סייכל,
ווען ס׳פעלן די יאָרן!

ווײַן און כאָכמע

דער בעסטער,
דער טײַערסטער ווײַן —
אין פעסער,
אין פעלענע פענכערס,
אין ליימענע קיילים
פארהיט קאָן ער זײַן!

נאָר וואָלט איר,
קעדוימע לעמאָשל, געוואָלט
אין זילבערנע קיילים,
אין קיילים פון גאָלד

באהאלטן דעם ווײַן —
ניט געדאכט זאָל עס זײַן:

זויער ער ווערט,
עסיק ער ווערט, —
ס׳טויג אין דער ערד!

איר הערט? —
ס׳איז עפשער איבעריק
דערבײַ צו ריידן,
אז כאָכמע מוז, ווי ווײַן,
אין פאָשעטקײַט זיך קליידן...

וואלד און אײַזן

ווען ס׳האָט אײַזן זיך באוויזן אף דער וועלט —
דורכגעגאן דורך אלע וועלדער איז א קעלט,
דורכגעשווידערט פון די וואָרצלען ביז די
קרוינען:
איצטער וועלן קומען ראָצכים העק
שינדן, וואלגערן,
דעם שענסטן בוים ניט שוינען!

— וואָס איז דאָ אזוי די שרעק? —
האָט געכויזעקט אין דער שטיל דאָס אײַזן. —
גיט קיין האָלץ ניט פאר דער שטיל,
וועט קיין האק אפילע זיך ניט ווײַזן!..

א וואָרט נאָכן טויט

געוויס וועט איר טרויעריק זײַן, מײַנע פרײַנט,
נאָר טרויערן לוינט זיך ניט לאנג —
דאָס רעדל וועט ווײַטער זיך דרייען גאנץ פײַן,
ס׳וועט גיין זיך זײַן פריילעכן גאנג.

כאָטש פריילעכקײַט האָב איך פארמאָגט אפן לויט
און צאָרעס — אף פודן פארמאָגט,
פונדעסטוועגן לויב איך דאָס לעבן און זאָג:
פארברענט זאָל ער ווערן, דער טויט!

די גליקן פון גאָר דעם גאניידן, איך שווער,
כ׳וואָלט אָפּגעבן, זײַט ניט באטריבט,
פאר א ביסעלע צאָרעס אָט דאָ אף דער ערד,
ווו געוועזן כ׳בין שטערבלעך פארליבט.

כ׳וואָלט געוויינט און געלאכט,
מיט מײַן כײַעס פארבראכט,
און פון אָרעמע קרויווים און פרײַנט
כ׳וואָלט מיט ליכטיקע גראמען געטריבן די
נאכט,
ביז מײַן שטערן וואָלט שטערבלעך געשײַנט.

●

יעשוע לאצמאן

אין ווילנע באנאכט

די גאסן ציִען אויס די קני
אונטער די לאָמפּן־שטערנס, בא דער העלער שײַן.
ארום די בערג, ווי שווערע, פעטע קי,
פארשיקערט פון בענזין, די אווטאָס שלאָפן אײַן.
דעם טײַך, דעם שטראָם עס שטערט אין שלאָף דער בריק.
א דאמפער שווימט, פארטראכטערהייט ער שווימט.
פון ערגעץ א טראָלייבוס קומט צוריק
צום אלטן הויז, פון דוירעס אויסגעקרימט.

א פרוי אײַלט שנעל אהיים. שוין שפּעט.
דאָרט רעדט די ראדיאָ. געווען איז א קאָנצערט.
און איצט מע רעדט: ס׳איז לאנד מיט לאנד אוועק אין א געוועט,
ווער ווײַטער זעט, ווער פריִער הערט...

ס׳האָט די לעוואָנע שוין דעם האָריזאָנט פארלאָזט.
שטרענג אָן דאָס אויג, ווערסט זען — זי איז נאָך דאָ!
עס שמעקט מיט וואסער
און מיט ליים, מיט מאָך, מיט גראָז —
א טורעם צײַלט ארײַן דער נאכט איר לעצטע שאָ.

און דאָ אין סקווער שטרעקט לעניִן אויס זײַן האנט.
ער איז שוין וואך, ער גלייבט, ער טרוימט, ער האָפט,
ער זאָגט „גוטמאָרגן דיר״ דעם גאנצן לאנד,
און ארום אים שטייט ווילנע אוף פון שלאָף.

סירענעס

קומט, לאָמיר צונויפגיסן אונדזערע שטימען,
ווי שארפע סירענעס אינמיטן דער נאכט.
עס מאָנען די טאטעס, די מאמעס, די קינדער,
די ברידער און שוועסטער — אָט ערשט אומ־
גערראכט.

אזויפיל דאָ ביינער צעבראָכן, צעשפּליטערט.
עס האלטן זיך קינדער נאָך פעסט פאר די הענט,
די קינדער, וואָס מ׳האָט זיי געשאָכטן ווי רינדער,
די קאלעס אין שלייערס, וואָס מ׳האָט זיי גע־
שענדט.

די סאָנים נאָך קריכן אף שטאפּלען פון לייטער,
כאָטש קרום און געבויגן —
ער האלט זיך נאָך פעסט.
ווען איינער גליטשט אויס זיך, אנטפלעקט זיך
דער צווייטער, —
ער טראָגט אף די פּעלדער און וועלדער די פּעסט.

צינדט, ברידער, דעם לייטער,
פארשווארצט אים אין פלאמען
און קלאפּט אָן ראכמאָנעס דעם מערדער אראָפּ!
און ווער ס׳וועט אים העלפן, מיט אים זאָל
צוזאמען
זיך ברעכן דעם קאָפּ!

אַרן ווערגעליס

צוואַנציק טעג אין אַמעריקע

28 נאָיאבער.

אף שיפּוּים פון די קאָרדיליערן־בערג, אין געדיכטע שאָטנס פון דעם גרויסן קאַליפאָרניער פלאַכלאַנד ליגן צעוואָרפן שטעט און פערמעס. אין איינער אזא שטאָט לעב איך שוין א מעסלעס. איך האָב זי ליב באַקומען, די שיינע פרעמדע שטאָט, פאַר איר ניט ווערלן זײַן ענלעך אף א ווײַסלײַביקער באַסיעכידע, וואָס פאַרווײַלט זיך און פּעסטעט זיך באַם זון־באַלויכטענעם זוים פון אָקעאַן. הײַנט פרי־פאַרטאָג האָב איך זי געזען אין א פּראָסטער בלוזע, ווען זי איז געפאָרן אף אַרבעט אין אַן אָפענעם באַרג־טראַמוואַיטשיק, — אַראָפּגעלאָזט די פיס צו דער ערד, א ביסעלע פאַרשלאָפן, ווײַל מע איז דאָך פאָרט א דאָרעם־שטאָט און עס טרעפט אַמאָל, אַז ביז שפּעט אין דער נאַכט מאַכט מען זיך פריילעך.

אויך אין דער שטאָטס פאַרגאַנגענהײַט, פונקט ווי אין דער געשיכטע פון אָט דעם גאַנצן קאַנט קאַליפאָרניע, זעט מײַן אויג מערער שווערע האָרעוואַניע, איידער זאָרגלאָזע אידיליע, מערער שווייס און אָפטמאָל אפילע גרויל, איידער ראָזעווע פאַרנאַכטן און בלויע פאַרטאָגן. מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט אין קאַליפאָרניע געלעבט א פאָלק, — ניט קיין בעסערס און ניט קיין ערגערס פון אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, — עס האָבן דאָ געלעבט די אינדיאַנער. זיי, די באַלעבאַטים פון קאַליפאָרניער ערד, זײַנען גאַסטפרײַנטלעך אַרויס באַגעגענען די שפּאַניער, וועלכע האָבן שפּעטער באַ דעם בלויען אָקעאַן אויפגעשטעלט א מיליטערישע פעסטונג און אָנגערופן זי מיטן נאָמען פונעם הייליקן פראַנציסק. עס זײַנען אַריבער קאַרגע צוויי יאָרהונדערטער — א קורצע צײַט, — און הײַנט האָט מען מיר באַוויזן א בעסוילעם, ווו עס ליגן טויזנטער קאַליפאָרניער אינדיאַנער. אף א ציילעם, וואָס איז געמאַכט פון צווײַגן פון דער אייביקער סעקוואָיע, איז אָנגעשריבן: „אין אָנדענק פון די פאַרגעסענע, וועלכע רוען דאָ"...

קאַליפאָרניע — דאָס לאַנד פונעם גאָלדענעם פיבער, פון דזשעק לאָנדאָנס „לעוואָנע־טאָל", און דאָס זײַנען דאָך אויך ניט קיין גלאַט ראָמאַנטישע געשיכטעס וועגן גאָלדענע כאַלוימעס. און די נאַפט־טורעמס, וועלכע אַנדערשן הײַנט אינגאַנצן איבער דעם קאַליפאָרניער פייזאַזש, זיי זײַנען דען ניט ענלעך אף צעצווײַגטע הערנער פון א הירש, וואָס וואַקסן אַרויס פונעם מאַרך און בלוט פון יענע אַמעריקאַנער, וועלכע פאָרן אין די אינדערפריִען מידע, אין אָפענע טראַמוואַיטשיקעס, אף זייער שווערער האָרעוואַניע?!

נעכטן, 5 אזייגער פאַרנאַכט, ווען אונדזער מאַשין איז אין דעם גרויסן שטראָם אויטאָמאָבילן געקראָכן פונעם פלי־פעלד צום האָטעל, האָט סאַן־פראַנציסקאָ ביסלעכווײַז זיך פאַר אונדז צעעפנט מיט א באַזונדערן כיין. גרויסע גרופּעס ווײַסע הײַזער לאָזן זיך דאָ אַראָפּ. ווי אַן אַמפיטעאַטער, פון די הויכקײַטן צום אָקעאַן. עס זעט אויס, פונקט ווי דער שוים פון ריזיקע כוואַליעס וואָלט דערגרייכט די נאָענטע בערג און אף זיי פאַרקילט געוואָרן.

אין צענטער שטאָט — עטלעכע וואָלקנקראַצערס, באַלויכטענע ביז דורכזיכטיקײַט, און אַרום זיי — קליינע ווײַסע הײַזער, קליינע ווײַסע שטײַגעלעך, קליינע ווײַסע נעסטעלעך — א סאַך, א סאַך, א סאַך, א סאַך. באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ.

אָפּגעגעסן אין האָטעל אָוונט־ברויט און אויסגעבאָדן זיך, זײַנען מיר אַוועק אין סינעראַמע. דער פילם, א טיפּישע פאַר אַמעריקע קאָוובאָי־געשיכטע פון די פּיאָנער־צײַטן, גייט דרײַ שאָ מיט אַן איבערײַס, פונקט ווי עס גייט אין טעאַטער א ספּעקטאַקל אין צוויי אַקטן. די מיידלעך, וואָס קוקן נאָך דער אָרדענונג אין זאַל, טראָגן קאָוובאָי־קאָסטיומען — ברייטראַנדיקע קאַפּעליושן, געקעסטלטע העמדלעך, לעדערנע הויזן און לאַנגע שפּײַערס אפן גאַרטל. דאָס איז — רעקלאַמע.

און איצט וועל איך פאַרצייכענען די אײַנדרוקן פון הײַנטיקן טאָג. דער ערשטער אײַנדרוק: 22 גראַדוס צעלסי. מיר האָבן הײַנט אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ווי דעם 28 נאָיאבער. אין מאָסקווע איז דעם 13 נאָיאבער אויסגעפאַלן א שניי. און דאָ, אין סאַן־פראַנציסקאָ, האָב איך איצט, אין צוויי וואָכן אַרום, זיך געבאָדן אין אָקעאַן.

אָנהייב טאָג. א שפּאַציר איבער דער שטאָט אין א טוריסטישן אויטאָבוס. דער שאָפער, אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם, רעדט אָן אויפהער אין מעגאַפאָן. ווען ער ווײַזט אָן אף א הויז, זאָגט ער גלײַך, וויפל דאָס הויז קאָסט אָדער וויפל עס „קאָסט" דער מענטש, וואָס לעבט דאָרט. באַזונדערס גרויס איז דער מעקעך פון נאָבכיל, דעם ראַיאָן פון די העכסטע בערגלעך אין סאַן־פראַנציסקאָ. אפן נאָבכיל האָבן אַמאָל געוווינט בלויז מיליאָנערן. הײַנט זײַנען דאָ אויסגעבויִט רעגירונגס־אַנשטאַלטן און האָטעלן. ווען מיר פאָרן פונדאַנען אַראָפּ, באַקומט זיך, ווי סאַן־פראַנציסקאָ וואָלט באַ יעדן קער פון דער מאַשין באַוויזן אף דער דלאָניע א נײַעם שטאָטישן אַנסאַמבל.

אונטן ליגט דער כינעזישער קוואַרטאַל. אין גערוימען פּאַרק „גאָלדענע טויערן" — א דעקאָראַטיוו „יאַפּאַנישן סעדל". און אָט זײַנען מיר שוין באַ די עמעסדיקע גאָלדענע טויערן, באַ דעם אײַנגוס, וועלכער טראָגט אָט דעם נאָמען. איבער אים שפּרייט זיך דער העכסטער בריק אין דער וועלט, וואָס דערמאָנט מיר א גיגאַנטישע מעווע איבער אַן אומענדלעכן וואַסער. ניט ווײַט זעט זיך דאָס

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד", 1964, נומ. 2, 3, 4.

פעלדזן־אינדזעלע, אף וועלכן עס שטייט אן איימעדיק, סוידעספּול געביי — די געוועזענע טורמע אלקאטראס. דזשעק לאָנדאָן האָט אמאָל געשריבן, אז אָט די סטראשידלע וועט פארניכטעט ווערן, „ווען מיר וועלן זיַין מערער אין צאָל און יעדערער וועט קאָנען זיך באוואָפענען מיט א לאָם...״ געשען איז אָבער גאָר עפּעס אנדערש. אין איינער א נאכט, ניט לאַנג פאר אונדזער קומען קיין סאן־פראנציסקאָ, זיַינען די פארמישפּעטע געהיים אריבערגעפעקלט געוואָרן פונדאנען אין אנדערע ערטער, און אלקאטראס האָט אופגעהערט צו זיַין א טורמע. פארוואָס? וויַיל די ארעסטאנטן האָבן זיך אויסגעלערנט בייַקומען דעם גרויזאמען שטראָם ארום אינדזל — און אָנגעהויבן אנטלויפן פונדאנען.

דורך די „גאָלדענע טויערן״ קומען מיר ארוף אף א וועג, וואָס פירט אין די בערג, צו דעם טויזנטיאָריקן וואלד פון סעקוואָיען. דאָ גייען מיר ארום א שאָ אָנדערהאלבן, ווי מערעשקעס צווישן די אומגלייבלעך הויכע, גראָבע שטאמען. זעכצן טויזנט סעקוואָיען. איינע ליגט אלס מוסטער, ארומגעקלעפּט מיט צעטעלעך, וואָס דערציילן, אז געלעבט האָט דער בוים דער גוואר סאכאקל טויזנט מיט פופציק יאָר; בייס דער אנטדעקונג פון אמעריקע האָט ער שוין, אזוי צו זאָגן, פון לאנג אריבערגעשפּאנט זיַין ביימערשע בארמיצווע...

אין א פיש־רעסטאָראן אין סאן־פראנציסקער האפן, וווּהין מיר זיַינען אריַין עסן מיטיק, באמערק איך אפן לינקן פוס פון דער יונגער קעלנערשע א מין באגילדעט בראסלעטל.

— וואָס איז דאָס?

זי שמייכלט:

— בא אונדז, ווען א מאנצבל קוקט אף א פרוי, דארף ער וויסן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. א רונג אפן פינגער פון דער האנט באטיַיט דאָס זעלבע, וואָס אומעטום: „פארהייראט״; א בראסלעט אף דעם פוס באטיַיט „פארקנאסט״; נו, און אויב ניט דאָס, ניט יענץ, איז ביטע — קוקט...

— הא־א־א! — ריַיסט זיך בא מיר ארויס. — אמעריקע איז אן אָרגאניזירט לאנד...

פארנאכט, נאָכדעם, ווי עטלעכע מענטשן פון אונדזער גרופּע האָבן זיך פארנייגט פארן סעקוואָי־ציילעם מיטן אופשריפט „אין אָנדענק פון די פארגעסענע, וועלכע רוען דאָ״, האָט דער אָרטיקער מיליאָנער סיריל מאגנין איַינגעאָרדנט אין האָטעל „פּיירמאָנט״ אן אופנאמע לעקאָוועד די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער קולטור. מאגנין איז ליבעראל געשטימט און האלט ניט פון מילכאָמע. צום סאָוועטנפארבאנד באציט ער זיך מיט נייַגער, קליַיבט זיך קומען צו אונדז צוגאסט.

פאָרמעל זיַינען מיר פארבעטן אָפּעסן מיטן באלעבאָס אינדיק־פלייש אין צוזאמענהאנג מיטן אמעריקאנער יאָמטעוו „טאָג פון דאנקבארקיַיט״ (אין אָט דעם טאָג עסט מען אינדיקעס). פאקטיש זעט עס אויס אזוי. צוערשט — א מיטיק (טאקע מיט יענעם מין פויגל, וואָס צוליב אים איז דער גאנצער טאראראם). אפן ערשטן שטאָק פונעם האָטעל, אין א גערוימען זאל, זיצן אויסגעזעצט ארום טישן א מענטשן פופציק—זעכציק. אין צענטער שטייט אונדזער טיש. מע עסט, און גאָר. שפּעטער הייבט מען זיך אוף אפן דאך פונעם טורעם, וואָס קרוינט די געביַידע פון האָטעל. דאָ טרינקט מען קאָניאק מיט סאָק. דער דריטער אקט פון דער דראמע איז עפעקטפול. ס׳איז שוין שפּעט אין דער נאכט. מיר לאָזן זיך אראָפּ אפן זעקסטן שטאָק, גייען פארביַי א קינסטלעכן גאָרטן און פאלן אריַין אין נאָך א רעסטאָראן. די טישן זיַינען סערווירט. אף א קליינער עסטראדע טרעט ארויס, אין דער באגלייטונג פון א דזשאז, די באוווּסטע נעגרישע זינגערן עללא פיטזשעראל, וועלכע מאגנין האָט צוליב די געסט ספּעציעל אראָפּגעבראכט, דאכט זיך, פון ניו־יאָרק.

בעשאס מע האָט אפן טורעם געטרונקען קאָניאק, האָט דער גאסטפריַינטלעכער באלעבאָס געבעטן דעם ראטגעבער פון דער סאָוועטישער געזאנדשאפט קאָלאָסאָווסקין, וואָס איז געקומען צו פאָרן קיין סאן־פראנציסקאָ לייענען א לעקציע און איז אויך געווען אין „פּיירמאָנט״, — ער זאָל צוזאמען מיט מיר זיך צוזעצן צו זיַין טישל.

שפּעטער האָב איך אין א פּאסיקן מאָמענט, טאקע דאָ אפן אָוונט, פארשריבן אין נאָטיץ־ביכל אונדזער שמועס. קאָלאָסאָווסקי האָט איבערגעזעצט סיריל מאגנינס ערשטע ווערטער:

— איך בין אן אמעריקאנער ייִד. איר האָט זיך פאָרגעשטעלט אזוינס?..

געענטפערט האָב איך אף מאמע־לאָשן:

— ווען איך האָב איַיך הײַנט דערזען, האָב איך זיך טאקע געכאפּט, אז איר זיַיט א ייִד...

וויַיטער האָט מען געמוזט דאָך אָנקומען צום איבערזעצער, וויַיל מאגנין האָט דערקלערט, אז ניט נאָר ער, נאָר קימאט אלע סאן־פראנציסקער ייִדן זיַינען „פּולקום אסימילירט״.

איך האָב געבעטן דעם ראטגעבער, ער זאָל איבערזעצן אף ענגליש, אז בא אן אסימילירטן אין די אויגן זעט אפילע אויס דער ריבוינע־שעל־אוילעם אליין אסימילירט. קאָלאָסאָווסקי האָט א קוק געטאָן אף מיר פארוווּנדערט, נאָר דאָך איבערגעזעצט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט. דער קאליפאָרניער מיליאָנער האָט זיך צעשמייכלט. באם דיפּלאָמאט איז, ווי איך האָב פארשטאנען, א שטיין אראָפּ פון הארצן.

— א סאך ייִדן בא אונדז אין אמעריקע זיַינען מיליאָנערן. עטלעכע הונדערט מאן, מיין איך...

— כ׳בין זיכער, אז די איבעריקע זעקס מיט א האלבן מיליאָן אמעריקאנער ייִדן האָבן דערפון שטארק האנאָע...

אלע פיר מאנצבלען באם טישל (צו אונדז האָט זיך נאָך צוגעזעצט פּראָפעסאָר בלאָכין) האָבן היימיש געלאכט.

סיריל מאגנין האָט אוועקגעלייגט די הענט אף מיַין אקסל.

— איר זיַיט ריַיך?

— איך האָב עטלעכע לידער־זאמלונגען.

— איר זעט אויס צו זיַין גליקלעכער פון מיר.

— איך ווינטש איַיך...

— וואָס ווינטשט איר מיר?

— מע מעג מיט פּראָפּאגאנדע?

— וויאַזוי אירווילט...

— סיַירוס איטאָן איז ריַיכער פון איַיך... און דאָך איז ער גליקלעך...

פארן גיין שלאָפן, ווען איך האָב שוין פארענדיקט די נאָטיצן וועגן הײַנטיקן טאָג, האָט ניקאָליַי וולאדימיראָוויטש מאָסטאָווען מיר אָנגעקלונגען, איך זאָל אף א רעגע אריַינגיין אין זיַין נומער. ער האָט מיר דערלאנגט א געדרוקטע אין גרינער פארב פּראָקלאמאציע, וואָס עמעצער (וויַיזט אויס, אן ערשט געקומענער פון טשיקאגאָ) האָט בייסן

אָוונט־ברויט איבערגעלאָזט אפן טישל, בא וועלכן ער איז שפּעטער געזעסן.

אָט איז דער טעקסט פון בלעטל: „א ייִדישער מאַרקסיסט האָט דערהארגעט אײַער פּרעזידענט! שטיצט אונדזער פּאַרטיי, די אמעריקאנער נאַצי־פּאַרטיי. א לאנגע צײַט האָבן מיר געפּרוּווט אופוועקן אונדזערע ברידער אמעריקאנער קעגן אָט די ייִדישע פּאַרעטער. דער מערדער האָט געקויפט די ביקס בא א ייִדן טאקע דאָ אין טשיקאַגאָ. אונטערשריפט: לינקאָלן ראָקוועל, קאָמאנדיר פון דער אמעריקאנער נאַצי־פּאַרטיי, 1928 נאָרט רענדאָלף סטריט, ארלינגטאָן, ווירזשיניע".

29 נאָיאבער.

סאמארא מאמעדאָווא דער סעקרעטאר פון אונדזער גרופּע, האָט מיר געזאָגט באם פרישטיק, אז דער אָרטיקער ראַוו פּײַן, א מענטש, וואָס זעט א ביסל ווײַטער פונעם בעלעמער, וויל זיך דורכשמועסן מיט מיר. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קאָמפּליצירטע „דיפּלאָמאטישע אונטערהאנדלונגען". 9.00 אינדערפרי. מאמעדאָווא קלינגט מיר אין נומער, איך זאָל אזוי גוט זײַן און אין ערגעץ ניט אוועקגיין, ווײַל אין א מינוט 15—20 ארום וועט מיר טעלעפאָנירן פּײַן. 9.10. עס קלינגט האָראוו פּײַן. ער זאָגט, אז צווישן די אמעריקאנער ראבאָנים זײַנען פאראן ניט ווייניק אזעלכע, וואָס זײַנען ניט פארסאמט מיט אנטיסאָוועטיזם. איך שאָקל מיטן קאָפּ צום טעלעפאָן־טרײַבל און האלט א קורצע רעדע וועגן מײַנע גוטע געפילן צו גוטע ראבאָנים. האָראוו פּײַן וויל זיך מיט מיר זען, און ער האלט, אז בעסער פון אלץ וואָלט געווען, ווען איך נעם אָן זײַן אײַנלאדונג און קום צוגאסט צו אים אין סינאגאָגע. איך ענטפער, אז א שול איז צוליב דאווענען. די איבעריקע זאכן, מיין איך, דארף מען טאָן אויסער דער שול. אויסהערנדיק מײַנע ארגומענטן, בעט דער ראַוו, איך זאָל ניט ארויסגיין פון צימער א מינוט פינף, — ער דארף זיך באראטן. 9.30. האָראוו פּײַן טעלעפאָנירט, אז 2 אזייגער באטאָג קומט ער צו מיר אין האָטעל אין דער באגלייטונג פון דעם „אקטיוו" פון זײַנע מיספּאלעלים. 14.00. נאָך אן אופנאם באם מער פון סאן־פראנציסקאָ קריסטאָפער בין איך געקומען צוריק אין האָטעל, קעדיי שמועסן מיטן דרייסטן קאליפאָרניער ראַוו. געטראָפן האָב איך אָבער א טעלעפאָנאָגראמע פון אים. ער קאָן ניט קומען. ער בעט אָנקלינגען לויט אזא און אזא טעלעפאָן־נומער. איך קלינג. האָראוו פּײַן אנטשולדיקט זיך און באדויערט, וואָס דרינגענדיקע הייליקע איניאָנים פארהאלטן אים. ער כאזערט נאָכאמאָל איבער די באקאָשע, איך זאָל קומען צוגאסט אין שול ארײַן...

דער מער פון סאן־פראנציסקאָ דזשאָרדזש קריסטאָפער האָט אופגענומען אונדזער גרופּע זייער פרײַנטלעך. מיר האָבן געשמועסט אין זײַן ארבעט־קאבינעט א האלבע שאָ. קריסטאָפער האָט דערציילט, אז ווען ניקיטא סערגייעוויטש כרושטשאָוו איז געקומען צו פאָרן קיין סאן־פראנציסקאָ, זײַנען אין שטאָט פאָרגעקומען וואלן פונעם מוניציפּאליטעט. אלס מער האָט זיך אפן צווייטן טערמין באלאָטירט דזשאָרדזש קריסטאָפער. בעשאס איינעם א באנקעט האָט ניקיטא סערגייעוויטש אין א שפּאס געזאָגט, אז ער וועט ניט לויבן קריסטאָפערן, ווײַל מע קאָן נאָך מיינען, אז ער מישט זיך ארײַן אין דער וואל־קאמפּאניע. שפּעטער אָבער, ווען דזשאָרדזש קריסטאָפער האָט אָפּגעהאלטן א זיג, האָט כרושטשאָוו צוגעשיקט אים פון מאָסקווע א טעלעגראמע, אין וועלכער עס זײַנען געווען אזעלכע ווערטער: ...„איצט קאָן איך שוין אויסזאָגן דעם סאָד: געפינענדיק זיך נאָך אין סאן־פראנציסקאָ, בין איך געקומען צום אויספיר, אז ווען איך זאָל זײַן אן אײַנוווינער פון אײַער פּרעכטיקער שטאָט, וואָלט איך אומבאדינגט געשטימט פאר אײַך. כ'בין זייער גליקלעך, וואָס מײַן מיינונג איז צונויפגעפאלן מיט דער מיינונג פון די בירגער פון סאן־פראנציסקאָ"...

באם געזעגענען זיך האָט קריסטאָפער אונדז פארבעטן אָפּעסן מאָרגן מיט אים און מיט זײַן פרוי פרישטיק. מיר באדאנקען אים, אָבער צווישן זיך ריידן מיר אָפּ, אז גיין צו די קריסטאָפערס וועלן בלויז צוויי־דרײַ מענטשן, וואָס זײַנען פרײַ פון דער פּראָגראם.

3.30 באטאָג. א פּרעסע־קאָנפערענץ אין האָטעל „פּאלאס". נאָך דעם אָפיציעלן שמועס, וואָס האָט מיט גאָרניט זיך ניט אונטערשיידט פון א סאך אנדערע אזעלכע שמועסן, איז צוגעגאנגען צו מיר א זשורנאליסט און זיך פאָרגעשטעלט:

— אלבערט ליימאן פון אָקלענד. איך בין דער רעדאקטאָר פון „קאליפאָרני דזשויִש רעקאָרד".

— זייער אָנגענעם.

— בייס ס'איז געווען דער אינטערוויו מיט אלעמען, האָב איך ניט געוואָלט ארויסטראָגן אונדזערע אָנגעווייטעקטע פראגן. שמייכלט ניט, בא אונדז איז נאָך ניטאָ קיין דרוזשבא נאראָדאָוו[1]... און איצט זאָגט מיר, איר ווייסט, אז אין אָקלענד, וואָס ליגט פון יענער זײַט בריק[2], זײַנען דאָ צוואנציק טויזנט ייִדן?

— ניין, איך ווייס ניט.

— קאָן זײַן, אז איך ווייס אויך ניט פּינקטלעך... אָבער די סינאגאָגעס אין אָקלענד האָב איך אליין געציילט. צוועלף סינאגאָגעס... ווי איר זעט, לעבן די ייִדן באם קאַפּיטאליזם ניט שלעכט. אף צוואנציק טויזנט ייִדן — צוועלף סינאגאָגעס...

— נו?

— וואָס נו? וואָס נו?!

— נו, טאקע וואָס נו?

— טאקע דאָס נו, וואָס אין דער סאָציִאליסטישער מאָסקווע האָט איר אף עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדן בלויז דרײַ סינאגאָגעס...

— זאָגט איר דאָך אליין, אז מאָסקווע איז א סאָציִאליסטישע... פארוואָס מיינט איר, אז מיר דארפן גיין צוריק... צום קאפּיטאליזם... צו סינאגאָגעס... און זײַט אף מיר ניט אין קאס, אויב איך וועל אײַך נאָך מער פאטערן די שטימונג...

— וואָס זשע?

— אין מאָסקווע זײַנען פאראן ניט דרײַ, נאָר צוויי סינאגאָגעס...

— און אין דער זעלבער צײַט זאָגט איר, אז די ייִדן אין מאָסקווע לעבן בעסער, איידער די ייִדן אין אָקלענד אָדער אין ניו־יאָרק?..

— מיסטער ליימאן, איר טראכט טאקע אף אן עמעסן, אז דעם ווילשטאנד פון א פאָלק קאָן מען מעסטן מיט דער צאָל קלויסטערס, סינאגאָגעס, מעטשעטן? איר אליין זײַט א גלייביקער, מיסטער ליימאן?

— ניין, פאר זיך דארף איך קיין סינאגאָגע ניט האָבן.

---

[1] פעלקער־פרײַנטשאפט.

[2] די שטעט אָקלענד און סאן־פראנציסקאָ גיסן זיך קימאט צונויף. צווישן זיי ציט זיך אף 7 מײַל דער צווייסטאָקיקער אָקלענדער בריק.

— דארפט איר זי, הייסט עס, האָבן פאר מיר, פאר אונדז — פאר די סאָוועטישע יידן? מיסטער ליימאַן, בא אזא זעלטענער געלעגנהייט, ווען איר טרעפט זיך מיט א מענטשן פון אן אנדער וועלט, — שיקט זיך, אז איר האָט ניט קיין מער ערנסטע פראגעס צו באהאנדלען?

— עס מאכט אן איינדרוק, אז אליין די טעמע איז אייך דערעסן...

— טאקע יאָ. אין מאָסקווע פאלט אונדז ניט איין צו ריידן וועגן סינאַגאָגעס. און דאָ... אף יעדער פרעסע־קאָנפערענץ... אין קליוולענד האָט מען מיר צוריק מיט א פאָר טעג געשטעלט די זעלבע פראגע. קוקט זיך איין אין אייער אייגענער אמעריקע, מיסטער ליימאַן. זי איז שוין אויך געווען אין קאָסמאָס... עפשער וואָלט געהאט א זין, אז איידער פרעגן אזעלכע קאשעס, זאָלט איר בעסער צופאָרן צו אונדז אין סאָוועטנפארבאנד?

— איך האָב מוירע, בא אייך וועט מען מיך ארעסטירן ווי א שפּיאָן.

כ'האָב א מאך געטאָן מיט דער האנט און זיך געזעגנט מיטן אָקלענדער פארטיידיקער פון יידישקייט.

פארנאכט איז געקומען צו אונדז אין האָטעל דער באַווּסטער אמעריקאַנער שרייבער אלבערט קאַן.

בא א טישל אין רעסטאָראַן שמועסן מיר וועגן די לעצטע געשעענישן אין די פאראייניקטע שטאַטן. קאַן איז שטארק באאומרויקט. „דער מאָרד פונעם פרעזידענט איז ניט קיין צופעליקייט...“ ער רוקט אָפּ פון זיך אלע גלעזער און טעלער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָנמאָלן אף דעם פריי־געוואָרענעם טישטעך דאָס בילד, וועגן וועלכן עס וועט באלד גיין א רייד.

— אמעריקע איז נאָך דער מילכאָמע ניט געזונט. איך זאָג עס אייך ערנסט... אָנהייבנדיק פונעם פינף־און־פערציקסטן יאָר ציט זיך א קייט פון אנטוישונגען בא די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די פראָנטן און זיך ניט דערוואַרט, אז זייערע האָפענונגען זאָלן פארווירקלעכט ווערן. די צווייטע אופטרייסלונג איז דאָס, וואָס עס האָט זיך געענדיקט דאָס געדולד בא די נעגערן. ביידע דערשיינונגען טראָגן ניט קיין קלאסן־כאראקטער. איך זאָג עס אייך ערנסט... דער קלאסן־באוווסטזיין פעלט איצט בא די ברייטע מאסן אין אמעריקע, נאָר ער קאָן זיך באווייזן...

אלבערט קאַן פירט אונדז אָפּ אין זיין מאשין אף דער פערמע פונעם רייכן אדוואָקאַט און געשעפטסמאַן האלען, וועמען די אָרטיקע רעאַקציאָנערע קרייזן האָבן ניט לאנג צוריק שיר ניט דערפירט צו באנקראָט פאר זיינע פּראָגרעסיווע אָנשויוּנגען.

האלענס שטוב שטייט באַם סאַן־פראַנציסקער איינגוס, באַם סאמע וואסער. ווען מיר קומען אריין, איז שוין פול מיט געסט. מיר טרעפן דאָ דעם פרעזידענט פון דער קאַליפאָרניער אָרגאַניזאַציע פון אמעריקאַניש־סאָוועטישער פריינטשאפט פּראָפעסאָר ראָבערטס, דעם באקאנטן מאַרקסיסטישן פובליציסט ראָבינסאָן, דעם פאָריזיצער פונעם פּראָפאַריין פון פּאָרט־ און סקלאַד־ארבעטער פון דעם שטילאָקעאַנישן ברעגלאנד ברידזשעס. א סאך יידן זיינען דאָ צווישן די געסט. זיי שאפן א גרויסע טומלדיקע גרופּע. באזונדערס ציט צו די אופמערקזאַמקייט איינס א גאנץ טשיקאַווע געזינדל. זי, די מאמע, א כיינעוודיקע שווארצע פרוי פון מיטעלן עלטער, — זי זאָגט וועגן זיך (אין א געבראָכענעם רוסיש), אז זי שטאַמט פון קערטש און אירע עלטערן זיינען גריכן, נאָר, „אויב איר ווילט, זיינען זיי אויך עטוואָס יידן“. ארום איר דרייט זיך ארום איר פינקטלעכע קאָפּיע, יינגער פון איר אף א יאָר צוואנציק. און דעריקער... דעריקער ער, דער מאַן! אָט זיצט ער א לעבעדיקער, א געזונטער אפן טרעפל... אָבער ווען ער, דער יידישער דאָקטער, וואָלט באצייטנס ניט אנטלאָפן פון דייטשלאנד, — וואָס וואָלט מיט אים געווען?

מע טרעט מיר אָפּ אן אָרט לעבן דעם דאָקטער, און דאָ, אפן דיל, וואָס איז געמאכט פון סינטעטישן וואילאק, קומט פאָר עפעס אזוינס, וואָס מע וואָלט געקאָנט אין א שפּאַס אָנרופן „סימפּאָזיום פון יידן פו דער זייט יאַם מיט א יידן פון יענער זייט יאַם וועגן דעם, וואָס עס דארפן טאָן יידן פון ביידע זייטן יאַם“.

איינער פון די געסט, דער קאָמענטאַטאָר פון דער אָרטיקער ראַדיאָ וויליאַם מאנדעל, זאָגט מיט א פּאָלעמיש פייערל אין די אויגן:

— מיר, אמעריקאַנער יידן, זיינען פאטריאָטן פון אמעריקע, פון אונדזער אמעריקע, מיסטער שעף־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד“. וואָס טראכט איר וועגן דעם?

איך ענטפער, אז עס וואָלט אויסגעזען גאנץ טשיקאַווע, ווען דער קאָמענטאַטאָר פון דער סאַן־פראַנציסקער ראַדיאָ זאָל זיין א פאטריאָט פון סאַן־דאָמינגאָ אָדער פון סאוד־אראַוויע.

— אָבער זאָגט זשע דעם עמעס. איר וואָלט גערן איינגעגאַנגען, אז די אמעריקאַנער יידן זאָלן זיין פאטריאָטן פונעם סאָוועטנפארבאנד!

— ניין, מיר וואָלטן ניט „איינגעגאַנגען“. מיר נייטיקן זיך ניט אין אימפּאָרטירטן פאטריאָטיזם. פונקט אזוי פארעכענען מיר ניט פאר קיין ווירדיקע בירגער פון אונדזער לאנד יענע מאָראַלישע קריפּלען, וועלכע גיבן אָפּ אף עקספּאָרט, לעטוּווּעס אן אנדער מעדינע, זייער „פאטריאָטיזם“.

דער דאָקטער, א מענטש א באַדאכטער, רופט צו דאָס ווייב און רעדט מיט איר אף דייטש. ער וויל, זי זאָל באשטעטיקן, אז ווען ער איז אנטלאָפן פונעם פאשיסטישן דייטשלאנד, האָט ער ניט אופגעהערט צו האלטן „דאָס פאָטערלאנד פון העגעלן און היינען“ אויך פאר זיין פאָטערלאנד.

— יידן לעבן היינט אף ביידע זייטן באריקאדע, — זאָגט ער מיטאמאָל הויך, אז אלע זאָלן הערן, — זיי לעבן סיי דאָ, סיי דאָרט... דארפן זיי העלפן צענעמען די באַריקאדע און ניט שטויסן זיך צווישן די לייַס פונעם קאַלטן קריג...

איינער פון די אָנוועזנדע, וואָס האָט דעם אָנבליק פון א „גוד לוקינג מען“[1], קערט אונדז אום צו דער פּאָלעמיק וועגן פאטריאָטיזם. ער פרעגט, טייטנדיק אף מיר מיטן פינגער:

— זאָגט, איר זייט א פאטריאָט פון יִיסראָעל?

— איך בין א פאטריאָט פונעם סאָוועטנפארבאנד.

דער „גוד־לוקינג־מען“ לאָזט ארויס א געשריי, ווי, לעהאַוודל, א גלאַדיאַטאָר, וואָס האָט אוועקגעלייגט זיין קעגנער:

— איר הערט? איר הערט? א ייִד, און איז ניט קיין פאטריאָט פון יִיסראָעל!..

— אויב איר זייט א פאטריאָט פון דאָרט, איז פארוואָס דרייט איר זיך ארום דאָ? — האָט געלאַסן און שטיל א פרעג געטאָן א באַיאָרטער מענטש, וואָס איז געזעסן עטוואָס אין א זייט.

1 א מאנצבל, וואָס זעט גוט אויס.

דער „גוד־לוקינג־מען“ האָט אף אים זיך א לאָז געטאָן:

— איר זײַט א קאָמוניסט, דאָס ווייס איך...

— איר האָט ניט געטראָפן, איך בין פּאָשעט ניט קיין ציִעניסט... די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל זײַנען זיכער פּאַטריאָטן פון ייִסראָעל.

אין דער זעלבער מינוט זײַנען אין צימער ארײַנגעקומען האלענס זון (אויספילנדיק די פליכטן פון דעם סאר־האמאשקים, האָט ער ארײַנגעבראכט און צעגאָסן אין די קויסעס עטלעכע פלעשער ווײַן) און א יונגע נעגערן, וועלכע האָט צעטיילט קליינע בוטערבראָדלעך, ווי אף א דיפּלאָמאטישער אופנאמע. איך האָב געפרעגט דעם באלעבאָס, האלענען, צי איך קאָן זיך דורכשמועסן מיט דער נעגערן.

— אָ, יאָ, פארשטייט זיך! — האָט האלען געענטפערט. — אונדזער פרײַנדן האָט ניט לאנג צוריק געענדיקט א פּריוואטן קאָלעדזש. זי וועט ענטפערן אף אלע אײַערע פראגעס.

איך האָב געפרעגט, צי זי ווייסט וועגן דער נעגער־רעפּובליק גאִיטי. יעס, יעס, זי ווייסט. איז זי עפּשער א פּאטריאָטקע פון גאִיטי? די נעגערן האָט זיך אָנגעכמורעט. זי פארשטייט ניט דעם מיסטער, וואָס פארגיט אזא פראגע. זײַענדיק אן אמעריקאנערן, קאָן זי דען זײַן א פּאטריאָטקע פון אן אנדער לאנד? זי אנטשולדיקט זיך, זי האָט ניט געוואָלט דעם גאסט באליידיקן...

נאָך א שווערן שווײַגן שליסט דעם „סימפּאָזיִום“ דער דאָקטער:

— יאָ, יאָ. ייִדן האָבן ניט וואָס צו טאָן אף די בארי־קאדעס פונעם קאלטן קריג...

30 נאָיאבער.

דער דערהויבנסטער מאָמענט פון הײַנטיקן טאָג — די מאסן־באגעגעניש אין גרויסן זאל פונעם האָטעל „פּאלאס“. אהער זײַנען געקומען עטלעכע הונדערט פּראָגרעסיווע מענטשן פון סאן־פראנציסקאָ.

נאָך די אָפיציִעלע באגריסונגען הייבט זיך אוף אף דער בינע א דיריגענט. ער טוט א מאך מיט דער האנט, און אומגעריכט, אזוי ווי די מענטשן אין זאל זיצן, הייבן זיי אָן זינגען, און הערט נאָר, הערט: זיי זינגען אף ייִדיש! אין האָטעל „פּאלאס“ קלינגען די קאבאָלעס־פּאָנעם־לידער „שאָלעם אלייכעם“ און „זײַט באגריסט, טײַערע געסט“.

שפּעטער טרעט ארויס אן אינטערנאציִאָנאלער כאָר פון 14 זינגער (איך זע צווישן זיי עטלעכע נעגערס און אויך ייִדן). די „קאנטאטע וועגן מענטשן־רעכט“ (מוזיק דזשיימס ווּוד) איז אָריגינעל מיט דעם, וואָס דער טעקסט אירער קאָפּירט פּינקטלעך א פּאָליטישן דאָקומענט.

די קאנטאטע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

דעם צענטן דעקאבער
טויזנט נײַן הונדערט אכט און פערציקטן יאָר
האָט די אסאמבליי פון דער אָרגאניזאציע
פון די פארייניקטע נאציעס
אָנגענומען און פּראָקלאמירט
די אלגעמיינע דעקלאראציע וועגן
מענטשן־רעכט.

און ווײַטער זינגט מען אונדז דורך די דעקלאראציע:

אלע מענטשן זײַנען לויטן געבורט פרײַע
און גלײַכע,
זיי זײַנען באשענקט מיט פארשטאנד און
געוויסן,
און זיי דארפן איינער מיטן אנדערן זיך באגיין
לויט די קלאָלים פון ברודערשאפט.
אלעמען געהערן אלע רעכט און אלע
פרײַהײַטן,
וואָס זײַנען פּראָקלאמירט אין דער דאָזיקער
דעקלאראציע, אאוו.

ניין, דאָ איז ניטאָ ניט קיין ריטם, וואָס א ליד פּאָדערט, ניט קיין גראם. דער טעקסט פון דער דעקלאראציע פון מענטשן־רעכט איז צעקלאפּט אף שורעס, און שוין. אזא אײַנפאל געפעלט אונדז.

ווײַטער קומט די באגעגעניש פּאָר אף אזא אופן. ארום לאנגע טישן זעצן זיך אויס די סאן־פראנציסקער, און צוזאמען מיט זיי בא יעדן טיש — א סאָוועטישער גאסט. דאָרט, ווּ איך שמועס מיט די ייִדן, זײַנען פינף־זעקס טישן צונויפגערוקט אזוי, אז זיי ציִען זיך לענגויס דער וואנט ביז צום סאמע ארויסגאנג. מע זיצט, מע שטייט, מע שטופּט זיך, מע ראַשט. דער שמועס איז א געמיטלעכער, די שטימונג — א פרײַנטלעכע. ווען איינער פונעם עולם טוט א פרעג וועגן „סאָוועטישן אנטיסעמיטיזם“, דערהערן זיך צענדליקער קוילעס: „ס׳איז אונדז נימעס געוואָרן!“, „מיר פארנעמען זיך ניט מיט העצעס!“, „ענטפערט ניט!“. מע בעט מיך דערציילן „אזוי ווי סע איז“ וועגן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. אנטקעגן מיר, אף דער צווייטער זײַט טיש, שטעלט זיך אוף א מאן פון א יאָר פערציק און שטרעקט צו מיר אויס א פארברוינטע הארטע האנט.

— וועגן אײַער לאנד דערציילן אונדז דאָ באָבעמײַסעס שלעכטע, זייער שלעכטע מענטשן... איצט, ווען איר זײַט צו אונדז געקומען, הענגען זיי זיך מאמעש אָן אף אונדז, מיר זאָלן ניט הערן, וואָס איר רעדט... טרעפט זשע, איך בעט אײַך, וואָס איך וויל זיי איצט זאָגן...

איך האָב צעפירט מיט די הענט: „שווער צו טרעפן“.

— איך וויל זיי זאָגן: רוקט זיך אָפּ, ראבויסײַ, רוקט זיך אָפּ א ביסעלע אָן א זײַט. לאָזט אונדז זיך דורכשמועסן מיט א גאסט פון רוסלאנד...

דער סאן־פראנציסקער עולם אפּלאָדירט. עס געפינען זיך נאָך עטלעכע באלאָנים ארײַנצוזאָגן די „ראבויסײַ“, נאָר מיטאמאָל נעמען ווידער הילכן אפּלאָדיסמענטן. עס דערהערן זיך אויסגעשרייען. „מײַקל איז געקומען!“, „העלאָ, מײַקל!“, „מײַקל גאָלד!“.

מײַקל גאָלד[1] קוקט אף מיר א פּאָר רעגעס. איך קוק אפ אים. מיר נעמען זיך ארום, גלײַך ווי ניט דאָס ערשטע מאָל זעען מיר זיך. און דער שמועס איז אויך „פון א מיטן“:

— די מאָסקווער „ליטעראטורנאיא גאזעטא“ האָט ניט לאנג צוריק מיטגעטיילט...

— אז איך שרײַב די צווייטע טייל „ייִדן אָן געלט“...

— איז דארף איך אײַך ניט איבעריקס זאָגן, אז „סאָוועטיש היימלאנד“...

— וועט באקומען פונעם ראָמאן דאָס, וואָס פאר אים טויג...

אזוי ריידן מיר זיך דורך עטלעכע מינוט. א האלבע פראזע זאָג איך, און א האלבע ער. אין דער ערשטער

---

[1] מײַקל גאָלד — פּראָגרעסיווער אמעריקאנער שרײַבער און פּובליציסט.

העלפט איז די פראגע, אין דער צווייטער — דער ענטפער. די ווערטער אונדזערע ווערן אָבער ביסלעכווײַז פארשווענקט מיט דעם האסטיקן שטראָם פון אויסגעשרייען, וואָס ארום אונדז, און דאָ האָט מען נאָך פון די אנדערע טישן גענומען רופן מײַקל גאָלדן צו זיך, און אויך בא „מײַן" טיש איז אוועק ווײַטער דער שמועס מיטן אוילעם, — און מיר האָבן זיך צעשיידט... איצט, ווען איך שרײַב אָט די ווערטער, נאָגט מיר אזש באם הארצן, וואָס בלויז עטלעכע מינוט האָב איך זיך געזען מיט מײַקל גאָלדן.

די באגעגעניש אין האָטעל „פאלאס" איז פאָרגעקומען פארנאכט. דעם ערשטן טייל טאָג, ביז מיטיק, האָב איך שפאצירט איבער דער שטאָט. אף דער געשעפטס־מאגיסטראל מארקעט־סטריט, אף די רויִקערע גאסן קאליפאָרניִא און מייסאָן, — אומעטום האָב איך געזען די טיפישע אמעריקאנער ברעגלאנד־שטאָט, וואָס איז ענלעך...

נאָר וועגן דעם טאקע, וועגן דעם, אף וואָס עס איז ענלעך סאן־פראנציסקאָ, מוז איך עפּעס פארנאָטירן...

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין האָטעל נאָך דעם שפאציר איבער דער שטאָט, האָט אין האָל געוואַרט אף מיר א מענטש. בא זיך האָב איך שוין בארעכנט, אז יעדער אמעריקאנער שטאָט באגעגנט מיך מיט איר אייגענעם טשודאק. אין טשיקאגאָ, לעמאָשל, איז עס געווען דער ייִד דער דינאָזאוור, און דאָ — א נײַ געשטאלט, כ׳לעבן, א מין מאדאָנע אין הויזן: אפן פײַן געטאָקטן האלדז — א קעפּעלע מיט קוטשעראווע האָר, די אויגן אראָפּגעלאָזט, די בעקעלעך — צונטער־רויט. אָנגעטאָן אין א גרין סאמעטן רעקעלע מיט א ברוינעם קאָלנער. זיצט ער זיך אזוי בענימעסדיק־צארט און האלט צוגעדריקט צום הארצן א פּעקל ביכער. ער רעדט סוידעסדיקשטיל, ציט אויס און פארשנורעוועט יעדע ליפּן, ווי ער וואָלט דאָס וואָרט פריִער אויסגעזויגן, דערנאָך עס אוועקגעלייגט צווישן די ציין און ערשט שפּעטער עס ארויסגעבלאָזן פון זיך.

— איך קאָלעקציאָניר ארויסזאָגונגען וועגן סאן־פראנציסקאָ. איר זעט אָט דעם אלבאָם? צוויי טויזנט פיר הונדערט זעקס און דרײַסיק אויסלענדישע געסט האָבן דאָ אָנגעשריבן, אף וועלכער שטאָט עס איז ענלעך פריסקאָ.

— ווילט איר, אז איך זאָל זײַן דער צוויי טויזנט פיר הונדערט זיבן און דרײַסיקסטער?

— יאָ, מיסטער. און נאָך א באקאָשע האָב איך צו אײַך. מע זאָגט, אז אין רוסלאנד זײַנען ניטאָ קיין מיינונג־פארשיידנהײַטן. אָבער טוט א קוק, וואָס צוויי רוסן, וועלכע זײַנען אין איין און דער זעלבער צײַט געווען בא אונדז צוגאסט, האָבן אָנגעשריבן וועגן סאן־פראנציסקאָ...

אפן פּאָנעם פון דער מאדאָנע האָט זיך באוויזן א גוטמוטיק־סקעפּטיש שמייכעלע. צוויי רוסישע ביכער, צעעפנט אף די נייטיקע זײַטלעך, האָבן זיך אוועקגעלייגט פאר מײַנע אויגן. אין ערשטן בוך, אין באָריס פּאָלעוואָיס „אמעריקאנער טאָגביכער" (פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל", 1956), איז געווען אָפּגעדרוקט שווארץ אף ווײַס, אז סאן־פראנציסקאָ איז „אף אן עמעסן און אפילע ניט אויסערלעך, נאָר טאקע מיטן גאנצן טאָן פונעם לעבן ענלעך אף אונדזער אָדעס: זי איז פונקט אזא ראשיקע, פריילעכע, פילנאציאָנאלע, עס לעבן דאָ פונקט אזוי אָפן די מענטשן, פונקט אזעלכע קלינגענדיקע זײַנען זייערע שטימען אף דער גאס, פונקט אזוי אופגעלעבט־בארייִדעוודיק זײַנען זיי..."

אין דעם צווייטן בוך, אין אלעקסיי אדזשובייס „די „זילבערנע קאָץ", אָדער א רײַזע איבער אמעריקע" (פארלאג „מאָלאָדאיא גווארדיִא", 1956), האָט די מאדאָנע אָנגעוויזן מיר אף אן אָרט, ווו ס׳איז געזאָגט, אז „באטאָג, ווען סאן־פראנציסקאָ ווערט פארגאָסן פון דער בלענדנדיקער זון, ווען עס שפרייט זיך איבער דער שטאָט אויס א בלויער הימל, איז זי אין באזונדערע אירע טיילן שטארק ענלעך סײַ אף קיִעוו, סײַ אף סאָטשי, סײַ אף אָדעס"...

— ווי קומט עס צו די רוסן? — שעפּטשעט מיר אין אויער ארײַן די מאדאָנע. — איינער זאָגט קאטעגאָריש, אז פריסקאָ איז ענלעך אף אָדעס, און דער צווייטער גיט פון זײַן נאָמען צו נאָך צוויי שטעט... מעג מען אזוי אין סאָוועטנפארבאנד?

איך האָב געשמייכלט צו דער מאדאָנע, ווי מע דארף צו א מאדאָנע שמייכלען. אפילע אונטערגעוווּנקען: „איך קען דיך, שעלמע"... די מאדאָנע האָט ניט אויסגעהאלטן:

— וואָס זשע ענטפערט איר ניט, מיסטער? און, ווייניקסטנס, וואָס טראכט איר וועגן דעם?

— איך טראכט, אז סאן־פראנציסקאָ איז ענלעך אף סאן־פראנציסקאָ.

1 דעקאבער.

זיבן אזייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך אופגעהויבן אין אייביק בלויען קאליפאָרניער הימל — און אָט איז שוין לאָס־אנזשעלאָס, די גוואלדיק צעוואָרפענע, אויסערגעוויינלעך לאנגע, אף נײַנציק פראָצענט איינשטאָקיקע „שטאָט פון דער קיניגן פון די מאלאָכים", ווי עס האָבן צוריק מיט הונדערט צוויי און אכציק יאָר אָנגערופן זייערע כאלופּעס פיר און פערציק שפאניער — 11 מאנצבלען, 11 פרויען און 22 קינדער, — וועלכע זײַנען געקומען אהער די ערשטע.

איצט האָט לאָס־אנזשעלאָס 2,5 מיליאָן אײַנוווינער, צוזאמען מיט די פאָרשטעט (לאנג־ביטש, בערבאנק אא.) — העכער 6 מיליאָן.

אין אעראָפּאָרט באגעגנט אונדז דאָס פּאָרפאָלק לי קאר און בען קאר — ביידע סעקרעטארן פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאפט פון אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט. בען קאר זאָגט מיר, אז זײַן פולער נאָמען איז בינאָמין און אז איך קאָן מיט אים ריידן ייִדיש.

— איר שלעפּט נאָך די פיס? — פרעגט ער מיך מיט א טאָן פון אן אלטן באקאנטן.

איך דערוויס זיך בא אים אז דער ייִדישער ייִשעוו איז דאָ זייער א גרויסער — בא א האלבן מיליאָן מענטשן. אף די צוויי טעג, וואָס אונדזער גרופּע וועט דאָ זײַן, איז פאר מיר פארגרייט א פּראָגראם, צוליב וועלכער מע דארף „גוט שלעפּן די פיס".

נאָך א קורצער בעראטונג פאָרט די גרופּע גלײַך פון אעראָפּאָרט אוועק אין „דיסניי־לענד", דעם בארימטן פּארק פאר קינדער, וואָס עס האָט געשאפן דער קינסטלער און רעזשיסער־מולטיפּליקאטאָר וואָלט דיסניי. דאָ, אין אָט דעם צויבער־וועלטעלע, עפנט זיך אוף אן אומזעבארעטיר, און מיר גייען ארײַן אין דיסנייס מײַסעלעך וועגן דעם שניי־מיידעלע און די זיבן גנאָמען, וועגן הילצערנעם יונגעלע פּינאָקיִאָ, וועגן דרײַ כאזיירימלעך. מיר גייען איבער אין פארגאנגענעם יאָרהונדערט — זעצן זיך ארײַן אין אן אָפּענעם דיליזשאנס, פאָרן מיט דער קאָנקע פארבײַ א ברייטער ריטשקע (געמיינט, ווײַזט אויס, דעם

אלטן טײַך מיסיסיפּי), אױף װעלכער עס װיגט זיך א דאמף־שיף מיט צװײ אומגעלומפּערט גרױסע קױמענס. מיר גײען אַרײַן אין שמאָלע געסלעך, איבער װעלכע ס'דרײען זיך ארום די אָװעס פון די הײַנטצײַטיקע אמעריקאנער — בונטע זשילעטן, הױכע צילינדערס, מופּטעס, פּעדערן, װײערס, לאנגע קלײדער מיט שלײפן. אױף רעכטס און אױף לינקס — הײַזער מיט געשניצטע גאנעקעס, קלײטן און אַפּטײקן אונטער אלטע שילדן, אױף די ראָגן פּאָליצײ־לײַט אין פאַרצײַטיקע קאַסקעס. אױף א הױכן ערד־אָנשיט, מאַכנדיק א קרײַז איבער אָט דער גאנצער מעדינע, פאָרט ארום א צוג מיט קלײנע װאַגאָנדעלעך, און פּונקט אין דעם מאָמענט, װען דו קריכסט ארױס פון אַזא װאַגאָנטשיק און װילסט זיך לאָזן גײן צו אײנעם פון די געשניצטע גאנעקעס, קעדײ אָפּטראָגן אהײם דאָס טאָרבעלע גאָלד, װאָס דו האָסט אָנגעשװענקט אין א פאַרװאָרפענעם קאַניאָן, — פּונקט אין דעם מאָמענט רופט מען דיך אַרײַן אין א מאָדערנעם פּאַװיליאָן, װו מע באַװײַזט דעם אַטראַקציאָן „אין א ראַקעטע אױף דער לְעװאָנע".

די שײַן װערט אױסגעלאָשן, דער „פּילאָט" װאָרנט דיך, זאָלסט זיך גוט צובינדן צום שטול, א שטאַרקער מאָטאָר נעמט טרײסלען די ראַקעטע, אױף אַן עקראַן װערט באַװיזן א קינאָ־לענטע, װיאַזױ די ערד דערװײַטערט זיך, זי װערט אַלץ קלענער און קלענער, אױף א צװײטן עקראַן, װאָס הענגט איבערן קאָפּ, דערזעסטו, װי עס דערנעענטערט זיך און „לױפֿט" דיר אַנטקעגן די לְעװאָנע...

— גײט ארױס אין דרױסן, — שעפּטשעט מיר עמעצער פון דער גרופּע אױפן אױער, — מע װאַרט דאָרט אױף אײַך.

איך קריך ארױס פון דער ראַקעטע, — נײן, ניט לעבן א לְעװאָנע־קראַטער, נאָר אױף אונדזער זינדיקער ערד, אין דעם אמעריקאנער שטאַט קאַליפאָרניע, ניט װײַט פון דער שטאָט לאָס־אַנזשעלאָס, אין אָנגעמאָלטן און אױסגעטרױמטן „דיסני־לענד".

— שאָלעם אַלײכעם. איר דאַרפט גלײַך פאָרן אין שטאָט אױף אונדזער מיטינג... דער אױלעם האָט זיך שױן פאַרזאַמלט... העכער טױזנט צװײ הונדערט מאַן...

אין דער מאַשין באַקאָן איך זיך מיט אװראָם מײַמורדעסן, אײנעם פון די אָנפירער פון די אָרטיקע פּראָגרעסיװע קרײַזן. מיר פאָרן א מינוט דרײַסיק—פערציק. צװײ אַזײגער באַטאָג שטעלן מיר זיך אָפּ אױף דער פיגאַראָ־גאַס לעבן א טעאַטער. מײַמודעס קוקט אָנגעשטרענגט צום אַרײַנגאַנג און אָטעמט פרײַ אױף:

— ניטאָ קײן פּיקעטן...

איך דערװיס זיך, אַז די אולטראַרעאַקציאָנערן, װעלכע זײַנען דאָ זײער אַקטיװ סײַ אױף דער אַלגעמײנער, סײַ אױף דער ייִדישער גאַס, האָבן געװאָרנט, אַז זײ װעלן אַראָפּרײַסן די באַגעגעניש מיטן „מאָסקװער פּראָפּאַגאַנדיסט". די אָרטיקע ענגלישע צײַטונג פאַר ייִדן איז הײַנט אינדערפרי ארױס מיט אַן אונטערהעצעריש לײטאַרטיקל. קעדײ אױסמײַדן סקאַנדאַלן באַם אַרײַנגאַנג אין טעאַטער־לאָקאַל, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם מיטינג געדונגען צװײ פּריװאַטע פּאָליציאַנטן. איך טו אַזש א פּליעסקע מיט די הענט פון האַנאָע: די היטער פון דער אָרדענונג אין אַן אמעריקאנער שטאָט לײגן צו די פינגער צו די דאַשעקעס, װען עס גײט פאַרבײַ א ייִדישער פּאָעט פון סאָװעטנפאַרבאַנד, װאָס װעט זיך באַלד דורכשמועסן מיט זײערע לאַנדסלײַט.

דער זאַל איז פול געפּאַקט. אױף דער בינע, װאָס איז דערװײַל נאָך פאַרשטעלט פונעם זאַל מיטן פאָרהאַנג, דערזע איך אַלטע באַקאַנטע: גינאַ מעדעם („אָ, איך דערמאָן זיך בירָאָבידזשאַן... איר זײַט געװען דעמלט א קלײן ייִנגעלע"), סאָרע פעל־יעלין, נײטן סאַמאַראָף און זײַן פרױ סילװיאַ — מיט זײ האָב איך זיך געטראָפן אין מאָסקװע[1]. מע באַקענט מיך מיטן דיריגענט פונעם ייִדישן פאָלקס־כאָר גאַװריִעל סאָנשײן — זײַן „כאַיִל" שטײט שױן אױסגעשטעלט, גרײט צו טאָן עפּעס.

און דאָ טאַקע הײבט זיך אָן א לײַדנשאַפטלעכע פּרעלודיע צום מיטינג. א נעגער שטעלט זיך אַװעק א שפּאַן פאָרױס פאַר דעם ייִדישן כאָר און זינגט דעם אמעריקאַנער הימן, װענדנדיק דאָס פּאָנעם צום פּאָרטרעט פונעם דערהאַרגעטן אמעריקאַנער פּרעזידענט.

װעגן דער טראַגעדיע, װאָס עס לעבט איצט איבער דאָס פאָלק פון די פאַראײניקטע שטאַטן, און װעגן דער נױטװענדיקײַט צו שטאַרקן דעם שאָלעם אױף דער װעלט רעדט באַם עפענען דעם מיטינג אַװראָם מײַמודעס. שפּעטער זינגט דער כאָר אױס דרײַ לידער: „קירכן־גלאָקן" פון אַװראָם רײזען, כאַיִם זשיטלאָװסקיס „און דו אַקערסט און דו זײסט" און מױשע בראָדערזאָנס „בראַנד און פײַער".

דער פאָרזיצער פירט דורך די צערעמאָניע פון „אַרױפרופן אױף דער בינע פּערזענלעכקײַטן" (באַ אונדז הײסט עס „אײַנלאַדן צום טיש די מיטגלידער פון פּרעזידיום"). די דאָזיקע פּראָצעדור העלפט מיר פעסטצושטעלן, װי גרױס עס איז אין לאָס־אַנזשעלאָס די צאָל געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, װעלכע האָבן, צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיװע קערפּערשאַפטן פון ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, קליװלענד, סאַן־פראַנציסקאָ און אַנדערע אמעריקאַנער שטעט, אָפּגעװאָרפן מיט ביטל די „באַי־קאָט"־היסטעריע פון די דאָרטיקע אָרגאַניזירטע קלעריקאַלן און פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע פעדלער פון אַנטיסאָװעטישער סכוירע. אױף דער בינע קומען אַרױף אַרן קױרטמאַן — פּרעזידענט פונעם איקוף, נײטן גאַרפילד — פאָרזיצער פון די קולטור־קלובן, לינאַ קאָרנפעלד און פּערל פײגלסאָן — אָנפירערנס פון דער „עמאַ לאַזאַרוס"־פרױען־אָרגאַניזאַציע, יױסעף װײַס און רעפאָעל פאָזנער— פאָרשטײער פונעם אָרטיקן שרײַבער־פאַרײן, גאַװריִעל סאָנשײן, יאַנקל ביאַליק, ראָכל קלײנערט, עזרא סטײן — אָנפירער פונעם פאָלקס־כאָר און „פאָלקס־בינע", העריִ װילענסקי — פאָרשטײער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט"־פאַרװאַלטונג, סײדי ראַסקין און בעלאַ מאַרקוס — אָרגאַניזאַטאָרן פון לײען־קרײַזן. עס קומען אַרױף אױף דער בינע גינאַ מעדעם, סאָרע פעל־יעלין, נײטן סאַמאַראָף, די טרעד־יוניאָן־טוערן סאָרע דאָרנער, די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער מאַקס שטײנבערג, ליִאָ מאַטלין און נאָך אַנדערע, — װײַזט אױס, אַז אױב איך װעל דעם טאָגבוך פאַרעפנטלעכן, װעל איך מוזן פאַר אײניקע לאָס־אַנזשעלאָסער פרײַנט זיך אַנטשולדיקן, װײַל ניט יעדערנס נאָמען האָב איך דאָ אױפן אָרט באַװיזן צו פאַרשרײַבן, און עס קאָן אַװאַדע זײַן, אַז באַ אַנדערע האָב איך אין אײַלעניש דערלאָזט ניט־פּינקטלעכקײַטן. איך פאַרהיט אָבער אין טאָגבוך זײערע נעמען, װײַל פאַר מיר פּערזענלעך האָבן

---

[1] גינאַ מעדעם — ייִדישע פּראָגרעסיװע שרײַבערן, פּובליציסטקע און געזעלשאַפטלעכע טוערן; סאָרע פעל־יעלין — פּראָגרעסיװע ייִדישע דיכטערן; נײטן סאַמאַראָף — מוזיקער און דיריגענט פון די ייִדישע פאָלקס־כאָרן.

אַלע אַנטיסאָוועטישע ראַבאָנים פונעם „סינאַגאָג־קאַונסיל“ מיט די „פאָרווערטס“־לײַט און אַנדערע ענלעכע לײַט צוזאַמען גענומען ווײניקער דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פונעם ייִדישן פאָלק פון אַמעריקע, איידער יעדער איינער באַזונדער פון אָט די מענטשן פון גוטן ווילן.

דער פרײַנטשאַפט־מיטינג פאַרציט זיך ביז זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. אויף וויפל אין אײַנלאַדונגס־בילעט איז געווען אַ צוזאָג, אַז ס׳וועלן זײַן „פּראַגעס און ענטפערס“, האָט יעדערער אין זאַל געהאַלטן, ווײַזט אויס, פאַר זײַן כּיוון אָנצושרײַבן אַמווייניקסטנס איין צעטעלע אין פּרעזידיום. וואָס איז דאָרט נאָר ניט געווען געשריבן, אין אָט די צעטעלעך! די לאָס־אַנזשעלאָסער ייִדן האָבן זיך פּאַשעטע דורכגעשמועסט מיטן גאַסט, און אויף אַ גאַנץ היימישן אויפן... „צעשפּיליעט דעם קאָלנער, אַניט וועט איר זיך אָפּגיסן מיט שווייס. די כאָליערע וואָלט זיי ניט גענומען, ווען זיי נעמען אַ גרעסערן לאָקאַל“, „וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אַמעריטשקע? באַ אונדז אין דער היים, אין ניקאָלקעס ראַסייע, אַז מע פלעג האַרגענען אַ פּריסטאַוו, איז געווען סיביר און ווײַסעליצעס. און דאָ פירט מען איבער אַ פּרעזידענט, און שאַ־שטיל“, „דו זאָגסט, אַז מאָרגן וועט „סאָוועטיש היימלאַנד“ ווערן אַ כוידעש־מעגעזין און מאָרגן וועלן אין מאָסקווע אָנהייבן אַרויסגיין ייִדישע ביכער. וויל איך דיך וואָרענען: אַל טתהלל ביום מחר“[1], „איך בין אַן אַגענט אין אַ סטראַכיר־געזעלשאַפט. איך וואָלט געוווען אַ גוטער כאַווער פון סאָוועטן־יוניאָן, ווען איר גיט מיר צו פאַרדינען. כּוץ דעם דאַרפט איר וויסן, אַז נאָך קענעדיס טויט מעגט איר זיך יאָ פאַרסטראַכירן“.

פאַרשטייט זיך, אַז די מערהײַט צעטעלעך זײַנען געווען זאַכלעכע און האָבן געפאָדערט אַ גענויען ענטפער. אָנדערהאַלבן שאָ האָט געדויערט דער שמועס אַרום די פּראַגעס פון דעם לאָס־אַנזשעלאָסער פרײַנטלעך־געשטימטן עולם. צום סאָף, ווען אַלע זײַנען שוין שטאַרק מיד געוואָרן, האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אַז די ניט פאַרענטפערטע צעטעלעך וועל איך אַוועקפירן מיט זיך קיין מאָסקווע און באַ אַ געלעגנהײַט ענטפערן אויף זיי.

7 אַזייגער פאַרנאַכט. אין דער גאַסטפרײַנטלעכער שטוב באַ מיני און מעקס פּאָלער — פּאַשעטע און זייער האַרציקע האָרעפּאַשנע מענטשן — האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק פּראָגרעסיווע ייִדישע טוער. אין אַ גערוימען צימער זיצט מען — ווער אויף אַ שטול, ווער אויפן דיל, ווער לעבן דעם געדעקטן טיש — מע זינגט לידער און מע טרינקט אַ גלעזל ווײַן.

ביז איינס באַנאַכט זיצן מיר דאָ, און קיינער וויל ניט גיין אַהיים. דער דיכטער כאַיִם שוואַרץ שענקט מיר זײַן בוך, און, בלעטערנדיק עס, שטויס איך זיך צופעליק אָן אויף אַ ליד וועגן די קאַלטע־מילכאָמע־לײַט. „איר האָט צעעפנט אַלע העצע־קראַנען“, — וואַרפט זיי דער דיכטער אין פּאָנעם אַרײַן. אַך, ווען ניט אָט דאָס געפיל, אַז די יעניקע, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער מוטיקער ליד פונעם אַמעריקאַנער ייִדישן פּאָעט, שטייען אונטער די פענצטער און קוקן אויף אונדז מיט סינע, — וואָלט איך עפּשער געקאָנט מיינען, אַז איך זיץ באַ זיך אין דער היים צווישן גוטפרײַנט...

[1] אַל טיסהאַלייל בעיוים מאָכאָר — באַרים זיך ניט מיטן מאָרגעדיקן טאָג. געמיינט: ניי זיך ניט קיין בײַטל, איידער דו האָסט ניט קיין געלט.

2 דעקאַבער.

דער לעצטער טאָג אין אַמעריקע. מאָרגן אינדערפרי פליִען מיר אַרויס קיין פּאַריזש. הײַנט בין איך געווען באַם פראַנצויזישן קאָנסול, וואָס האָט זײַן זיץ־אָרט דאָ, אין לאָס־אַנזשעלאָס. איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וואָלט וועלן, פאָרנדיק צוריק אַהיים, זיך פאַרהאַלטן אין פּאַריזש אויף אַ טעג צען, און געבעטן, אויב עס איז מעגלעך, באַוואָרענען מיך דאָ מיט אַ וויזע. דער קאָנסול האָט מיט אַ שטיל, מילד קאָל געענטפערט, אַז ער וואָלט זיכער באַפרידיקט מײַן באַקאָשע, ווען איך קום צו אים מיט אַ פּאָר טעג פריִער. איצט איז עס אומעגלעך צו טאָן איבער טעכנישע סיבעס: פאַר איין טאָג וועט ער ניט באַווײַזן זיך פאַרבינדן מיט פּאַריזש. דאָך, — האָט דער קאָנסול מיך געגלעט מיט זײַן שטיל, מילד קאָל, — מעג איך רויִק זיך אַרײַנזעצן אין אַעראָפּלאַן פון דער קאָמפּאַניע „Air France“, ווײַל ער וועט מאָרגן אינדערפרי האָבן אַ טעלעפאָן־געשפּרעך מיט זײַן שעף אויף קע ד׳אָרסיי — דעם מיניסטעריום פון אויסערן־איניאָנים פון פראַנקרײַך, און איך מעג, קומענדיק אין פּאַריזש, זיך פאַרופן אויף אָט דעם שמועס...

אָט וויִאַזוי עס איז דורכגעגאַנגען דער הײַנטיקער טאָג. 10 אַזייגער אינדערפרי איז אין האָטעל, ווו מיר שטייען אײַן, פאָרגעקומען אַ פּרעסע־קאָנפערענץ. איך האָב געטראַכט זיך באַגעגענען דאָרט און אָן צערעמאָניעס אַ שמועס טאָן מיטן רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער צײַטונג פאַר ייִדן, וואָס האָט נאָך דעם נעכטיקן כוליגאַנישן אַרטיקל הײַנט אָפּגעדרוקט אַ צווייטס, פול מיט שמוץ און געמיינע אָנפאַלן. גענוג צו זאָגן, אַז די העכער טויזנט לאָס־אַנזשעלאָסער ייִדן, וואָס זײַנען נעכטן געקומען אָפּנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון די סאָוועטישע ייִדן, האָט דער צעיושעטער רעדאַקטאָר געקרוינט אַלס „לאַוד מאַוטס“ און „סידעד באַמס“ — אַלס שרײַער און טויגעניכצן.

דער רעדאַקטאָר אָט דער איז אָבער אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ ניט געקומען. ס׳איז טאַקע עמעס, אַז אַ מענטש, וואָס האָט פאַרקויפט זײַן געוויסן, האַלט זיך פאַכדאָניש אָן אַ זײַט, ווען ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקײַט זיך שטעלן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן עמעס.

נאָך דער באַגעגעניש מיט די זשורנאַליסטן שפּאַציר איך אַ שאָ אָנדערהאַלבן צוזאַמען מיט עטלעכע לאָס־אַנזשעלאָסער פרײַנט איבער דער שטאָט. צום באַדויערן, האָט שוין ניט געסטײַעט קיין צײַט אויף צו פאָרן קיין האָליוווּד. ס׳איז עפּשער בעסער אַזוי, ווײַל האָליוווּד פאָדערט אַ סאַך צײַט, אויף איין פוס זיך באַקאָנען מיט אים איז ניט שײַעך...

די צענטראַלע גאַס פון לאָס־אַנזשעלאָס איז די לענגסטע אין דער וועלט: דאָס איז אַן אַמאָליקער שאָסיי, אַרום וועלכן עס האָט זיך געבויט די שטאָט, און ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס אויסגעצויגן האָט זיך די גאַס אויף העכער פערציק קילאָמעטער. אין לאָס־אַנזשעלאָס, ווען מע קלײַבט זיך אויס צו אַ פרײַנט, וואָס לעבט „אויף יענער זײַט גאַס“, גיסט מען אָן אַ פולן באַק בענזין און מע לייגט אַרײַן אין אויטאָ עטלעכע פלעשער קאַלטן לימאָנאַד: בעשאַסן לאַנגזאַמען פאָרן אין שטראָם פון די אויטאָמאָבילן וועט זיך ניט איין מאָל פאַרוועלן אַ טרונק...

אין דעם טייל שטאָט, ווו עס זײַנען קאָנצענטרירט אַדמיניסטראַטיווע אַנשטאַלטן, גייען מיר אַרײַן אין אַ גרויסן

עס־לאָקאַל, א טיפּישן פאַר קאַליפאָרניע, א מין „פּאַברי־קאַ־קוכניא" לויט אונדזערע באַגריפן. די אַנגעשטעלטע אין פאַרשיידנערליי ביוראָען האָבן דאָ די מעגלעכקייט אָפּעסן פאַר 15—20 מינוט. אומגעריכט און עפּעס מעשונעדיק־ניי פאַר מיר איז די גרויסע צאָל ווענטלעך, וואָס צעטיילן דעם לאָקאַל אף צענדליקער באַזונדערע קעמערלעך. דער אַמעריקאַנער האָט ליב עסן אַזוי, אַז מע זאָל אים „ניט קוקן אין טעלער אַריין". און די קויהאַנים פון פּריוואַט־אייגנטום האָבן דאָס גלייך אופגעכאַפּט און אויסגעפּלאַנירט דעם עס־לאָקאַל אַזוי, אַז די צוויי ווענטלעך אין דער פאָרם פון לייכטע באַריערן צווישן די טישלעך זאָלן שאַפן אַן אילויזיע פון אַן „אייגנער נעסט". די צוויי אַנדערע ווענטלעך, ווידער, שליסן איין די „נעסט" אין אַלגעמיינעם אַנסאַמבל פונעם לאָקאַל. דעם עמעס גערעדט, בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט אַזאַ „קאָנסטרוקציע" ניט אויסגעהאַלטן קיין איין טאָג אפילו. בא אונדז, אַז מע זעצט זיך אוועק עסן, ווערט מען גלייך פאַניבראַט מיטן שכן, מע גיט אים צורייכערן, אויב ער האָט אפילו שוועבעלעך, מע רייכערט אויס זיין סיגאַרעט, כאָטש די אייגענע זיינען אף קיין האָר ניט ערגער. דערנאָך גיסטו אים אָן א גלעזל פון דער פלאַש, וואָס שטייט לעבן דיין טעלער, און דו פּרוּווסט אויך זיינס, און פרעגסט אים אויס: „זעמליאַק, ביסט אַן אַרטיקער, צי עפּשער ניט?" און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מע איז, פאַרשטייט זיך, שיר ניט פון איין שטאָט און שיר ניט פון איין גאַס. און דעם פּאַשיסט האָט מען צוזאַמען געשלאָגן, עמעס, אף פאַרשיידענע פראָנטן — איינער, לעמאָשל, אפּן צאַפן, לעבן מורמאַנסק, אין דער ברעג־אַרטילעריע, און דער צווייטער בא דעם דניעסטער, אין א קאַוואַלעריע־קאָרפּוס, — נאָר געשלאָגן האָט מען דאָך איין קאַט, דעם פּאַשיסט, און איוואַן פּעטראָוויטש, דער שכן פונעם אַרטילעריסט, האָט, געדענקט זיך, אויך געדינט אין דער קאַוואַלעריע ערגעץ אף דאָרעם. „איוואַן פּעטראָוויטש? דאָס איז דאָך מיין עסקאַדראָנע סטאַרשינאַ!" — און מע טרינקט נאָכאַמאָל אויס צו גלעזלעך, און מע רופט זיך שוין אף „דו". איז ווי זאָלן דאָ אויסהאַלטן ווענטלעך מיט באַריערטשיקעס?..

בעשאַס איך זיץ אַזוי און טראַכט, זאָגן מיר די פריינט מיינע, אַז א שכן באַם צווייטן טישל, וואָס האָט צופעליק געהערט אונדזער שמועס און זיך דערוווּסט, ווער איך בין, וויל מיט מיר זיך באַקאַנען. אין מעשעך פון א מינוט צען הער איך אויס דעם שכנס רייד, און עס ווערט מיר אומעטיק. לעבן מיר, א געקומענעם פון אויסלאַנד, האָט זיך צוגעזעצט א מענטש, וואָס רעדט לאַשן־האָרע אף זיין אייגן לאַנד!

— אַלע לעבן בא אונדז פון גאַזלאָנעיע... א גאַנעוו אף א גאַנעוו. מע נאַרט אָפּ, מע מאַכט אָן אָנשטעל... גלייבט ניט, אויב מע וועט אייך ווייזן א נייע מאַרקע אווטאָמאָבילן. מע פאַרבט איבער דאָס אַלטע און מע זאָגט, אַז דאָס איז ניי... אַמעריקע איז שוין לאַנג הינטערשטעליק... יאָ, יאָ!

— נישטאָ קיין אַמעריקאַנער קולטור, אַלץ איז אָנגעשלעפּט פון אייראָפּע...

— די היגע יידן, די געבוירענע אין אַמעריקע, האָבן דען עפּעס געשאַפן? לייוויק איז פון רוסלאַנד, אַש און אָפּאַטאָשו — פון פּוילן... קיין אייגנס ניטאָ... און מע גווידערט זיך נאָך...

ווען דער שכן האָט געענדיקט ריידן, האָב איך, ווענדנדיק זיך ניט צו אים, נאָר צו מיינע פריינט, געזאָגט:

— איך מוז זיך מוידע זיין, אַז אויך בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד טרעפן זיך, עמעס זייער זעלטן, אַזעלכע ברוייִם... זיי באַריידן דאָס אייגענע לאַנד... ווען עס קומט א פרעמדער טוריסט, שליאָנדרען זיי אַרום אים און טראָגן אים אונטער א פּאַרציע רעכילעס. עס געפעלט זיי ניט די ערד, וואָס טראָגט זיי אף זיך, דאָס פאָלק, וואָס כאָוועט זיי... בא אונדז זיינען קיין סאַך אַזעלכע באַשעפענישן ניטאָ. עס עקלט פון זיי...

דער שכן איז אוועק אַן אומצופרידענער.

נייטן גאַרפילד, דער פּאָרזיצער פון די לאָס־אַנזשעלאָסער קולטור־קלובן, איז א פאַרמעגלעכער מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען א קאָמפּליצירטן און זיגזאַגאַרטיקן וועג און, ניט געקוקט אף געוויסע שטרויכלונגען, דאָך געפונען זיין אָרט אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. בא אים אין שטוב באַגעגן איך זיך צוויי אַזייגער באַטאָג מיט א פּאָר צענדליק יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע וווינען אין לאָס־אַנזשעלאָס. בעשאַסן שמועס דערפיל איך, אַז עפּעס טוט זיך אין צווייטן צימער אַרום טעלעפאָן. די שטימונג, וואָס איז ערשט געווען א גליקלעך־דערהויבענע, ווערט מיטאַמאָל בא אייניקע פון די ביי‎ווּעזנדע באַשוועט מיט אומרו. אַלע פינף—צען מינוט קלינגט דער טעלעפאָן, גאַרפילד גייט אוועק אַראָפּנעמען דאָס טרייבל און קערט זיך אום אַן ערנסטער, באַרויקנדיק מיט א שטיל וואָרט די געסט. איך פרעג זיך אָן, וואָס עס איז געשען, און נייטן גאַרפילד ענטפערט א ביסעלע פאַרשעמט, אָבער רויק:

— אַנאָנימע מענטשן וואָרענען, אַז זיי וועלן אופרייסן די שטוב, אויב מיר וועלן זיך ניט צעגיין... לאָמיר פאַרזעצן, טייערע פריינט.

אין א שאָ אַנדערהאַלבן אַרום, ווען דער שמועס איז געענדיקט און די געסט נעמען זיך געזעגענען, זאָגט צו מיר גאַרפילד:

— איר בלייבט אָפּעסן מיטיק מיט מיין געזינדל...

— וואָס זשע? — פרעג איך אים אין א שפּאַס. — ס'איז אייך גאָר ניט טייער אַזאַ שיין הויז?

— ע! — טוט נייטן גאַרפילד א מאַך מיט דער האַנט. — אויב זיי וועלן עס אופרייסן, זאָל כאָטש זיין פאַרוואָס...

נאָך איין גרופּע לאָס־אַנזשעלאָסער יידן האָט „באַשטעלט" א זעונג מיט מיר. דאָס זיינען די ענגליש־ריידנדיקע, די שפּראַכלעך־אַסימילירטע. צו זיי פאָרן מיר אוועק נאָך דעם מיטיק בא די גאַרפילדס.

ס'האָט זיך צונויפגענומען א גרויסער עולעם. מיר ריידן זיך דורך מיט דער הילף פון אַן איבערזעצערן.

די אַסימילירטע ווילן וויסן, צי מע האָט דאָס רעכט צו אַסימילירן זיך אין סאָוועטן־יוניאָן. איך שיס אויס מיט א געלעכטער. זיי שיסן אויס מיט א צווייטער פראַגע: צי האָבן די אַסימילירטע אין סאָוועטן־יוניאָן זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע? ניין, אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע האָבן בא אונדז טויב־שטומע און בלינדע. די איבעריקע מענטשן זיינען אָרגאַניזירט לויטן פּראָפעסיאָנעלן און געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ...

איינער אַן אַסימילירטער ייִד שטעלט זיך אוף פון אָרט און זאָגט צו מיר אף א וואָלינער יידיש:

— איך בין א געקאַנטשעטער אַדוואָקאַט. ווען איר זאָלט מיר, פּרימערנע, צוזוגן, אַז איכן עסן בילקע מיט פּיפּעקעס, גיי איך ווסיאָ ראַוונאָ ניט צוריק צי זשאַראַגאָן...

איך באַרויִק אים מיט אַ ניט ווייניקער וואַלינער ייִדיש:

— איך זוג אַך צי פּיפּיקעס מיט בילקע, אָבער מיטשעט ניט דעם זשאַרגאָן.

דער געקאָנטשעטער אַדוואָקאַט מאַכט זיך ניט פאַרשטייענדיק, און ער זאָגט צו דער איבערזעצערן:

— Please

די איבערזעצערן סאַבעלאַ, אַ שיינע יונגע פרוי, אַ לערערן, איז אַליין אויך ניט שטאַרק באַקי אין ייִדיש־לאָשן. ווען זי זעצט איבער מײַנע רייד, זאָגט מען איר אונטער פון די ערטער, און זי ענדיקט אַלעמאָל ערגעץ אין סאַמע מיטן, אויסדריקנדיק פולן צוטרוי צו די אַסימילירטע: „נו, און דאָס איבעריקע האָט איר אַליין פאַרשטאַנען...“

צווישן די צעטעלעך, וואָס מע האָט מיר צוגעשיקט, איז פאַראַן איינס אַזאַ: „איך גיב אײַך איבער די אַדרעסן פון פינף לאָס־אַנזשעלאָסער סינאַגאָגעס, וועלכע מע האָט ערשט ניט לאַנג פאַרשמירט מיט סוואַסטיקעס: 1) קאָנגרעגיישאָן בית אל, 8056 בעווערלי בולוואַרד; 2) קאָנגרעגיישאָן אוהב שלום, 8301 וועסט דריטע גאַס; 3) אינסטיטוט אָוו דזשויִש עדיוקעישאָן, 8399 וועסט דריטע גאַס; 4) פעירפעקס טעמפּל, 525 סאַוט פעירפעקס עוועניו; 5) קאָנגרעגיישאָן אנשי ספרד, 8631 וועסט פּיקאָ בולוואַרד. איך אייַצע אײַך אַרײַנפאָרן אין די דאָזיקע סינאַגאָגעס און זען מיט די אייגענע אויגן, אַז אויב עס איז ערגעץ־וווּ פאַראַן אַ פּראָבלעם פון טעראָר קעגן די רעליגיעזע טעמפּלען, איז עס בײַ אונדז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע“.

ווען איך בין אַזייגער צען פאַרנאַכט אַרײַנגעקומען אין דער וווינונג פון לי און בען קאַר, איז דאָ געווען אָף טיש און אָף בענק. אַ סאַך מענטשן האָבן פאַרפולט דאָס הויז. ס'איז געגאַנגען דער אָפּשייד־אָוונט מיט אונדזער גרופּע.

דאָ האָבן מיר זיך פונקט ווי געזעגנט ניט נאָר מיט לאָס־אַנזשעלאָס, נאָר מיט גאַנץ אַמעריקע. יעדן איינעם פון די סאָוועטישע געסט האָט מען געבעטן, ער זאָל מיט עטלעכע ווערטער זיך ווענדן צום לאַנד, וואָס מיר פאַרלאָזן מאָרגן. ווען די ריי איז דערגאַנגען צו מיר, האָב איך געפּרוּווט אָפּקומען מיט לייענען אַ ליד. נאָר אין צווייטן צימער, ווּהין איך בין אַרײַן גלײַך נאָך מײַן אַרויסטרעטונג, האָט די באַלעבאָסטע לי קאַר מיך דאָך געצוווּנגען האַלטן אַ „פּאָליטישע רעדע“:

— טײַערע פרײַנט! ווען איך בין אין ניו־יאָרק געקומען אַ קוק טאָן אָף „עמפּײַר סטייט בילדינג“, האָט מען מיר דערציילט, אַז דאָס דאָזיקע ריזיקע געבײַ האָט זעקס מיט אַ האַלבן טויזנט פענצטער און אַז יעדן פענצטער וואַשט מען צוויי מאָל אַ כוידעש. איך וויל איבערגעבן אַ ווונטש דעם אַמעריקאַנער פאָלק, אַז ער זאָל האַלטן טאָמיד ריין נאָך איין פענצטער, דאָס פענצטער, וואָס קוקט אַרויס צו דער נײַער סאָציִאַליסטישער וועלט, צום סאָוועטנפאַרבאַנד...

3 דעקאַבער.

איך שרײַב דאָס לעצטע זײַטל אין מײַן אַמעריקאַנער טאָגבוך. ס'קאָן אַוואַדע זײַן, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן אַהיים, וועט מיר עפּעס געפעלן און עפּעס ניט געפעלן, און ניט אַלץ האָב איך באַוויזן זען, און ניט אומעטום בין איך געווען גערעכט. איין זאַך קאָן איך זיך אָבער דערלויבן צו זאָגן: אין טאָגבוך איז אַלץ באַשריבן אַזוי, ווי ס'איז געווען, — גאָרנישט איז ניט צוגעטראַכט און ניט צוגעפּוצט.

איך שרײַב איצט ווידער אין אַעראָפּלאַן. עלף אַזייגער אינדערפרי האָבן מיר געזאָגט אַ „זײַ געזונט“ די גאַסטפרײַנטלעכע אַמעריקאַנער. מיר פאָרן אַוועק פונדאַנען מיט אַ גוטער שטימונג, און קיין זאַך קאָן אונדז אָט די שטימונג ניט מאַכן ערגער. אינדערפרי האָט ניקאָלײַ פּאָליאַנאָוו געבראַכט צום פרישטיק אַ צײַטונג, אין וועלכער ס'איז מיטגעטיילט, אַז נעכטן האָט אין מאָנטרעאָלער אַעראָפּאָרט, ווּהין מיר פליִען איצט, זיך צעקלאַפּט בײַם אופשטײַגן אַ פּאַסאַזשיר־לײַנער, פונקט אַזאַ ווי אונדזערער. 98 מענטשן זײַנען אומגעקומען. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אָף מײַנע כאַווירים, אָף די „בראָדיאַגעס“ פון די לופט־וועגן. אַ וואָלקנדל פון טרויער איבערן טראַגישן גוירל פון אַזויפיל מענטשן האָט זיך אויסגעשפּרייט אָף אַלעמענס פּנים. איצט זיצט מען בײַ די אילויִמינאַטאָרן רויִק, מע רעדט מיט אַ פאַרבאָרגן פײַערל אין די אויגן וועגן דעם, וואָס עס שטייט אונדז פאָר, וועגן מאָסקווע, וועגן דער נאָענטער באַגעגעניש מיטן היימלאַנד.

מיר פליִען אָף מיזרעך, דער זון אַנטקעגן, און אַלץ באַקומט זיך איצט אַנדערש, איידער דעמלט, ווען מיר זײַנען געפלויגן פון אייראָפּע קיין ניו־יאָרק. דער טאָג איז איצט ווי אײַנגעשרומפּן.

צוויי אַזייגער בײַטאָג, לויט דער לאָס־אַנזשעלאָסער צײַט, איז שוין געווען אָוונטלעך־טונקל, ווײַל דאָרט, וווּ מיר זײַנען געפלויגן, איז די שאָ געווען שוין אַ שפּעטע. דרײַ אַזייגער בײַטאָג ווערט פינצטער. מיר פליִען דורך טאָראָנטאָ, וואָס זעט זיך אַרויס מיט זײַנע פײַערן פון אונטער די טונקעלע שיטערע וואָלקנס, אַזוי ווי אַ העלבאַלויכטענע שטוב, וואָס שטייט אין אַ סאָד, זעט זיך אַרויס דורך די ביימער־קרוינען, ווען מע קוקט אָף איר פּונעם דאַך פון אַן אַנדער שטוב, אַ העכערע פון איר.

פינף אַזייגער פאַרנאַכט נידערן מיר אַראָפּ אין פאַרשנייטן מאָנטרעאַל. אונדזער אַעראָפּלאַן פּאָמפּעט אַרײַן אין זיך אַזויפיל בענזין, וויפל מע דאַרף, קעדיי אַריבערשלעפּן אונדז אָף יענער זײַט אָקעאַן, און מיר הייבן זיך ווידער אוף אין הימל. איך פיר איבער דעם זייגער אָף דער פּאַריזשער צײַט.

עס הייבט אָן טאָגן. פריִער ווערט ליכטיק־ראָזלעך דער האָריזאָנט. די ליכטיקײַט, שוין אַ גרויליך־געדיכטע, פאַרהיט זיך אָף די וואָלקנס, ביזוואַנען עס פאַרשווינדט סײַ די ראָזלעכע, סײַ די גרוילעכע שײַן, און עס ווערט פּאַשעט ליכטיק.

מיטאַמאָל טוט אַ פינקל אין אַ דורכרײַס פון די וואָלקנס אַ הויפן פײַערן — אַ שטאָט, ווײַזט אויס, וווּ מע האָט אין קאַיאָר נאָך ניט אויסגעלאָשן די עלעקטרע. דו דערמאָנסט זיך, וווּ דו ביסט, און דו שרײַסט אויס: „הערסט אַ מײַסע, דער אָקעאַן האָט זיך געענדיקט!“... יאָ, אונטער די פליגל שפּרייט זיך שוין אייראָפּע. אַ קאָל אין רעפּראָדוקטאָר הייסט אונדז זיך צובינדן צו די בענקלעך. אין דער זעלבער מינוט נעמט דער לײַנער אַראָפּנידערן. ווען ער שלאָגט דורך די וואָלקנס, דערזעען מיר הײַזער און גרינס. איבער די וועגן לויפן ווײַסע מאַשינעס. דער אַעראָפּלאַן טוט מיט די רעדער זיך אַ שווערן קלאַפּ אין פּאַריזש.

ליטעראַטור און קונסט

נאָכעם אויסלענדער

דער פֿריַינט מיַינער, דער דיכטער אַפֿן פֿערד...

צום 75־טן געבורטסטאָג פֿון אשער שוואַרצמאַן

פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר זיך ניט געזען. דאָס זיַינען געווען די שווערסטע יאָרן אין אשער שוואַרצמאַנס לעבן: ס׳האָט געבושעוועט דער וועלט־קריג, און אשער איז די גאַנצע ציַיט געווען אַפֿן פראָנט.

מיר האָבן זיך באַגעגנט ווידער ערשט אין יול 1917 אין פעטראָגראַד. דער צאַרישער רעזשים האָט שוין ניט עקזיסטירט, נאָר די מילכאָמע האָט נאָך געדויערט. אָקאָרשט וואָס, אין יון כוידעש, האָט די קערענסקי־רע־גירונג אַפילע געפּרוווט אונטערנעמען אַפֿן דאָרעם א ברייט פאַרמאָסטענעם אָנגריף קעגן די דיַיטשן. קיין רע־זולטאַטן האָט דער אָנגריף ניט געגעבן, די פאַרלוסטן זיַינען אָבער געווען גאָר גרויס. ווּעדליק איך געדענק, האָט דער איַינדרוק פֿון די דאָזיקע פאַרלוסטן נאָך גע־וועלטיקט איבער אשער שוואַרצמאַנען, בייס ער האָט זיך באַוויזן אין פעטראָגראַד.

שוואַרצמאַן איז דעמלט געווען אַף דורך און דורך א פראָנטאָוויק — א מענטש, וואָס אַלע זיַינע געדאַנקען גייען פֿון פראָנט, אַלע זיַינע געפילן ציִען זיך אַהין. און ס׳איז קיין וווּנדער ניט: ער איז דאָך געווען פֿון די יעניקע, וואָס זיַינען אַרויס אַפֿן שלאַכטפעלד באַלד ווי עס האָט א קנאַל געטאָן דער ערשטער שאָס — דעם ערשטן אווגוסט 1914. דעריבער איז ער געווען מיט אַנ־צאַליקע פעדעם צוגעבונדן צום פראָנט־לעבן, און, קו־מענדיק קיין פעטראָגראַד, האָט ער אויך געבראַכט מיט זיך א שטיק פראָנט־לעבן: דעם האָס צו קערענסקין, וואָס האָט אונטערגענומען אַזאַ אומזיניקן, ניט צוגע־גרייטן, ניט געזיכערטן אָנגריף...

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין פעטראָגראַד גאָר אומגע־ריכט. עמעצער פֿון די קיִעווער פריַינט האָט צוגעשיקט שוואַרצמאַנען מיַין פעטראָגראַדער אַדרעס, און ווי נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט א פריַיע מינוט, איז ער געקומען צו מיר.

איך האָב געוווינט אַף וואַסיליעווסקי אָסטראָוו באַ א ציין־דאָקטער מיטן נאָמען סאָלאָווײ. נידעריקער מיט א שטאָק איז געווען א טראַקטיר, און באַם אַריַינגאַנג אין טראַקטיר זיַינען אומעטום געהאַנגען שילדלעך, וואָס האָבן צו וויסן געטאָן, אַז דאָ וווינט דער ציין־דאָקטער סאָלאָווײ. פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז עמעצער וועך פֿון די הוליענדיקע טראַקטיר־לײַט פֿלעגט פאַרינטריגירט ווערן פֿון אָט דעם אויסטערלישן נאָמען, ער פֿלעגט זיך ניט פוילן אַרופגיין מיט א שטאָק העכער, אָנקלינגען און מיט א שיקערלעכן ניַיגער מעלדן, אַז ער וויל מיט זיַינע אויגן אָנקוקן א מענטש — א סאָלאָווײ. געווען זיַינען צווישן די דאָזיקע ניַיגעריקע כעוורע אויך מיליטער־לײַט, די העפקער־צעלאָזענע יונקערלעך פֿון קערענסקיס ציַיטן.

דערזען דעם אַריַינגעקומענעם אשער שוואַרצמאַנען, האָב איך טכילעס געמיינט, אַז ס׳איז איינער פֿון דעם מין באַזוכער. ס׳איז געווען פאַרנאַכט־ציַיט, און אָנגעטאָן איז שוואַרצמאַן געווען אין א ברייטן שינעל, און דאָס גאַנצע געשטאַלט זיַינס איז געווען אַזוי צעוואַקסן אין דער ברייט — איך האָב בעשום־אויפן ניט געקאָנט דער־קענען אין אים דעם שלאַנקן, הויכוווקסיקן אשערן מיט זיַין שטאַלטנעם גאַנג, מיט זיַינע גריַנגע באַוועגונגען.

אויך דאָס פּאָנעם זיַינס איז געווען שטאַרק פאַרענ־דערט. ס׳איז אַוועק יענע העלע דורכזיכטיקייט, וואָס האָט געלאָזט אַזוי דיַיטלעך אַיינזען, ווי עס וועבט זיך דאָס לעבן פֿון זיַין געמיט. ס׳איז אַוועק דער האַסטיקער ווענד פֿונעם קאָפּ, וואָס פֿלעגט זיך אַזוי שאַרף א קער טאָן אַהין, פֿונוואַנען עס האָבן אים א שיַין געטאָן די „כידעש־דיקע וועלטן”. ס׳איז אַוועק דער אימפּעטדיקער וואָרף מיט די אויגן (און דערבײַ אויך מיט די ברעמען), וואָס האָבן שטענדיק ווי געיאָגט זיך, נאָכגעיאָגט זיך נאָך דער פּילפּאַרביקײַט און פילגעשטאַלטיקײַט פֿון אַרומיקן לעבן...

איצט האָט אשער שוואַרצמאַנס בליק זיך נאָך גאָרניט ניט געיאָגט, געווען ווי פאַרשטיינערט, פאַרשטאַרט. מיט אַזאַ בליק קוקן אַמאָל אַרויס אויגן פֿון א פּריציַיטיק גרוי געוואָרענעם קאָפּ. נאָר גרוי איז אשער שוואַרצמאַן אַפֿן פראָנט ניט געוואָרן. זיַין שטײַפער קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען שוואַרץ, געדיכט שוואַרץ, און דאָס איז געווען דאָס אייינציקע, וואָס האָט געוווּנקען צו דעם אַמאָליקן אשערן.

ס׳געדענקט זיך: מיר זיַינען אָפּגעזעסן דעמלט גאָר א היפּשע ציַיט, מיר האָבן שוין באַוויזן צו ריידן וועגן גאָר א סאַך זאַכן, און דעם שינעל האָט אשער נאָך ניט געוואָלט אויסטאָן. און געווען איז עס דאָך זומער־ציַיט. ס׳האָט זיך אָבער געפּילט, אַז אַזוי, אין שינעל זיצנדיק, פּילט ער זיך בעסער, געוווינטער, היימלעכער.

געווען אין דעם שינעל איינס אָן אָרט — באַם פאַר־בייג פֿון רעכטן אַרבל, — וואָס איז געווען אשערן באַ־זונדערס טיַיער. לויט דער שטענדיקער סאָלדאַטישער געוווינהײַט האָט ער דאָרט געהאַלטן אַלץ, וואָס אים איז געווען ליב: א בריוול פֿון א קיִעווער מיידל, אַן אָנהייב פֿון אַן אייגענער ליד, אַן אָפּשריפט פֿון עמעצנס א ליד,

---

פֿון א בוך זיכרוינעס.

וואָס איז אים אַרײַנגעפאַלן אין די הענט ערגעץ אויפֿן פראָנט און וואָגלט פון דעמלט אָן אינאיינעם מיט אים...

דעם גאַנצן פאַרלויף פון אונדזער ערשטן געשפּרעך געדענק איך ניט, ס׳האָט זיך נאָר פאַרגעדענקט, אַז אָנגעהויבן האָבן מיר דעם געשפּרעך אין דער וווינונג באַם ציין־דאָקטער סאָלאָוויי און געענדיקט מיט אַ שטאָק ני־דעריקער — אין דעם טראַקטיר „ניעווא“. מיר זײַנען דאָרט אָפּגעזעסן גאָר אַ לאַנגע צײַט. ס׳האָט געטרומייטערט די שפּיל־מאַשין, ס׳האָט געטומלט דער טראַקטיר־אוילעם, נאָר אָשערן האָט עס ניט געאַרט. מיר דאַכט, ס׳האָט אים אַפּילע עפּעס האַנאָע געטאָן, פון יענעם מין האַנאָע, ווען אָשער שוואַרצמאַן פלעגט זאָגן צו זיך:

. . . . ס׳איז גוט,
וואָס כ׳בין אַצינד ניט אויפֿן ווינט...

זײַן גאַנצער ווען האָט דעמלט געדאַרשט נאָך אַזאַ מין האַנאָע, געדאַרשט נאָך אָפּרו. אָבער ס׳איז געווען נאָך ווײַט צום אָפּרו, גאָר ווײַט... און ווידער און ווידער האָט ער גערעדט וועגן די שווערע פאַרלוסטן בײַם דעם אומזיניקן, אומנייטיקן, אָקאָרשט דורכגעפאַלענעם אָנגריף.

— איר דאָ, — האָט ער געטײַנעט, — איר פאַרשטייט ניט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס... ס׳הייסט דאָך טײַכן מיט בלוט...

פון אָט די טײַכן מיט בלוט האָט ער דעמלט ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק. ער האָט זיי שטענדיק געזען פאַר די אויגן.

נאָך אָט דער אומגעריכטער טרעפעניש האָבן מיר אָנגעהויבן זיך באַגעגענען גאַנץ אָפט. מערסטנטייל פלעגט אָשער זיך באַפרײַען צו פאַרנאַכט־צו. אַמאָל אַפילע שפּעט אין אָוונט. נאָר אין פּעטראָגראַד זײַנען דעמלט געשטאַנען די „ווײַסע נעכט“, האָט מען ניט געוווּסט פון קיין „שפּעט“. דער איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט האָט זיך קוים־קוים געלאָזט מערקן. און פונקט אַזוי אומבאַמערקט פלעגט דאָס באַנאַכטיקע גרוי איבערגיין אין דעם גרוי פון באַגינען.

גייענדיק איבער די פּעטראָגראַדער גאַסן, האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס הייסט אַזוינס אַן אויפגעוואַכט פאָלק. ס׳איז געווען אָקאָרשט נאָך די יול־געשעענישן. די באָלשעוויסטישע טוער האָבן ניט געקאָנט אַרויסטרעטן אָפן. אָבער די אַרבעט זייערע האָט זיך ניט איבערגעריסן אויף קיין רעגע, זיי האָבן נאָך טיפער געלאָזט זייערע וואָרצלען אין די מאַסן, זיי האָבן נאָך שטאַרקער געוועקט דעם באַוווּסטזײַן פונעם פאָלק. און די אַרבעט האָט געגעבן אירע רעזולטאַטן: דאָס פאָלק האָט אויפגעוואַכט.

דאָס האָבן מיר מיט אָשערן געזען אויפֿן וואַסיליעווער אָסטראָוו, ווען מיר פלעגן אַרויסגיין פון מײַן וווינונג. דאָס האָבן מיר געזען אין צענטער פון שטאָט — אויף נעווסקי, וווּהין מיר פלעגן אָפטמאָל פאַרבלאָנדזשען שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן געזען אומעטום, אויף אַלע גאַסן פון שטאָט: דאָס פאָלק איז וואַך. מע שטייט אויף די פּלעצער, מע שטייט באַ די ראָגן, מע קלײַבט זיך בינטלעכווײַז באַ די אַרײַנגענג מיט שטילע פאַרטײַיִשע האַפענונגען דערויף, וואָס דאַרף זײַן. און זײַן דאַרף דאָך אַנדערש, גאָר ניט אַזוי, ווי עס פאַרטראָגן די האַסאָגעס פון קערענסקין און זײַנע מיניסטאָרן.

אָשער האָט אַ פאַרגאַפטער זיך צוגעקוקט צו דעם באַנאַכטיקן פּעטראָגראַד, ער פלעגט גיין און אײַנהערן זיך אין די באַנאַכטיקע רייד. און נאָכדעם פלעגט ער מיט אַזאַ פרייִלעכן געלעכטער ריידן וועגן די כאַכאָמים, וואָס האָבן געמיינט, אַז ער, אָשער, און זײַנע כאַווײרים, די פראָנטאָוויקעס, וועלן אויפהייבן די האַנט קעגן אָט דעם אויפגעוואַכטן פאָלק. קערענסקי איז געווען זיכער, אַז אויף זיי, די סאָלדאַטן פונעם פראָנט, קאָן ער זיך אָנשפּאַרן: זיי וועלן אָנלערנען די באָלשעוויקעס. צום סאָף האָבן זיי אַליין גענומען זיך לערנען באַ די באָלשעוויקעס. און געלערנט האָט מען זיך געשמאַק, גאָר געשמאַק...

איך געדענק מײַנעם אַ דעמלטיקן באַזוך אין דער קאַזאַרמע, וווּ אָשערס מיליטער־טייל איז אײַנגעשטאַנען אין פּעטראָגראַד. קערענסקיס לײַט האָבן שוין דאָ געהאַט גאָר אַ קנאַפּע דייע, די קאַזאַרמע איז געשטאַנען מיט אָפענע טיר און טויער, און אַלע שאַרפע צוג־ווינטן פון דער שטורמישער ערעוו־אָקטיאַבער־צײַט האָבן פראַנק־און־פרײַ זיך אַרײַנגעריסן אַהער, אויפגעכוואַליעט די סאָלדאַטישע מאַסע, צעוויגט און צעהוידעס די סאָלדאַטישע נעשאָמעס. איר קאַזאַרמע איז געווען זייער ראַשיק, סאָלדאַטן זײַנען געשטאַנען קופּעסווײַז, גערעדט, געשפּאַרט זיך.

און אָשער, אַז ער איז געקומען אין קאַזאַרמע, איז ער ווי פאַרביטן געוואָרן. וווּ איז עס אַהינגעקומען די שוידערלעכע מידקײַט, וואָס איז, ווי אַ שווערע לאַסט, געלעגן אויף אים? די סאָלדאַטישע מאַסע האָט דעמלט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים אָנגעלאָדן מיט ענערגיע, מיט פרישן ווילן, מיט גרייטקײַט עפּעס צו טאָן, וואָס מער צו טאָן. ער איז געווען ביז גאָר פאַרגלייבט אין דער סאָלדאַטישער מאַסע, ניט געוואָלט זיך אָפּרײַסן פון איר, געגלייבט, אַז נאָר אינאיינעם מיט איר וועט ער קאָנען אַרויף אויף אַ ריכטיקן וועג.

די סאָלדאַטן, די לאַנגאָניקע פרײַנט זײַנע, האָבן עס געפילט. זיי האָבן געוווּסט, אַז, גייענדיק איבער דער שטאָט פּעטראָגראַד, פאַרגעסט ניט שוואַרצמאַן, אַז דאָ אין קאַזאַרמע וואַרט מען אויף אים. מע וואַרט, אַז ער זאָל קומען און דערציילן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. האָט מען אים טייקעף אַרומגערינגלט. מע האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער, און שוואַרצמאַן האָט גענומען איבערגעבן, וואָס עס לאָזט זיך הערן אין די פּעטראָגראַדער נעכט, וואָס מע טראַכט און אויף וואָס מע האָפט אויף די פּלעצער און גאַסן אין דער וואַכנדיקער שטאָט.

אין קאַזאַרמע איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, ס׳האָט זיך געהערט בלויז אָשער שוואַרצמאַנס שטים, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס איז עפּעס מער — ס׳איז די שטים פונעם אויפגעוואַכטן פאָלק.

ס׳איז געגאַנגען אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און אָשער איז אַלץ מער צוגעבונדן געוואָרן צו פּעטראָגראַד.

אַ פּאָר מאָל איז אים אויסגעקומען אַרויסצופאָרן אין דער געגנט אַרום פּעטראָגראַד. אין איינעם פון די אַרויספאָרן האָט אָשער צום ערשטן מאָל געזען דעם יאַם. אינעם לעבן פון אַ דיכטער איז עס שטענדיק אַ געשעעניש. אַזוי איז עס געווען אויך מיט אָשער שוואַרצמאַנען. די שטרענגע, קימאַט גרויזאַמע שיינקײַט פונעם יאַם באַ די פינער ברעגן האָט אויף אים געמאַכט, געדענקט זיך, זייער אַ שטאַרקן רושעם.

און אין דער שטאָט פּעטראָגראַד איז אים אויך געווען געפעלן דאָס, וואָס זי איז ניט ענלעך אויף די דאָרעמשטעט מיט זייער וואַרעמער געמיטלעכקײַט. אַמאָל, אין די יוגנט־יאָרן, פלעגט אָשער אַפילע שטאַרק באַגײַסטערט

ווערן פון דעם ליבלעכן דאַרעם־כיין, וואָס ער האָט געזען ארום זיך. איצט איז אזא ארט באגײַסטערונג געווען אים פרעמד, און געפעלן איז אים גראָד די פעטראָגראדער שטרענגקײַט, די גרויזאמע שיינקײַט פון אָט דער צאָפן־שטאָט, וואָס איז אין יענע שטורמישע טעג געווען אי גרויזאמער, אי שענער.

פונדעסטוועגן איז פון די אמאָליקע געוווינהײַטן עפּעס וואָס פארבליבן: ס׳האָט אָשערן ווידער געצויגן אין די סעדער ארײַן. איך פלעג עס זען ניט איין מאָל: ס׳ווערט אים אלעמאָל גרינגער אפן הארצן, ווען איבער זײַן קאָפּ הוידעט זיך א גרינע צווײַג, ווען ארום אים רוישן גרינצעבלעטערטע ביימער. ער האָט שוין געקענט אלע פעטראָגראדער שטאָט־סעדער, געהאט אין זיי זײַנע באַליבטע ערטער. אָבער דער רויש פון די אופגערודערטע

פון רעכטס אף לינקס: אָשער שווארצמאן, מוישע כאשטשעוואצקי, נאָכעם אויסלענדער, עזראָ פינינבערג (1911 יאָר).

מענטשן־מענגעס פלעגט דערגרייכן אויך אהער, אויך דאָ האָבן זיך מענטשן געשטעלט קופּעסווײַז אינמיטן די אלייען, היציק גערעדט, געפײַערט און געפלאמט. פלעגט אָשער שווארצמאן אויך דאָ פארנעמען דעם רויש פונעם אָנוואקסנדיקן שטורעם, און דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט אין אים דעם ווילן צו זײַן טעטיק, — אים האָט זיך געוואָלט באלד אָנהייבן עפּעס טאָן, און וואָס מער, און וואָס וויכטיקערס...

אין פעטראָגראד האָט עס דעמלט געהאלטן בא שאפן א ייִדישע צײַטונג. אָשער שווארצמאן האָט באשלאָסן ווענדן זיך אהין נאָך וועלכער־עס־איז ארבעט אין דער פרײַער צײַט, וואָס פלעגט אים פארבלײַבן פון זײַנע מיליטער־פליכטן. געווענדט האָט ער זיך צו א. ווײַטערן, וועלכער האָט דעמלט געזאָלט זײַן דער רעדאקטאָר פון דער צײַטונג.

א פּאָר טעג פריִער איז מיר אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם מיט א. ווײַטערן. ער איז געווען שטארק פארהאוועט, ארומגעלאָפן מיט א סאנטימעטער אין דער האנט און געמאָסטן די פארטיקע „גראנקעס" פארן ערשטן נומער, וואָס האָט געזאָלט באלד דערשײַנען. דערהערט דעם נאָמען אָשער שווארצמאן, איז א. ווײַטער גרייט געווען אוועקצולייגן אָן א זײַט דעם סאנטימעטער, ער האָט מיט גרויס ענטוזיִאזם גענומען ריידן וועגן שווארצמאנס לידער, וועלכע ער האָט געהאט געלייענט אין מאנוסקריפּט, נאָך זײַענדיק אין סיביר. די לידער, האָט א. ווײַטער דערציילט, האָבן אין זיך א גוואלדיקע קראפט. אין זיי פילט זיך א דיכטער פון גאָר א הויכער מאַדרייגע.

קענטיק, אז אין זעלבן היספּײַלעסדיקן טאָן האָט א. ווײַטער נאָכדעם גערעדט אויך מיט אָשער שווארצמאנען בייס זייער באגעגעניש אין דער רעדאקציע. און דאָך איז פון דער באגעגעניש גאָרניט געוואָרן. אָשער, געדענק איך, איז געווען דאָרט א פּאָר מאָל, נאָר מיט יעדן באזוך איז אלץ מער געפאלן זײַן אינטערעס סײַ צו א. ווײַטערן, סײַ צו דער צײַטונג, וואָס יענער קלײַבט זיך רעדאגירן.

א. ווײַטער האָט דעמלט איבערגעלעבט מאמעש א פאראָקסיזם פון שרעק פאר דער שטײַגנדיקער רעוואָליוציע. ער פלעגט ניט אופהערן צו ריידן וועגן דעם בייזווונדער, וואָס וועט פארפלייצן די גאָרע וועלט אף מאָרגן נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס וועלן זיגן. אָשער שווארצמאנען האָט עס שטארק אופגעבראכט, און דאָס האָט אינגיכן געבראכט דערצו, אז ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאנק וועגן ארבעטן אין דער רעדאקציע, ווו ער קאָן הערן אזעלכע רייד, ווי א. ווײַטערס. און וואָס שײַעך א. ווײַטערס היספּײַלעסדיקע רייד וועגן שווארצמאנס לידער, האָט ער, דער אווטאָר פון די לידער, געוואָרט דעמלט גאָר אף עפּעס אנדערש. ער האָט געוואָרט אף אזא איינעם, וואָס זאָל פון אים פאָדערן און מאָנען, אָט פּונקט ווי ער אליין האָט פון זיך געמאָנט, א באזינונג סײַ פון זײַנע פארגאנגענע מילכאָמע־יאָרן, סײַ פון זײַנע אָנקומענדיקע נײַע טעג...

אינגיכן איז געוואָרן קלאָר, אז אָשער דארף פארלאָזן פּעטראָגראד: דער מיליטער־טייל זײַנער ווערט אריבערגעפירט אין פינלאנד. אָשערן האָט עס שטארק געארט, זײַן צוגעבונדנקײַט צו פעטראָגראד איז שוין דעמלט געווען זייער גרויס. ער איז עטלעכע טעג ארומגעגאנגען אין א געזעגענונגס־שטימונג. מיר האָבן לאנגע שאָען געשפּאנט בא דעם ברעג פון דער ניעווא און, ווי אָפּטמאָל בייס אונדזער אומגיין איבער פעטראָגראד, האָבן מיר גערעדט וועגן אָשערס יוגנטלעכע לידער.

א שווערע לאסט איז געלעגן אף שווארצמאנס זיקאָרן. ס׳האָט ניט זעלטן געטראָפן, אז איך האָב בעסער פארגעדענקט די אָדער יענע שטעל פון זײַנער א ניט פארשריבענער יוגנט־ליד, איידער ער אליין. און דאָס איז געווען באזונדערס שווער צו זען דערפאר, ווײַל אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ער ביכלאל ווינציק געשריבן.

ס׳האָט זיך געדאכט, אז די זיבן יאָר אפן פערד, צווישן סטעפּעס און פעלדער, מיטן שטענדיקן ווינט אין פּאָנעם ארײַן, האָבן שטום געמאכט זײַן דיכטעריש געמיט. עס האָט זיך געטראכט: דער דיכטער פון די יוגנט־לידער איז אין אים אנשוויגן געוואָרן, און ווער ווייסט, אף וואָס שווארצמאנס יוגנט־דיכטונג וועט פארביטן ווערן?

און ווי איבערראַשט האָט מען געמוזט זײַן, ווען זײַן ערשטע ליד אין פּעטראָגראַדער איז אַרויס מיטן נאָמען: „יוגנט“!

איך געדענק די סיטואַציע. אַשער שוואַרצמאַן האָט דעמלט שוין געוווינט אין פינלאַנד, ניט ווײַט פון פּעטראָגראַד. איין מאָל — צוויי מאָל א וואָך פלעגט מען אים אָפּלאָזן אין דער הויפּטשטאָט. און איינמאָל פּאָרט אַזוי אַשער שוואַרצמאַן אין צוג פון פינלאַנד. אין וואַגאָן איז טומלדיק. קעגן אים זיצן צוויי יונגע מיידלעך, קענטיק פינערנס. אַשער שוואַרצמאַן קוקט זיך אײַן אין זיי, אים געפעלט זייער שטילע האַלטונג, זייער באַשיידענער, ניט צו בוילעטער כיין. אָט אַזוי אײַנקוקנדיק זיך, דערפילט ער מיטאַמאָל א גרויסע רויִקייט אין האַרצן. עס גלעט זיך עפּעס אויס אין זײַן געמיט. אַזאַ רויִקייט, דערציילט ער מיר, האָט ער שוין יאָרנלאַנג ניט געפילט. און מיט אָט דער רויִקייט האָט ער נאָך דאָ אין וואַגאָן אָנגעשריבן די גאַנצע ליד „יוגנט“. געקומען פון וואָקזאַל צו מיר — און לייענט אַזוי הילכיק, מיט אַזאַ צעלאַכעס־געלעכטער:

צעקלאַפּ דעם קאָפּ מיר אָף א שטיין —
איך דאַרף ניט מיין!

די ליד האָט איידעס געזאָגט, אַז נאָך אַלע מילכאָמע־גרוילן האָט אַשער שוואַרצמאַן דאָך פּאַרהיט דעם אור־מיטלבאַרן געפיל פאַרן לעבן. און פּונקט ווי אין די ווײַטע יוגנט־יאָרן, איז ער אויך איצט געווען טרײַ דער נאַטור פון עכטן קינסטלער: קוים האָט ער דערזען א שיינקייט, האָט אים באַלד באַהערשט דער פאַרלאַנג אָט די שיינקייט צו פאַרקערפּערן אין וואָרט, אין קלאַנג, אין ריטם.

דער זעלבער פאַרלאַנג האָט דעמלט אָנגעפירט מיט אים, בײַס ער האָט פּלוצעם באַשלאָסן אָנצושרײַבן א ווערק אין פּראָזע. איך געדענק: אין דעם וווּנדערלעך זויבערן און שטילן דערפעלע לאַכטי — ניט ווײַט פון פּעטראָגראַד — האָט אַשער שוואַרצמאַן דערפילט א גרויסן כיישעק צו שרײַבן א נאָוועלע. זי איז געווען ליריש באַפאַרבט, אָבער דאָך מיט א פעסטן סוזשעט. און עס געדענקט זיך, אַז דער סוזשעט איז געווען פאַרבונדן מיט א צופעליקער באַגעגעניש: אינמיטן דעם פּאָרט לאַכטי, ווײַט אָף צאַפן, באַגעגנט דער אַוטאָר צוויי יידישע פרויען — א מוטער מיט א טאָכטער, — וואָס קומען פון דאָרעם, פון אוקראַיִנע...

געדאַכט האָט זיך, אַז די נאָוועלע — דאָס איז א מין צווייטער טייל פון דער ליד „יוגנט“, די צווייטע רעגע פון יענער רויִקייט, וואָס אַשער שוואַרצמאַן האָט נאָך אַלע יאָרן פון מילכאָמע־גרויל דערפילט אין וואַגאָן פון דער פינלענדישער אײַזנבאַן.

אָבער אַזעלכע רעגעס פלעגן קומען זעלטן, גאָר זעלטן. און אינגיכן האָט געמוזט נעמען א סאָף צו אַזוינס. א נײַער שטראָם געשעענישן האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער שטאָט פּעטראָגראַד: ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אופשטאַנד פון דעם גענעראַל קאָרנילאָוו און זײַנע שוואַרצע מאַכנעס.

איך ווייס ניט, וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, נאָר אין יענע טעג איז אַשער ניט אָפּגעפאָרן פון פּעטראָגראַד. ערגעץ, געדענקט זיך, איז ער געגאַנגען, צו עמעצן געוווּנדט זיך — ער האָט געוואָלט זײַן צווישן די, וועמען מע האָט געשיקט קעגן קאָרנילאָווס „ווילדער“ דיוויזיע. ער האָט זייער שאַרף אופגענומען די געפאַר, וואָס עס טראָגט מיט זיך די „קאָרנילאָווטשטשינע“. ער קען זיי, — האָט ער געטײַנעט, — אָט די מענטשעלעך, וואָס רינגלען אַרום קאָרנילאָוון, ער קען זיי, די „ווילדע“ דיוויזיע... זאָל מען נאָר שיקן אים, זאָל מען נאָר שיקן...

אָט ווי גאָר אין דער יוגנט, האָט זיך איצט געפילט אין אים א סאַך אָנגעשפּאַרטע מוסקול־קראַפט, ס׳האָט זיך געפילט דער אומרו פון קרעפטיקע הענט, וואָס רײַסן זיך צו דער טאַט, צו דער וויכטיקסטער און שווערסטער טאַט...

נאָר מ׳האָט אים פּאַרט אין ערגעץ ניט געשיקט. און מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעס, אַז די קאָרנילאָווישע שוואַרצע מאַכנעס צעפאַלן זיך, אַז די געפאַר פאַר דער הויפּטשטאָט איז פאַרבײַ. אַשער האָט דעמלט שוין ניט געהאַלט פאַרזאַמען זיך אין פּעטראָגראַד קיין איבעריקע שאָ. ער האָט זיך געײַלט מיט דער פריילעכער ידיע צוריק אין זײַן טייל, קיין פינלאַנד.

ס׳דערמאָנט זיך דער טאָג פון זײַן אָפּפאָר. דער זומער איז שוין געווען פאַרבײַ. דער סאָף אַוגוסט אין פּעטראָגראַד איז געווען פול מיט אָנזאָגן פון אָנקומענדיקן האַרבסט, און פּונקט אַזוי איז די לופט געווען פול מיט אָנזאָגן פון גרויסע געשעענישן, וואָס רוקן זיך אָן אַלץ נעענטער און נעענטער. מיר זײַנען געגאַנגען איבער די פּעטראָגראַדער גאַסן, געזען אַרום זיך א גרויסע אופלעבונג, די שטאָט האָט זיך געפרייט מיט דער ידיע וועגן קאָרנילאָווס מאַפּאַלע. אַשער איז דעם טאָג געווען שטאַרק אופגעמונטערט. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איצט וועט מען שוין זײַן פּאָלק געוויס אַריבערפירן קיין פּעטראָגראַד, וועט ער ווערן א היגער, מיר וועלן זיך קאָנען זען אָפטער. נאָר דאָ האָט ער פּלוצעם דערהערט, אַז איך קלײַב זיך פאַרלאָזן פּעטראָגראַד. ער האָט זיך עפּעס ווי ניט געגלייבט. איך האָב דערקלערט: דאָרט, אין קיִעוו, דרוקט זיך איצט מײַנס א בוך, ווילס זיך זײַן דערבײַ.

אַשער האָט געשמייכלט:

— אַוודע... אַוודע...

האָב איך באַשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהײַט און א רעד טאָן מיקויעך אים אַליין. וואָס קלערט ער צו טאָן? ווען וועט ער א טראַכט טאָן וועגן זײַנעם א בוך? דאַכט זיך, שוין צײַט, לאַנג צײַט... ווי רעכנט ער?..

— איך? — האָט אַשער פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס. — איך... — און מיטאַמאָל האָט אין זײַנע אויגן זיך אָנגעצונדן א פריילעך פײַערל. — געדענקסט, ווי דאָס כאַדאַרקאָווער מיידל פלעג זאָגן: אָט־אָט, נאָך א שטיקעלע צײַט... מע וועט אויסבויען די נײַע שטוב... מע וועט אַרײַן אין דער נײַער שטוב... וועט מען זיך דעמלט א נעם צום טאָן ביכל...

ער איז דעם טאָג געווען שטאַרק אופגעמונטערט, האָבן אויך די ווערטער פון דעם כאַדאַרקאָווער מיידל מיטאַמאָל א שפּיל געטאָן מיט אַזאַ נײַעם און לויטערן זין. איך האָב פאַרשטאַנען: פאַר אים, אַשערן, איז איצט טאַקע קיין בילכערס ניטאָ, ווי נאָר מיט די אייגענע הענט צו העלפן בויען די נײַע שטוב, דאָס נײַע, לאַנג־לאַנג געטרוימטע לעבן...

יענעם טאָג האָבן מיר א סאַך גערעדט וועגן קיִעוו. אַשער האָט מיר מיטגעגעבן גאָר א סאַך גרוסן צו פרײַנט און באַקאַנטע. ער האָט מיט ליבשאַפט דערמאָנט די שטאָט, וואָס איז געווען די היים פון זײַן יוגנט. נאָר ניט ווייניקער ליב איז אים איצט געווען פּעטראָ־

גראַד, די שטאָט, ווו ער האָט צום ערשטן מאָל דער־
שפּירט דעם אָטעם פון דער רעוואָלוציע, דערשפּירט,
אַז נאָר זי, די רעוואָלוציע, האָט איצט צו שאַפן איבער
אים, איבער זײַן גאַנצער מוסקול־קראַפט, איבער זײַן
גאַנצער דיכטונגס־קראַפט.

אָנהייב 1918. קיִעוו איז געוואָרן די אַרענע פון גרויסע,
היסטאָרישע שלאַכטן. די אַקאַרשט אופגעוואַכטע פאַלקס־
פאַציע האָט געמאַכט אַף אַשער שוואַרצמאַנען זייער אַ
שווערן אײַנדרוק. וואָר־ווער, נאָר ער האָט דאָך געהאַט
מיט די דײַטשן אַן אַלטן כעזשבן. ער האָט געוווּסט, אַז
דער קאַמף קעגן אַזאַ סוינע איז אַ דויערנדיקער קאַמף.
צומאָל האָט זיך אים אַפּילע געדאַכט, אַז דאָס קאָן זיך
פאַרציִען גאָר אַף לאַנג. אָט דעמלט האָט עס טאַקע זײַן
קאַמף־שטימונג אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן אין דער טיף
פון זײַן געמיט. זי האָט זיך וויִניק געוואָרפן אין די



א מאַנוסקריפּט פון אַשער שוואַרצמאַנען. ווערט פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל.

מאַסן פון אוקראַיִנע ווילן אופהייבן דעם קאָפּ, זיי ווילן
נעמען זייער לעבן־גורל אין די אייגענע הענט, זיי גייען
אַרויס אין די גאַסן מיט געווער אין די הענט, און זייער
איינציקער פאַרלאַנג, דער באַגער פון אַלע באַגערן איז:
סאָוועטנמאַכט.

אין שטאָט גייען שלאַכטן. די פעטליוּרישע „ראַדע"
האָט פאַרכאַפּט באַם פאָלק זײַן געווער און געווענדט עס
קעגן דעם פאָלק. אינעם ניקאָלײַעווער סעדל שטייען
פעטליוּרישע האַרמאַטן. זיי שיסן פונדאַנען.

אין אַזעלכע טעג דערוויס איך זיך, אַז אין קיִעוו
געפינט זיך אַשער שוואַרצמאַן. ווו ער איז — ווייס איך
ניט, נאָר ס'דאַכט זיך מיר: ער איז דאָרטן, באַ די ראַנדן
פון שטאָט, צווישן די, וואָס פירן דעם באָלשעוויסטישן
אָנגריף.

די געשעענישן זײַנען יענער צײַט געגאַנגען אַזוי
שטורמיש, אַז דער זיקאָרן האָט ניט געקענט אײַנהיטן
קיין באַזונדערע עפּיזאָדן. דערפאַר האָב איך אַזוי וויִניק
פאַרגעדענקט וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט אַשערן באַלד
נאָך זײַן קומען קיין קיִעוו אין יאָר 1918. נאָר דאָס האָט
זיך אין מײַן זיקאָרן אײַנגעקריצט: ער איז געקומען קיין
קיִעוו מיט אַ שטאַרקער קאַמפערישער שטימונג, ער
איז געווען פול מיט קאַמף־גרייטקײַט און מיט דער זי־
כערקײַט, אַז אָט־אָט טרעט ער אַרײַן אין דעם דאָזיקן
קאַמף אַף לעבן און אַף טויט.

שפּעטער האָט זיך די שטימונג באַ אים עטוואָס גע־
ענדערט. באַ אים אין לעבן פלעגט זיך עס טרעפן: אַ
געוויסע שטימונג, וואָס האָט אופגעשטורעמט זײַן גאַנץ
וועזן, פלעגט — איבער די אָדער אַנדערע סיבעס —
ניט קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן אין טאַט, פלעגט זי
זיך אַראָפּלאָזן אין דער טיף פון זײַן געמיט, און דאָרטן
פלעגט זי פאַרבלײַבן, ווי פריִער, גאַנץ און ניט גערירט.
אַזוי האָט עס פּאַסירט אויך דאָס מאָל.

פּאַסירט האָט עס, דאַכט מיר, צו דער צײַט, ווען
אוקראַיִנע איז אָקופּירט געוואָרן פון די דײַטשן. די אָקו־
אויגן, און ס'זײַנען געווען אייניקע מענטשן, וואָס האָבן
געמיינט, אַז קיין שום שטימונג אַזאַ איז באַ אים ביכלאַל
ניטאָ.

ער האָט וויִניק־וואָס דערציילט וועגן זײַן לעבן אין
פּעטראָגראַד, מיר איז אַפּילע קיינמאָל ניט אויסגעקומען
צו הערן, וואָס ער האָט געטאָן אין פּעטראָגראַד אין די
טעג פון דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש. געפילט האָט
זיך אָבער, אַז דאָס, וואָס פּעטראָגראַד האָט אײַנגעפלאַנצט
אין זײַן נעשאָמע, קאָן ניט גיין לעיִבעד, עס לעבט אין
אים און פריִער־שפּעטער וועט עס זיך לאָזן הערן.

איך געדענק אַ פּאָר באַגעגענישן מיט אַשערן אין
האַרבסט 1918. איינמאָל האָט ער פאַרבראַכט באַ מיר
אין צימער צוויי אָוונטן נאָכאַנאַנד. די דאָזיקע אָוונטן
האָבן זיך פאַרגעדענקט מיסטאָמע דערפאַר, ווײַל זיי זײַ־
נען פאַרלאָפן ביז גאָר מאָדנע: ביידע אָוונטן האָבן מיר
געלייענט היינריך היינען.

אַוודע איז עס ניט געווען אַקטועל, לאַכלוטן ניט
אַקטועל. פון מאָסקווע איז שוין דעמלט געווען דערגאַנ־
גען צו אונדז אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף",
אַפן טיש איז שוין געלעגן אַ פּאָר ביכער מיט מאַיאַ־
קאָווסקיס, יעסענינס לידער. און דער איקער: אין דער
זעלבער שטאָט קיִעוו האָט זיך צו יענער צײַט שוין אַנט־
וויקלט אַ גרויסע ליטעראַטור־באַוועגונג, ס'איז שוין גע־
שאַפן געוואָרן אַ רײַכע יידישע ליטעראַטור מיט אַזוי־
פיל נײַע נעמען. און אָט אין אַזאַ צײַט האָט עס אַשערן
פלוצעם אַ ציִ געטאָן צו היינריך היינען, באַזונדערס צו
די לידער פון „צאָפן־יאַם". אַזאַ טעווע האָט ער שוין
געהאַט: ס'האָט אים שטענדיק געצויגן צו דער קלאַסיק.

אָט שטייט ער פאַר מײַנע אויגן אַזאַ, ווי איך האָב
אים געזען יענעם אָוונט. ער איז ציוויל אָנגעטאָן, נאָר
דאָס סאָלדאַטישע געוואַנט שרײַט אַרויס פון די ציוויל
איבערגעצייגטע קליידער. ער באַוועגט זיך פרײַ איבערן
צימער, נאָר די זעלנערשע האַלטונג לאָזט זיך נאָך פילן
אין זײַן יעסווידן טראָט. ער איז אָפּיציעל דעמאָביליזירט,

נאָר בײַ זיך אַליין האָט ער נאָך ניט געפֿיעלט, אַז ער מעג שוין אָפּלאָזן די לייצעס — לעבן, ווי עס לעבט זיך... ער איז די גאַנצע צײַט אָנגעשטרענגט, דאָס שוואַרץ־אויגיקע געזיכט איז געווענדט פֿאָרויס. עס דאַכט זיך, אַז ער הערט זיך אין עפּעס אײַן: אין דעם, וואָס קומט איצט פֿאָר? צי עפּשער גאָר אין דעם, וואָס מיט אים איז פֿאָר די לעצטע עטלעכע יאָרן פֿאָרגעקומען?

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם אָוונט האָבן מיר געלייענט ניט בלויז היינעס, נאָר אויך זײַנע, אָשערס, לידער. ער האָט שוין געהאַט אַ היפּשע צאָל נײַע לידער, און קימאַט אַלע — אײַנגעוועבט אין אַ שטאָק־פֿינצטערן נאַכט־קאָלאָריט. זײַן דיכטערישע זעונג איז געווען דורבויס אין רעשוס פֿון דעם ניט לאַנג איבערגעלעבטן מילכאָמע־גרויל.

זײַן אַרט לעבן אין קיִעוו. ער האָט געלעבט דעמלט גאַנץ איינזאַם. זײַן אַמאָליקער צובונד צו די פֿאָרשטעט האָט אים איצט שוין ווייניק באַגײַסטערט. אָבער אַז ס׳טרעפֿט זיך, מע גייט איבער דער גאַס און מע דערמאָנט זיך מיטאַמאָל, אַז מ׳איז ווידער אין קיִעוו, ווידער אין דער היים — טוט האַנאָע, שטאַרק האַנאָע...

ס׳האָט זיך אײַנגעשניטן אין זיכּאָרן נאָך איין אָוונט, וואָס מיר האָבן דעמלט פֿאַרבראַכט אינײַנעם. ס׳איז געווען אַ נײַיאָר־באַגעגעניש בײַ ב. מאַרשאַקן. די שטוב איז געווען פֿול מיט מענטשן, וואָס האָבן קיין דירעקטע שײַכעס צו ליטעראַטור ניט געהאַט. קיינער האָט זיך אַפֿילע ניט געריכט, אַז דעם אָוונט זאָל בײַ מאַרשאַקן אין שטוב פֿאָרקומען „עפּעס ליטעראַרישעס". און פּלוצעם האָט ב. מאַרשאַק געפֿיעלט בײַ אָשערן, ער זאָל דורכלייענען עטלעכע לידער. מיר דוכט, אַז אַ גרויסער טייל פֿון דעם פֿאַרזאַמלטן עולעם האָט דעמלט דערהערט דעם נאָמען אָשער שוואַרצמאַן צום ערשטן מאָל. דער רוישעם, וואָס שוואַרצמאַנס לידער האָבן געמאַכט, איז געווען ביז גאָר מערקווירדיק: מענטשן האָבן מיטאַמאָל דערפֿילט אַרום זיך די אָנוועזנהײַט פֿון אַ גרויסן דיכטער. ס׳האָט זיך געשאַפֿן עפּעס אַ באַזונדער שטרענגע און יאָמטעוודיקע שטימונג, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט.

און ער, אָשער, האָט נאָך אַלץ פֿאַרהיט דעם זעלבן אַרט לייענען, ווי אין דער יוגנט. זײַן שטים האָט איצט געהאַט אין זיך נאָך מער פֿײַערלעכקײַט, יעדע ליד האָט געקלונגען ווי אַ שוווּע, ווי אַ געבאָט.

נאָך איין באַגעגעניש פֿון יענער צײַט. אין קינאָ־טעאַטער שאַנצער (אַזוי האָט געהייסן דער אייגנטימער פֿון דעם קינאָ) קומט פֿאָר אַ ליטעראַרישער אָוונט. מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט, ווײַל מיר ביידע דאַרפֿן דאָ אַרויסטרעטן. אין מײַן פֿאָרטראָג וועל איך ריידן וועגן אָשער שוואַרצמאַנען. ביידע זײַנען מיר אין אַ געוויסער פֿאַרלעגנהײַט.

זײַן פֿאַרלעגנהײַט: ווי וועט ער עס הערן ריידן וועגן זיך? וועגן וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו ריידן? וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט עס, אָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט, מישטיינסגעזאָגט, אָנגעשריבן?

מײַן פֿאַרלעגנהײַט: ווי וועל איך עס גיין ריידן וועגן אָשערן, אַז אַלע יאָרן האָב איך געקוקט אױף אים ווי אױף אַן עלטערן, אַלע יאָרן געוווּסט, אַז לערנען דאַרף מען זיך בײַ אים. און דאָ וועל איך פּלוצעם אָנהייבן לערנען אים?..

דערציילן מיר זיך אַזוי וועגן אונדזערע פֿאַרלעגנהײַטן, און דערבײַ קוקן מיר זיך אײַן איינער אין דעם צווייטן.

יעדער בליק גייט אַוועק אַזוי ווײַט — אין דער יוגנט אַרײַן. יעדער בליק מעסט אָפּ דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר זײַנען פֿון דעמלט אָן דורכגעגאַנגען. שוין באַלד צען יאָר, ווי מיר טרעפֿן זיך, און אַלעמאָל אין אַן אַנדער אָרט און בײַ אַנדערע אומשטענדן...

אָשערן, זע איך, טוט וויי, אַז מע דערמאָנט די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. קיין טראָפּן פֿרייד האָבן זיי אים ניט געשענקט.

— אָבער איצט, — פֿרעג איך אים, — איצט?

ער פֿאַרשטייט, וואָס איך מיין. יאָ, איצט גייט זײַן לעבן אַנדערש. איצט איז ער דאָך ניט אַליין. און אַנשטאָט צו דערציילן, ווער עס איז דער נאָענטסטער פֿרײַנט, מיט וועמען ער האָט אָקאָרשט פֿאַרבונדן זײַן לעבן, לייענט ער מיר נאָך דאָ, הינטער די קוליסן שטייענדיק, אַ נײַע ליד. איבערגעלייענט און דערזען, אַז ס׳איז קאַרג. ערשט איצט ווילט זיך אָנהייבן דערציילן וועגן דעם טרײַען פֿרײַנט, וועמען ס׳איז געווידמעט די ליד. נאָר עס הייבט זיך שוין אָן דער אָוונט, מיר מוזן שוין אַרויס אױף דער בינע. מע רעדט אָפּ: זען זיך אָפּטער, דערציילן וועגן אַלץ גענויער...

די שטורמישע צײַט טוט אירס, און ווידער זעען מיר זיך ניט גאָר אַ לאַנגע צײַט. מיט דער דײַטשישער אָקופּאַציע איז שוין לאַנג אויס, קיִעוו איז אַ סאָוועטישע שטאָט. וויפֿל סאָנים עס זאָלן ניט לויערן אַרום און אַרום, וויפֿל בלוט עס זאָל ניט קאָסטן — קיִעוו וויל ניט אָנווערן זײַן סאָוועטישקײַט. עס גייען ווידער שלאַכטן: אין דער פֿאָרשטאָט, אין יענער. אָט איז שוין געפֿאַלן דער פֿאַרשײַטער קאָפּ פֿון שוואַרצמאַנס יוגנט־פֿרײַנט — רוּווען ראַבינאָוויטש. עס מאַרשירט שוין איבער די קיִעווער גאַסן מיט אַ ביקס אין האַנט שוואַרצמאַנס קינדהײַט־פֿרײַנט — דער דיכטער עליק ציאַנאָווסקי. אָשער, ווייס איך, האָט שוין אויך זיך גענומען ווידער צו דער ביקס...

נאָך איין באַגעגעניש. מײַן לעצטע באַגעגעניש מיט אָשער שוואַרצמאַנען. דאָס האָט געמוזט זײַן אין מאַרט כוידעש פֿון יאָר 1919. גייענדיק אין גאַס, האָב איך פּלוצעם דערזען אָשערן. ער איז שוין ווידער געווען אָנגעטאָן אין אַ שינעל, בײַ דער זײַט איז געהאַנגען אַ „קאָרטיק", אױפֿן קאָפּ אַ רויטאַרמייִש היטל מיט אַ רויטן שטערן. ווײַזט אויס, איך האָב דעמלט צום ערשטן מאָל געזען אים אַלס רויטאַרמייער. ס׳איז בײַ מיר פֿאַרבליבן אין זיכּאָרן, ווי איך טו אַ פֿרעג:

— ווידער אַרײַן אין אַ שינעל?

אָשער שמייכלט. עס הייסט: אַ שינעל צו אַ שינעל איז ניט גלײַך.

און ווירקלעך: ווי ווייניק ער איז איצט ענלעך אױף דעם קאַלישער זעלנער פֿון פֿינפֿטן עסקאַדראָן!

ער באַקענט מיך מיט זײַן פֿרוי, וואָס גייט מיט אים באַנאַנד. מיר גייען ווײַטער זאַלבעדריט איבער דער בלאַגאָוועשטשענער גאַס. איך דערמאָן זיך, ווי מיר זײַנען אַמאָל געגאַנגען אויך זאַלבעדריט איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט קאַליש. אָט דעמלט האָט עס אָשער בײַ מיר מיט אַזאַ ביטערקײַט אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָג: איך וועל טאַקע קיינמאָל ניט לעבן שוין?..

און די זעלבע פֿראַגע האָב איך דאָך געהערט פֿון אים ניט איין מאָל אין די שווערע יאָרן. זי האָט אים ניט געלאָזט רוען, ווײַל דאָס איז געווען ניט בלויז אַ פֿראַגע וועגן זײַן, שוואַרצמאַנס, לעבן. ס׳איז געווען דער אויסגעשריי פֿון זײַן שטענדיקן ווילן גלייבן אין לעבן, אין

דער מעגלעכקייַט פון א לעבן אף דער וועלט. און אָט גייט איצט אַשער שווארצמאן מיט מיר איבער דער בלאגאָוועשטשענער גאס, ארום אונדז רוישט די אופגערודערטע שטאָט, די שטאָט איז שטארק אומרויִק, נאָר ער, אַשער, וואָס האָט שוין ווידער אָנגעטאָן דעם שינעל, ער איז איצט רויִק, ווי זעלטן ווען רויִק. פונוואנען נעמט זיך אָט אָ־די וווּנדערלעכע רויִקייַט אין אזא צייַט?..

מיר שפאנען וויַיטער איבער דער גאס, און עס הייבט מיר אָן ווערן קלאָר: די רויִקייַט נעמט זיך דערפון, וואָס אַשער האָט געזיגט. יאָ, עס האָט געזיגט זייַן גלייבן אין לעבן, אין דער מעגלעכקייַט פון א לעבן אף דער וועלט. געקומען די צייַט, ווען עס ווערט מעגלעך א לעבן אף דער וועלט... און נאָר וועגן דעם ווילט זיך אים איצט ריידן!

ווי אָפט ער איז איצט גענייגט צו לאכן! ער דערציילט מיר די געשיכטע פון זייַן שינעל. געווען אן אלטער, אן אויסגעטראָגענער שינעל. אויסגעוואלגערט זיך אין אלע אָקאָפעס פון דער גאַרער וועלט... אָבער איצט?.. זע, ווי מע קאָן פון אלץ מאכן א לייַט...

„געמאכט א לייַט“ פון דעם אלטן שינעל האָט אַשערס פרוי. דאָס האָט זי אונטערגעשלאָגן דעם שינעל מיט א פעסטן אונטערשלאק, ארומגעהאקט די ברייטע פאָלעס, ארומגעזוימט, ארופגעשטעלט פון אויבן א פוטערנעם קאָלנער. מיט אזא שינעל קאָן מען שוין ניט פארפאלן ווערן...

אַשערן, זע איך, טוט האנאָע צו דערציילן וועגן דעם גאַר גענוי. עס קלינגט ווי א צארט וואָרט פאר דעם טרייַען פרייַנט, וואָס שפאנט מיט אים באנאנד. און דער שינעל איז איר בעעמעס געראָטן. ער מאכט אזוי בוילעט אַשערס שטאלט:ע פיגור, די בייגעוודיקייַט פון זייַן רירעוודיקן קערפער, די פעסטקייַט פון זייַנע ברייט צעוואקסענע אקסלען, די רייַכע מוסקול־קראפט, וואָס פליסט אין זייַנע גלידער. און אָט דאָס אלץ טראָגט ער אוועק ערגעץ ווייַט אף פּאָלעסיע, וווהין ער פאָרט מאָרגן אָפּ מיט זייַן רויטארמייִשן טייל.

נאָר וועגן דעם אָפּפאָר זייַנעם אפן פראָנט ווילט זיך אים קיין סאך ניט ריידן. בלויז פון איינציקע געציילטע ווערטער פארשטיי איך: ער איז שוין ווידער פול מיט יענער שטימונג, וועלכע ער האָט צוריק מיט א יאָר געבראכט פון פעטראָגראד. עמעס, געווען א צייַט, ווען אָט אָ־די שטימונג האָט געמוזט זיך ארויפלאָזן אין דער טיף פון זייַן געמיט. יענע צייַט איז פארבייַ. אַשער איז איצט שוין ווידער דער זעלבער, אָט ווי דעמלט אין די טעג פון דער „קאָרנילאָווטשינע“. ער איז אָנגעלאָדן, ווי א ביקס.

מיר שפאנען וויַיטער. דער מארט־טאָג ווערט אלץ העלער און העלער. ס׳איז איינער פון זייַנע, שווארצמאנישע, פרילינג־טעג, ווען עס ווילט זיך איבערכאזערן אף א קאָל:

איך גיי הייַנט ארויס אין א טאָג א באנייַטן:
אף פרילינג־באפרייַטן
און הארץ־ווייכן הימל
גייט קריהע...

דער זוניקער טאָג פון אָנהייב פרילינג פירט אונדז, און ער קאָן פארפירן, גאָר וויַיט פארפירן. מוז זיך אַשער אָנטאָן א קויעך, ער פארקערעוועט אין א גאס, ווו ער דארף זייַן צו א באשטימטער צייַט, און אונדזער גאנג, מייַן לעצטער גאנג מיט אַשער שווארצמאנען, איז צו ענדע.

און איצט וועגן נאָך איינער א באגעגעניש. שוין ניט מיט אַשער שווארצמאנען אליין, — בלויז מיט זייַן נאָמען.

שפעטער הארבסט פון זעלבן 1919 יאָר. איך געפין זיך וויַיט־וויַיט פון קיִעוו — אפן צאָפן־פראָנט, הינטער ארכאנגעלסק. דער קאָמאנדיר פון מייַן פּאָלק און איך — דער דאָקטער פונעם רויטארמייִשן פּאָלק — ביידע ליגן מיר שוין די זעקסטע וואָך אין אן ערדשטיבל. מיר זייַנען שטארק באפרייַנדעט, אזוי ווי מע קאָן זייַן באפרייַנדעט בלויז אין דער ווילדער טונדרע. מיר זייַנען אָפּגעריסן פון דער וועלט. כוץ דער מאָסקווער צייַטונג, וואָס קומט אָן מיט וואָכן שפעטער, דערגרייכט צו אונדז גאָרניט. אָבער דער קאָמאנדיר פון מייַן פּאָלק איז שוין אף דעם פראָנט גאנץ לאנג, האָט ער שוין דערפארונג. א גוטע ידיִעה, זאָגט ער, וועט אהער ניט דערגיין, קיינמאָל ניט דערגיין... א שלעכטע — יענע שלאָגט זיך דורך איר וועג...

זיצן מיר איינמאָל באנאכט אין אונדזער ערדשטיבל. מיר זייַנען זיך פארזעסן בא דעם פאק מאָסקווער „פראוודא“, וואָס איז דעם טאָג געבראכט געוואָרן, און אין איינעם פון די נומערן פאלט מייַן בליק אף א טעלעגראף־מיטיילונג. זי איז קורץ, ביז גאָר קורץ: אין די שלאכטן אף אוקראיִנע איז העלדיש געפאלן דער יידישער דיכטער אַשער שווארצמאן.

איך ווייס ניט פארוואָס און צוליב וואָס: עס טראָגט מיך ארויס פון ערדשטיבל. די שפּעט־הארבסטיקע פינצטערניש איז אזוי געדיכט, אז עס דאכט זיך: דו שטייסט מיט פארמאכטע אויגן. נאָר מייַנע אויגן זייַנען צעעפנט, ברייט צעעפנט. איך וויל זען, איך מוז זען פאר זיך דעם טויטן אַשערן...

פון ערדשטיבל קומט ארויס דער קאָמאנדיר פון מייַן פּאָלק. ער רופט מיך באם נאָמען. ער זוכט מיך אין דער פינצטער. און אז ער געפינט מיך, זאָגט ער:

— איך האָב געזען אין דער צייַטונג... ס׳איז ער — דער פרייַנט אייַערער? דער דיכטער אפן פערד?

— ער...

א וויַילע שטייען מיר שווייַגנדיק. פלוצעם הער איך, ווי דער קאָמאנדיר פּאָרעט זיך ארום לעדערנעם שיידל, וואָס הענגט בא אים פון דער רעכטער זייַט. וואָס ער טוט אזוינס — זע איך ניט. נאָר אין איין רעגע ארום ווערט מיר אלץ קלאָר. מייַן קאָמאנדיר נעמט ארויס דעם ברוינינג, ער הייבט אים אוף מיט דער רער ארוף, ער וויל באערן דעם אָנדענק פונעם דיכטער אפן פערד. עס טוט א קנאל אין דער טונדרע א באנאכטיקער שאָס. נאָך איינער... און נאָך איינער...

מיט די דרייַ באנאכטיקע שאָסן האָט זיך פארענדיקט מייַן לעצטע, שוין גאָר לעצטע באגעגעניש מיט אַשער שווארצמאנען.

דאָוויד בעלקין

לערמאָנטאָוו און זײַן דראמע „די שפּאַניער“

די באקאנטשאפט מיט לערמאָנטאָווס דיכטונג הייבט זיך אָן נאָך אף דער שול־באַנק. „באָראָדינאָ“ — די ליד וועגן העראָיִזם פונעם רוסישן פאָלקס־מענטש, „דעם דיכטערס טויט“ — די צאָרנדיקע ליד וועגן די מערדער פונעם גרויסן פּושקינען, פאַרגע־דענקען זיך פון קינדווײַז אָן אפן גאנצן לעבן.

איינער פון די גרעסטע פּאָעטן פון רוסלאנד מיכאַיִל יוריעוויטש לערמאָנטאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 15 אָקטיאבער 1814 אין מאָסקווע אין א מישפּאָכע פון אדל־לײַט. די הויכע אָפּשטאמונג האָט אָבער ניט באַ־שיצט דעם פּאָעט פון די פאַרפאָלגונגען און רעדיפעס, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין פאַר זײַן קורץ לעבן. אין דער פולער מאָס איז אים געווען באַשערט איבערלעבן די גרוילן פון יענער פינצטערער עפּאָכע, ווען רוסלאנד האָט געשמאכט אונטערן יאָך פון ניקאָלײַ דעם ערשטנס רעזשים. לערמאָנטאָוו איז נאָך ניט אלט געווען קיין זיבן און צוואנציק יאָר, ווען זײַן לעבן איז טראגיש איבערגעריסן געוואָרן.

קאָלאָסאל איז דער שעפערישער צושטײַער, וואָס לער־מאָנטאָוו האָט ארײַנגעטראָגן אין דער רוסישער, — און דאָס באטײַט אויך אין דער אלוועלטלעכער, — ליטע־ראטור. פון זײַנע ווערק וואקסט אויס פאַר אונדז דאָס געשטאלט פון א גאָניִאלן דיכטער, מערקווירדיקן פּראָ־זאִיקער און דראמאטורג.

אָן איידעס פון פיל היסטאָרישע געשעענישן, האָט לערמאָנטאָוו אין סאמע אָנהייב פון זײַן שאפונג אָנגע־שריבן צענדליקער לידער אף אקטועל־געזעלשאפטלעכע טעמעס. אין זיי רופט ער זיך אָפּ אף די פויערשע בונטן אין רוסלאנד און אף די רעוואָליוציאָנערע אופ־טרייסלונגען אין מײַרעוו־אייראָפּע, אף די יעדיִעס וועגן די פארשיקטע דעקאבריסטן און אף די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין קאווקאז, ווו די צארישע רעגירונג האָט געפירט קריגס־אָפּעראציעס קעגן די בארג־פעלקער. דער יונגער דיכטער שטרעבט צו אקטיוון טאט. צוזאמען מיט די פאָרגעשריטענע מענטשן פון רוסלאנד אין די 30־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט שטרעבט ער צו קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. „ס׳איז לאנגווײַליק דאָס לעבן, ווען קיין געראנגל איז ניטאָ“. לערמאָנטאָוו גארט נאָך שטורעם.

דאָס טרויעריקע פאַר רוסלאנד 1837 יאָר, דאָס יאָר, ווען ס׳איז דערמאָרדעט געוואָרן פּושקין, האָט געבראכט אָנערקענונג פאַר לערמאָנטאָווס טאלאנט. דערשיטערט פון פּושקינס טויט, איז דער יונגער, נאָך ווייניק באוווּסטער דיכטער ארויסגעטראָטן מיט א ליד, וואָס האָט אים דעראָבערט אלפאָלקישן רום. זי האָט צו וויסן געגעבן רוס־לאנד, אז פּושקין האָט א יורשע — א דיכטער, וואָס וועט ווײַטער אנטוויקלען זײַנע אידייען און געשטאלטן. די ליד „דעם דיכטערס טויט“ איז פאַר עטלעכע טעג אין געשריבענע קאָפּיעס פארשפרייט געוואָרן איבער דער גאנצער רוסלענדישער אימפּעריע.

לערמאָנטאָוו האָט אָפן געמאָלדן, אז פּושקינס מערדער זײַנען די אלע, וואָס שטייען, „ווי א זשעדנע סטײַע“, באַם טראָן־שטול, ער האָט זיי מיט האס און פאראכטונג אָנ־גערופן „הענקער פון פרײַהײַט, געווינעס און רום“.

ניקאָלײַ דער ערשטער האָט באַשלאָסן טייקעף זיך צערעכענען מיטן דרייסטן דיכטער. ס׳איז צונויפגע־שטעלט געוואָרן „דער איניען וועגן אומדערלאָזבארע לידער“, און אין פעווראל 1837 יאָר איז ארויסגעגעבן געוואָרן אָן אוקאז וועגן ארויסשיקן לערמאָנטאָוון אף קאווקאז אין דער אָפּערירנדיקער ארמיי. דאָס איז געווען זײַן ערשטע פארשיקונג.

ניט געקוקט אף די רעדיפעס מיצאד דער צארישער רעגירונג, ווערט לערמאָנטאָוו אלץ מער און מער באַ־רימט אלס פּאָעט. אין זײַן דיכטונג האָבן געפונען דעם פולסטן און בוילעטסטן אויסדרוק די געדאנקען און גע־פילן פון דער פאָרגעשריטענער רוסישער געזעלשאפט פון יענער צײַט.

בייס דער פארשיקונג האָט לערמאָנטאָוו פארענדיקט זײַן באליבט ווערק „דער דעמאָן“, איבער וועלכן ער האָט געארבעט פון 1829 יאָר.

אין 1840 דערשײַנט לערמאָנטאָווס ערשטע לידער־זאמלונג, אין איר זײַנען אײַנגעשלאָסן אויך די פּאָעמעס „מצירי“ און „דאָס געזאנג וועגן סויכער קאלאשניקאָוו“.

לערמאָנטאָוו פּרוּווט זײַנע קויכעס אויך אלס איבער־זעצער. צוערשט זעצט ער איבער פון שילער, געטע. דערנאָך קומט די לאנגיאָריקע פארליבטקײַט אין בײַ־ראָנען. ניט אָן בײַראָנס ווירקונג שאפט ער די בארימטע „יִידישע מעלאָדיעס“.

לערמאָנטאָווס שאפונג, זײַן אָנטייל אין דער באוועגונג פון דער רעוואָליוציאָנער געשטימטער יוגנט רופן ארויס נײַע פארפאָלגונגען קעגן אים מיצאד דער צארישער רעגירונג.

לערמאָנטאָווס צווייטע פארשיקונג אף קאווקאז, פרי־לינג 1840, איז צונויפגעפאלן מיטן דערשײַנען פון דער פולער אויסגאבע פונעם ראָמאן „דער העלד פון אונדזער צײַט“. דאָס איז געווען דער ערשטער אין רוסלאנד רעאליסטישער ראָמאן אין פּראָזע, אין וועלכן עס ווערט געשטעלט די פראגע: „ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס אזא מענטש, ווי פּעטשאָרין, פארמאָגט ניט קיין לעבנס־ציל? פארוואָס איז ער געוואָרן אָן „איבעריקער מענטש“?“ און לערמאָנטאָוו פירט דעם לייענער צום ענטפער: אין די באדינגונגען פון דער צארישער רעאקציע ווערט אָן דער מענטש זײַנע בעסטע אייגנשאפטן. דער

זעלבסטהערשערישער רעזשים דערשטיקט אלדאָס גוטע, ליכטיקע, עכט הומאַנישע.

די מערהײַט דעמלטיקע קריטיקער האָט זיך דערשראָקן פאר לערמאָנטאָווס געוואגטע אויספירן און זיך געפרווט פאלש אויסטײַטשן דעם עמעסן זין פונעם „העלד פון אונדזער צײַט“. בלויז איין בעלינסקי האָט אנטשיידן און אָפן פארטיידיקט דעם נײַעם ראָמאן.

א טיפן שפור האָט איבערגעלאָזט לערמאָנטאָוו אין דער רוסישער דראמאטורגיע. ביז הײַנט צו טאָג ווערן אף דער בינע פון א סאך סאָוועטישע טעאטערן געשטעלט זײַן דראמע „דער מאסקאראד“, די טראגעדיע „די שפאניער“. 16 יאָר איז אלט געווען לערמאָנטאָוו, ווען ער האָט אָנגעשריבן זײַן ערשט דראמאטיש ווערק „די שפאניער“.

אף וויפל דאָס ווערק דריקט אויס לערמאָנטאָווס באציִונג צו דער טרויעריקער לאגע פון די ייִדן אין רוסלאנד פון יענער צײַט, וועלן מיר זיך דאָ אָפשטעלן אף דעם עטוואָס גענויער.

די האנדלונג פון דער טראגעדיע קומט פאָר אין קאסטיליע. דער יונגער און איידעלער פערנאנדאָ, וואָס איז דערצויגן געוואָרן באם שפאנישן גראנד דאָן אלווארעס, ווייסט ניט, אז ער שטאמט פון ייִדן. ער איז פארליבט אין עמיליען, דער טאָכטער פון זײַן דערציִער. זי האָט אים אויך ליב. דער גראנד אָבער איז קעגן זייער כאסענע. אומגעריכט באווײַזט זיך בא פערנאנדאָ א קאָנקורענט. דאָס איז דער פאטער סאָריני, אן אלטער באלאוויירעניק, א יעזויִט, וואָס דינט בא דער אינקוויזיציע. ראטעווענדיק עמיליען פון שאנד, איז פערנאנדאָ געצווּנגען מיט דער אייגענער האנט זי אומברענגען. ער אליין קומט אום לויטן אורטייל פון דער אינקוויזיציע אפן שײַטער...

לויטן טעקסט, האָבן די געשעענישן פון „די שפאניער“ געקאָנט פאָרקומען אין XV אָדער אין XVI יה., אָבער די שוידערלעכע אומשטענדן, וואָס ווערן געמאָלט אין דער טראגעדיע, זײַנען אין פיל פראָטים ענלעך צו די אומשטענדן פון פאָליטישן יאָך, וואָס האָבן געהערשט אין רוסלאנד נאָכן דעקאבריסטן־אופשטאנד, דה. אין די 30—40־ער יאָרן פונעם XIX יה. און אין דעם באשטייט איינער פון די אייגנארטיקע שטריכן פון לערמאָנטאָווס טאלאנט: שילדערן היסטאָרישע טעמעס אין זייער צוזאמענהאנג מיט דער הײַנטצײַטיקײַט.

די טראגעדיע „די שפאניער“ האָט ארויסגערופן בא לערמאָנטאָווס ביִאָגראפן א רײ פראגן:

פונוואנען האָבן זיך גענומען צו א קינד פון אן אריסטאָקראטישער פאמיליע סימפאטיעס צו א פאָלק, וואָס איז אים קימאט ניט געווען באקאנט? ווען און ווו האָט ער דערלערנט די געשיכטע, די אָנשויוּנגען און זיטן פון ייִדן? ווער האָט געהאָלפן דעם יונגן לערמאָנטאָוון לייזן די פראָבלעמען, וואָס זײַנען אנטשטאנען פאר אים אין דעם דאָזיקן ווערק?

א סאך פאָרשער פון לערמאָנטאָווס שאפונג האָבן אָנגעוויזן אף די ליטערארישע ווירקונגען, וואָס האָבן באוועגט לערמאָנטאָוון אָנשרײַבן די דאָזיקע טראגעדיע: שילערס פיעסן, וואלטער סקאָטס ראָמאנען, בײַראָנס און הוגאָס לידער און טראגעדיעס. ס'איז ביפראט אָנגעוויזן געוואָרן, אז די ייִדישע ליניע פונעם סוזשעט איז געבויט לויט לעסינגס „נאטאן דער ווײַזע“. אין מיט פון די 30־ער יאָרן האָט בא אן אָנגעזעענער גרופע סאָוועטישע געלערנטע פרעוואלירט די מיינונג, אז לערמאָנטאָווס „שפאניער“ „זײַנען אף אזויפיל געבונדן מיטן אויסלענדישן מאטעריאל, אז פון רוסישע קוועלן איז קימאט ניט שײַעך צו ריידן“.

מיט דעם דאָזיקן שטאנדפונקט איז ניט מאסקים געווען איינער פון די באדײַטנדיקסטע סאָוועטישע ליטעראטור־פאָרשער לעאָניד גראָסמאן. לויט זײַן מיינונג, זײַנען „די שפאניער“ ענג פארבונדן מיט דער צײַט, אין וועלכער דער פאָעט האָט געלעבט. דאָס איז אן אייגנארטיקער אָפקלאנג אף די אכזאָריעס פון דער צארישער מאכט.

ערעוו דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט לעאָניד גראָסמאן פארעפנטלעכט זײַן אינטערעסאנטע ארבעט, אין וועלכער ער האָט באגרינדעט די פארבינדונג פון „די שפאניער“ מיטן באוווּסטן וועליזשער בלוטבילבל.

לאָמיר אופשטעלן די גרונט־מאָמענטן פון אָט דעם געריכט־פראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן לאנגע צוועלף יאָר און האָט זײַנערצײַט געמאכט א גרויסן רוישעם.

פרילינג 1823 איז אין ווײַסרוסישן שטעטל וועליזש פאָרגעקומען אן אינסצענירונג פון א ריטועלן מאָרד. דער וויטעבסקער הויפט־געריכט, וואָס האָט באטראכט דעם איניען, איז געצווּנגען געווען באפרײַען די ייִדן פון יעדן פארדאכט, און מאריִא טערענטיעווא, וואָס האָט צעלאָזט א קלאנג, אז דער האָרוג — איר זון — איז „אומגעבראכט געוואָרן דורך די ייִדן“, איז פארמישפעט געוואָרן צו בעטן מעכילע אין קלויסטער. מע האָט גערעכנט, אז דער איניען איז אף דעם פארענדיקט. נאָר אין הארבסט 1825, ווען דער אימפעראטאָר אלעקסאנדער דער ערשטער איז דורכגעפאָרן וועליזש, האָט „די אלמאָנע — די סאָלדאטקע“ טערענטיעווא אָנגעגעבן אף זײַן נאָמען אן אָנקלאָגע. זי האָט ווידעראמאָל באשולדיקט די ייִדן פון וועליזש, אז זיי האָבן דערמאָרדעט איר זון. דער קייסער האָט באפוילן דורכפירן א שטרענגע אויספאָרשונג. דער איניען איז זיך צעוואקסן און האָט אָפיציעל אָנגענומען א כאראקטער פון פארורטיילן א גאנץ פאָלק.

קיינע פײַניקונגען האָבן ניט געקאָנט צווינגען די ארעסטירטע ייִדן — מענער און פרויען — נעמען אף זיך די אומזיסטע שולד. איינִיקע האָבן בײַס דער אויספאָרשונג פארלוירן דאָס לעבן.

די פארשיידענע עטאפן פון דער „וועליזשער דראמע“ האָבן ארויסגערופן גרויס אינטערעס אין דער געזעלשאפטלעכער סוויווע, אין וועלכער לערמאָנטאָוו האָט זיך דאן געפונען. אין וועליזש האָט דעמלט געוווינט קאטיושא סושקאָווא, דעם פאָעטס ערשטע ליבע. זי האָט געוווּסט אלע נײַסן פונעם פראָצעס: איינער פון די הויפט־פאָרשערס פון דעם איניען, וואָס האָט געגלייבט אין דעם גרויליקן בילבל, איז געווען דער פליגל־אדיוטאנט שקורין, וועלכער האָט זיך גערעכנט אלס איר כאָסן...

אָט טאקע צו יענער צײַט, זומער 1830, ווען סושקאָווא איז געקומען פון וועליזש און זיך אָנגעהויבן באגעגענען מיט מישעל לערמאָנטאָוון, געהערן די ערשטע פראגמענטן פון „די שפאניער“.

לערמאָנטאָוו האָט געוויס געוווּסט א סאך פראָטים פונעם וועליזשער פראָצעס אויך פון אן אנדער קוואל — פונעם אדמיראל נ. ס. מאָרדווינאָוו. אָט דער אָנגעזעענער מעלוכע־טוער, וואָס האָט פארמאָגט א מאיאָנטעק ניט ווײַט פון וועליזש און איז געווען גוט באקאנט מיט דעם לעבן און מיט די זיטן פון די אָרטיקע ייִדן, האָט זיך

גערעכנט פאר אן אייגענעם מענטשן אין לערמאָנטאָווס מישפּאָכע, ער איז געווען א נאָענטער קאָרעוו פון יעליזאַוועטא אלעקסייעוונא ארסעניעווא, דעם דיכטערס באָבע, וואָס בא איר אין שטוב איז לערמאָנטאָוו אופגעצויגן געוואָרן.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע מענטשן פון רוסלאנד, וואָס האָט אָפן ארויסגעזאָגט זײַן מיינונג, אז דער קייסער האָט געמעגט מויכל זײַן די דעקאבריסטן, איז מאָרדווינאָוו שארף ארויסגעטראָטן קעגן דעם בלוט־בילבל אף די וועליזשער ייִדן. דאָס האָט ער איבערגעגעבן ניקאָלײַ דעם ערשטן די באקאָשע פון די קרויווים פון די באשולדיקטע, אין וועלכער ס'איז באשריבן געוואָרן די גאנצע פאלשקײַט פונעם פראָצעס און ס'זײַנען מיטגעטיילט געוואָרן א סאך פארהוילענע פון דער עפנטלעכקײַט פאקטן.

אין 1834 יאָר, צום סאמע סאָף פון דער געריכט־פראָצעדור, האָט זיך מאָרדווינאָוו אײַנגעגעבן ארײַנפירן דעם פראָצעס אין די ראמען פון געזעצלעכקײַט. ווען דער איניען איז איבערגעגאנגען אין מעלוכע־ראט, האָט מאָרדווינאָוו, א מיטגליד פון ראט, מיט דער גאנצער קאטעגאָרישקײַט געמאָלדן, אז „די ייִדן זײַנען געפאלן א קאָרבן פון א פארשווערונג״. זײַן ארויסטרעטונג האָט אָפּגעשפילט די אנטשיידנדיקע ראָל. דער מעלוכע־ראט האָט אָנגענומען א באשטימונג וועגן באפרײַען די אָנגעקלאָגטע און באשטראָפן די מאָסרים.

פיל סצענעס פון לערמאָנטאָווס „שפּאניער״ באשטעטיקן, אז דער שרײַבער האָט געוווסט וועגן וועליזשער פראָצעס.

די האנדלונג פון די צארישע אויספאָרשער אינעם פארוואָרפענעם ווינקעלע פון דער וויטעבסקער גובערניע געפינט א קינסטלערישע אָפּשפיגלונג, לעמאָשל, אין דער סצענע, ווו דער פאטער סאָריני מיט זײַנעם א גוטנברודער גרייטן א בילבל.

אין דער לעצטער סצענע קלינגט דער מאָטיוו פון מוטיקער שטאנדהאפטיקײַט פון די פארמישפּטע:

גענדיקט אלץ! געווען דאָרט אין געריכט!
מע פירט אים שוין, פערנאנדאָ, אפן שײַטער,
מע האָט אים לאנג געפּײַניקט, אויסגעפרעגט —
קיין וואָרט זיי האָבן ניט ארויסגעריסן
באם שטאָלצן יונג פערנאנדאָ — און אָט באלד
מיר וועלן אלע זען אי רויך, אי פײַער[1].

דאָס איז מערקווירדיק, וואָס אין א מאָמענט, ווען קיינער האָט ניט געקאָנט פאָרויסזען דעם רעזולטאט פון דעם גרויזאמען געריכט־פראָצעס אין וועליזש, האָט דער יונגער פּאָעט זיך געווענדט צו דער טעמע וועגן ייִדישן פאָלק און זי פאנאנדערגעארבעט מיט אזא לעבעדיקער פארינטערעסירטקײַט.

אלס קעמפער פאר יושער, פאר מענטשלעכע רעכט איז ארויסגעטראָטן אין זײַן ערשטן גרויסן ווערק דער רוסישער פּאָעט לערמאָנטאָוו.

דעם 27 יול 1841 איז דער דיכטער אומגעקומען אף א דועל, וואָס איז געווען פּראָוואָצירט פון דער צארישער רעגירונג. דער צאר האָט זיך מיט אים צערעכנט אף דעם זעלבן אויפן, וואָס מיט פּושקינען. נאָר פונקט, ווי פּושקין, איז לערמאָנטאָוו געבליבן לעבן אף אייביק.

לערמאָנטאָווס ווערק, פול מיט ליבע צום מענטשן, זײַנען א באשטאנד־טייל פון דער איינהײַטלעכער אינטערנאציאָנאלער קולטור, וואָס ווערט געשאפן דורך אלע ברידערלעכע פעלקער פון אונדזער גרויסן לאנד.

---

[1] דער אויסצוג ווערט געבראכט פון א. קושניראָווס איבערזעצונג פון „די שפּאניער״.

כראָניק

די אײַנוווינער פון לוואָוו האָבן אײַנגעפירט בא זיך אין שטאָט א נײַעם מינהעג: זיי מערקן אָפּ „יאָמטוווים פון גאסן״. איינער פון די ערשטע איז דער אייגנארטיקער יאָמטעוו דורכגעפירט געוואָרן אף דער גאס „נאפטאָלע באָטווין״. היסטאָריקער, וועטעראנען פון רעוואָלוציאָנערן קאמף, אלטע טוישווים האָבן דערציילט די אײַנוווינער פון דער גאס וועגן דעם לעבן און קאמף פון דעם יונגן קאָמוניסט, וועלכער איז מיט 28 יאָר צוריק, בייס דער הערשאפט פון דער פּילסודסקי־מאכט, העלדיש אומגעקומען אין לוואָוו.

ס'איז באשטימט געוואָרן, אז די „יאָמטוווים פון גאסן״ זאָלן ווערן טראדיציאָנעל.

■

די באקאנטע סאָוועטישע קינאָ־אקטיאָרן ניקאָלײַ ריבניקאָוו און אלא לאריאָנאָווא האָבן ניט לאנג צוריק באזוכט בירָאָבידזשאן. אף דער באגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין קולטור־פאלאץ, זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן פראגמענטן פון פילמען, ווו זיי פילן אויס די הויפּט־ראָלן. די געסט האָבן זיך געטיילט מיט זייערע שעפערישע פּלענער.

א באגעגעניש מיט די מאָסקווער קינאָ־אקטיאָרן איז אויך פאָרגעקומען בא די בירָאָבידזשאנער קאָמבײַנבויער אין קלוב פונעם זאוואָד „דאלסעלכאָזמאש״.

■

אין קולטור־מיניסטעריום פון פססר זײַנען פאָרגעקומען אונטערהאנדלונגען מיט א קולטור־דעלעגאציע פון ייִסראָעל (צווי העפטעל — אָנפירער פון טעל־אוויווער פילהארמאָנישן אָרקעסטער, עלי פעלעג — סעקרעטאר פון דער פרײַנטשאפט־באוועגונג ייִסראָעל—סאָוועטנפארבאנד) וועגן פארברייטערן די קולטור־קאָנטאקטן צווישן סאָוועטנפארבאנד און ייִסראָעל.

אין רעזולטאט פון די דאָזיקע אונטערהאנדלונגען זײַנען אונטערגעשריבן געוואָרן א ריי אָפּמאכן וועגן אויסטויש מיט קינסטלער און קינסטלערישע קאָלעקטיוון. אין דער נאָענסטער צײַט וועט אין סאָוועטנפארבאנד קומען מיט א ריי קאָנצערטן דער ייִסראָעלדיקער פילהארמאָנישער אָרקעסטער. אָנגעזעענע סאָוועטישע קינסטלער און ארטיסטן וועלן אופטרעטן אין ייִסראָעל.

■

צווישן דער ייִסראָעלדיקער פילם־געזעלשאפט „אָריענט־פילם״ און דער פילם־אָפּטיילונג פון דער פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי״ איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפּמאך וועגן ארויסלאָזן צוזאמען א דאָקומענטאלן פילם וועגן לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. אין נאָמען פון „אָריענט־פילם״ האָט דעם אָפּמאך אונטערגעשריבן די באקאנטע קולטור־טוערן מארגאָט קלאוזנער.

עס ווערט פאָרויסגעזען, אז דער פילם זאָל ארויס אָנהייב 1966.

מוישע נאָטאָוויטש

יִצחָק-יואל לינעצקי — מענדעלעס מיטקעמפער

I

קימאט אין איין צײַט מערקן מיר אָפּ צוויי באַדײַטפולע יוביליי־דאַטעס: 125 יאָר, זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן י.־י. לינעצקי (8 סענטיאַבער 1839), און 100 יאָר, זינט ס׳איז דערשינען מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע“ (12 נאָיאַבער 1864), מיט וועלכן ס׳הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור.

ס׳גייט ניט בלויז אין כראָנאָלאָגיע. אף דער טיפער שײַכעס צווישן מענדעלען און לינעצקין האָט נאָך אָנגעוויזן שאָלעם־אַליכעם. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען די ענלעכקײַט צווישן דעם „ערשטן גרויסן זשאַרגאָניסט און פאָלקס־שרײַבער אבראַמאָוויטש (מענדעלע)“ און דעם „אַנדערן גרויסן זשאַרגאָניסט לינעצקי“.

די אַנאַלאָגיע צווישן לינעצקין און מענדעלען לאָזט זיך ברייט אַנטוויקלען.

לינעצקיס „דאָס פוילישע יִנגל“ האָט זיך געדרוקט אינעם „קאָל מעוואַסער“ מיט דרײַ יאָר שפּעטער נאָך מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע“, — אין יאָר 1867. פונקט ווי דאָס „קליינע מענטשעלע“, זעט נאָך דעמלט אויס דער ערשטער וואַריִאַנט פון „פוילישן יִנגל“ ווי אַ גרעסערער עסקיז פאַר די שפּעטערדיקע איבערגעאַרבעטע אויסגאַבעס.

ביידע ווערק זײַנען געשריבן אין דער פאָרם פון אַ קלוימערשטער אויטאָביִאָגראַפיע, וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין דער עלטערער יִדישער און העברעיִשער האַסקאָלע־ליטעראַטור. לינעצקי גיט די „לעבנס־באַשרײַבונג פונעם פוילישן יִנגל פון זײַן געבוירן ביז זײַן פאַרלוירן“, און מענדעלע — די „לעבנס־באַשרײַבונג פון יִצחָק־אַווראָם טאַקיף“. ביידע העלדן ווערן באַוויזן ווי פיזישע, גײַסטיקע און מאָראַלישע קאָרבאָנעס פונעם מיטלאַלטערלעכן לעבנס־שטייגער. מענדעלע ווײַזט, ווי נויט און פאַרקריפּלטע דערציִונג, דערשלאָגנקײַט און פּראָוואָרלאָזטקײַט פאַרטרײַבן צו די באַלטאַקסעס און קאָהאָלשע רעדלפירער אַ „קליין מענטשעלע“ — יִצחָק־אַווראָמען, וואָס מאַכט דורך אין איסער וואַרגערס „שול“ דעם וועג פון דעמאָראַליזאַציע. לינעצקי ווײַזט ווי ענגע לעבנס־באַדינגונגען פאַרטרײַבן דאָס פוילישע יִנגל אין רעבנס הויף און ווי די כסידישע סוויווע דעמאָראַליזירט אים.

די קאָמפּאָזיציע פונעם „פוילישן יִנגל“, וואָס „דריגען איז געשילדערט אַקוראַט דער פוילישער כאָסיד פון געבוירנהײַט, זײַן ערציִונג, זײַן באָכער־לעבן, זײַן כאַסענע און זײַן פּאַרנאָסע מיט אַלע קאָהאָלס זאַכן און געמיינדע־לעבן“, איז פאַרבונדן, ווי אין מענדעלעס „קליינעם מענטשעלע“, מיט בילדער פון שטעטלדיקן שטייגער.

אין „פוילישן יִנגל“ טרעפן מיר אַלע יענע מאָטיוון, וואָס האָבן געוועגט עטלעכע דורעס מאַסקילישע שרײַבער. אַ גרונט־מאָטיוו איז די קינדער־דערציִונג. לינעצקיס קריטיק פון דער טראַדיציאָנעלער קינדער־דערציִונג פאַלט צונויף מיט מענדעלעס — זי גרײַפט אָן אף די נעסטן פונעם קלעריקאַלן שטייגער.

מענדעלע האָט דעם דאַלעס און די אָפּגעשטאַנענקײַט פון די מאַסן געוויזן דעריקער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָהאָל־הערשאַפט. לינעצקי האָט מער באַטאָנט דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם כאַסידיזם מיט דער נויט און פינצטערניש, וואָס האָט געהערשט אינעם פאָלק.

פאַר מענדעלעס אויגן שוועבט „טאָמיד אַ טאָרבע — די אַלטע גרויסע יִדישע טאָרבע“, לינעצקי זעט אויך שטענדיק דעם דאַלעס פונעם „געמיינעם אוילעם“: „ווײַטער, — שרײַבט ער אינעם לעצטן קאַפּיטל פונעם „פוילישן יִנגל“, — דער אייגענער דאַלעס אין שטוב, דער העקדעש, דאָס שיפלעס, די קלאָלעס און כאַראָמעס און דאָס זעלבע נידעריקע, קויטיקע, פינצטערע לעבן, ווי טאָמיד“.

לינעצקי ווײַזט די עקאָנאָמישע באָדנלאָזיקײַט פון די וועציוואָניער אײַנוווינער, וואָס נאָך אַלע פּאַרנאָסעס מוזן זיי „פוכנען פאַר הונגער“ און זײַנען געצוווּנגען זיך אָנכאַפּן אין „אַזאַ מין פּאַרנאָסעלע, וואָס מע קען עס אויספירן אָן געלט, אָן כאָכמע, אָן טוירע און אָן איבעריקן קויעך: איז ער, לעמאָשל, פון געבוירן אַ ליגנער — ווערט ער אַ שאַדכן... איז ער אַ פלוידערזאַק — ווערט ער אַ באַדכן. דער, וואָס איז באַם טאַטן געוואַקסן אין אַ ווײַנשענק, וווּ פּריצים ליגן דאָרט איבער, און ער קען אַ ביסל פויליש, ווערט ער אַ פאַקטער... אַז ער האָט פון געבוירן אַ שיין הענטל און האָט זיך עפּעס יִנגל־ווײַז אויסגעלערנט דעם רוסישן אַזבוק, צי אַפילע אָן דעם, מאַכט ער נאָך קוויטעס, קאָנטראַקטן, פּאַשפּאָרטן אוכעדוימע... ס׳איז דאָך אַ קונץ, ווי איך בין אַ יִד!... ווינגט ער ניט ווײַט פון דער גרענעץ — פּעקלט ער איבער דעם סויכער עטלעכע שטיקלעך סכוירע, וויפל זײַן קויעך טראָגט אים נעבעך... און נאָך אַזעלכע פּאַרנאָ־

סעלעך. האקלאל, מיט וואָס דער אייבערשטער האָט אים מעזאקע געווען פון געבוירן, מיט דעם נעבעך שלאָגט ער זיך דורך״.

די שילדערונג פון אָרעמקייַט געהערט צו די סאמע שטארקסטע בילדער אינעם „פוילישן ייִנגל״.

אין דעם, ווי מענדעלע און לינעצקי שטעלן זיך אייַן פאר דער שטעטלדיקער אָרעמשאפט, ווי זיי שילדערן דעם דאלעס, ווי זיי קעמפן קעגן די אָפּגעשטאנענע לעבנס־פאָרמען, — אנטפלעקן זיך די טיפּישע שטריכן פונעם דעמאָקראטישן שרייַבער פון די 60־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אוואדע האָט לינעצקי פאָרגעזעצט די סאטיריש־קריטישע טראדיציע פון דער ייִדישער אופקלערערישער ליטעראטור ביז אים, ער איז אָבער אויך געשטאנען אונטער דער ווירקונג פון די רוסישע דעמאָקראטישע סאטיריקער. אינעם „פוילישן ייִנגל״ לאָזט זיך באזונדערס פעסטשטעלן די ווירקונג פון סאלטיקאָוו־שטשעדרינען. ברייט ווערט דאָ אָנגעווענדט דער גראָטעסק, די היפּערבאָלישע פארשפּיצטקייַט. דאָ האָבן מיר אויך די לייַדנשאפטלעכע פובליציסטישע אָפּווייַכונג אין א זייַט פונעם דערציילערישן סוזשעט, דעם שטענדיק באגלייטנדיקן קאָמענטאר, וואָס דריקט אויס די צילגעווענדטקייַט פונעם שרייַבער. דער פובליציסטישער עלעמענט פלעכט זיך אָרגאניש אריין אינעם קינסטלערישן געוועב און פארשטארקט די ווירקזאמקייַט פון דער סאטירישער שילדערונג.

די סאטירע אינעם „פוילישן ייִנגל״ איז גאליקער, פארביטערטער, אנטבלויזטער, איידער די סאטירע אינעם „קליינעם מענטשעלע״, ווו דער כויזעק איז אייַנגעהאלטענער, פארשטעלטער. דער סאטירישער מיין הייבט זיך שוין דאָ אָן צו פארבאָרגן אין מענדעלעס טיפּזיניקן „ניט דאָס בין איך אויסן״.

בא מייער ווינערן טרעפן מיר א ביז גאָר אינטערעסאנטן פארגלייַך פון לינעצקיס און מענדעלעס שאפן:

„אין פלוג, פארמאָגן זיי ביידע א סאך ענלעכס. די צייַט און סוויווע, אין וועלכער ביידע האָבן געשאפן, איז איינע און די זעלבע. זייער אנטוויקלונגס־גאנג און זייער וועלט־אָנשויונג איז — ניט געקוקט אף באשטימטע ניואנסן — קימאט די זעלבע. די סוויווע, וואָס זיי האָבן געשילדערט, איז די זעלבע. די טעמעס און סוזשעטן פון זייערע ווערק זייַנען ענלעך — פונקט ווי די בילדער און געשטאלטן, און פונקט ווי, אין טאָך גענומען, אויך דער אידייִשער שטאנדפונקט, פון וועלכן זיי ווערן געשילדערט. אויסערלעך איז אויך דער טאָן דער זעלבער, די טייַנעס די זעלבע, די רעפאָרם־פאָרשלאָגן — די זעלבע. דערצו נאָך האָבן זיי איינער דעם אנדערן קעגנזייַטיק באווירקט. לינעצקי האָט אָנגערעגט מענדעלען, און מענדעלע האָט געווירקט אף לינעצקין, כאָטש ער האָט אים קיינמאָל ניט געקאָנט אריבערטראָגן. דאָס אלץ איז אָן שום סאָפעק. וואָס זשע איז דאָ שייַעך צו ריידן וועגן אונטערשיידן?״[1]

און פאָרט, — זאָגט ווייַטער ווינער, — איז צווישן לינעצקין און מענדעלען א „גוואלדיקער כילעק״ — ניט בלויז דער כילעק, וואָס „צווישן זייער א באגאבטן — און אן עמעסדיק גרויסן שרייַבער״.

לויט ווינערס מיינונג זייַנען לינעצקיס „זייער טאלאנטפולע דערציילונגען פול מיט מאָרעשכוירע. ניטאָ דאָרט קיין שטראלעכל זון. מע קאָן זיך פון זייַנע ווערק גאָר אפילע ניט מעשאער זייַן, אז ס׳איז דעמלט געווען א זון אף דער וועלט. מענדעלע מאָלט אויך ניט וויניק פינצטערניש און שאָטן — אָבער אזוי, ווי זיי באווייַזן זיך און ווערן בוילעט דאפקע בא דער העלער שייַן פון ליבע״. לינעצקיס ווייטעקדיקע ליבע „רודערט אוף, אָבער זעלטן־ווען קאָן מען וועגן איר זאָגן, אז זי ווארעמט״. לינעצקיס גרונט־טאָן איז „ראציאָנאליסטישער שפּאָט״. לינעצקי פארמאָגט „זייער א רייַכע שפּראך. לעקסיש איז זי ניט אָרעמער פון מענדעלעס, און אמאָל עפּשער אפילע רייַכער״, אָבער — „אין טאָך איז זייַן זאץ געבליבן ווילד און כאאָטיש״. מענדעלען האָט זיך יאָ אייַנגעגעבן צו צוימען דעם „באראָקן״ כאאָס פון זייַנע בילדער״. לינעצקי איז „אן אויסערגעוויינלעך טשיקאווע שפּראכלעכע דערשייַנונג. א ווילד פלייצעניש פון בילדער און ווערטער, מעכטיקע רויע און שווערע גליבעס, ארויסגעשלייַדערט מיט גרויסער ריסאָרישער לייַדנשאפט״. בא דעם אלעם איז זייַן שפּראך „אָנגעדרודלט, פארדראָסיק און בייז״ — ניט דורכגעווארעמט, ווי בא מענדעלען.

געוויס איז מענדעלע אלס קינסטלער פון אָנהייב אָן געווען טיפער און פילזייַטיקער פון לינעצקין. בוילעטער איז דאָס געוואָרן נאָכדעם, ווען מענדעלע איז געקומען מיט זייַנע ווייַטערדיקע מייַסטער־ווערק. וויכטיק איז אָבער ניט אזוי דער כילעק, ווי די ענלעכקייַט. דאָס „פוילישע ייִנגל״ איז פארבליבן א באדייַטנדיק גרונט־ווערק אין אונדזער ליטעראטור. מיט דעם דאָזיקן ווערק איז לינעצקי איינעם מיט מענדעלען געוואָרן א גרונטלייגער פון דער נייַער ייִדישער ליטעראטור.

II

לינעצקיס שרייַבערישע אנטוויקלונג איז ניט געגאנגען מיט אזא גליקלעכן וועג, ווי מענדעלעס. פאר מענדעלען איז „דאָס קליינע מענטשעלע״ געווען אן אָנהייב פון א לאנגיאָריקער פרוכטבארער ליטעראַרישער טעטיקייַט. „דאָס קליינע מענטשעלע״ איז געווען בלויז איין — און אפילע ניט דער וויכטיקסטער — נאָמען צווישן די קינסטלערישע ווערק, וואָס ער האָט געשאפן. מענדעלע איז נאָך בא זייַן לעבן געוואָרן דער קלאסיקער און „זיידע״ פון דער ייִדישער ליטעראטור.

אנדערש לינעצקי. ער דערמאָנט מיט זייַן שעפערישן גוירל אין יענעם טייל דעמאָקראטישע שרייַבער פון די 60־ער יאָרן, וועגן וועלכע מאקסים גאָרקי שרייַבט, אז „זיי האָבן אָפּגעבליט, ניט באוויזנדיק זיך צו צעבליִען״. זייַן טאלאנט האָט זיך ניט אנטפלעקט ביזן סאָף.

אָבער לינעצקי איז ניט קיין שרייַבער פון איין ווערק. נאָכן „פוילישן ייִנגל״ איז ער געווען ליטעראריש טעטיק בא דרייַ צענדליק יאָר — געשריבן קריטיק, פובליציסטיק, פארפאסט די „וויבאָרעס״, איבערגעארבעט זייַן יוגנט־ווערק און אָנגעשריבן א נייַ ווערק — „דער וואָרעם אין כריין״ (שפּעטער האָט ער עס אָנגערופן „ניט טויט, ניט לעבעדיק״). אויך מיט אָט דער שאפונג בלייַבט לינעצקי מענדעלעס טרייַסטער מיטקעמפער.

אינעם זעלבן יאָר, וואָס מענדעלע האָט פארעפנטלעכט „די טאקסע״ (1869), דרוקט לינעצקי אָפּ אינעם „קאָל מעוואסער״ א סצעניש בילד „א וויבאָר אף א ראטמאן״. אין די 70־ער יאָרן שרייַבט ער צו נאָך אן אקט, און ס׳באקומט זיך א צווייאקטער אונטערן נאָמען „די וויבאָ־

[1] מ. ווינער. צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין XIX יאָרהונדערט. קיִעוו, 1940, ז. 265.

רעס“ (געדרוקט אין „מעשולאכאס“, „קארטינעס פון ייִדישן לעבן“, 1875).

די „וויבאָרעס“ שילדערן א בילד, ווי דער באַלמעלאָכישער צעך קלײַבט א פאָרשטייער פאר דער שטאָטישער „אופראווע“ — א ראטמאן. די האנדלונג קומט פאָר אין בעסמעדרעש, וואָס איז פול מיט באַלעבאַטים, קאָהאָלײַט און באַלמעלאָכעס. דעם טאָן פארגיבן אָבער די באַלמעלאָכעס. זיי ווארפן אָפּ די קאנדידאטור, וואָס דער גוויר לייגט פאָר, און קלײַבן אויס פאר א ראטמאן דעם, וואָס זיי ווילן. אין דער אָנוועזנהײַט פון דעם גאָראָדניטשי ווערט אויסגעקליבן אלס ראטמאן דער בלינדער ווײַנשענקער פישקע מאנקאָלינעק...

לינעצקי כויזעקט פון די „וויבאָרעס“, גיט שארפע אָנצוהערענישן אָף די מיסברויכן פון די צארישע טשינאָווניקעס. אויך בייס די וויבאָרעס איז גילטיק דאָס „קערבעלע“ אָף אונטערצוקויפן זיי... דער פאָרטרעט פונעם גאָראָדניטשי איז געגעבן אין שניט פון גאָגאָלס פאָרטרעט־כאראקטעריסטיקעס אין „רעוויזאָר“. אָט ווי ער זעט אויס, דער גאָראָדניטשי אין לינעצקיס „וויבאָרעס“: „א געשטופּלטער, א קליינער וווקס, מיט פארמילצענע ליפן, א גרויסער כיטראַק, און אין זײַנע צוויי גרינע אויגן קען מען איבערלייענען: „א קערבעלע“.

די שילדערונג פונעם שנײַדערישן צעך איז דאָס פארביקסטע אָרט אין די „וויבאָרעס“. לינעצקי האָט דאָ באוויזן — כאָטש טאקע שטארק שארזשירט — א שטיק לעבעדיקן באַלמעלאָכישן שטייגער. מיט א ריי שטריכן האָט ער פארברייטערט דעם עטיוד פונעם שנײַדער, וואָס מענדעלע האָט אָנגעצייכנט אין זײַן „קליינעם מענטשעלע“. מיר דערזעען ווידער פאר זיך אָט דעם לעבעדיק־באוועגלעכן אמכאָ מיט זײַן שפּראַך און זײַנע באוועגונגען. ער איז דאָ באוויזן ניט בא דער ארבעט, נאָר בא א געזעלשאפטלעכן איניען — בא די „וויבאָרעס“. מענדעלע לאכט דערבײַ אויס די אָרדענונג אין צעך. לינעצקי קריטיקירט דעם שטעטלדיקן באַלמעלאָכע אין פארבינדונג מיט זײַן אָפּגעשטאנענער שטעלונג צו געזעלשאפטלעכע פראגן: „אָ, פראָ מיר — א קאץ אָדער אן אינדיק, — שרײַען כעוורע באַלמעלאָכעס באם קלײַבן א ראטמאן, — אבי אן אָף אף שאבעס“. אז דער גוויר רוקט אָבער ארויס און פארטיידיקט זײַן „קאנדידאט“, צינדט זיך בא די צעך־לײַט אָן דאָס בלוט, א שנײַדער שרײַט: „מיכל איז א נאָגיד, וויל ער הערשקען... בא הערשקען איז א קערבל מיט א לעכל אויך א מאטבייע, און דו, אָרעמאן, האָסט ניט אף וואָס קידעש צו מאכן, — טאָ גיי מיט די טאצן! אָ, מיר פארשטייען, פונוואנען דער העכט שטינקט“...

סיאיז ניט קיין צופאל, וואָס גראָד אין דער האקדאָמע צו זײַן רוסישער איבערזעצונג פון מענדעלעס „טאקסע“ (בעלאָצערקאָוו, 1884) געפינט י. פעטריקאָווסקי פאר נייטיק צו דערמאָנען לינעצקיס „וויבאָרעס“. ער דערציילט וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג פון אָט דעם ווערק. „פאר מײַנע אויגן, — האָט געשריבן פעטריקאָווסקי, — האָט זיך פאָרגעשטעלט אזא בילד: בא דער שוועל פון א קליין שטיבל האָט זיך צונויפגעקליבן א גאנצע מאכנע, — עטלעכע צענדליק ייִדן, ייִדענעס און קינדער, איינס קלענער פארן אנדערן, זײַנען געזעסן אָף דער ערד, און אָף דער שוועל איז געזעסן מײַנער א באקאנטער שנײַדער און האָט זיי עפּעס פאָרגעלייענט... ער האָט געלייענט לינעצקיס „וויבאָרעס“, און קימאט נאָך יעדן וואָרט פונעם פאָרלייענער פלעגט זיך פאנאנדערהילכן א זאפטיקער, דונערנדיקער געלעכטער... עס פלעגט זיך ווידער אופשטעלן א שטילשווײַגן, און מ׳האָט ווידער געהערט דאָס אויסדרוקפולע לייענען פונעם שנײַדער“. דאָס דאָזיקע בילד האָט פעטריקאָווסקי געזען אין איינעם פון די אָרעמסטע קווארטאלן פון בעלאָצערקאָוו. דאָס זעלבע האָט מען געוויס אויך געקאָנט באָבאכטן אין פיל ייִדישע שטעטלעך.

III

ווי בא מענדעלען און א ריי אנדערע ראדיקאלע שרײַבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער אנטוויקלונג אין די 60־ער יאָרן, איז אויך בא לינעצקין שפּעטער געקומען די אנטוישונג אין יענע „גוטע האָפענונגען“, מיט וועלכע מ׳האָט געלעבט אין דער „וועסנע־צײַט“ — אין די יאָרן ארום דער רעפאָרמע. פון די גרויסע האָפענונגען, וואָס די מאסקילים האָבן געלייגט אָף די „רעפאָרמעס“, האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך.

אין דער „קליאטשע“, וואָס איז דערשינען אין די 70־ער יאָרן, שאצט איבער מענדעלע ניט בלויז די פראָגראם פונעם בורזשואזן מאסקיליזם — ער צילט ווײַטער, ביזן „רויך פון ציוויליזאציע“.

אינעם זעלבן גײַסט אנטוויקלט זיך אין לינעצקיס קינסטלערישער פובליציסטיק די קריטיק פון דער בורזשואזער „ציוויליזאציע־לופט“.

אין איינעם פון זײַנע פובליציסטישע ארטיקלען „אָדעס איז צום לעבן געקומען“ („פריטשעפּע“, 1876) דערציילט לינעצקי, מיט וואָס פאר א זעלבסטגעפיל ער איז אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אָדעס: ער איז געקומען מיט א „ברענענדיק הארץ“, א דאָרשטיקער „זיך אָנזאפּן מיט דער דאָרטיקער ציוויליזאציע־לופט“, מיט דער „דאָרטיקער מאָראל און זיטלעכקײַט“, נאָר, קומענדיק, האָט ער דערזען פאר זיך גאָר אן אנדער בילד:

„עס כוואליעט א יאם פון מענטשן, די פענעמער פארכמארעט, דער שטויב פון די מאגאזאָנעס טראָגט זיך אין דער לופט, דער קאָמערץ־ווינט בלאָזט פון אלע זײַטן און שטופּט אלע מענטשן נאָך זײַן ריכטונג — יעדער לויפט, ווי א פארסאמטע מויז, איינעמס הארץ פונעם אנדערנס, איינעמס אידייע פונעם אנדערנס איז ווײַט...“

קימאט די טיפּישע מענאכעם־מענדלשע סיטואציע אף יעהופּעצער בערזע...

און לינעצקי זעט שוין טאקע דאָ דעם פּראָטאָטיפּ פון שאָלעם־אליייכעמס מענאכעם־מענדל:

„איך האָב געזען, אז דער מענטש איז פול לעבן — און דאָך א מעס... פול געדאנקען — און דאָך פוסט... פול באוועגונג — און דאָך אינערלעך פאראליזירט!“

אָט אזוי דערזעט איצט לינעצקי, ווי די „ציוויליזאציע־לופט פארסאמט מענטשן, פארוואנדלט זיי אין אנטראציט־מארך“, אין „קורסן־טאבעלעס“. אזוי האָט זיך פאר אים באוויזן די בורזשואזע „מאָראל און זיטלעכקײַט“.

אין „פריטשעפּע“ שרײַבט לינעצקי: „דער וואלד־הענדלער, לעמאָשל, וואָלט שוין יאקאָס עפּשער ארײַנגעלאָזט צו זיך אין שטוב איין קאפּצן איבער טויזנט זיך אָנווארעמען, האָט ער אָבער קיין הארץ ניט צוצוזען דעם שלעפּערס ציטערן. דער באלטאקסע וואָלט עפּשער פארקויפט דעם הונדערטסטן קאפּצן א רעכט פונט פלייש אף פייסעך, האָט ער אָבער קיין הארץ ניט צוצוזען, ווי ער וועט זיך קאליע מאכן דעם מאָגן...“ „האקלאל, ווי מע קריגט שוין יאָ הײַנט עפּעס א שטיקל הארץ, — איראָניזירט לינעצקי, — איז דאָס גאָר א שלאָף הארץ,

א געשוואָלן האַרץ, א הייס האַרץ, א שווער האַרץ, א געבראָכן האַרץ... נו, ווי זשע קען מען נאָך פון זיי פאַרלאַנגען, אַז מיט אזוינע שוואַכע, געשוואָלענע, הייסע, שווערע, צעבראָכענע הערצער זאָלן זיי נאָך אין זינען האָבן... אָרעמע לײַט געבן ברויט, אומבאַמיטלטע קראַנקע אַרײַנעמען אין העקדעש, פאַרפרוירענע געבן היצונג, ביטערע יעסוימים לערנען א מעלאָכע, בידנע אַרבעטער באַפרידיקן פאַר זייער טרוד״.

אזוי אַנטבלויזט לינעצקי דעם סאָציִאַלן טאָך פון דער באַלעבאַטישער מאָראַל. שאַרף איז איצט אויך זײַן קריטיק פונעם מאַסקיל, וואָס קוקט אַף זײַן פּאַטראָן, דעם גוויר, מיט אַניוועס און וואָלט גערן געוועזן, אַז זײַן האַנדל־פּאָרטונע זאָל אַלעמאָל מער גלאַנצן און דורך אים זאָל זיך דער נידעריקער שטאַנד פונעם קלאַל אויך פאַרבעסערן...

אין די פּובליציסטישע אַרבעטן פאָרמולירט לינעצקי זײַנע ליטעראַרישע אָנשויונגען, וואָס רופן זיך אויך איבער מיט מענדעלעס ליטעראַרישער פּראָגראַם.

אין „סטאַטעק״ (1876) שרײַבט ער:

„מיר דאַרפן ניט קוקן אַף קיינע הינדערניסע (שטערונגען. — מ. נ.) אין דער וועלט, נאָר נאָכפאָלגן אונדזער הייליקן צוועק, הײַנט: נאָר אַפן פּראָסטן וואָכעדיקן זשאַרגאָן זיך אויסריידן מיט אונדזערע פּראָסטע דערשלאָגענע ברידערלעך, מיט אונדזערע בידנע באַלמעלאָכעס, מאַרק־מענטשן, טרעגער, האָרעפּאַשניקעס, וואָס פאַרברענגען נעבעך זייער וויסט, פינצטער לעבן אין דאַרעניש און קוואַרעניש מיט א פאַרשימלטער שישקע מיט קנאָבל, ווײַל זייערע באַלעטויוועס דאַרפן שאַמפּאַניער, עקיפּאַזשן, בעדער און מאַסקאַראַדן. לאָמיר זיי אַף זייער פּראָסט וואָרעם ייִדיש דערקלערן, אַז זיי זײַנען... ניט קיין אומזיסטע אַרבעט־פערד, אַז זייערע הערצער זײַנען אויך ניט פון טשוהון, זייערע מויכעס אויך ניט פון דריליעס און זייערע נערוון אויך ניט פון דראָטוועס, — נאָר דאָס האָבן זיי זייערע גווירים, באַלעטויוועס, גוטעייִדן, שטאָט־יאַכסאָנים אזוי אָנגערערט, אַז זייער האַרץ שלאָגט ניט, אַז זייער בלוט קאָכט ניט, אַז זייערע געהירן דענקען ניט... דאָס אַלעס לאָמיר אים (דעם פאָלקס־מענטש. — מ. נ.) ערקלערן! לאָמיר אים רעדעוודיק מאַכן, ער זאָל אויך אָנהייבן פּרעטענדירן אַף מענטש. לאָז ער אָנהייבן פּראָטעסטירן קעגן זײַנע בלוט־צאַפּערס!״...

אין לינעצקיס הייסער פּראָפּאַגאַנדע פאַר א ליטעראַטור, וואָס דאַרף „רעדעוודיק מאַכן״, פילן מיר, ווי בא מענדעלען, קאָוונערן, יעהאַלעלן און ווינטשעווסקין, א ווירקונג פון דער פאָרגעשריטענער דעמאָקראַטישער פּובליציסטיק פון די 60־ער יאָרן.

נאָך אין די 60־ער יאָרן האָט דער ראַדיקאַלער „ראַזנאָטשינעץ״ קאָוונער געפאָדערט פון דער ליטעראַטור, אַז זי זאָל זיך אומקוקן אַף דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, אומקוקן זיך אַף די „פּלאָגן פון פאָלק און סטאַרען זיך היילן זײַנע וווּנדן״.

אָט אזוי, אינעם זעלבן גײַסט, ווי קאָוונער, האָט מענדעלע אין זײַן „עין משפט״ („איין מישפּאָט״ — „דאָס אויג פון מישפּעט״) (1867) פאַרטיידיקט די ליטעראַטור, וואָס דאַרף זײַן רעאַליסטיש און דורכגעדרונגען מיט די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פון די פאָלקסמאַסן. מענדעלע האָט דערקלערט: „א ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שײַכעס צום פאָלק און זײַנע נויטן און זי ווערט פון אים ניט באַווירקט, קען זי אויך ניט ווערן ווירקנדיק, האָט זי אויך ניט קיין אינטערעס פאַרן פאָלק און זי איז אַן איבעריקע אינעם לעבן״.

לינעצקיס פּראָפּאַגאַנדע אין מיט פון די 70־ער יאָרן פאַר א צוועק־ליטעראַטור איז געווען צײַטמעסיק. דאָס איז געווען א רוף צו סאָציִאַלער צילגעוועגדטקײַט אין דער ליטעראַטור, וועלכע זאָל באַפרידיקן די באַדערפעניש פונעם „ערנסטן לעזער״, וואָס וויל פון דער ליטעראַטור „נוצן און ווירקונג״, „א באַשטימטן נוסעך״.

לינעצקי האָט אופגעקלערט, אַוועלכע עס דאַרף זײַן די „באַשטימטע טענדענץ און ריכטונג״: „מיר דאַרפן זיך פאַנאַנדערעדן מיטן פּראָסטן אָרעמען פאָלק וועגן זײַנע יעצטיקע ביטערע אומשטענדן״... טאַקע אין לינעצקיס „ייִסראָליק״ (נומ. 9, 1875) האָט אויך יעהאַלעל געשריבן: „אויב מיר ווילן ווירקן אַפן נאַראָד, דאַרפן מיר באַרירן זײַנע לעבנס־פראַגן״.

קעדיי די ליטעראַטור זאָל ווירקן און ברענגען נוצן, פאָדערט לינעצקי שרײַבן אַפן „פּראָסטן וואָכעדיקן געשמאַקן ייִדיש״. „נישקאָשע, — ווענדעט זיך לינעצקי צו די ייִדישע שרײַבער, — לאָז אונדז ניט אַרן, וואָס אייניקע פּראַלער (באַרימער. — מ. נ.) פאַרמיִעסן דעם זשאַרגאָן און מאַכן פון אים א בושע באַם פאָלק, אַז נאָר ווײַבערשע טכינעס שרײַבט מען אין אים — בלאָטע. מיר וועלן דעם זשאַרגאָן מאַכן פאַר א ליטעראַטור״...

פיל מאַסקילישע שרײַבער האָבן אַרויסגעזאָגט זייער באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך, פיל האָבן אונטערגעשטראָכן די סיבע, וואָס האָט זיי באַוועגט אָנהייבן שרײַבן אַף „זשאַרגאָן״. געוויינלעך איז דאָס שרײַבן אין ייִדיש דערקלערט געוואָרן אַלס א מיטל צו פאַרשפּרייטן די האַסקאָלע־אידייען. צו אַזא פאַרשטאַנד אָבער, אַז די „וואָרע־ליטעראַטור״ קאָן און וועט געשאַפן ווערן אַף דער פאָלקס־שפּראַך, זײַנען ווייניק פון די מאַסקילים דערגאַנגען. דערין האָבן, ווי קיינער אין זייער צײַט, געגלייבט מענדעלע און לינעצקי.

IV

קריטיקוס (ש. דובנאָוו), רעצענזירנדיק אין „וואָסכאָד״ שאָלעם־עליכעמס „פאָלקס־ביבליִאָטעק״, האָט נאָך אין יאָר 1889 אײַנגעזען, אַז לינעצקיס „וואָרעם אין כריין״ און מענדעלעס „ווינטשפינגערל״ פאַרמאָגן א סאַך ענלעכס.

שאָלעם־עליכעם איז געווען אַנציקט פון אָט דעם ווערק לינעצקיס. „דער וואָרעם״ (איז) אויסגעצייכנט, — האָט ער געשריבן אין א בריוו צו י.־ר. ראַווניצקין. — אונדזער אַלטער וועטעראַן, אַז ער וויל, קאָן ער שרײַבן״. אַגעוו, דאָס האָט שאָלעם־עליכעם אַרויסגערופן בא לינעצקין דעם כיישעק אָנשרײַבן אָט דאָס ווערק. אײַנלאַדנדיק לינעצקין זיך באַטייליקן אין דער „פאָלקס־ביבליִאָטעק״, האָט שאָלעם־עליכעם געשריבן: „וואָס טו איך פון אײַך בעטן, אַדוינעי לינעצקי? נאָר א קלייניקײַט: א בילד, א קאַרטינקע פון דעם ייִדישן לעבן — из народного быта, אַף דעם שניט פון אײַערע „וויבאָרעס״.

אזוי האָט שאָלעם־עליכעם דערוועקט נײַע שעפערישע סטימולן בא דעם „עלטערן ברודער — שרײַבער״[1], לינעצקין.

זינט „דער וואָרעם אין כריין״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין שאָלעם־עליכעמס „פאָלקס־ביבליִאָטעק״ (קיִעוו,

---

[1] שאָלעם־עליכעמס אַן אופשריפט אף זײַן פאָטאָגראַפיע — א מאַטאָנע לינעצקין.

1888—1889), איז דאָס ווערק שוין מער ניט איבערגעדרוקט געוואָרן. ס׳איז דעריבער מיט דער צייַט ניט נאָר פארגעסן געוואָרן פונעם לייענער, נאָר ארויסגעפאלן פונעם אויג קימאַט פון אלע ליטעראַטור־פאָרשער. אייניקע פאָרשער דערמאָנען עס אמאָל אפילע יאָ, נאָר גיבן זיך ניט קיין מי כאָטש וויפל־ניט־איז עס צו באַהאנדלען.

דאָס איז אָבער זייער א באַדייַטנדיק ווערק אין אונדזער ליטעראַטור. און פריִער פאר אלץ ציט עס טאקע צו מיט דער ענלעכקייַט אַף מענדעלעס בילדער — ניט בלויז פון „ווינטשפינגערל“, נאָר אויך פון „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי“.

דאָס שטעטל ווציוואָניע — א סינטעטישע פאראלגעמיינערונג פונעם געוועזענעם ייִדישן טכום — דערמאָנט אין טונעיאדעווקע. פארן וועלטבאנעם פונעם ווציוואָניער איז, ווי פארן טונעיאדעווקער, כאראקטעריסטיש א מוירעדיקע איזאָלירטקייַט פון אלעם, וואָס עס טוט זיך אויסער די גרענעצן פון שטעטל און „ייִדישקייַט“.

ווציוואָניע איז, ווי אן אינדזל, אָפגעריסן פון דער ארומיקער וועלט. דאָ באגעגנט מען א דורכפאָרער, א מענטש פון דער „דרויסנדיקער וועלט“, מיט אויסטערלישער נייַגעריקייַט און פארוווּנדערונג. דאָס לעבן איז דאָ עלנט, אָפגעשלאָסן און איַינגעשלאָסן אין זיך. דער געוויינלעכער ווציוואָניער שטעלט זיך פאָר די וועלט אזוי, אשטייגער, ווי „דער גאנצער דרויסן ארום ווציוואָניע באשטייט נאָר פון די דערפלעך ארום, וואָס די ייִדישע רענדארעס האלטן דאָרט די קרעטשמעס, און פון די שטעטלעך, ווו עס וווינען די גוטע־ייִדן, און נאָך פון די מעקוימעס, וואָס שטייען געדרוקט אַף די שאַרן פון די הייליקע מוסער־ספאָרים“.

ווי א שטיפקינד, איז ווציוואָניע אָפגעפרעמדט פון דער ארומיקער וועלט און ווי שטיפקינדער דרייען זיך ארום אירע איַינוווינער. פארצווייפלטע פון נויט און עלנטקייַט, טרוימען זיי זיך אויס א „דרויסנדיקע וועלט“ — א וועלט, וואָס ווערט אָבער געזען דורך דער ווציוואָניער „לעבנס־קאליוזשע“.

א שטיל־שטייענדיקע לעבנס־קאליוזשע בויסעט זיך אין אירע אייגענע ברעגעס.

אומבאוועגלעך גליווערט ווציוואָניע זינט דוירעס. דאָ קומט מען אָפּ א לעבן מיט „ביטאָכן“ און מיט „וואָס גאָט שיקט צו“. נאָר דער ווציוואָניער פילט זיך אין זייַן שטעטל ווי דער „וואָרעם אין כריין“.

אַף דעם פאָן איז אופגעבויט די אומגליקלעכע „אידיליע“ פון ווציוואָניער וועלט. לינעצקי ווענדט דאָ זייַן בליק ניט בלויז אפן גליווער און אַף דער פינצטערקייַט אינעם דעמלטיקן שטעטל, נאָר אויך אַף די ווּנדערלעכע אייגנשאפטן פונעם פאָלקסמענטש, אַף זייַן גרייטקייַט צו העלפן, צו טרייסטן, צו לינדערן די פּייַן, אַף זייַן הארצלעכער מענטשלעכקייַט.

לינעצקי שילדערט א יונגן מענטשן, וואָס וויל זיך ארויסרייַסן פונעם מיטלאלטערלעכן גליווער צום לעבעדיקן לעבן, צו רעאלע פאָרשטעלונגען, צו דער נאטור, צו ליבע. און מיר פילן, ווי לינעצקי האָט זיך דאָ געלערנט בא מענדעלען אויסדריקן סימבאָליש די אופוואַכונג פונעם געזונטן געפיל קעגן דער פארקריפלטער רוכניִעסדיקייַט, — ווי א באשטעטיקונג פונעם געזונטן, ערדישן לעבן.

ווען מייער ווינער האָט גערעדט וועגן דער „אומבאַהערשטער“ סטיכיי פון לינעצקיס „רייַכן סטיל“, האָט ער בלויז אין זינען געהאט „דאָס פוילישע ייִנגל“. דאָס ווערק „דער וואָרעם אין כריין“ אנטפלעקט בא לינעצקין נייַע קינסטלערישע זייַטן. די סאטירע איז דאָ שוין ניט אזוי מאָרעשכוירעדיק. עס באווייַזט זיך שוין א שמייכל, א טרויעריקער — אָבער פאָרט א שמייכל, וואָס ברענגט אריַין א ווארעמען טאָן אין די בילדער. איראָניע און סארקאזם איז פאראן, אָבער זיי מישן זיך צומאָל אויס מיט לירישער הישטאפכעס־האנעפעש, מיט בילדער פון נאטור און ליבע.

לינעצקי איז דאָ נאָך אויך פארליבט אין דער קאריקאַטור און היפערבאָל, אָבער די גוזמע, וואָס פארלירט די מאָס און ווערט מעגושעמדיק, איז פארשוווּנדן. ס׳איז אויך פארשוווּנדן די צעשויבערטקייַט פונעם בילד. דאָס בילד איז געוואָרן אָרגאניזירטער, פלאסטישער, דאָס לאָזט זיך באזונדערס פילן אינעם מאָלן די נאטור און אין דער שטייגער־שילדערונג. אויך די שפראך איז געוואָרן ריינער און דער זאצבוי — געשליפענער. לינעצקיס שפראך האָט שטענדיק פארמאָגט זייער אן אייגנארטיקע ריטמיק, די ריטמיק פון לייַדנשאפטלעכער פאטעטישער ריטאָריק. אין „וואָרעם אין כריין“ באמיט ער זיך די דאָזיקע ריטמיק צו אָרדענען.

° ° °

צו זייַן זיבעציקסטן געבורטסטאָג, אין 1909 יאָר, האָט לינעצקי, א פארשוויגענער אין דער ליטעראטור, קימאַט שוין א פארגעסענער, געשריבן מיט ווייטעק אין זייַן „פונעם יאריד“: „דערווייַל הייס איך פאר דער צייַט אן איבערגעלעבטער, אן אָלעווהאשאָלעמניק“.

די בירגערלעכע קריטיק האָט יאָרנלאנג אויסגעמיטן דערמאָנען לינעצקיס נאָמען, און אויב אמאָל יאָ דערמאָנט — איז נאָר פארבייַגייענדיק.

וואָס מער אָבער מיר טראכטן זיך אריַין אין לינעצקיס שאפן, אלץ קלאָרער ווערט, אז דאָס איגנאָרירן דעם שרייַבער איז געווען מער ווי אן אומרעכט קעגן אים, — דאָס האָט אנטשפראָכן דער טענדענץ פון איגנאָרירן איינע פון די שענסטע דעמאָקראטישע טראדיציעס אין דער ייִדישער ליטעראטור.

מענדעלע און לינעצקי — צו זיי קאָן מען נאָך צוגעבן די ערשטע ייִדישע „ראזנאָטשינצעס“ קאָוונערן און לערנערן, דעם איידעלן דעמאָקראט ליפשיצן — דאָס איז דאָס „מעכטיקע בינטל“, די «могучая кучка» פון דער ייִדישער ליטעראטור אין דער צווייטער העלפט פון XIX יה.

אפן סמאך פון קליינלעכע פאקטן האָבן ליטעראַרישע באלעבעסלעך צעפויקט, אז צווישן מענדעלען און לינעצקין איז קיין פערזענלעכע פרייַנטשאפט ניט געווען, פארשווייַגנדיק אינגאנצן דעם גרויסן געזעלשאפטלעכן פאקט, אז גראָד לינעצקי איז מענדעלעס נאָענטסטער מיטקעמפער.

צום איצטיקן, 125־טן געבורטסטאָג פון ייִצכאָק־יויעל לינעצקי דערמאָנען מיר ווידער מיט ליבע און דאנקבארקייַט דעם אלטן דרייסטן פאָלקס־שרייַבער. וואָס ווייַטער עס רוקט זיך פון אונדז אָפּ דאָס פארומערטע לעבן, וואָס ער האָט געשילדערט, אלץ נעענטער ווערט פאר אונדז זייַן נאָמען.

נאָטע לוריע

צוזאמען מיט גאָרקין

פאראן געשעענישן, וועלכע פארקריצן זיך אף אייביק אין זיקאָרן. אזא אומפארגעסלעכע געשעעניש אין מײַן לעבן איז דער ערשטער אלפארבאנדישער צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין 1934.

צווישן די 45 דעלעגאטן, וועלכע אוקראַיִנע האָט געשיקט אפן צוזאמענפאָר, בין איך — דעמלט נאָך גאָר א יונגער שרײַבער — אויך געווען.

17 אווגוסט, 6 אזייגער פארנאכט. אין קאָלאָנען־זאַל פונעם פארייניגן־הויז קלינגען פארשיידענע שפראכן. 591 דעלעגאטן, וועלכע שטעלן פאָר די ליטעראטורן פון 52 פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, פארנעמען זייערע ערטער.

ברייט איז פאָרגעשטעלט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור. 24 דעלעגאטן! אויסער די ייִדישע שרײַבער פון אוקראַיִנע — דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, הירש אָרלאנד, מייער אלבערטאָן, אווראָם וועווערקע, זײַנען דאָ די מאָסקווער: דאָוויד בערגעלסאָן, פערעץ מארקיש, שמועל גאָדינער, יעכעזקל דאָברושין, ארן קושנעראָוו, מוישע ליטוואקאָוו, י. נוסינאָוו, עזראָ פינינבערג, יויסעף ראבין, אלעקסאנדער כאשין; פון ווײַסרוסלאנד: איזי כאריק, מוישע קולבאק, יאשע בראָנשטיין, זעליק אקסעלראָד, זיסקינד לעוו, כ. דונעץ; פון קאווקאז — שמועל ברעגמאן.

6 אזייגער מיט 30 מינוט. עס באווײַזט זיך גאָרקי. א הויכער, א דארער, עטוואָס א סוטולעוואטער, גייט ער מיט פאמעלעכע טריט צו צום פרעזידיום־טיש.

נאָך ייִנגלווײַז האָב איך פון טעוויע דעם מילכיקערס טאָכטער, פון כאווען, זיך דערוווּסט, אז גאָרקי איז קימאט דער ערשטער מענטש אף דער וועלט, אז גאָרקי איז א בארימטער שרײַבער, א טײַערער, א זעלטענער, אן ערלעכער מענטש, שטאמט פון פראָסטן שטאנד... אזוי האָט געשריבן שאָלעם־אלייכעם וועגן גאָרקין אין 1906 יאָר, אינעם יאָר, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, און אָט שטייט גאָרקי אף דער בינע און קוקט מיט גוטע אויגן אין זאל.

די אפלאָדיסמענטן דויערן. גאָרקי הייבט זיך אָן כמורען. ערשט אין א צײַט ארום ווערט שטיל.

— מיט שטאָלץ און פרייד, — זאָגט אלעקסיי מאקסימאָוויטש, — עפן איך אוף דעם ערשטן אין דער וועלטגעשיכטע צוזאמענפאָר פון די ליטעראטן פונעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפובליקן... ס'איז א צוזאמענפאָר פון דער סאמע ייִנגסטער, סאמע אידייִשער, סאמע פאָרגעשריטענער ליטעראטור אין דער מענטשלעכער געשיכטע...

גאָרקי ווערט איינשטימיק אויסגעקליבן אלס פאָרזיצער פון צוזאמענפאָר. אין פרעזידיום — שאָלאָכאָוו, סעראפימאָוויטש, פאָגאָדין, ערענבורג, פאדייעוו, ווסעוואָלאָד איוואנאָוו, שאגיניאן, איציק פעפער אא. אין סעקרעטאריאט ווערן אויסגעקליבן מארשאק, פערעץ מארקיש, אסייעוו אא. אין מאנדאט־קאָמיסיע — יאקוב קאָלאס, איזי כאריק, ווסעוואָלאָד ווישניעווסקי...

דער אוקראַיִנישער שרײַבער איוואן מיקיטענקאָ מעלדעט:

— א וואָרט פאר א פאָרטראָג וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור האָט אלעקסיי מאקסימאָוויטש...

גאָרקי הייבט זיך אוף און גייט מיט ברייטע טריט צו דער טריבונע. לײַכט אײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די סוטולעוואטע פלייצעס, זשמורעט ער די אויגן און פירט אומצופרידן אָפּ דאָס געזיכט פון די פאָטאָ־רעפּאָרטיאָרן און אָפּעראטאָרן, וועלכע האָבן ארומגערינגלט די טריבונע פון אלע זײַטן.

פון גאָרקיס קאָל, וואָס גייט טיף פון ברוסט, ווייעט מיט ברייטקײַט פון דער וואָלגע. ער רעדט ניט געכאַפּט, זייער דײַטלעך, אויסדרוקפול.

קימאט צוויי שאָ האָט געדויערט דער פאָרטראָג, וועלכער איז געווען פול מיט שעפערישע אידייען, מיט זאָרג פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער פילשפּראַכיקער סאָוועטישער ליטעראטור.

די ערשטע זיצונג איז געשלאָסן. די דעלעגאטן גייען ארויס אין קילבלעכן דרויסן. ניט געקוקט אף דער שפּעטער שאָ, איז ארום פארייניגן־הויז פול מיט מענטשן. מע וויל זען די באליבטע שרײַבער. עס הערט זיך, ווי מע רופט אָן די נעמען פון די, וועמען מע האָט דערקענט:

— סייפולינא...

— טשוקאָווסקי...

— פעדין...

• • •

א סאך אופמערקזאמקײַט האָט דער צוזאמענפאָר געשאָנקען די נאציִאָנאלע ליטעראטורן.

דער פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פארבאנד פון אוקראַיִנע איוואן קוליק האָט אין זײַן פאָרטראָג, באגלײַך מיט די דערגרייכונגען פון דער אוקראַיִנישער ליטעראטור, אָפּגעמערקט די דערגרייכונגען פון די ייִדישע שרײַבער אף אוקראַיִנע. א הויכע אָפּשאצונג האָט ער געגעבן די פּראָזע־ווערק פון דעם ניסטער, מ. אלבערטאָן, ה. אָרלאנד, עליע שעכטמאן אא., דער דיכטונג פון איציק פעפער, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, כאנע לעווין, כאיִם גילדין, מוישע כאשטשעוואצקי.

אויך דער פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פארבאנד פון ווײַסרוסלאנד קלימקאָוויטש האָט אין זײַן פאָרטראָג, באנאנד מיט די בעסטע ווערק פון די ווײַסרוסישע שרײַבער, אָנגערופן די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאנד — מ. קולבאקס „זעלמעניאנער“, איזי כאריקס „קײַלעכדיקע וואָכן“ און „פון פאָליוס צו פאָליוס“, צ. דאָלגאָפּאָלסקיס „זײַד“, זיסקינד לעווס „אופשטאנד פון שניטער“, דעם בוך נאָוועלן פון ל. קאצאָוויטש. ער האָט אויך אונטערגעשטראָכן דעם שעפערישן וווּקס פון

די ייִדישע דיכטער זעליק אקסעלראָד, מוישע טייף, מ. ליפשיץ און ה. קאמענעצקי.

די פאָרטראָגן האָבן ארויסגערופן זייער לעבהאפטע דעבאטן. מע האָט באהאנדלט די פראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאליזם, פון ליטעראַרישער מייַסטערשאפט, די אופגאבן פון די נאציאָנאלע ליטעראטורן...

אין איינעם פון די טעג, בעשאס א גרעסערער האפסאָקע אין דער ארבעט פונעם צוזאמענפאָר, האָט אלעקסיי מאקסימאָוויטש פארבעטן צו זיך אף דער דאטשע א גרופּע שרייַבער פון די נאציאָנאלע רעפובליקן, צווישן זיי אויך איציק פעפערן. פון דער דאָזיקער באגעגעניש האָט פעפער זיך אומגעקערט מיט א געהויבענער שטימונג. ער האָט מיר דערציילט, אז גאָרקי האָט געהאט מיט אים א שמועס וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און ארויסגעוויזן אינטערעס צו אירע וויכטיקסטע ווערק. גאָרקי האָט גענוי זיך פאנאנדערגעפרעגט וועגן לעבן פון די אלטע ייִדישע ערדארבעטער און פון די נייַע — די איבערוואנדערער, ווי אויך וועגן די קינסטלערישע ווערק, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון די ייִדישע קאָלווירטניקעס.

אפן צוזאמענפאָר זייַנען געווען א סאך אינטערעסאנטע ארויסטרעטונגען. באוויליקונג האָבן ארויסגערופן לעאָניד לעאָנאָווס ווערטער, אז אונדזער ליטעראטור דארף באוויַזן אירע מיטצייַטלער, די נייַע מאָראל פון די סאָוועטישע מענטשן.

— דאָס לאנד האָט געגעבן דעם שרייַבער אלע רעכט און אָפּגענומען בא אים נאָר איינס — דאָס רעכט צו שרייַבן שלעכט, — האָט אין זייַן רעדע געזאָגט סאָבאָלעוו.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם האָט באבעל זיך א וויצל געטאָן:

— מיט דעם, וואָס מע האָט בא אונדז צוגענומען דאָס רעכט צו שרייַבן שלעכט, האָט מען בא אונדז צוגענומען, דארף מען זאָגן, ניט ווייניק. מיט דער דאָזיקער פּריווילעגיע האָבן מיר צו אָפט זיך באנוצט.

באבעלס שארפזיניקע רעדע איז אָפט איבערגעריסן געוואָרן מיט אפּלאָדיסמענטן.

עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ אָן א זייַט, האָט גאָרקי זייער אופמערקזאם זיך צוגעהערט צו די ארויסטרעטונגען.

ס׳איז ניט שייַך אין אָט די קורצע פארצייכענונגען דערציילן וועגן אלע פאָרטראָגן און ארויסטרעטונגען. איך וויל נאָר דערמאָנען, אז אפן צוזאמענפאָר זייַנען ארויסגעטראָטן זעקס ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער: דאָוויד בערגעלסאָן, איציק פעפער, איזי כאריק, יאשע בראָנשטיין, כ. דונעץ און דער אווטאָר פון אָט די שורעס.

אין זייַן אינטערעסאנטער רעדע האָט דער גרויסער וואָרט־מייַסטער דאָוויד בערגעלסאָן אף קאָנקרעטע בייַשפּילן פון דער ייִדישער ליטעראטור באהאנדלט פראגן פון קאָמפּאָזיציע, פּילפּלאניקייַט פון א קינסטלעריש פּראָזע־ווערק.

— צי קאָנען מיר שילדערן דאָס לעבן פון א פארמעגלעכן קאָלווירטניק, ניצנדיק זיך מיט די מעטאָדן פון קנוט האמסון, וועלכער מאָלט דאָס לעבן פון א באלעגופישער מישפּאָכע, — האָט געשטעלט די פראגע דאָוויד בערגעלסאָן. — פארשטייט זיך, אז ניין, מיר וועלן קינסטלעריש ניט באוויַזן דעם קאָלווירטניק, אויב מיר וועלן אים ניט שילדערן צוזאמען מיט דער קאָלווירטישער אָרדענונג. פּילפּלאניקייַט — דאָס איז די נאטור פון דער קאָמפּאָזיציע אין אונדזער ווערק.

איציק פעפער האָט אין זייַן רעדע דערציילט וועגן דעם אינטערעס, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור רופט ארויס באם לייענער אין אויסלאנד, וועגן דער דערציִונגס־ווערט פון אונדזער ליטעראטור.

— ס׳איז ווייניק צו זייַן א דיכטער פון טאלאנטפולע שורעס אָדער סטראָפעס, — האָט געזאָגט איזי כאריק, — מע דארף זייַן א דיכטער פון טאלאנטפולע פארגאנצטע טיף־אידייִשע ווערק. ביז איצט קלינגען פריש אזעלכע לידער, ווי אָשער שווארצמאנס „אופשטאנד“ און מיכאיִל סוועטלאָווס „גרענאדע“. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין זיי איז ארייַנגעהויכט דער נייַער אָטעם, דער אָטעם פון אונדזער צייַט, וואָס זיי זייַנען מאָנאָליט, קאָמפּאָזיציאָנעל פארגאנצט.

א וואָרט האָט יאשע בראָנשטיין. ער רעדט וועגן דער אייניקייַט פון דער פילשפּראכיקער ליטעראטור אין ראטנלאנד. כאיִם דונעץ האָט געווידמעט זייַן רעדע דער דראמאטורגיע. איך האָב אין מייַן ארויסטרעטונג גערעדט וועגן דער טאלאנטפולער פאלאנגע יונגע ייִדישע שרייַבער.

* * *

פייַערלעך האָט אויסגעזען דער קאָלאָנען־זאל דעם 1 סענטיאבער בעשאס דער שלוס־זיצונג. 4 אזייגער באטאָג. די דעלעגאטן פארפילן דעם זאל. עס צינדן זיך אָן די ליוסטרעס. אין די לאָזשעס און אפן באלקאָן — די געסט פון אויסלאנד, ארבעטער, קאָלווירטניקעס, סטודענטן, מיליטער־לייַט...

גאָרקי פארסאכאקלט די ארבעט פון צוזאמענפאָר.

ריידנדיק וועגן דעם, אז די גרייס פון א פאָלק לויט דער צאָל ווירקט ניט אף דער קוואליטעט פון זייַנע טאלאנטן, זאָגט גאָרקי: „בא ייִדן איז ניט לאנג געשטאָרבן דער קימאט געניאַלער דיכטער ביאליק און ס׳איז געווען אָן אויסערגעוויינלעך טאלאנטפולער סאטיריקער און הומאָריסט שאָלעם־אליכעם...“

גאָרקיס באציִונג צו דער ייִדישער ליטעראטור איז מיר שוין לאנג באוווּסט. נאָר איצט הער איך די ווערטער וועגן אונדזער ליטעראטור פון זייַן מויל, און דאָס איז מיר באזונדערס טייַער. מיט דאנקבארקייַט און ליבשאפט האָב איך געקוקט אף דעם גרויסן הומאניסט, אף דעם עמעסן פרייַנט פון אלע פעלקער.

פארענדיקנדיק זייַן וואָרט, האָט גאָרקי זיך געווענדט מיט א רוף — לערנען זיך, ארבעטן, שעצן איינער דעם אנדערן, אזוי ווי עס שעצן איינע די אנדערע שלאכטלייַט אפן שלאכטפעלד, ניט פאטערן קיין קויכעס אף קעמפן איינער מיטן אנדערן איבער קלייניקייַטן אין א צייַט, ווען די געשיכטע רופט אונדז אף אָנראכמאָנעסדיקן קאמף מיט דער אלטער וועלט.

* * *

פופצן טעג האָט געדויערט דער צוזאמענפאָר. פופצן טעג צוזאמען מיט גאָרקין. אומפארגעסלעכע טעג!

דרייַסיק יאָר זייַנען אדורך, און ביז איצט שטייט מאקסים גאָרקי ווי א לעבעדיקער פאר מייַנע אויגן...

אַן ענטפער בערטראַן ראַסעלן

כאַשעווער הער ראַסעל!

צוזאַמען מיט מײַנע קאָלעגן פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָב איך אויפמערקזאַם איבערגעלייענט אײַער בריוו. מיר באַדויערן זייער, וואָס מיר זײַנען געצוווּנגען צו זאָגן אײַך אָפן, אַז בלויז מיט דער פּולער ניט באַהאַוונטקייט אין די ענינים פון די סאָוועטישע ייִדן און זייער קולטור־לעבן קאָן מען דערקלערן דאָס, וואָס אַזאַ דערפאַרענער געזעלשאַפטלעכער טוער, ווי איר, האָט זיך געלאָזט אַרײַנציִען אין אַ קאַמפּאַניע, וועלכע באַזירט זיך ניט אויף פאַקטן, נאָר אויף אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען.

איר האָט אונדז צוגעשיקט אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, וואָס איר האָט באַקומען פון אַן אַנאָנימען אַווטאָר פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. דער אַנאָנים זאָגט אײַך אונטער אַרגומענטן פאַר אַ השתּדלות לטובֿת די קלומפּערשט דיסקרימינירטע סאָוועטישע ייִדן. איר בעט פאַרעפנטלעכן דעם בריוו, פאַרזיכערנדיק, אַז דאָס וועט דינען דעם שלום און דער „אַלגעמיינער קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש צווישן פעלקער און נאַציעס".

אָבער, הער ראַסעל, צי וועט דאָס פאַרעפנטלעכן אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן בריוו ניט ברענגען גראָד צו צילן, וועלכע זײַנען דער הייפּעך דערפון, וועגן וואָס איר שרײַבט?

איך בעט אײַך אויך האָבן דערבײַ אין זינען, אַז דער בריוו פונעם אַנאָנים אַנטהאַלט אַ פּאָלעמיק מיט יענע, וועלכע האָבן מיט אַ צײַט פריִער געייצעט אײַך, איר זאָלט באַם אַרגומענטירן די השתּדלות מיקויעך די ענינים פון די סאָוועטישע ייִדן פאַרופן זיך אויף די אַזויגערופענע „עקאָנאָמישע פאַרברעכנס" וואָס ווערן קלומפּערשט צוגעשריבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד פּערזאָנען פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. דער אַנאָנים אַנערקענט, אַז דער טומל, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אויף מײַרעוו אַרום די עטלעכע געריכט־פּראָצעסן, וועלכע זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד איבער די עקאָנאָמישע פאַרברעכנס איז טענדענציִעז, און ער אייצעט אײַך אָנרירן אַן אונדער געביט, נעמלעך דאָס געביט פון קולטור. ווי איר זעט, איז בײַ די „אַדוואָקאַטן" פון די סאָוועטישע ייִדן ניטאָ קיין איינהײַט, אָדער, פּשוט געזאָגט, אָפּהענגיק פון די אומשטענדן, רוקן זיי אונטער פאַר ניט קיין באַהאַוונטע מענטשן דעם „אַרגומענט", וואָס האָט, ווי זיי דוכט זיך, נאָך ניט פאַרלאָרן די דעמאַגאָגישע אויפווירקונג.

אָבער אויך די פראַגן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור, אויב מע זאָל צוגיין צו זיי ערנסט, זײַנען אַזוי קלאָר, אַז עס איז אַ גרויסער ספק, צי קאָן אין דעם פּראַט לאַנג אָנהאַלטן די אַטמאָספער פון פּאָליטישער ספּעקולאַציע. ווי קאָן מען, למשל, דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אין ענגלאַנד איז ניטאָ קיין איין ייִדישע שול, קיין איין צײַטונג אויף ייִדיש, קיין איין ייִדישער טעאַטער, עס זײַנען ניטאָ קיין עסטראַדע־אַרטיסטן, וואָס טרעטן אַרויס אין ייִדיש, ניטאָ קיין ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל, עס דערשײַנען פּאַקטיש ניט קיין ייִדישע ביכער אָדער איבערזעצונגען פון ייִדיש, ניטאָ קיין קאָמפּאָזיטאָרן, קיין קינסטלער, וואָס שרײַבן אויף ייִדישע טעמעס?

עפּשער האָב איך אַ טעות, נאָר ביז איצט האָב איך ניט געהערט, אַז איר זאָלט אַרויסווײַזן אומרו וועגן דעם ענין. דערפאַר אָבער האָב איך געהערט, ווי אײַערע לאַנדסלײַט באַהויפּטן, אַז אין לאָנדאָן אָדער אין מאַנטשעסטער זײַנען די ייִדן, אַלס כּלל, אַסימילירט און אין ספּעציִעלע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס איז דעריבער אין אײַער לאַנד פּראָסט־פּשוט קיין נייטיקײַט ניטאָ.

עפּשער איז עס אַזוי. פאַרוואָס אָבער, פרעגט זיך, מאַכט מען זיך ניט ווייסנדיק וועגן דעם באַשײַמפּערלעכן און נאַטירלעכן פאַקט, אַז בײַ אונדז אין מאָסקווע, אין קיִעוו, אויף אוראַל, אין לענינגראַד איז דער אינטערעס פון די ייִדן צו ייִדישער קולטור אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן קלענער אין פאַרגלײַך מיט די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, און דעריבער קאָן מען איצט ניט קינסטלעך צעבלאָזן די מאַסשטאַבן פון דער קולטור־אַרבעט אין ייִדיש וויאַזוי קאָן מען ריידן וועגן באַפרידיקן די „קולטור־באַדערפעניש פון דער ייִדישער באַפעלקערונג" אָן אַ פאַרבינדונג מיט די רעאַלע באַדערפענישן פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג?

און עס האַנדלט זיך דאָך גראָד דערין, וואָס די רעאַלע באַדערפענישן פון די סאָוועטישע ייִדן אין ייִדישער קולטור ווערן יאָ באַפרידיקט. אַלע ווייסן, אַז לויט דער דורעסדיקער טראַדיציע בילדן זיך אויס די הויפּט־עלעמענטן פון דער ייִדישער קולטור דעריקער דורך דער ליטעראַטור, דורך די שאַפונגען פון מאָלער, קאָמפּאָזיטאָרן און אַרטיסטן, וועלכע פאַרהיטן די פאַרבינדונג מיט זייער נאַציאָנאַלער סוויווע. באַקענט זיך, הער ראַסעל, מיט די פאַקטן, וועט איר זיך איבערצײַגן, אַז די דאָזיקע עלעמענטן פון דער ייִדישער קולטור אַנטוויקלען זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד גענוג אינטענסיוו.

אין דער זעלבער צײַט זײַנען מיר אויך ניט קיין אָנהענגער פון דער אַזויגערופענער „קולטור־אויטאָנאָמיע". וועגן דעם קאָנט איר געפינען פיל גענויע אַרויסזאָגונגען אין די ווערק פון וו. אי. לענין, ווען עס איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו דערווײַזן די אומגעלומפּערטקייט פון אָט דער טעאָריע פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי „בונד", וועלכע האָט באַנקראָטירט נאָך אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט.

בײַ אונדז, אינעם לאַנד פון סאָציאַליזם, ווערן די ביבליאָטעקן און קלובן געבויט ניט לויטן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. עס זײַנען ניטאָ בײַ אונדז קיין „ריין" אוקראַינישע אָדער ווײַסרוסישע ביבליאָטעקן און קלובן. עס זײַנען אויך ניטאָ קיין „ריין" ייִדישע. אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק באַטרעפט דער פאָנד פון די ייִדישע ביכער בערעך 70.000 בענדער. אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אויף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען בײַ 40.000 און אַזוי ווײַטער. די ייִדישע אַרבעטנדיקע זײַנען גלײַכבאַרעכטיקטע באַלעבאַטים פון אַלע קלובן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אין יעדער קלוב און קולטור־פּאַלאַץ

מיר דרוקן דאָ אַן ענטפער דעם לאָרד בערטראַן ראַסעל אויף זײַן בריוו אין רעדאַקציע פון 22 יול ד. י., אין וועלכן ער האָט געבעטן דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכן אַן אַנאָנימען בריוו, וואָס ער האָט באַקומען.

קאָנען איינגעאָרדנט ווערן ייִדישע קאָנצערטן, ספּעק־
טאקלען, ליטעראַרישע אָוונטן. וואָס איז שייַך ליטעראַ־
רישער טעטיקייַט אף ייִדיש, וואָלט איך אייַך געבעטן
אָנרופן נאָך איינס אזא לאנד, וו ליטעראטן, וואָס
שרייַבן אף ייִדיש, זאָלן פארמאָגן אזעלכע באדינגונגען
פאר פּראָדוקטיווער שעפערישער ארבעט, ווי אין סאָוועטן־
פארבאנד, וו די טיראזשן פון ייִדישע ביכער און פּעריאָ־
דישע אויסגאבן דערגרייכן 30.000 עקזעמפּליארן, וו
די ביכער פון ייִדישע אויטאָרן ווערן סיסטעמאטיש
איבערגעזעצט אף אנדערע שפּראכן, וו דער ייִדישער
שרייַבער באטייליקט זיך מיט די זעלבע רעכט, ווי
אנדערע, אין אלע ליטעראַרישע אָרגאניזאציעס און אינ־
סטיטוציעס פונעם לאנד. אגוו, קאָן איך אייַך מיטיילן,
אז אין דעם מאָמענט, ווען איך שרייַב די דאָזיקע שורעס,
איז די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" פארנומען
מיט א גרויסער, וויכטיקער ארבעט: מיר גרייטן זיך
פארוואנדלען פונעם נייַעם יאָר אונדזער צווייכאָדאָשימ־
דיקן זשורנאל אין א כוידעשלעכן.

אָפן גערעדט אָבער, איז דאָס פּאַרט ניט דער איקער,
הער ראסעל. און דער טאָך פונעם איניען, פארשטייט
זיך, באשטייט אוואדע ניט אין „קולטור־אויטאָנאָמיע",
וווּהין עס ווילן אונדז ארייַנשפּארן די אנאָנימע אויטאָרס.
דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס דער סאָציאַליזם האָט
אויסגעפורעמט א נייַעם טיפּ ייִד אין סאָוועטנפארבאנד, א
ייִד, וואָס איז א גלייַכבארעכטיקטער מיטגליד פונעם
גרויסן און פרייַנטלעכן ארבעטס־קאָלעקטיוו. מיך וווּנ־
דערט זייער, וואָס נאָך דעם אויסשעפּלעכן ענטפער מי־
קויעך דעם איניען, וואָס איר האָט ניט לאנג צוריק בא־
קומען פונעם הויפּט פון דער סאָוועטן־רעגירונג
נ. ס. כרושטשאָוו, ווערט ווידער געשטעלט די דאָזיקע
פראגע.

הער ראסעל, אייַך איז אוואדע באוווּסט, אז די קאָלער־
ליי „פראגן", וואָס ווערן ארויסגערוקט דורך דער טענ־
דענציִעזער פּראָפּאגאנדע, זייַנען ניט מער, ווי א פּאָ־
זיציע אין דעם קאלטן קריג, א פּאָזיציע, וועלכע איז, ווי
עמעצן דוכט זיך, גינסטיק אין דעם געגעבענעם מאָמענט.
איך בין זיכער, אז ווען איר זאָלט זיך נעענטער באקענען
מיטן לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד, וואָלט
איר ניט מאסקים געווען, אז מיט אייַער נאָמען זאָלן
מיסברויכן מענטשן, וועלכע האנדלען לויטן פּרינציפּ
„כאפּ דעם גאנעוו": קעדיי אָפּווענדן די אויפמערקזאמקייַט
פון דעם ראסיזם און אנטיסעמיטיזם, וואָס בושעוועט אין
אייניקע לענדער פון יענער־זייַט אָקעאן, מאכן זיי א
טומל וועגן דער קלוימערשט ניט געלייזטער ייִדן־פראגע
אין סאָוועטנפארבאנד.

מיט טיפער אכטונג

ארן ווערגעליס,
הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאל
„סאָוועטיש היימלאנד".

כראָניק

אין דרייַ יאָר ארום וועט אונדזער
לאנד און די גאנצע פּראָגרעסיווע
מענטשהייַט אָפּמערקן פופציק יאָר
פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער
אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. לעקאָוועד
דער דאָזיקער דאטע האָבן דער שרייַ־
בער־פארבאנד פון פססר, דער צענט־
ראל־קאָמיטעט פונעם אלפארבאנדישן
לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאר־
באנד און דער פארלאג „מאָלאָדאיא
גווארדיא" געמאָלדן א ליטעראַרישן
קאָנקורס אָפן נאָמען פון ניקאָלאַי
אָסטראָווסקי.

די הויפּט־טעמע פונעם קאָנקורס
איז אונדזער יונגער מיטצייַטלער,
זייַן העלדנמוטיקע מי, די איבער־
געגעבנקייַט זייַנע די אידעאלן פונעם
גרויסן אָקטיאבער.

■

די אוקראַיִנישע פּרעסע האָט ברייט
אָפּגעמערקט דעם 75־טן געבורטס־
טאָג פון דאָוויד האָפשטיינען. די
צייַטונג „ליטעראטורנא אוקראַיִנא"
האָט אָפּגעדרוקט א פּאָרטרעט פונעם
דיכטער און א ציקל פון זייַנע
לידער אין נייַע איבערזעצונגען פון
מ. רילסקי, נ. קאַטשור און מ. לו־
קאש. אינעם ארטיקל „א קראנץ פון
די אוקראַיִנישע ברידער" דערציילט
דער אוקראַיִנישער דיכטער מיקאָלא
טערעשטשענקאָ וועגן דאָוויד האָפּ־
שטיינס שעפערישן וועג.

„דאָוויד האָפשטיינס ווערק זייַנען
ניט איין מאָל דערשינען אף אוקראַיִ־
ניש, — שרייַבט דער אויטאָר פונעם
ארטיקל, — אָבער האַיאָר וועלן די
לייענער באקומען די פולסטע אויס־
גאבע פון זייַן ירושע אין דער
איבערזעצונג פון די בעסטע אוקראַיִ־
נישע דיכטער. דאָס וועט זייַן א
ווירדיקער קראנץ פון די אוקראַיִ־
נישע סאָוועטישע פּאָעטן אף באערן
דעם ליכטיקן אָנדענק פונעם קלוגן
און מענטשלעכן זינגער, אונדזער
עכטן פרייַנט און ברודער".

אינעם ליטעראַרישן זשורנאל „רא־
דוגא" איז אָפּגעדרוקט כ. לויצקערס
א גרעסער ארטיקל וועגן דאָוויד
האָפשטיינען.

■

אין דער רעדאקציע „סאָוועטיש
היימלאנד" איז פאָרגעקומען א בא־
געגעניש מיט א גרופּע ייִסראָעלדיקע
וויסנשאפטלער — דעלעגאטן אָפן
ד־טן צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס
פון אנטראָפּאָלאָגן און עטנאָגראפן,
וועלכער איז פאָרגעקומען אין מאָס־
קווע דעם 3—10 אווגוסט.

די דעלעגאטן י. לעווינסקי, ל. לע־
ווי, ד. נאי, מ. שעלעם האָבן דער־
ציילט וועגן קאָנגרעס און וועגן זייער
ארבעט אָפן געביט פון דערלערנען
ייִדישן פאָלקלאָר.

■

דער קאָמוניסטישער דעפּוטאט
מוישע סנע האָט ארייַנגעטראגן א
פאָרשלאָג אין קנעסעט פון ייִסראָעל
וועגן דעם, אז די ייִסראָעלדיקע רא־
דיאָ זאָל פארברייטערן די טעגלעכע
טראנסליאציעס אין ייִדיש. מוישע
סנע האָט אָנגעוויזן, אז ייִדיש איז
איינע פון די שפּראכן פונעם ייִדישן
פאָלק, אף וועלכער עס זייַנען גע־
שאפן געוואָרן אויצרעס פון ליטע־
ראטור, פאָלקלאָר און וויסנשאפט,
און עס איז א פליכט אויפצוהיטן
די דאָזיקע רייַכע ירושע.

דער וויצע־פּרעמיער פון ייִסראָעל
אבא עווען האָט אָפּגעוואָרפן מוישע
סנעס פאָרשלאָג אף דעם סמאך, אז
ייִדיש איז א „פרעמדע שפּראך" פאר
ייִדן.

מאקסים גאָרקי

סקולפטאָר — וו. מוכינא

מיר פאָדערן שאָלעם   סקולפּטאָר — וו. מוכינא

אילוסטראציע צו „מאָטל פייסי דעם כאזנס" קינסטלער ה. אינגער

לידוויג וואן בעטהאָווען

קינסטלער ה. אינגער.

דאַוויד אויסטראַך

קינסטלער ה. אינגער.

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

◆ דעם 4 סעפּטעמבער איז געוואָרן 60 יאָר דעם דיכטער מוישע טייף. אין 1923 האָט די מינסקער קאָמיוגישע צײַטונג „דער יונגער אַרבעטער“ אָפּגעדרוקט די ערשטע ליד פֿונעם נײַנצניאָריקן דיכטער. פֿון דאַן אָן, אין משך פֿון העכער 40 יאָר, קלינגט אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג די שטים פֿונעם „ווירקלעך זעלטענעם דיכטער“, ווי ס׳האָט אַטעסטירט מוישע טייפֿן פֿאַרן

בריײטן סאָוועטישן לייענער אין זײַנעם אַן אַרטיקל פֿאַר דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ דאָוויד בערגעלסאָן.

מוישע טייף פֿאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין אונדזער דיכטונג אַלס דער מײַסטער פֿון דער סוזשעטישער ליד און באַלאַדע. זײַנע ווערק זײַנען רײַך מיט אַסאָציאַציעס פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר און געשיכטע, זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער מוזיקאַלישקײַט און אייגנאַרטיקער פּאָעטישער אינסטרומענטירונג.

די פּאָעמעס און לידער, וואָס מ. טייף האָט פֿאַרעפֿנט־לעכט די לעצטע יאָרן: „דאָס געזאַנג וועגן ברידער“, „דאָס גאָלדענע עפּעלע“, „אַ געזאַנג צו דיר, עסטערל“ אאַ., זײַנען וויכטיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען פֿונעם דיכטער. צום 60־טן געבורטסטאָג פֿון מוישע טייפֿן איז אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ דערשינען זײַן בוך נײַע לידער „טקיִעס־קאַף“, איבערזעצט אין רוסיש.

◆ דעם 17 סעפּטעמבער איז געוואָרן 100 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער אוקראַיִנישער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער שרײַבער מיכאַיִל קאָציובינסקי.

אין זײַן קלאַסישן ווערק „Fata morgana“ (1904—1910) שילדערט מ. קאָציובינסקי דאָס לעבן פֿון די אוקראַיִנישע פֿאָלקסמאַסן אַף דער גרענעץ פֿון XIX און XX יה. די גרונט־טעמע פֿון קאָציובינסקיס וויכטיקסטע דערציילונגען און נאָוועלן „פֿון די טיפֿענישן“ (1905), „געלעכטער“ (1906), „אין וועג“ (1907), „Persona grata“ (1908) אאַ. זײַנען די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פֿון 1905.

מ. קאָציובינסקי איז געשטאָרבן אין טשערניגאָוו דעם 25 אַפּרעל 1913.

◆ מיט 125 יאָר צוריק איז אין נאָוואָגרודקי, מינסקער געגנט, געבוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער ייִדיש־רוסישער געלערנטער אַווראָם־עליִיאָהו האַרקאַווי (1839—1919).

אין 1870 האָט ער פֿאַר זײַן דיסערטאַציע „ייִדיִעס וועגן רוסן און סלאַוון בײַ מוסולמענישע שרײַבער (VII—X יה.)“ באַקומען דעם טיטל מאַגיסטער און אין 1872 דעם טיטל דאָק־טאָר פֿאַר זײַן אויספֿאָרשונג „די אורשפּרינגלעכע וווינערטער פֿון די סעמיטן, אינדאָ־אייראָפּייער און כאַמיטן“. גרויסע פֿאַרדינסטן האָט אַ.־ע. האַרקאַווי אַפֿן געביט פֿון פֿאָרשן די געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד.

אַ וויכטיק אָרט אין דער ייִדישער און רוסישער היס־טאָריִאָגראַפֿיע פֿאַרנעמען האַרקאַוויס געשיכטלעכע סטו־דיעס וועגן די כאַזאַרן.

איבער פֿערציק יאָר האָט אַ.־ע. האַרקאַווי אָנגעפֿירט מיטן ייִדישן מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל פֿון דער פּעטערבורגער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. ער האָט אָפּגעדרוקט אַן אויס־פֿירלעכן „קאַטאַלאָג פֿון די העברעיִשע קסאָוויאַדן אין דער ביבליאָטעק“, אַ.־ע. האַרקאַווי האָט באַקאַנט געמאַכט די וויסנשאַפֿטלעכע וועלט מיט די פּאָעטישע ווערק פֿון שלוי־מע האַנאַגיד (982—1055), שלוימע איבן־גאַוויריִעל (1021—1058), מוישע איבן־עזראָ (1070—1138). אין 1893 האָט האַרקאַווי פֿאַרעפֿנטלעכט צוויי ביכער אויסגע־ווײלטע לידער פֿון יעהודאַ האַלייווי (1080—1142) מיט אַן אויספֿירלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן לעבן און שאַפֿן פֿון דעם גרויסן דיכטער און מיט רײַכע וויסנשאַפֿטלעכע קאָ־מענטאַרן און באַמערקונגען.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Двухмесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(*на еврейском языке*)

Год издания четвертый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев (ответственный секретарь), Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42.

Художественный и технический редактор И. Шустер.

Корректор А. Стрельник.

Подписано к печати 20/VIII 1964 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10 (13,70). Бум. л. 5+2 вклейки. Уч.-изд. л. 16,21. Цена 50 коп. Зак. 3548.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома Государственного комитета Совета Министров СССР по печати. Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 5

1 9 6 4

В НОМЕРЕ:

И. Мерас. Вечный шах. (Роман).

К 150-ЛЕТИЮ СО ДНЯ РОЖДЕНИЯ М. Ю. ЛЕРМОНТОВА. Стихи Лермонтова в переводе М. Хащевацкого и Ш. Росина.

Г. Полянкер. Пекарь из Коломеи. (Повесть).

Г. Ошерович. Спартак. (Фрагменты из поэмы).

Б. Якир. Одержимая. (Рассказ).

Стихи Р. Балясной, И. Керлера, Е. Лацмана, Х. Мальтинского.

ТРИБУНА ЖИЗНИ

А. Вергелис. Двадцать дней в Америке. (Окончание).

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

Н. Ойслендер. Воспоминания об Ошере Шварцмане.

Д. Белкин. Лермонтов и его драма «Испанцы».

М. Нотович. О творчестве И. Линецкого.

Н. Лурье. М. Горький на первом съезде писателей.

Хроника. Заметки на календаре.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation